STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09914

DER TOYTN-TANTS

Bernhard Kellermann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. קוּלערמאַן

דער טויטן־טאַנץ

ב. קעלערמאַן

דער טויטן-טאַנץ

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע 1956

B. KELLERMAN

TANIEC UMARŁYCH

II tom

Redaktor: I. BREGMAN

רעדאַקטאָר: י. ברעגמאַן

Przełożył z niemieckiego: P. BORNSZTEJN

איבערגעזעצט פון דייטש: פּ. באָרנשטיין

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Wydawnictwo „Idisz Buch"

Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 6334. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w sierpniu 1956 r. Ark. druk. 19,5
Ark. wydawn. 17, Papier druk. mat. V kl. 61×86 cm, 80 g.

Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-7-52462

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	אָפּגעדרוקט	דאַרף זיין
7	9 פון אונטן	וואַזוי	[illegible]
16	12 פון אונטן	אָנגעהויבן מיט	אָנגעהויבן אין
35	12 פון אונטן	איינע, למשל	איינער, למשל
36	3 פון אונטן	האָט איר שול	האָט די שול
42	3 פון אונטן	אין הימל,	אין הימל!
47	5 פון אויבן	אָנגעשוואָלענע	אָנגעקוואָלענע
88	12 פון אויבן	יודא	יודע
90	17 פון אונטן	עקצעסן	עקסצעסן
102	4 פון אויבן	איז אָנגעפילט געוואָרן	איז געווען אָנגעפילט
102	7 פון אויבן	שמאָל=בלויען	שמאָל=בלויען
128	15 פון אויבן	אין פּאַביאַן	איז פּאַביאַן
133	6 פון אויבן	באַשווירן	באַשווירן
133	16 פון אויבן	ווי די ווערים	ווי די ווערעם
140	1 פון אונטן	איך מוז מיך	איך מוז זיך
152	13 פון אויבן	אויפן מערב	אויף מערב
166	10, 13 פון אונטן	ווירגיניאַ	ווירגיני
191	15 פון אונטן	שטימונג?	שטימונג.
208	15 פון אונטן	פונדעסטוועגן אָבער האָבן זיי	פונדעסטוועגן האָבן זיי אָבער
225	9 פון אויבן	אָפּרוף	אָפּגערוף
244	16 פון אויבן	ווען ס'פלעגט	ווען ס'איז
246	17 פון אונטן	קעסטלעד	פעקלעד
248	12 פון אונטן	אינעם טריבן שיין	אין דער טריבער שיין
249	8 פון אויבן	און דער וואַגאָן	און אין וואַגאָן
265	13 פון אונטן	באַנק=קאָנטאָ	באַנק=קאָנטע
287	9 פון אונטן	האַלבטויט	האַלב טויט

צווייטער באַנד

ד ר י ט ע ר ט י י ל

I

„מיליאַרדן און ביליאָנען געדאַנקען און געפילן בילדן דאָס וועזן פון א פֿאָלק“, — דאָס איז געווען דער ערשטער זאַץ, וועלכער האָט זיך פאַביאַנען געוואָרפן אין די אויגן, בעת ער האָט אויפגעעפנט קריסטעס ערשטן לאַנגן בריוו; און ער האָט דערביי געהערט קלינגען אין די אויערן איר שטימע, ווי זי אַליין וואָלט דאָס אים פאָרגעלייענט.

ווי קריסטע האָט געשריבן, האָט די דאָזיקע קלוגע ווערטער אַרויסגעזאָגט אין א געשפּרעך מיט איר אַן איגומען פון א מאָנאַסטיר — א בכבודיקער גלח מיט שנייוויַיסע האָר, אין וועמען זי האָט זיך פאַרליבט. יאָ, אויף אַן אמת פאַרליבט.

פאַביאַנען האָט א ציטער געטאָן אין האַרצן, לייענענדיק איר התנצלות, הגם זי האָט מיטגעטיילט, אַז דער דאָזיקער איגומען איז א שנייוויַיסער זקן, מיט געדונצלטע, איינגעפאַלענע ליפּן, ווי ביי אַן אַלטער פרוי.

„די מיליאַרדן געדאַנקען און געפילן, — האָט דער גלח געזאָגט, — וועלן אין געוויסע צייטן זיין גוט און איידל, אין אַנדערע צייטן אָבער נידעריק און שלעכט. ווי איז אָבער צום פאָלק, אויב די שאָל פון שלעכטע געדאַנקען באַקומט די איבערוואָג איבער דער שאָל פון די גוטע“.

קריסטע האָט גענוי געשילדערט, וואָזוי זי האָט זיך באַקענט מיט דעם גריין־גראָען גלח, בעת זי האָט אינעם קלויסטער־הויף געמאָלט מיט אַקוואַרעל די „דריי סאַמאַריטאַנער“ ביי רוים. דער בכבודיקער גלח האָט זיך ליבן איר פאַרהאַלטן, און שוין בעתן ערשטן געשפּרעך מיט אים איז זי גלייך באַרוישט געוואָרן פון דער הערלעכער ריינקייט פון זיינע שיינענדיקע בורשטין־ברוינע אויגן. „מיין מאַכטער“ — פלעגט ער זי אָנרופן. ער איז פון געבוירן אַן עסטרייכער, אָבער שוין פערציק יאָר, אַז ער לעבט אין איטאַליע.

ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן לאַנגע שעהן פאַרבראַכט צוזאַמען אין שמועסן. לכתחילה האָבן זיי גערעדט וועגן אַלגעמיינע פראַגן, דערנאָך איז

דער גלח איבערגעגאנגען צו פּאָליטישע עניגים, באַזונדערס וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין דייטשלאַנד.

„טרויעריק זעט אויס די וועלט, און די מענטשהייט איז געשטעלט געוואָרן פאַר א שווערן נסיון“.

„ווײ, ווײ צום דייטשישן פּאָלק! — האָט ער אויסגערופן. — די שאָל פון די שלעכטע געדאַנקען איז איבערפולט און זינקט אַלץ טיפער און טיפער. ס׳איז שוין נישט ווייט די צייט, ווען זי וועט האָבן די איבערוואָג איבער די גוטע געדאַנקען“.

דער איגומען האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון דער גרויסער באַוווּנדערונג, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט פאַר דייטשלאַנד.

„אַמאָל? און איצטער שוין נישט?“

„ניין, איצטער שוין נישט, — האָט געענטפערט דער גלח, — דייטשלאַנד האָט זיך די לעצטע יאָרן גאָר שטאַרק געענדערט נישט צום גונסטן פאַר איר. ווײ, ווײ צום דייטשישן פּאָלק!“.

מ׳האָט אים איבערגעגעבן, אַז אין דייטשלאַנד איז היינט זייער געפערלעך אַרויסצוזאָגן דעם אמת. „זיינער א פאַרטרויעלעכער מענטש האָט דערציילט וועגן הונדערטער מוראַדיקע פאַלן. צי האָט זי דען נישט געהערט, ווי שענדלעך מען איז זיך אין עסטרייך באַגאַנגען מיט פיל רעליגיעזע געזעלשאַפטן און מאָנאַס-טירן?

ניין, דערפון האָט זי גאָרנישט נישט געהערט.

„דאָס בייז וואַקסט און מערט זיך!“.

זיינער א פאַרטרויעלעכער מענטש האָט אים דערציילט, וויאַזוי מ׳האָט חשובע און גאָטספאָרכטיקע מאָנאַשקעס ברוטאַל און אכזריותדיק פאַרטריבן פון זייערע מאָנאַסטירן, און אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ביי יעדן, וואָס האָט עס צוגעזען, האָט געפלאַמט דאָס פּנים פון חרפה. „יאָ, דער אַלטער איגומען האָט באמת גע-זען די צוקונפט פון דייטשישן פאָלק איינגעהילט אין פינצטערניש, אין חשכות פון נאַכט“, — האָט קריסטע געשריבן, און זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר חשובן איגומען מיט זיינע הערלעכע אויגן. פּאַביאַנען איז עס אַזש גע-וואָרן פאַרדראָסיק. באַזונדערס אויפפאַלנד איז געווען פאַרן איגומען דאָס, וואָס אין דער פּסיכיק פונעם דייטשישן פאָלק האָבן זיך באַוויזן באַאומרואיקנדיקע, געפערלעכע שטריכן, וועלכע ער האָט פריער קיינמאָל נישט באַמערקט. „וואָסערע געפערלעכע שטריכן אייגנטלעך מיינט ער?“ — האָט קריסטע א דערשראָקענע געפרעגט. „אָט, למשל, פאַלשקייט, — טאָמער מיינע, אויב נאָר איין גרויליקן שטריך אָנרופן, — האָט דער איגומען געענטפערט, — דאָס איז א מוראַדיקער

און ממש אַן אומגעריכטער שטריך אין דער פּסיכיק פון דייטשישן פאָלק, אויף וועלכן איך שטוים זיך אַלץ אָפטער אָן שוין זינט אַ לענגערע צייט".

און ער האָט דערציילט אַ געשיכטע, וואָס האָט געקלונגען ווי עפּעס אומגלעכעס. דאָס האָט פּאַסירט נישט מיט זיין פאַרטרוילעכן מענטש, נאָר מיט זיין ליבלעכן פּלימעניק, וועלכער האָט אים דאָס פּערזענלעך איבערגעגעבן.

זיין פּלימעניק, אַ סטודענט פון אַ ווינער הויכשול, אַ דערצויגענער פון זיין ליבלעכע שוועסטער אין גלויבן און גאָטספאָרכטיקייט, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין די נאַציִשע יוגנט־פאַרבאַנדן, סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס, וועלכע קומען היינט אויף אין עסטרייך, ווי גיפטיקע שוואָמען נאָך אַ רעגן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט זיין שטודיום און אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע און קאָלעגן, וועלכע האָבן אים טאָגטעגלעך אָפּגעשלאָגן די אויערן מיט זייערע אומזיניקע בבא־מעשיות און לאָקנדיקע צוזאָגן.

„וואָס איז אָבער, טאָכטער מיינע, דערנאָך געשען? איר וועט נישט גלויבן, אַז ס'וואָלט אַזוינס געקאָנט זיין, פּונקט ווי איך האָב לכתחילה נישט געגלויבט.

אין אַ געווויסן טאָג האָט מיין פּלימעניק געבן זיין טיר געפונען אַ קליינעם פּאַקעט, און בעת ער האָט, אַזוי אָן שום חשד, דעם פּאַקעט געעפנט, וואָס זשע מיינט איר איז פאָרגעקומען? דער פּאַקעט האָט אויפגעריסן און אָפּגעריסן דעם פּלימעניק די רעכטע האַנט!

איר זענט אויפגעבראַכט איבער דער דאָזיקער גבלה, טאָכטערל, פּונקט אַזוי ווי איך בין געווען אויפגעבראַכט. כ'וואָלט די דאָזיקע געשיכטע געהאַלטן פאַר אַן אויסטראַכטעניש פון אַ בייזן טייוול, ווען ס'וואָלט דערביי מיין אייגענער פּלימעניק נישט געוואָרן קיין קאַליקע".

פּאַביאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אומבאַשטימט געשמייכלט. ער האָט שוין איצטער באמת געהאַט גענוג דעם דאָזיקן בכבודיקן אַלטן איגומען מיט די שניייווייסע האָר! קריסטע איז געווען צו נאַיוו צו באַנעמען, אַז זי איז געפאַלן אַ קרבן פון רכילות פון דער קאַטוילישער קירך. דער דאָזיקער פּלימעניק, וועלכער האָט פאַרלוירן אַ האַנט, איז בלויז אַ דראַמאַטיש פאָרגעשטעלטער ליגן פון איר חשובן ווייסהאָריקן איגומען. ער וועט קריסטען מוזן וואָרענען קעגן דעם דאָזיקן שניייווייסן גלח, אויף אַן אמת וואָרענען.

וואָס אַן אמת, האָט קריסטע אַליין געהאַט באַוואָרעניש, אַז אַזעלכעס זאָל האָבן געקאָנט געשען. זי האָט וועגן דעם געשריבן. ער האָט אָבער געקאָנט גאַנץ דייטלעך פעסטשטעלן, אַז סוף־כל־סוף האָט זי דעם פולן צוטרוי צו איר איגומען. ווי ס'זאָל נישט זיין, האָבן די געשפּרעכן מיטן גלח זי טיף אויפגערודערט.

„ליידער, האָבן מיר בכיוון אויסגעמיטן פּאָליטישע געשפּרעכן, — האָט זי געשריבן, — די מוטער האָט מיר זיי פאַרווערט, און איר האָט אויך נישט ליב

געהאַט וועגן דעם צו שמועסן. איר האָט מיר אָפּט געזאָגט, אַז מ'דאַרף נישט גלייבן אין אַלץ, וואָס מענטשן פּלוידערן, אַז דאָס זענען פאַריבערגייענדיקע דערשיינונגען, אַז מ'מוז אָפּוואַרטן, אָדער וואָס נאָך איר האָט דעמלט נישט געזאָגט.

אָבער איצטער האָב איך איינגעפונען, אַז מיר האָבן נישט ריכטיק געהאַנדלט. יעדנפאַלס האָב איך מיך פאַרגענומען אויף להבא מיט אייך גרינטלעך איבערצורעדן וועגן די אַלע ענינים, וואָרעם ס'איז קלאָר, אַז איר קאָנט וועגן זיי אורטיילן מיט מער פאַרשטענדעניש, איידער טויזנט אַנדערע".

צו זיין גרויסער אַנטוישונג האָט פּאַביאַן דערזען, אַז דער בריוו ענדיקט זיך שוין און ס'זענען אין אים נישט באַרירט געוואָרן די עיקרדיקע ענינים, וועלכע האָבן פאַר אים א לעבנסוויכטיקע באַדייטונג.

„כ'האָב זיך שוין א ביסל צופיל צערעדט! — האָט קריסטע פאַרענדיקט. — אָבער די שמועסן מיטן איגומען האָבן מיך אויסערגעוויינלעך פאַרכאַפּט, און איך האָב געוואָלט וועגן זיי אייך מיטטיילן. הייַנט איז שוין צו שפּעט אָנצוהייבן א נייעם בריוו. די מוטער ווערט שוין אומגעדולדיק. מיר האָבן בדעה מאָרגן באַלד אין דער פרי צופאָרן קיין קאַמפּאַניע. אָבער אין מיין נעכסטן בריוו וועל איך אייך ענדלעך ענטפערן אויף אייער לאַנגן און שיינעם בריוו — אויפן „בריוו פון אן אמתן פריינד", אויב כ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן. כ'זאָג דאָס אייך צו!".

קריסטעס בריוו מיט די נישט אָנגענעמע דערציילונגען פונעם איגומען האָט פּאַביאַנען שטאַרק אַנטוישט און, דעם אמת זאָגנדיק, אַריינגעפירט אין א שלעכטער שטימונג. צום גליק איז ער אויף הייַנט צען אַזייגער אין אָוונט פאַרבעטן געווען צום גאַלייטער אויף א פּאַרטיע ביליאַרד.

נאָך עטלעכע לאַנגע וואָכן וואַרטן איז ענדלעך ווידער אָנגעקומען א בריוו פון קריסטען. און דאָסמאָל, זעט אויס, דער ריכטיקער בריוו. ער האָט אים אָנגעהויבן לייענען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, גאָרנישט לויט זיין שטייגער נאָר איילִיק דורכצוקוקן.

קריסטע האָט אָנגעהויבן מיט דער פאַרזיכערונג, אַז זי האָט זיין לאַנגן און שיינעם בריוו, דעם בריוו פון אן אמתן פריינד, אַרומגעטראָגן מיט זיך וואָכן לאַנג און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט. וואָס אָפּטער זי האָט אים געלייענט, אַלץ שענערער האָט ער זיך איר אויסגעוויזן און אַלץ וואַרעמער האָט זי אויפגענומען די פריינדשאַפטלעכע געפילן, מיט וועלכע דער בריוו איז דורכגענומען.

פּאַביאַן האָט א גליקלעכער געשמייכלט, ער האָט זיך אפילו פאַררויטלט. ער האָט אויפסניי געפילט, ווי טיף און אמתדיק ער האָט קריסטען ליב. „זאָל זי נאָר שוין צוריקקומען, זאָל זי נאָר שוין צוריקקומען!" — האָט ער געטראַכט.

„איך האָב אויך, — האָט קריסטע פאַרגעזעצט, — אָפט געענטפערט אויף אייער בריוו אין געדאַנק, ווען איך האָב זיך אָבער גענומען אָנצושרייבן דעם ענטפער, האָב איך איינגעזען, אז דאָס איז אזא בריוו, אויף וועלכן עס לאָזט זיך גאָרנישט שריפטלעך ענטפערן, נאָר עס פאָדערט זיך אומבאַדינגט צו זאָגן עס מינדלעך.

איר שרייבט, אז אין מיין אָנוועזנהייט באַקומט איר מער מוט און ס'ווערט אייך אַלץ קלאָרער, אז איר פילט זיך אַלס בעסערער און איידעלערער מענטש, אָהאָ, דאָס איז פאַר מיר אַזאַ גרויסע לויב, אַז ס'איז מיר שווער אויף דעם אָפּצוענטפערן, כ'קאָן נאָר שווייגן".

זי קאָן אים אָבער שוין היינט זאָגן, אַז זי פרייט זיך, וואָס זי איז געוואָרן אים נענטער, און אז זי פילט זיך גייסטיק נאָענט מיט אים פאַרבונדן. פונקט ווי ער, ווינטשט זי זיך די דאָזיקע פאַרבונדנקייט זאָל זיין א דויערנדיקע און זאָל זיך נאָך פאַרטיפן. זי בעט גאָט, אז דאָס זאָל מקוים ווערן. „איך בעט ביי גאָט!" — שרייבט זי מיטן גאַנצן אמת.

דאָ אָבער האָט זי ווידער דערפילט יענע שטערונגען, ווען די פעדער זאָגט אָפּ, און ס'ווילט זיך זאָגן דאָס מינדלעך. זי פרייט זיך מיטן געדאַנק אים ווידער צו זען און מיט אים זיך אַדורכצורעדן וועגן די אַלע זאַכן, פון וועלכע מ'קאָן נישט שרייבן, און זי האָפט, אז די דאָזיקע באַגעגעניש וועט שוין גאָר בקרוב צושטאַנדקומען.

„אָפט נעמט מיך איצט ארום א בענקשאַפט ווידעראַמאָל צו זיצן מיט אייך אין אונדזער קליינער קאַפע „רעזידענץ" און שמועסן. אפשר וועלן מיר דאָסמאָל צוריקקומען פריער, ווי מיר האָבן פאָרויסגעזען. אויב ס'וועט אזוי געשען, וועט דאָס אוודאי זיין נישט אָן אייער שולד".

פאַביאַן איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט געלייענט די דאָזיקע ווערטער, און זיין האַרץ האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן לעבהאַפטיקער צו שלאָגן.

זי האָט אים נאָך געשריבן וועגן זייער געמיינזאַמער פריינדין, זיינס א קליענטין, און דאָ האָט אים ווידער דערפרייט איינע פון אירע באַמערקונגען.

„אויב איך האָב עמעצן ליב, — האָט זי געשריבן, — טראַכט איך דאָך נישט גלייך וועגן חתונה האָבן, ווי דאָס טוט רות. פאַרוואָס ווערט זי נישט זיין געליבטע? דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס נאַטירלעכסטע, איינפאַכסטע און לייכטסטע. זי דאַרף דאָך נישט וואַרטן, ביז ער וועט זיך גטן מיטן ווייב. סוף-כל-סוף איז דאָך רות גישט קיין הענדלערקע. גיט איר איבער מיין מיינונג, ווען זי וועט ווידער קומען צו אייך אין ביוראָ".

„אזוי דענקט א זויבערער און אויפריכטיקער מענטש, וועלכער האָט גובר געווען אַלע קליינלעכע פאָראורטיילן, — האָט פאַביאַן א גליקלעכער געטראַכט.

— יאָ, קריסטע איז אַ פרוי, מיט וועלכער מ׳קאָן רואיק חתונה האָבן, אָן דער מורא פריער אָדער שפּעטער צו ווערן אַנטשטוינט פון איר אָפּגעשטאַנענקייט, ווי ס׳איז אַזוי אָפט געווען דער פאַל מיט קלאָטילדען“.

II

קריסטעס ענטפער האָט לאַנגע טעג דערוואַרעמט פאַביאַנס האַרץ, בפרט ווען אין זיין אויפבוי־צענטראַלע איז אַ סך רואיקער געוואָרן. די הייסע צייט פון דער זומער־אַרבעט האָט זיך געענדיקט און מ׳האָט איצטער געקאָנט מיט אַ גוטן באַקאַנטן רואיק פאַרברענגען ביי אַ גלעזל ליקער, נישט מאַכנדיק זיך קיין שום פאָרוואורפן.

אפילו ווען דער שניי האָט שוין געווירבלט אַרום די שוואַרצע, באַקלעפּטע מיט סמאָלע אַספּאַלט־קעסלען, האָט מען נאָך געקענט זען, ווי אַרבעטער אין גראָבע זאָקן אַרבעטן אויף די גאַסן אינעם קאָפּטשענדיקן רויך. דער פראָסט האָט זיי ערשט אַהיימגעטריבן.

דער אויפבוי פון האַנס־רומף־פּלאַץ איז שוין פאַרטיק געווען אין רויען צו־שטאַנד, און דער בוי־ראַטגעבער קריג האָט געהאָפט אין פרילינג אים אינגאַנצן אַרויסצוגענדיקן, מיט אַלע געוועלבער און מאַגאַזינען, ביז צו דער לעצטער פענצ־טער־שויב. פון ערשטן מאַי אָן האָט שוין דאָרט געזאָלט זיין דער וואָכנמאַרק און ס׳האָט זיך געזאָלט אָנהייבן דער איבערבוי פון דעם אַלטן ראָטהויז־פּלאַץ.

נאָך אין האַרבסט זענען שוין פאַרגעשטעלט געוואָרן די פּלענער און פּראָ־יעקטן פון געמיינשאַפט־הויז, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון טאָובענהאַוזן. זיי זענען אָנגעקומען פון מינכען, פון דער אַטעליע פון אַנגעזעענעם אַרכיטעקט. אויף דער צייכענונג האָט דאָס געמיינשאַפט־הויז געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואָלקנקראַצער און אויסגעזען צו זיין גאַנץ מאָנאָטאָן, טראָץ זיינע פיר שמאָלע ווינקל־טורעמס, וואָס האָבן דערמאָנט אין מינאַרעטן. פאַביאַן האָט באַשטעלט אַ בילד די גרייס פון אַ טיר, אויף וועלכן דאָס געמיינשאַפט־הויז איז פאָרגע־שטעלט געוואָרן, ווי עס הייבט זיך אַרויס מיט זיין אימפּאָנירנדיקער הייך איבער די ביימער־שפּיצן פון פּאַלאַץ־גאָרטן. דאָס בילד איז אַזוי גלענצנד אַרויסגעקומען, אַז טאָובענהאַוז האָט עס לכתחילה געוואָלט אויפהענגען ביי זיך אין אויפנעם־צימער, אָבער פאַביאַן האָט עס פריער געלאָזט אַרויסשטעלן אינעם שויפענצטער פון יוועליר ניקאָלאַי, און במשך פון לאַנגע וואָכן האָבן די שפּאַצירנדיקע דאָרט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דאָס בילד מיט אָפענע מיילער.

די פאַרבאַרייטונגס=אַרבעטן צום בויען דאָס געמיינשאַפט=הויז זענען אויסגעפירט געוואָרן נאָך אינעם שפעטן הארבסט. דער „פרידנס=טעמפל“ אינעם פאַלאַץ=גאָרטן, א פארטרוימטער, באַשיידענער פאנטעאָן אין שינקעל=סטיל, וועלכן די שטאָט האָט אויפגעשטעלט נאָך די באַפרייונגס=מלחמות, איז צענומען געוואָרן, און אין אָנהייב פרילינג האָט ער געזאָלט צוריק אויפגעשטעלט ווערן אין א זייטיק שטיל ווינקל פונעם גאָרטן. אויף זיין אָרט, אויף א גרינגעם היגל=אָנשיט, פון וואַנען מ׳האָט געקאָנט וואַרפן א בליק אויף דער גאַנצער שטאָט, האָט געזאָלט אוועקגעשטעלט ווערן דאָס געמיינשאַפט=הויז. דערווייל האָט מען אויסגעמאָסטן דעם היגל און מיט רויטע פלעקלעך אָפגעצייכנט די ליניעס פון די אויסגראָבונגען פאַר די פונדאַמענטן פון די הויפטווענט. מער האָט מען דאָס יאָר נישט געקאָנט טאָן.

דאַן האָט מען אָפט געזען פאַביאַנס אויטאָ אויפן וואָקזאַל=פלאַץ. צוערשט האָבן זיינע ארכיטעקטן געמאַכט שקיצן לויט זיינע אָנווייזונגען, און דערנאָך האָט ער געהייסן אָנצייכענען און מאָלן דעם נייעם וואָקזאַל=פלאַץ לויט דעם שוין איינגעשטעלטן אופן. „יאָ, צום טייוול, דאָס איז א וואָקזאַל=פלאַץ, וואָס איז נאָר בנמצא אין א גרויסער שטאָט!“ מ׳האָט געשטוינט פון די פרעכטיקע בלומען=ראַבאַטן און די צעבליטע עקזאָטישע ראַנדן, צווישן וועלכע צוויי הערלעכע פאָנטאַנען שלאָגן ארויף צום פארכישופטן הימל מיט זייערע בלישטשענדיקע שטראָמען. פלאַקאַטן פון ניצע און מאָנטע=קאַרלאָ האָבן באמת נישט געקאָנט זיין לאָקנדיקער. די טראַמוויי=אָפשטעלן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרעכטיקע קאָלאָנאַדעס, און צווישן די פאָנטאַנען אינמיטן פון גראָזיקן פלאַץ איז געווען א שיינענדיקער פאַוויליאָן מיט צוציענדיקע קאַפע=טישלעך, פונקט ווי אין פאַריז. ווען אן אילוסטרירטע צייטונג האָט געגעבן די רעפראָדוקציע פונעם בילד, איז די שטאָט געוואָרן פולשטענדיק באַרוישט.

„טאובענהאוז“, „טאובענהאוז!“ — וואָס פאַר א מענטש אָן פאַנטאַזיע עס איז געווען קעגן אים קריגער! ס׳וואָלט אים קיינמאָל אַזעלכעס נישט איינגעפאַלן.

טאובענהאוז איז געווען אזוי באַגייסטערט, אז ער איז פערזענלעך געקומען אין פאַביאַנס ביוראָ, וואָס ער האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געטאָן.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער געזאָגט מיט א שטייף, כמעט אומבאַוועגלעך פנים. — מיט אונדזער נייעם וואָקזאַל=פלאַץ וועלן מיר באמת קאָנען זיין שטאָלץ. איך מאַך אייך א קאָמפלימענט! — און מיט א שטראָפזיניקן בליק צוגעגעבן: „אָבער אויף להבא בעט איך אייך, מיין ליבער רעגירונגס=ראַט, נישט צו פארעפנטלעכן קיין זאַך אָן מיין פריערדיקער הסכמה!“.

פאַביאַן האָט זיך פאַרנייגט און א קלאַפ געטאָן מיט די אָפצאַסן, אלס צייכן פון זיין אומבאַדינגטער געהאָרכזאַמקייט.

מען האָט נאָך אָפּט געזען פּאַביאַנס אויטאָ פאָרן צום וואָקזאַל=פּלאַץ. עס איז פּאַביאַנען איינגעפאַלן א נייע אידעע, א נייער פּלאַן, וואָס האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן.

עס האָט אים פאַראינטערעסירט דער רחבותדיקער לאַגער=פּלאַץ פון דער טראַנספּאָרט=פירמע „לעב און לעב“, אינגאַנצן א פאַרוואָרלאָזטער פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען א נעבעכדיקער ביוראָ=בנין און עטלעכע האַלב=פאַרפוילטע הילצערנע שאָפּעס. פריער האָט דער פּלאַץ געדינט אלס אָפּשטעל=אָרט פאַר א טויץ קלענערע און גרעסערע אָפּגענוצטע מעבל=פורגאָנעס, אויף וועלכע מען האָט געקאָנט זען די פירמע=אויפשריפט „לעב און לעב“ און אן עטוואָס קאָמישן הערב — א לייב.

דעם אמת געזאָגט, איז דער דאָזיקער פאַרוואָרלאָזטער פּלאַץ געווען א שאַנדפלעק פאַר דער שטאָט, וועלכער האָט, נאַטירלעך, געמוזט אינגאַנצן פאַרשווינדן פון נייעם וואָקזאַל=פּלאַץ. אויף זיין אָרט וועט אויפגעבויט ווערן דער צוקונפטיקער פּראַכט=האָטעל, וועלכער האָט שוין זינט עטלעכע וואָכן געשוועבט פאַר פּאַביאַנס אויגן.

קלאָטילדע האָט אים שטענדיק פאָרגעוואָרפן זיין אומפעיקייט צו געשעפטלעכע ענינים און געזען אין דעם די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זיך צו גאָרנישט נישט דערשלאָגן, בשעת אנדערע זענען געוואָרן מיליאָנערן. איצטער וועט זיך ארויסווייזן, צי זי איז גערעכט! יערנפאַלס האָט ער איצט נישט געהאַט דעם מינדסטן השק גלייכגילטיק זיך צוצוקוקן, ווי אלע ארום שארן געלט מיט פולע הויפנס, דער שוסטער=לאַטוטניק האָביכט האָט היינט פאַרמאָגט א גוט סיטואירטע שיך=פאַבריק, וועלכע ער פאַרגרעסערט יעדעם יאָר; דער שאַרפירער דאָר, א קליינער גרינסן=הענדלער, איז איצטער געווען לייטער פון אן אייער=צענטראַלע און בויט זיך היינט א פּרעכטיקע ווילע אויף די פרינצן=וואַלן. זיין פריינד טאָובענהאָוז האָט אָנגענומען בלויז די טייערסטע אָפּערטעס אויף דורכצופירן די אַספּאַלטירונג פון די גאַסן, און ער האָט גוט געוווסט, צוליב וואָס ער טוט עס, אמת? דער זעלבער טאָובענהאָוז האָט שטאַרק זיך צוגעאיילט מיטן קויפן עטלעכע ביליקע אָביעקטן אויף דער קאַפּוציינער גאַס, איידער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן זי דורכצוהאַקן. דער שטורעמפירער לאַמפּענבאַרט האָט פריער געהאַנדלט מיט קרוליקעס און האָזן=פעלעכלעך, און היינט איז ער דער אייגנטימער פונעם עלעגאַנטסטן פוטער=מאַגאַזין אין שטאָט. אומצאָליקע ענלעכע ביישפּילן זענען דורכגעלאָפן ביי פּאַביאַנען אין קאָפּ. און ער, וועלכער איז פון אלע די דאָזיקע פאַרשווינען צענפאַך גייסטיק העכער, זאָל פון דער דאָזיקער איבערברוכס=צייט ארויס אָן א פאַרמעגן? ניין, אזא שוטה איז ער באמת נישט געווען!

אַנטשלאָסן האָט ער אן עפּן געטאָן דעם פאַרזשאַווערטן אייזערנעם טויער און איז אריין אויף דעם לאַגער=פּלאַץ פון דער פירמע „לעב און לעב“. פונעם קוי=

מען פון קליינעם ביוראָ־בנין האָט זיך געקנוילט א דינער רויך. אן ארבעטער האָט מיט א שופלע אראָפּגעשארט קאָקס אין א קעלער־לאָך.

— געפינט זיך דאָ ווער פון דער פירמע? — האָט פּאביאן געפרעגט.

— יאָ, דער יונגער הער לעב איז אין ביוראָ, — האָט דער ארבעטער גע־ענטפערט און אויף א ווײַלע איבערגעריסן די ארבעט.

פּאביאן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און, נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער, אריינגעגאנגען.

III

אין דעם הויזן, פּוסטן ביוראָ־צימער איז געזעסן ביי אן אלטן שרייבטיש א יונגערמאן מיט פלאמרויטע האָר. אויף זיין פּנים האָבן זיך געגאָסן טרערן. אין דער האנט האָט ער געהאלטן א צעקנייטשטן בריוו. א צעמישטער, האָט ער אויס־געגלאָצט אויף פּאביאנען די אויגן און האָט זיך אפילו נישט באמיט אָפּצווישן די טרערן.

— כ'בעט אייך מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב געשטערט, — האָט פּאביאן זיך אַנטשולדיקט.

— כ'האָב נישט געהערט דאָס אָנקלאַפּן, הער רעגירונגס־ראַט, — האָט א צעטומלטער געענטפערט דער רויטהאָריקער יונגערמאן, וועלכער האָט זיך ענד־לעך געכאַפּט אָפּצווישן די טרערן פון די באקן. ער האָט זיך אפּאטיש אויפגע־הויבן און צוגעשטעלט דעם איינציקן הילצערנעם שטול, וואָס איז געשטאנען ביי דער וואַנט.

— איר קענט מיך?

— כ'וואָלט געוואָלט קענען אזעלכן, וועלכער ווייסט נישט, ווער איר זענט, הער רעגירונגס־ראַט, — האָט אָנגעהויבן דער יונגערמאַן מיט א מידער שטימע,

— אין די לעצטע וואָכן האָב איך אייך אָפּט געזען אויפן וואָקזאל־פּלאַץ, מיט אייך זענען געווען מענטשן מיט אויסמעסט־פּלאנקעס.

פּאביאן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, אוועקזעצנדיק זיך, — מיר האָבן געמאָסטן דעם פּלאַץ. איך האָב געהערט, אז דער הער לעב איז נאָך אלץ אין דער שווייץ. איר זענט אוודאי זיין זון?

דער יונגערמאן האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט ביים שרייבטיש.

— יאָ, — האָט ער א נידערגעשלאָגענער געענטפערט און אָנגעוויזן מיט דער האנט אויף דעם צעקנייטשטן בריוו, — דער פאָטער איז נאָך אלץ אין דער שווייץ

— אין צירקל. ער איז דאָרט איינער אַליין. איך בין זיין זון איזידאָר לעב. — און שוין האָבן ווידער געהאָנגען לויטערע טרערן אויף זיינע העל־רויטע וויעס.

— איר האָט דאָך נישט באַקומען קיין שלעכטע ידיעות? — האָט זיך פאַביאַן נאָכגעפרעגט מיט מיטגעפיל. ער האָט נישט געקאָנט קוקן אויף וויינענדיקע מענטשן, ס'זאָל גלייך נישט ארויסרופן ביי אים קיין רחמנות־געפיל.

איזידאָר לעב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און עטלעכע טרערן האָבן זיך אראָפּגעקייקלט אויף זיין פנים, וואָס איז געווען פול מיט זומערשפּרענקעלעך.

— ניין, ניין, — האָט ער געענטפערט, — ס'איז נאָר דערפאַר, ווייל מיר אַלע זענען אזוי איינזאַם. דער פאָטער זיצט אין צירקל און גריזשעט זיך און איך זיץ דאָ און גריזשע זיך אויך. ס'איז בלויז דערפאַר, ווייל ס'איז אַלץ אזוי שווער געוואָרן.

— איר מוזט דאָס אַלץ רואיקער אויפנעמען, הער לעב! — האָט פאַביאַן געפּרווט בארואיקן דעם יונגערמאַן, וועלכער האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן.

ער האָט געזען, אז זיין צער איז אן עכטער, און ער האָט דעם יונגן בחור מיטגעפילט.

איזידאָר לעב איז געווען א בחור א שוואַכלינג, רויט ווי א וועווערקע, מיט בראַנדרויטע וויעס, און דאָס בלאַסע פנים איז געווען אזוי שטאַרק באדעקט מיט זומערשפּרענקעלעך, אז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָסן אויף דער נאָז. ער האָט אויסגעזען זייער צאַרט און געמאַכט דעם איינדרוק פון א פאַרוויינטן בן־יחידל, וועלכן מען האָט איבערגעלאָזט אויף אייגענעם באַראָט.

— כ'האָב זיך שוין בארואיקט, — האָט איזידאָר פאַרגעזעצט און אָפּגעווישט דאָס פנים מיט א צוזאַמענגעקנוילט שמוציק טאַשנטיכל.

פאַביאַנס מיטגעפיל האָט אים קענטיק געשטאַרקט.

— און אצינד הערט מיך אויס, הער לעב, — האָט פאַביאַן אָנגעהויבן מיט א געשעפטלעכן טאָן, — כ'בין אהער געקומען אין א קאָמערציאָנעלן ענין. איינער פון מיינע קליענטן האָט מיך באַפולמעכטיקט מיט אייך איבערצורעדן. אים אינטערעסירט אייער לאַגער־פּלאַץ.

און שוין זענען זיי געווען אזוי פאַרטאָן מיטן געשעפטלעכן ענין, אז זיי האָבן קוים געהערט דאָס שאַרן מיט דער שופליע אין דרויסן, וווּ דער ארבעטער האָט נאָך אַלץ אראָפּגעוואָרפן דעם קאָקס אין קעלער־לאָך.

— ס'זענען שוין דאָ נישט איינמאָל געווען א סך בעלנים, — האָט איזידאָר לעב געזאָגט, — אָבער די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. זיי וואָלטן געוואָלט קויפן דעם פּלאַץ בחצי חינם! דער פאָטער האָט אָבער מיר באַפוילן נישט אראָפּצולאָזן אונטער הונדערט און זעכציק טויזנט מארק, אויף איין מאַרק נישט אפילו!

פּאַביאַן האָט לייכט אַ פּייף געטאָן צווישן די ציין.

— הונדערט און זעכציק טויזנט מאַרק? — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז אַ היפּשע סומע. מיין קליענט האָט געמיינט פאַר אַ סך אַ קלענערע סומע. ער קאָן אייך אָנבאָטן קיילעכדיקע אכציק טויזנט און געבן די הבטחה, אַז אַלץ וועט ווערן קאָרעקט דערליידיקט. איך בין ערוב דערפאַר. איר קענט דאָך מיך.

איזידאָר האָט אָנגעקוקט פּאַביאַנען מיט זיינע בלאַסבלויע וואַסערדיקע אויגן, וועלכע האָבן אים דערמאָנט קלאָטילדעס אויגן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז איצט געוואָרן גאַנץ ערנסט און זאַכלעך.

— דאָס איז פּונקט די העלפט. גיט אַ טראַכט: דאָס זענען דאָך איבער דריי טויזנט קוואַדראַטמעטער.

פּאַביאַן האָט פאַרגעלייגט די דאָזיקע סומע, נישט כדי אָנצובאָטן אַ העלפט, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ס'איז גראָד געוועזן די סומע, וואָס ער האָט לעת־עתה פאַרמאָגט. ער האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף.

— שרייבט אייער פאָטער, — האָט ער געזאָגט, — איך בין באַפולמעכ־טיקט פון מיין קליענט, און מיין קליענט קאָן לײדער מער נישט פאַרלייגן. שרייבט אים, אַז איך נעם איבער די אַחריות פאַר דעם גאַנצן ענין.

איזידאָר האָט זיך פאַרנייגט און צום ערשטן מאָל האָט זיך באַוויזן אַ בלאַ־סער שמייכל אויף זיין געשפּרענקלטן פּנים.

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט, — אַז מיין פאָטער האָט צו אייך דעם גרעסטן צוטרוי. ער שעצט אייך זייער און רעדט אָפט פון אייך מיט דער גרעסטער אַכטונג. אָבער איך גלייב נישט, אַז ער זאָל אויף דער פאַרגעלייגטער סומע איינגיין. ניין, אין דעם בין איך מסופּק.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַ סך באַדויערונג, ווי ס'וואָלט אים זייער מצער געוועזן, וואָס ער קאָן נישט פּאַביאַנען צופרידנשטעלן.

— יעדנפאַלס וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין, ווען איר וועט אים דעם מקח תיכף מיטטיילן, הער לעב.

— כ'וועל היינט נאָך דעם פאָטער שרייבן.

— ווי לאַנג איז שוין דער אַלטער הער לעב אין דער שווייץ? פּולע צוויי יאָר? דעריבער טאַקע איז עס אוממעגלעך, ער זאָל זיך אָריענטירן אין דער איצ־טיקער לאַגע, לחלוטין אוממעגלעך. ס'איז אויך גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז ס'קאָן קו־מען אַזאַ צייט, ווען ער וועט בכלל פאַר דעם פּלאַץ קיין פעניג נישט באַקומען. מיר האָפן, אַז ס'וועט דערצו נישט קומען, ס'איז פונדעסטוועגן אָבער גאַנץ מעג־לעך, אמת?

פּאַביאַן האָט אים מער גאָרנישט געוואָלט זאָגן. דער יוסטיצראַטגעבער שוואַכאַך האָט אים מיט אַ וואָך צוריק מיטגעטיילט, אַז ס'ווערן צוגעגרייט

בייע, זייער שטרענגע געזעצן בנוגע דעם יידישע גרונטבאַזיץ. אָבער דאָס האָט ער פאַר איזידאָר לעבן פארשוויגן.

— איך וועל אייך געבן אַ גוטע עצה, הער לעב, — האָט ער ווייטער צודרינגלעך גערעדט צום יונגערמאַן, — פאָרט אַליין קיין ציריך. פאָרט אַהין און שטעלט פאַר אייער פאָטער די לאַגע, וויאַזוי זי איז היינט אין דער ווירקלעכקייט. במשך פון צוויי יאָר האָט זיך די סיטואַציע שטאַרק געענדערט. איר קאָנט אים גאַנץ רואיק זאָגן, אַז איך האָב אייך געגעבן די דאָזיקע עצה.

איזידאָר האָט אָנגעקוקט פאַביאַנען מיט גרויסע אויגן, וועלכע האָבן זיך בּיסלעכווייז אָנגעפילט מיט טרערן. ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ'וואָלט אהין געפאָרן, כ'וואָלט גערן אהין געפאָרן, שוין איצטער, תיכף, — האָט ער געענטפערט, — אָבער איך טאָר נישט. — טרערן זענען אים ווידער געפלאָסן איבער די באַקן, און ער האָט געפרוווט זיי איינצוהאַלטן מיט דעם שמוציקן טאַשנטיכל.

— פאַרוואָס טאָרט איר נישט? — האָט פאַביאַן געפרעגט און געלאַכט דערביי, כדי צוצוגעבן מוט דעם יונגערמאַן.

איזידאָר לעב האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בילד פון גרויסער פאַרצווייפלונג.

— פאַרוואָס איך טאָר נישט? — האָט ער אויסגערופן. — איר מוזט וויסן, אַז כ'וועל נישט באַקומען קיין פאַס. איך בין אַלט בּיינצן יאָר, און די ווערמאַכט וועט מיר נישט אַרויסגעבן קיין פאַס.

— די ווערמאַכט? — פאַביאַן האָט מער נישט געלאַכט, אָבער ער האָט זיך קוים באַהערשט צו קאָנען אויסבאַהאַלטן זיין שמייכל. וואָסער אינטערעס קאָן האָבן די ווערמאַכט פאַר דעם דאָזיקן נעבעכדיקן, הילפלאָזן תכשיט, וועלכער וועט ביים ערשטן האַרמאַטן-שאָס אַוועקפאַלן אין חלשות?

— הערט מיך אויס, הער לעב, — האָט ער געזאָגט, אַרויסציִענדיק זיין זייגערל, — לאָמיר זיך אַוועקזעצן נאָך אויף אַ קליינער ווײַלע. איך האָב נאָך צייט צען מינוט. אויב בלויז דאָס איז די סיבה — וועט זיך אפשר לאָזן געפינען אַן עצה. די ווערמאַכט איז דאָך נאָר פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז איר זאָלט צוריקקומען פון דער שווייץ? נו, און איר וועט דאָך אין אַ וואָך אַרום ווידער זיין דאָ. אויב עמעצער וועט געבן אַ גאַראַנטיע, אַז איר וועט צוריקקומען, וועט אייך תיכף די ווערמאַכט געבן די אַרויספאָר-וויזע.

— יאָ, יאָ! — איזידאָר האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שרייבטיש און אָנגעקוקט פאַביאַנען מיט צעעפנטע אויגן, אין וועלכע ס'האָט אויפגעבליצט אַ שיין פון האָפענונג.

— ווער אָבער וועט פאַר מיר געבן די דאָזיקע גאַראַנטיע? — האָט ער געפרעגט. פון דערנערווירונג האָבן זיך באַוויזן שווייסדזוכט-פלעקן אויף זיינע געשפרעג=

קלטע באַקן. ער האָט געציטערט מיט אַלע אברים. — לייענט איבער דעם דאָזיקן בריוו, הער רעגירונגס־ראַט! — האָט ער אויסגערופן, און ווען פאַביאַן האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער אים אַרייַנגעשטופּט אין האַנט דעם צעקנייטשטן בריוו.

פאַביאַן האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט גענומען דעם בריוו און שנעל אים דורכגעקוקט. דאָס איז געווען אַ בריוו פון אַ פאַרצווייפלטן פאָטער צו זיין זון. „איך קימער זיך אַזוי וועגן דיר, — האָט דער אַלטער לעב געשריבן, — אַז כ'קאָן מער נישט שלאָפן. באַפריי מיך פון דער דאָזיקער פיין. קום צופאָרן אַהער, מיין אויג אין קאָפּ“. „מיין אויג אין קאָפּ“ — האָט דער אַלטער לעב אין זיין פאָטער־לעכער ליבע אָנגערופן אָט די געשפּרענקלטע ווערוועקע. אָבער פאַביאַן האָט נישט געלאַכט. דער בריוו פון אַלטן לעב האָט אים גערירט.

— איך וועל פאַר אייך גאַראַנטירן, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן געזאָגט, — ס'איז נישט פאַראַן קיין שום געזעצלעכע מניעה, איך זאָל די דאָזיקע ערבות נישט קאָנען געבן.

איזידאָר איז אויפגעשפּרונגען און אויסגעשטרעקט צו פאַביאַנען די בלאַסע מיט זומערשפּרענקעלעך באַדעקטע האַנט.

— איר ווילט עס טאָן, הער רעגירונגס־ראַט? — האָט ער אויסגעשריגן, און זיין שטימע האָט פון אויפרעגונג שאַרף געקלונגען, — און איך וועל קאָנען פאָרן, מאָרגן שוין וועל איך קאָנען פאָרן?

פאַביאַן האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ טראָט געטאָן אַהינטער, מורא האָבנ־דיק, אַז דער רויטהאָריקער יונגערמאַן זאָל אים נישט וועלן אַרומנעמען.

—כ'מיין, אַז ס'וועט מוזן געדויערן עטלעכע טעג. קלינגט צו מיר אָן יעדן טאָג, — האָט ער געזאָגט, — איך מוז נאָך אַ טראַכט טאָן, צי ס'וועט זיך נישט לאָזן געפינען נאָך אַ בעסערן וועג. קאָנט איר אָבער מיר צוזאָגן, — האָט פאַביאַן פאָרגעזעצט אין אַ געשעפטלעכן טאָן, — אַז איר וועט פאָרשטעלן אייער פאָטער די גייע לאַגע און ווי מעגלעך אַמשנעלסטן מיר טעלעגראַפיש מודיע זיין אייער פאָטערס תשובה, איך זאָל קאָנען איבערגעבן דעם ענטפער מיין קלייענט?

— כ'זאָג אייך צו, כ'זאָג אייך צו, כ'זאָג אייך צו! — האָט איזידאָר אויס־גערופן.

זיי האָבן זיך געזעגנט און פאַביאַן האָט געשפּירט, אַז איזידאָרס האַנט איז אינגאַנצן נאַס פון שווייס.

פאַביאַן איז אַוועק צו זיין אויטאָ, וועלכער האָט אויף אים געוואַרט ביים עק גאַס. ער איז צופרידן געווען פון זיין געשעפטלעכן געשפּרעך. „אפשר וועט שוין איצט זיך אַרויסווייזן, אַז קלאָטילדע איז נישט גערעכט געווען“, — האָט ער גע־

טראַכט, אָפּווישנדיק מיטן טאַשנטיכל די האַנט. „גאָט מיינער, פּאַרוואָס שוויצט ער אַזוי, דער דאָזיקער איזידאָר!“.

אין דריי טעג אַרום האָט פּאַביאַן דערליידיקט מיטן פּאַס. ער האָט זיך געווענדעט צום גענעראַל, וועמען עס האָט אונטערליגן די גענעראַל־קאָמענדאַנטור, און אים פאָרגעשטעלט דעם ענין.

— ס'האַנדלט זיך וועגן אַן עיקר־זאַך, וואָס האָט פאַרן גייעם וואָקזאַל־פּלאַץ א גאָר וויכטיקע באַדייטונג, — האָט ער געזאָגט.

דער אַלטער גענעראַל, וועלכן פּאַביאַן האָט געקענט נאָך פונעם „שטערן“, האָט אים דערקלערט, אַז צום בעסטן וואָלט געווען, איזידאָר לעב זאָל זיך מעלדן לויט די פאָרשריפטן צו אַ מיליטערישן דאָקטאָר אויף אונטערזוכונג. וועט ער נישט זיין דינסטפעיק, וואָס איז אַוודאי גאַנץ וואַרשיינלעך, וועט ער אים איינפאַך לאָזן לויפן, ווהין ער וויל, דערצו האַלט ער בכלל נישט פון יידן. אין אַ וואָך אַרום איז איזידאָר לעב אַוועקגעפאָרן קיין ציריך. אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּאַביאַן טעלעגראַפיש דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז דער פּאָטער האָט דעם פּרייז פון אַכציק טויזנט מאַרק אַקצעפּטירט, און די קניה וועט זיין געזעצלעך גילטיק, ווען דאָס געלט וועט איבערגעוויזן ווערן אין אַ באַשטימטער ציריכער באַנק.

דער יונגער איזידאָר לעב איז נישט צוריקגעקומען. ער האָט משמעות נישט געהאַט דערצו קיין שום חשק, און קיינעם האָט עס נישט פאַרשאַפט קיין זאָרג. די הויפּט־קאָמענדאַנטור האָט נישט באַשטימט קיין ספּעציעלן באַאַמטן, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער פּערזאָן פון איזידאָר לעב.

פּאַביאַן איז געווען צופרידן. ס'איז אים אפילו אויפן זינען נישט געקומען צו האָבן אויף אַ האָר געווויסנסביסן. „ווען איך וואָלט נישט געמאַכט דאָס געשעפט, — האָט ער געטראַכט, צוקנדיק מיט די אַקסלען, — וואָלט פריער אָדער שפּעטער אַן אַנדערן איינגעפאַלן דער געדאַנק“.

IV

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּאַביאַן איז גאָרנישט אַזאַ טויגעניכטס צו געשעפטן, ווי קלאָטילדע האָט געמיינט. ער האָט באַשטעלט ביים בויראַטגעבער קריג אַ פּראָיעקט פון אַ פּראַכט־האָטעל און געבראַכט דעם עפּעקטפולן שקיץ צום יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך, וועלכער איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון גרינדן אַקציען־געזעלשאַפטן.

— מע בעט אייער עצה, הער קאָלעגע, וועגן גרינדן אַן אַקציע־געזעלשאַפט אויפצובויען אַ האָטעל, — האָט פּאַביאַן געזאָגט.

דער יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך האָט געדרייט מיט זיין פודעל־קאָפּ איבערן פּלאַן, דערנאָך אָנגעטאָן די פּענסנע.

— גרויסאַרטיק, ער פאַרכאַפּט ממש, דער דאָזיקער „האָטעל אייראָפּע“, — האָט ער אויסגערופן, נאָכדעם ווי ער האָט גענוי באַטראַכט יעדן שקיץ, — יאָ, דער דאָזיקער טאַובענהאַוז איז אַ כישופמאַכער!

— די אידעע שטאַמט נישט פון טאַובענהאַוז, נאָר פון איינעם מיינעם אַ קליענט, וועלכער איז דער אייגנטימער פונעם בוי־פּלאַץ, — האָט פּאַביאַן אויסגעבעסערט.

שוואַבאַך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, ווער ס'איז דער אייגנטימער פונעם בוי־פּלאַץ.

— און ווו וועט ער שטיין דער דאָזיקער „האָטעל אייראָפּע?“ — האָט ער געפרעגט.

— נעבן וואָקזאַל, אויפן לאַגער־פּלאַץ „לעב און לעב“.

דער יוסטיצראַטגעבער האָט אַ צמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַ גוטע זאַך, אַ פּראָיעקט מיט גוטע אויסזיכטן, צו אַלדי טייוול! יעדנפאַלס וועט נישט שווער זיין צו געווינען עטלעכע קאַפּיטאַליסטן פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג. די שעלהאַמער־פאַבריקן האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר אַזאַ האָטעל ביים וואָקזאַל, אויך אַנדערע פירמעס, וועלכע האָבן אָפט קליענטן פון דער פרעמד. האַביכט זוכט אַ געשעפט אַריינצולייגן זיין געלט, בכלל איז פאַראַן אַ מאַסע פאַרשוינען, וועלכע זענען פון דער נייער קאָניונקטור נתעשר געוואָרן און זוכן גוטע עסקים אַריינצולייגן זייערע קאַפּיטאַלן. דער אַרכיטעקט שאַצט דעם אָביעקט אויף צוואַנציק מיליאָן. נו, גוט, און וויפל פאַרלאַנגט אייער קליענט פאַר דעם בוי־פּלאַץ?

שוואַבאַך האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, וועלכע זענען געווען איינגאַנצן באַוואַקסן מיט געקרייזלטע לעקעלעך גרויע האָר.

— מיין קליענט פאַרלאַנגט צוויי הונדערט טויזנט אין מזומן, — האָט פּאַביאַן געענטפערט, נישט אַ פינטל טוענדיק מיט אַן אויג, — און אַכט הונדערט טויזנט אין האָטעל־אַקציעס.

יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך איז אַריינגעפאָרן מיט דער האַנט אין זיין טשופּרינע און זיך אויפגעהויבן, שאָקלענדיק דערביי מיטן קאָפּ.

— כ'וועל אייך בעטן פאָרלייגן אייער קליענט, ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט פינף הונדערט טויזנט מאַרק האָטעל־אַקציעס. ער איז נישט גענוג באַהאַוונט צו פאַנעמען, וואָסערע סומעס די געזעלשאַפט וועט דאַרפן אויסגעבן אויף אינוועסטיציעס. געלט! געלט! יעדער איינער וואָלט היינט נאָר געוואָלט נתעשר ווערן.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַביאַנען געגעבן די דאָזיקע לעקציע, האָט ער פאַרענדיקט:

— הכלל, גוט. מיר גרינדן די אַקציע־געזעלשאַפט „האָטעל אייראָפּע“. כ׳וועל אַלץ צוגרייטן.

אין אַ וואָך אַרום איז ביי אַ מיטאָג אין „שטערן“ געגרינדעט געוואָרן די אַקציען־געזעלשאַפט „האָטעל אייראָפּע“. שוואַבאַך האָט פאַרבעטן איבער אַ צענדליק אינטערעסאַנטן, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען טאַובענהאַוז. דער יוסטיצראַטגעבער האָט פאַביאַנען באַגריסט פאַר דעם, וואָס ס׳איז אים געלונגען צוצורעדן זיין קליענט, דעם אייגנטימער פונעם פּלאַץ, צו פאַרקלענערן דעם פּרייז אויף דריי הונדערט טויזנט מאַרק, און איז געווען גליקלעך, וואָס טאַובענהאַוז האָט באַוויליקט אָנצונעמען די מתנה פון הונדערט טויזנט מאַרק אין אַקציעס פון דער נייער געזעלשאַפט „האָטעל אייראָפּע“, פאַר זיין הסכמה אונטערצושטיצן די דאָזיקע אַקציע. דערמיט איז דער „האָטעל אייראָפּע“ געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. איין קלייניקייט האָט שוואַבאַך נאָך פאַרגעסן: ער בעט, מ׳זאָל אים באַפולמעכטיקן פאָרצולייגן דעם זייער חשובן הער גאַליימער אָנצונעמען די מתנה פון צוויי הונדערט טויזנט מאַרק אַקציעס, הגם ער איז בכלל נישט זיכער, צי דער גאַליימער וועט פאַרן געבן זיין הסכמה די דאָזיקע מתנה אָננעמען. ער האָט אָבער דעם מוט צו מאַכן אַ פּרווו.

די גרינדונגס־פייערונג פון דער אַקציען־געזעלשאַפט איז דורכגעגאַנגען זייער געהויבן, און פאַביאַן, וועלכער איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, האָט שפּעט ביינאַכט פאָרגעלייגט אַ נייעם פּראָיעקט: צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע זאָל פאָרלויפיק הייסן „גרונט און באָדן“. איר אויפגאַבע זאָל קודם־כל באַשטיין אין אַרומכאַפּן די ערד־שטחים אויף דער באַן־גאַס און די אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקטע גאַס צו באַלעבן, איבערבויען אויף אַ מאָדערנעם שטייגער. דער וואָקזאַל האָט זיך געפונען צוויי קילאָמעטער וויט פון דער אַלטער שטאָט, און די באַן־גאַס איז געווען נישט פּלאַנמעסיק פאַרבויט, בלויז מיט ביליקע וווין־הייזער, פאַבריקס־בנינים, אכסניות, גערטנערייען און אַלטמאָדישע ווילעס.

די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט „גרונט און באָדן“ האָט געזאָלט באַשטיין אין דערוויסן זיך וועגן די באַזיץ־פאַרהעלטענישן פון די באַזונדערע פאַרצעלאַציעס און במשך פון דער צייט איינשאַפן פאַר זיך, אויף וויפל ס׳וועט נאָר מעגלעך זיין, וואָס מער שטחים פאַר די שפּעטערדיקע נייע בויונגען אין מאָדערנעם סטיל.

— די היינטיקע, אַזוי נעבעכדיקע באַן־גאַס דאַרף להבא ווערן איינע פון די

גלענצנדיקסטע גאַסן אין שטאָט, — האָט פּאַביאַן אויסגערופן, — איינע פון די פּרעכטיקסטע האַנדלס־גאַסן!

יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך האָט געטרונקען צו פּאַביאַנען. דער דאָזיקער פּאַביאַן האָט זיך באמת אַרויסגעוויזן פאַר מער געשעפטסמאַן, ווי ער האָט גע־מיינט.

אינגעם זעלביקן אָוונט האָט שוואַבאַך באַקומען די אויפגאַבע צוצוגרייטן רעם אָפּמאַך פאַר דער געזעלשאַפט „גרונט און באָדן" און צו אַנגאַזשירן אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכן מעקלער.

אין דער דאָזיקער איינדרוקספולער נאַכט איז פּאַביאַן ס'ערשטע מאָל געווען גוט שיכור. דער געדאַנק: „שמיד דאָס אייזן, כל זמן סע גליט", איז אים א גאַנצע נאַכט פון זינען נישט אַרויס, און ער האָט צו זיך אַליין געלאַכט, בעת ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער שטייט ביי אַ קאָוואַדלע און שמידט דאָס אייזן. מיין גאָט! ס'מוז דאָך זיין טייוולאָניש שווער צו שטיין אין אַ צעהיצטער קוזשניע און אַכטונג געבן נישט אָפּצוברען זיך ביים פייער. און בכלל, ער האָט זיך דאָך קיינמאָל נישט געלערנט די דאָזיקע מלאכה.

ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער אויפן קול געזאָגט:

— און קלאָטילדע איז פונדעסטוועגן נישט געראכט געווען. אפשר נישט? א געבוירענע יחסנטע קאָן זיך אויך טועה זיין, פונקט ווי האָמער.

ס'איז געווען דער ערשטער פאַל, ווען ער האָט נאָך געשמאַק געשלאָפן, און ס'האָט זיך צו אים געמאָלדן זיין שאָפער, וועלכער האָט אים טאָגטעגלעך געפירט צו זיין ביוראָ. פּאַביאַן האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קאָן נישט אַרויספאָרן, ווייל ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען. ער וועט אים נאָכמיטאָג אָנקלינגען. דער וויין איז געווען גוט, האָט ער געטראַכט, אָבער ווי האָט דאָס אים געקאָנט איינ־פאַלן צו טרינקען וויסקי?

אייגנס אַזייגער האָט מען אָנגעקלאַפּט, און דער לאַנגער פאָגעלסבערגער איז אריינגעקומען.

— דער גאַולייטער פארבעט אייך אויף מיטאָג צו זיך אין אייגשטעטן. ס'איז געקומען א גאַסט פון דער בערלינער לופט־געזעלשאַפט, מיט וועלכן דער גאַוליי־טער האַלט אָפּ וויכטיקע שמועסן, — האָט פאָגעלסבערגער מודיע געווען.

— און דער גאַולייטער האַלט, אַז איר האָט שטענדיק אַזעלכע גוטע איינ־פאַלן, הער רעגירונגס־ראַט, — האָט פאָגעלסבערגער צוגעגעבן שמייכלענדיק.

— עס שמייכלט מיך זייער, — האָט פּאַביאַן געענטפערט, — יעדנפאַלס וועל איך זיך באַמיען.

בכן דאַרף מען זיך צואיילן, אויסבאָדן זיך, אָפּראַזירן און אָנטאָן זיך אין אַ וויזיט־אָנצוג.

— איר דאַרפֿט זיך נישט איילן, האָט רעגירונגס־ראַט. מיין אויטאָ וואַרט אונטן. איך וועל לעת־עתה אַראָפּשפּרינגען אין דער האַלע טרינקען אַ וויסקי.

— ברורר! טרינקט נישט קיין וויסקי, דאָס איז אַ שעדלעכע משקה, — האָט אים פֿאַביאַן געוואָרנט.

— ווען איר וואָלט געהאַט אַן אַנונג, ווי מיר האָבן געשיכורט נעכטן ביי־נאַכט! — האָט פֿאַנגעלסבערגער אויסגערופֿן.

בשעתן מיטאָג איז פֿאַביאַן ביסלעכוויז מונטערער געוואָרן, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין גוטן טאָג, און עפּעס וויכטיקס איז אים נישט איינגעפֿאַלן.

ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דער גאַסט פֿון בערלין ווייסט וועגן אַלעם אַ סך בעסער. אויף וויפֿל ער האָט זיך אָריענטירט, האָט זיך בעיקר גע־האַנדלט אין דעם, וואָס דער גאַולייטער האָט געוואָלט איבערבויען דעם שטאָטישן פּליפּלאַץ אויף אַ פֿליפֿאָרט פֿון אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג.

פֿאַרן דערלאַנגען דעם דעסער האָט דער גאַולייטער אויפֿגעהויבן זיין גלאָז פּנים־אל־פּנים צו פֿאַביאַנען.

— היינט טרינקען מיר אַ ספּעציעלן כּוס פֿאַרן געזונט פֿון אונדזער געשעצטן רעגירונגס־ראַטגעבער, — האָט ער געזאָגט און זיך פֿאַרנייגט איבערן טיש, — כ'האָב היינט אין דער פֿרי דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז דער פֿירער האָט אייך באַ־טיטלט מיט דעם ראַנג פֿון אַן אָבערשטורמפֿירער.

פֿאַביאַן האָט אויפֿגעהויבן זיין גלאָז, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און אויפֿגענומען די גליקוווּנטשן פֿון די אַלע, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש. אַ צי־טער האָט אים דורכגענומען, און ס'האָט קיין סך נישט געפֿעלט, ער זאָל באַקומען פֿייכטע אויגן. ער איז אינגאַנצן געווען דורכגענומען מיטן געפֿיל פֿון נצחון.

תיכּף איז אים קריסטאַ אַרויפֿגעקומען אויפֿן רעיון. די דאָזיקע נאָמינירונג האָט באַדייט די אָנערקענונג פֿון זיין טיכטיקייט, און דאָס וועט איר אוודאי פֿאַר־שאַפֿן פֿרייד. יעדנפֿאַלס וועט זי זיך מיט אים נישט דאַרפֿן שעמען! וואָס שייך אים אַליין, איז ער געווען טיף גליקלעך, הגם די דאָזיקע באַשטימונג האָט בלויז אַנטשפּראָכן דעם ראַנג פֿון אַ קאַפּיטאַן, וועלכן ער האָט שוין פֿריער דערוואָרבן אין דער אַרמיי. ס'איז פֿונדעסטוועגן געווען אַ פּילצוזאָגנדיקע התחלה.

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי זיין נאָמינירונג אַלס אָבערשטורמפֿירער איז דורך דער פּרעסע באַקאַנט געוואָרן, האָט ער געפֿונען זיין שרייבטיש פֿאַר־וואָרפֿן מיט באַגריסונגס־טעלעגראַמעס און בריוו, און אין זיין ביוראָ זענען אָן אַ סוף כּסדר געקומען מענטשן אים גראַטולירן. אייך קלאָטילדע האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אים צוצושיקן אַ באַגריסונג. „אין אַזאַ טאָג מוז יעדע שטים פֿון סכסו־כים און טענות אַנטשוויגן ווערן", — האָט זי אָנגעהויבן איר גראַטולאַציע.

ער האָט אָבער אויך דערהאַלטן, ווי מ'האָט דאָס געקאָנט פּאָרויסזען, אַנאָנימע בריוו. ספּעציעל איין בריוו איז געווען אַזאַ שאַרפער, אַז פּאַביאַן האָט זיך עהיטן עמעצן אים צו ווייזן. ווידעראַמאָל איז געווען די אונטערשריפט: „חער אומבאַקאַנטער זעלנער“.

ווייל דער דאָזיקער בריוו האָט אַנטהאַלטן אַ ריי באַליידיקונגען און זידלווערטער, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן נישט אַרייַנצוואַרפן אים אין קויש, נאָר איבערגעבן אין דער שטאָטישער געהיימפּאָליציי.

אינעם זידל־בריוו, וועלכן פּאַביאַן האָט קיינעם נישט געוויזן, איז געווען געשריבן:

„די ביבל זאָגט וועגן אַן עבירה, וואָס ווערט נישט מכפּר. דאָס איז די עבירה לגבי דעם הייליקן גייסט! די מורדים פון הייליקן גייסט וועלן אויפגעהאָנגען ווערן אויף דער העכסטער תליה! זייט חוזר בתשובה, דאָקטאָר פּאַביאַן, כל זמן ס'איז נישט צו שפּעט!

באַפלעקט נישט לענגער אייער נשמה דערמיט, וואָס איר דינט מיט אייער גייסט אַ נעבעכדיקע גרופּע פאַרברעכער, מחמת די דאָזיקע זינד קאָן נישט פאַרגעבן ווערן. זייט חוזר בתשובה, דאָקטאָר פּאַביאַן, כל־זמן ס'איז נאָך צייט!“.

V

מאַריאַן איז מיט נישט זיכערע טריט געשטיגן אויף די טרעפּ צום בישאָפןפּאַלאַץ. ס'איז געפאַלן אַ פרישער שניי, און ווען זי איז שוין אַרויפגעגאַנגען און אַ נישט אַנטשלאָסענע זיך אומגעקוקט, האָט זי געזען די שפּורן פון אירע טריט, וועלכע האָבן זיך זייער דייטלעך אָפּגעצייכנט אויף די טרעפּ. זי איז געבליבן שטיין און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. איצטער, אַז זי האָט שוין געמאַכט דעם ערשטן געוואַגטן שריט, קאָן זי זיך שוין נישט צוריקציען, כאָטש ס'איז ביי איר פאַרשוווּנדן דער גאַנצער מוט, וואָס האָט ביז איצט אָנגעפילט איר האַרץ. זי איז געווען פון די מענטשן, וועלכע זענען שטענדיק דרייסט, טיילמאָל אפילו חוצפּהדיק, אָבער אין אַן אַנטשיידענעם מאָמענט ווערן זיי פּלוצים געליימט פון אַנגסט.

ביי דער טיר האָט געשפּאַנט די וואַך, אַ סאָלדאַט אין אַ שוואַרצן אוניפאָרם, מיט אַ רעוואָלווער ביים פּאַסעק. ער האָט זי נייגעריק אָנגעקוקט. אין איר האָט ווידער זיך דערוועקט אַ טיפער, שטומער האַס, און זי האָט ווידער באַקומען מוט. זי האָט דערקלערט דעם סאָלדאַט, אַז זי דאַרף צום גאַולייטער. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פול מיט נייגעריקייט און אויך ווילגעגייגטקייט און אָנגעוויזן אויף דער טיר.

דער גאַולייטער האָט שוין אייניקע מאָל געגעבן צו וויסן, אַז ער איז גרייט יעדן, אָן אויסנאַם, אויפצונעמען, אָבער זייער זעלטן ווען עמעצער זאָל האָבן זיך אַריינבאַקומען ווייטער פון אַדיוטאַנטן-צימער.

מאַריאָן האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן, זי זאָל אויסזען שיין און צוציענדיק. אויף איר שלאַנקן קערפּער האָט זי געטראָגן אַ טייערן פוטער, און דאָס פוטערנע היטעלע איז געווען אַזוי אַראָפּגערוקט אַהינטער, אַז ס'האָבן זיך אַרויסגעזען אירע פּעד-שוואַרצע לאָקן איבערן פרייען שיינעם שטערן. די שיך, הענטשקעס און אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו אַ דאַמען-טואַלעט, איז ביי איר געווען אָן יעדן פאָרוואורף.

די אויסערגעוויינלעכע שטילקייט און דער אויסזען פונעם פאָדערצימער האָבן זי איבערראַשט. ווען מ'קומט דאָ אַהער פון גאַס, האָט מען דעם איינדרוק, אַז מ'איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ גאָר נייע וועלט. דער פאָדערצימער איז געווען באַהאָנגען פון אויבן ביז אונטן מיט בילדער פון הייליקע, נביאים און אַלעגאָרישע געשטאַלטן, און דאָס האָט געשאַפן אַן איינדרוק פון עפּעס איבערערדישעם און הייליקעם. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ פּרוזדור צום הימל. מאַריאָן איז פון זינט אירע קינדער-יאָרן שוין קיינמאָל מער נישט געווען אין בישאָפן-פּאַלאַץ.

זי איז פּאַמעלעך געגאַנגען אויף די ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ און דער פריערדיקער פחד האָט ווידער צונויפגעפּרעסט דאָס האַרץ. פון אויבן האָבן זיך דערטראָגן אַ הייטערער געלעכטער און פריילעכע מענער-שטימען, וואָס האָבן אויף איר געווירקט דערמוטיקנדיק, און זי האָט אַנטשלאָסן אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון אַדיוטאַנטן-צימער. זיי זענען געווען פון גרויען קאָליר, באַפּוצט מיט געקינצלטע אָרנאַמענטן.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר צוויי אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך לאַכנדיק צעזעגנט. איינער פון זיי, אַ מאַן אין די רייפערע יאָרן, מיט אַ בראַון פּנים, איז האַסטיק אַראָפּגעלאָפן מיט די טרעפּ; דער צווייטער, אַ העל-בלאָנדער, הויכוואוקסיקער אָפיציר, איז געבליבן שטיין אין דער טיר און אַריינגעבעטן מאַריאָן אין צימער.

— ביטע, — האָט ער פריינדלעך אַ זאָג געטאָן, און דאָס פריילעכע געלעכטער האָט נאָך געשוועבט אויף זיינע ליפּן. ער האָט פאַרמאַכט די טיר, און לויטן האַסטיקן און דיסקרעטן בליק, מיט וועלכן ער האָט זי אָפּגעמאָסטן, האָט מאַריאָן געקאָנט דערקענען, אַז זי געפעלט אים. אויב זי וויל עפּעס דערגרייכן, איז מאַקע איר וויכטיקסטע אויפגאַבע באַשטאַנען אין דעם, צו געפעלן ווערן אַלע מענער, וועלכע זי וועט דאָ באַגעגענען.

— ביטע, זעצט זיך, — האָט ער העפלעך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ שטול.

דער אָנגערויכערטער אַדיוטאַנטן-צימער איז געווען נישט קיין גרויסער ביב-

ליאָטעק־זאַל מיט פּאָליצעס אָנגעפּראָפּטע מיט ביכער ביזן סופים. מאַריאַן האָט דערפילט דעם פאַרשנדיקן, אָבער פריינדלעכן בליק פונעם אָפיציר, און זי האָט אים געזאָגט איר נאָמען. זי האָט אים אָנגעהויבן דערקלערן די סיבה פון איר באַזוך, ער איז אָבער גלייך אריינגעפאַלן אין די רייד:

— פרייַלין פאַלע? — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט. — איך ברעך זיך דעם קאָפּ, ווו איך האָב אייך שוין ערגעץ געזען. איר זענט דאָך די באַרימטע טעניס־שפּילערין? איצטער בעט איך אייך פאַרזעצן. ווילט איר נישט פאַררויכערן? ער האָט איר אונטערגעטראָגן אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן.

מאַריאַן האָט זיך פאַררויטלט. ביז איצט איז אַלץ געגאַנגען גוט.

— איך דאַנק אייך, — האָט זי געזאָגט און ווייטער דערציילט, אַז זי אַרבעט איצט אַלס לערערין, און זי איז איבערגעגאַנגען צום ענין, צוליב וועלכן זי איז אהער געקומען. זי האָט דרייסיק שילער, אָבער לײדער נאָר איין קליינעם קלאַסצימער, אַ העלפט די גרייס פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק. און איצטער האָט זיך געפונען איינער פון אירע מיטגלויביקע, וועלכער וויל אָפּגעבן דריי צימערן פאַר איר שול. איז זי אהער געקומען צו בעטן די הסכמה פון הער גאָולייטער.

דער הויכוואָקסיקער אָפיציר האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער וואָס לענגער זי האָט גערעדט, איז אַלץ מער און מער פאַרשווּנדן זיין פריערדיקע פריינדלעכקייט. לסוף האָט ער אָפּגעווענדט פון איר זיין בליק און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דערלויבט מיר אַ רגע נאָכצוטראַכטן, פרייַלין פאַלע, — האָט ער געזאָגט, שוין מיט אַן עטוואָס קילערן טאָן, — אייער ענין איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. כ'וועל זיך פונדעסטוועגן באַמיען אייך מיטצוהעלפן, — ער האָט ווידער אויפגעהויבן זיין בליק און זי אָנגעקוקט, — כאָטש ס'איז, ווי געזאָגט, אַ גענוג דראַסטישער ענין. דער הער גאָולייטער איז איצט זייער פאַרנומען, כ'ווייס נישט, צי ער וועט אייך אויפנעמען. איר זענט אַ יידישקע? יאָ?

— יאָ, איך בין אַ יידישקע, — האָט מאַריאַן געענטפערט און געקוקט דעם אדיוטאַנט גלייך אין פּנים.

אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל, וועלכן מ'האָט נישט געקאָנט נישט פאַרשטיין. די אויגן האָבן גערעדט: איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך שעם זיך מיט מיין אָפּשטאַם, און היט אייך מיר מיט עפּעס צו באַליידיקן. פּאָגעלסבערגער האָט עס גוט פאַרשטאַנען.

ער האָט אָפּגעווענדט זיין בליק און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אַזוי, אַז זיינע פּאַסמעס העלע האָר האָבן אויפגעלויכטן. גלייך אָבער האָט זיך ווידער באַוויזן דער שמייכל אויף זיינע ליפּן.

— גוט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — איר קאָנט זיין רואיק. איך וועל מיך יעדנפאלס באמיען, פריילין פאלע. אין עטלעכע מינוט ארום וועל איך אייך קאָנען געבן א תשובה.

מאריאַן האָט אים צוגעוואָרפן א דאנקבארן בליק.

— איך בין אייך זייער דאנקבאר, — האָט זי אויסגערופן.

דער לאנגער אָפיציר האָט פארלאָזט דאָס צימער און מ'האָט געהערט זיינע טריט אָפּקלינגען אויפן קאָרידאָר.

מאריאַן איז צופרידן געווען מיטן ערשטן דערפאָלג. זי איז געבליבן זיצן און געווארט, און אירע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די פּאָליצעס מיט די אַלטע ביכער, געבונדענע מיט חזיר־פעל. „ער באציט זיך גוט צו מיר, — האָט זי מיט דאנקבאַרקייט געטראַכט, — וואָס לענגער ס'געדויערט, אַלץ גינסטיקער איז עס פאר מיר".

נאָך א פערטל שעה האָט מען ווידער דערהערט די טריט פונעם הויכוווקסיקן אָפיציר אָפּקלינגען אויפן קאָרידאָר. זיי האָבן זיך דערנעענטערט, זיך פארהאַלטן, און די טיר האָט זיך געעפנט א פראַל אויף:

— דעה הער גאוליימער פארבעט אייך צו זיך! — האָט דער אדיוטאנט אויסגערופן מיט א נאָטקע פון צופרידנקייט אין דער שטימע.

מאריאַן האָט אים אָפּגעדאנקט מיט א שמייכל און זיך פארדרייט פון פרייד.

— אָט די טיר גלייך, — האָט געזאָגט דער אָפיציר, וועלכער האָט זי נאָכ־באגלייט אויפן קאָרידאָר און לסוף אָנגעקלאפּט ביי א הויכער טיר, מיט צוויי וויסע קאַריאַטידן אויף די פלאַנגן. — ביטע! — האָט ער צוגעגעבן, פארנייגנדיק זיך, און א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן.

מאריאַן איז אריינגעגאנגען.

אין ערשטן אויגנבליק איז זי צעמישט געוואָרן פון דער רחבותדיקייט און באזונדערקייט פונעם אויפנעם־צימער. דאָס איז געווען א גרויסער זאל, וואָס זיין סופיט איז באצירט געווען מיט א הערלעך בילד, פון וועלכן מאריאַן איז אינ־גאנצן באוויסט געוואָרן. דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט קריסטוסעס אויפהייבן זיך אין הימל אַריין, ווי אַ מחנה מלאכים קרייזט אַרום דעם דערלייזער, און אנדערע מלאכים נידערן אראָפּ פון די העלע וואָלקנס צו די אַפּאָסטאָלן און גלויביקע, וועלכע זענען איבערגעבליבן אויף דער ערד. די מייסטערשאפט פונעם אי־טאליענישן מאָלער איז באשטאנען אין דעם, וואָס דער סופיט האָט אויסגעזען צו זיין זייער הויך, ווי ער וואָלט זיך פארלוירן אין הימל.

דער פּארקעט אין דער פאָרם פון א שטערן איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט העלע און טונקעלע האָלץ־קלעצלעך. לענגאויס די ווענט זענען געשטאנען אין רייען רויטע פאָטעלן, מיט פיגורן פון מלאכים אין גרוי און גאָלד־קאָליר. אינ־

צווישן ביי די ווענט אויף א גלייכן אָפּשטאַנד איינער פון אַנדערן האָבן געשטאַרצט העסלעכע קאַלאָריפערן. מאַריאַן האָט זיך דערמאָנט די רייד אין שטאָט וועגן די קאַלאָריפערן, וואָס דער גאָלייטער האָט געהייסן איינמאָנטירן אין פּאַלאַץ, אַז זיי האָבן אָפּגעקאָסט איבער א מיליאָן מאַרק.

אין דער טיף פון זאַל, ביים ראַנד פון שטערנפאָרמיקן פּאַרקעט, איז געשטאַנען א גרויסער שרייבטיש, ביי וועלכן ס'איז געזעסן פּאַרטאָן אין שרייבן א קרעמפּער פּאַרשוין מיט רויטלעכע האָר און באַקנבערד. דאָס איז געווען דער גאָלייטער, וועלכן די שול־קינדער האָבן גערופן „דער וואָלף“. מאַריאַן האָט אים גלייך דערקענט, הגם מ'האָט איר אויף אים אָנגעוויזן אַן אייננאָנאיינציק מאָל נאָר פאַרבייגייענדיק. בעת זי איז אַרייננגעקומען, האָט דער „וואָלף“ נאָך אַלץ געשריבן, נישט אויפהייבנדיק אפילו דעם קאָפּ און נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

זי איז געזעסן נישט א ריר צו טאָן זיך אויף א שטול ביי דער טיר און געוואַרט מיט א מינע פון א דאַמע, וואָס פאַרגעסט נישט וועגן איר גוטער דערציונג. א לענגערע ווײַלע האָט צוגעשמידט איר אויפמערקזאַמקייט א פיגור פון בילד אויפן סופיט, א מלאך, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון געלן וואָלקן אַראָפּגעלאָזט זיך גלייך אויף איר, בלאָזנדיק מיט פולע באַקן אין א פּוזאָן. די רויט־געפאַרבטע אויפגעבלאָזענע באַקן האָבן זי אפילו לוסטיק געמאַכט. יעדע איינציקע געשטאַלט פונעם בילד האָט אַזוי פאַרנומען איר פאַנטאַזיע, אַז זי האָט צייטנווייז פאַרגעסן, צוליב וואָס זי זיצט דאָ. „וויאַזוי אָבער קאָן זיך פילן גוט דער דאָזיקער קרעמפּער פאַרשוין מיט די רויטלעכע האָר צווישן אַזויפיל מלאכים און הייליקע?“ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גאָלייטער פילט זיך צווישן זיי, ווי ביי זיך אין דער היים. לכתחילה, ווען ער האָט זיך אַהער אַריינגעצויגן, האָט אים דער זאַל אָנגערעגט צו פּראַוון לצנות, וואָס ער האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט. דעמלט פלעגט ער זאָגן:

„די דאָזיקע קאַפּעליע מלאכים און הייליקע האָבן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו שטערן, און איך האָף, אַז אויך זיי האָבן זיך צו מיר צוגעוווינט, אויב זיי האָבן זיך לכתחילה געפילט אַ ביסל נישט היימלעך“. דאָס האָט געהאַט אַן אָרט נאָר אין די ערשטע וואָכן, איצט אָבער האָט ער אויף די מלאכים און הייליקע נישט געלייגט מער קיין אַכט.

פלוצים האָט מאַריאַן דערהערט, אַז דער גאָלייטער האָט זיך א ריר געטאָן ביים שרייבטיש. ער האָט זיך אָפּגערוקט מיטן פאָטעל און א וואָרף געטאָן די פעדער אויפן טיש. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צוויי טונקלבלויע קיילעכלעך האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף איר.

— קומט צו גענטער, פריילין, — האָט ער זיך אָנגערופן, און זיין שטימע האָט קרעפטיק און הויך אָפּגעקלונגען אין שטילן זאַל.

מאריאַן האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום שרייבטיש. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די רויטע פרעכטיקע פאָטעלן, אויף וועלכן דער גאוליימער האָט איר אָנגעוויזן מיט א נאכלעסיקער באוועגונג. זי האָט געפילט, אַז ער פאָלגט נאָך איר יעדן ריר. א לוסטיקע שמייכעלע איז געלעגן אויף זיין ברייטן, רויטלעכן און עטוואָס פעטן פּנים. זי האָט דאָס אלץ געזען, הגם זי האָט זיך באמיט נישט צו קוקן אויף אים.

זאָל זיין, זאָל ער גאפן אויף איר, זאָל ער קוקן אויף איר מיט א שמייכל, זי מוז אלץ טאָן, כדי אים צו געפעלן, אויב זי וויל דערגרייכן איר ציל.

דער גאוליימער האָט א לאך געטאָן און געזאָגט:

— מיין אדיוטאנט האָט רעכט. איר זענט טאקע די זעלבע טענים־שפּילערין, וועלכע האָט אמאָל געוואונען דעם טענים־טורניר אין פּאלאץ־גאָרטן.

מאריאָן האָט זיך פאררויטלט און א קוק געטאָן אויף אים מיט אירע שוואר־צע אויגן. זי האָט געוואוסט, אז אירע אויגן זענען שיינע.

— כ'בין געווען א גאנץ גוטע שפּילערין, — האָט זי געענטפערט באשיידן, אָבער מיט א זיכערע שטימע.

דער גאוליימער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זי באטראכט מיט גרויס פאראינטערעסירונג.

— איך דערמאָן זיך. איר האָט אויסגעצייכנט געשפּילט! — האָט ער אויס־געשריגן און דער גוטמוטיקער טאָן האָט מאריאָן דערמוטיקט. — פארוואָס אָבער, — האָט ער פאָרגעזעצט, — פארוואָס האָט איר דעמלט ביים טורניר אזוי אומ־געצוימט געלאכט? מיר האָבן עס נישט געקאָנט פארשטיין.

— פארוואָס? — דערמאָנענדיק זיך אין טורניר, האָט מאריאָן אויסגעבראָכן מיט איר נאטירלעכן הארציקן געלעכטער. זי האָט זיך אינגאנצן פארגעסן, מיט וועמען זי רעדט.

זי האָט געלאכט דערפאר, ווייל זי האָט בשעתן שפּילן אזוי אונטערגעשטעלט א פוס אירע קעגנער, אַז זיי האָבן געמוזט לויפן ווי צעמישטע אהין און אהער. ווען ס'איז איר געלונגען אזוי צו ווארפן די פּילקע, אז דער קעגנער זאָל באַין אופן נישט קאָנען אָפּשלאָגן, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— איך האָב דעמלט געהאט אזעלכע בייזוויליקע טעג, — האָט מאריאָן פארענדיקט און ווידער זיך הארציק צעלאכט.

איר לאכן האָט דעם גאוליימער מיטגעריסן.

— זענט איר דען באמת אזא בייזוויליקע? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, יאָ, כ׳קאָן זיין זייער בייזוויליק, — האָט מאַריאַן פּאַטאַקעוועט, — ווי א סך פרויען. — און ווידער זיך הארציק צעלאַכט.

דעם גאָליייטער איז, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן איר אומטיטלבארקייט. דעם זומער האָט ער זי נישט געזען שפּילן אין פּאַלאַץ־גאָרטן, האָט ער געזאָגט, — שפּילט זי איצטער שוין נישט מער?

— ניין, — האָט מאַריאַן געענטפערט און א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָסמאָל האָט זי נישט געלאַכט. זי האָט געקוקט דעם גאָליייטער אין פּנים, אין אירע טונקעלע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן א פייערל, און זי האָט מיט א פארענדערטן טאָן פארגעזעצט:

— מ׳האָט מיך אויסגעשלאָסן פון קלוב, ווייל איך בין א יידישקע.

— איך פארשטיי, — האָט דער גאָליייטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט נאָכטראַכטנדיק געוויגט מיטן קאָפּ און געלאַכט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט נישט איינשטימיק געווען מיטן קלוב. — דאָס איז געווען זייער נאריש פונעם קלוב, זייער נאַריש, — האָט ער אויסגערופן, — אַזאַ קראַפט האָט ער אומבאַדינגט געדארפט פארהאלטן. דער קלוב האָט דאָך געקאָנט זיך באמיען, ס׳זאָל געמאכט ווערן אן אויסנאם. איר וואָלט געהאט חשק צוריק אריינצוטרעטן אין קלוב?

מאַריאַן האָט אַנטשלאָסן אַ טרייסל געטאָן מיט אירע שוואַרצע לאָקן.

— ניין! — האָט זי אויסגערופן. איר פּנים איז געוואָרן טונקל־רויט און אירע אויגן האָבן געפינקלט. — אין קיין פאל נישט!

דאָס איז געווען אמת. זי האָט נישט געוואָלט מער קענען דעם קלוב. צו אים האָבן באלאנגט די העכסטע געזעלשאפטלעכע קרייזן פון שטאָט: דאָקטוירים, אָפיצירן, ריכטער, אדוואָקאטן. אָבער די דאָזיקע גאנצע חשובע געזעלשאפט האָט זיך לגבי איר פארהאלטן ווי א כאראקטערלאָז געזינדל. די אלע דאָקטוירים, אָפיצירן און ריכטער, וועלכע האָבן דאָ נישט לאנג איר געמאכט א הוארע, האָבן אויפצומאָרגנס זי מער נישט געוואָלט קענען. גאָט זאָל זי אָפּהיטן פון דער דאָזיקער געזעלשאפט. זי האָט כאָטש די סאטיספאַקציע, וואָס זי האָט זיי אַלע צוזאַמען ביים טעניס אזוי געשלאָגן, אז זיי האָבן זיך גוט אָנגעלאָפן.

דער גאַולייטער האָט אַ שמייכל געטאָן, ער האָט געשוויגן און אָנגעשטעלט אויף איר זיינע טונקל־בלויע אויגן, נאָכטראַכטנדיק שווייגנדיק.

אַ פולשטענדיקע שטילקייט האָט אָנגעפילט דעם זאַל. זיין שווייגן און זיינע טונקל־בלויע פארשנדיקע אויגן האָבן מאַריאַן באַאומרואיקט. אפשר האָט זי נישט געדארפט אזוי אָפן רעדן וועגן זיך אלס יידישקע? יעדנפאלס האָט זי נישט געדאַרפט גלייך אָפּוואַרפן זיין הילף, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט, רעדנדיק וועגן קלוב. זיינע אויגן האָבן געהאַט אַ האַרטן, כמעט גלעזערנעם אויסדרוק, און מ׳האָט נישט געקאָנט תופס זיין, וועגן וואָס ער טראַכט. אפשר האָט זי אים באַליידיקט?

מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן עפּעס אָפּטאָן, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין זאַך און מיט קיינעם.

מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען דער האַר איבערן לעבן און טויט אין דער דאָזיקער געגנט. אין זיין באַוווסטן לאַגער אין בירקהאָלץ האָט מען אויף די געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אָנגערייצט ראַסאָווע הינט, און די קולות פון די געפּייניקטע זענען דערגאַנגען אַזש ביז צום דאָרף. אַ פויער האָט עס איר פערזענלעך דערציילט, ער האָט זיכער קיין ליגן נישט געזאָגט.

פּלוצים האָט מאַריאַן באַהערשט אַן אומרו און אַ פּחד. זי איז גרייט געווען אויפצושפּרינגען און אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן אומהיימלעכן זאַל. אין דעם מאָמענט האָט דער גאַולייטער אָנגעלענט זיך אויף אַהינטער אויף זיין פאָטעל. אַ דינער זון־שטראַל, וואָס איז אַריינגעפאַלן דורכן פענצטער, איז געפאַלן אויף זיין באַקנבאָרד, וועלכע האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ זשאַווער־רויטקייט, און מ׳האָט געקאָנט זען, אַז ביי די אויערן זענען זייגע האָר געקרייזלט. דאָס פאַרחויטלטע פּנים האָט אָנגעהויבן שאָקלען זיך, נאָר דאָס דאָזיקע שאָקלען האָט נישט פאָרגעזאָגט קיין שום שלעכטס. מאַריאָן האָט אָפּגעאָטעמט און איר פּלוצימדיקער פּחד איז פאַרשוואונדן.

דער גאַולייטער האָט אָפּגעהוסט, און אַ גוטוויליקער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיינע גראָבע ליפּן. ער האָט ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איר זענט אַ שיין מיידל, — האָט ער אָנגעהויבן און תיכף צוגעגעבן: — איר האָט אַוודאי שוין אויך אַ חתן?

די דאָזיקע פראַגע איז געווען אַזוי איבערראַשנדיק און אַזוי אומגעלומפּערט, אַז מאַריאָן האָט געמוזט זיך הויך צעלאַכן.

— הער גאַולייטער! — האָט זי לאַכנדיק אויסגערופן. — אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט אייך יעדע פרוי ענטפערן מיט אַ ליגן.

דער גאַולייטער האָט אויך געלאַכט.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט. — איר קענט אויסגעצייכנט די קונץ צו געבן אַזאַ ענטפער, וואָס איז אייגנטלעך קיין שום ענטפער נישט. — ער האָט זיך אויפגעהויבן. — צום באַדויערן איז מיין צייט באַשרענקט, — האָט ער געזאָגט, — און צום עצם ענין זענען מיר ליידער נאָך נישט צוגעקומען. — און מיט אַן אַמטלעכן טאָן האָט ער צוגעגעבן: — דער ענין מיט אייער שולע, פריילין פאַלע, אינטערעסירט מיך אַלס גאַולייטער זייער שטאַרק, און מיר וועלן אים נאָך דאַרפן אויספירלעכער אַרומרעדן. כ׳קאָן אייך שוין היינט פאַרזיכערן, אַז איך וועל דעם ענין רעגולירן. ליידער דאַרף איך היינט צוגרייטן אַ דרינגענדיקן

באַריכט, אָבער מאָרגן וועל איך געפינען צייט פאַר אייך, וואָרעם כ'וועל אַרבעטן אין דער היים. קאָנט איר קומען צו מיר מאָרגן זעקס אַזייגער קיין אײנשטעטען?

— געוויס! — האָט מאַריאָן געענטפערט, און אַ שמייכל האָט באַשטראַלט איר פּנים.

דער גאָלייטער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט איבערן טיש.

— אַלזאָ, גוט, מאָרגן זעקס אַזייגער! — האָט ער אויסגערופן. — איר וועט זיך מעלדן צום רייטמייסטער מעין. אויף ווידערזען!

די אוידיענץ איז געווען געענדיקט.

ביים אַרויסגיין איז מאַריאָנס בליק געפאַלן אויף אַ פּרויען-געשטאַלט אויפן געמעל פון סופיט, איינגעהילט אין העלן געוואַנט, מיט אויפגעהויבענע הענט, וואָס האָבן זיך אויסגעשטרעקט אין עקסטאַז צום הימל. דאָס איז געווען איר לעצטער איינדרוק. זי איז אַרויסגעגאַנגען און האַסטיק פאַרמאַכט די טיר.

מיט לייכטע טריט איז מאַריאָן אַראָפּגעגאַנגען מיט די טרעפּ. דער הערפּאָלג האָט באַפליגלט איר גאַנג. זי האָט באַוויזן אויפצוטאָן פאַר דער שול אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, כאָטש אַלע האָבן פאַרויסגעזען אַ דורכפאַל.

ווען זי איז אַראָפּ פון די פּאַלאַץ-טרעפּ, זענען נאָך געבליבן קענטיק די שפּורן פון אירע טריט אויפן שניי, זיי זענען אָבער אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, ווייל דער שניי האָט געהאַלטן אין צעגיין. דאָס האָט געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק.

VI

זינט דער גאָלייטער האָט געוווינט אין שלאָס, איז יעדע שעה געגאַנגען אַן אויטאָבוס קיין איינשטעטען. היות דער וועג פון אַמזעלוויז האָט געדויערט העכסטנס פופצן מינוט, האָט מאַריאָן באַשלאָסן צו גיין צופוס. פּינקטלעך זעקס אַזייגער האָט זי זיך געמאָלדן צו דער וואַך און געפרעגט זיך אויפן רייטמייסטער מעין.

נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט זי דער וועכטער געפירט צו אַ גרויס הויז, וווּ מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. זיי זענען אָבער קוים אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, ווי ס'האָט זיך פון הויז באַוויזן דער אָפיציר מיטן כוואַטסקן פּנים, וועלכן זי האָט נעכטן געזען אין בישאָפן-פּאַלאַץ. ער איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן.

ער האָט זי באַגריסט מיט גאַלאַנטער העפלעכקייט.

— מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן די בכבודיקע אויפגאַבע אייך אויפצונעמען, פרײלין, — האָט ער געזאָגט, — דער הער גאָלייטער דערוואַרט אייך. ער האָט

מיר געזאָגט, אַז ער איז פּשוט אַנטציקט פון אייער פרייער האַלטונג, באַזונדערס איז ער באַצויבערט פון אייער האַרציק לאַכן.

מעין האָט אָבער נישט פאַראַטן דעם סוד, אַז רומף האָט נעכטן אין אָוונט ביים קאָרטנשפּיל צייט אַ האַלבע שעה געהאַלטן אין איין רעדן וועגן איר מיט גרויס התפּעלות.

„אַ זעלטן באַשעפעניש! — האָט ער געזאָגט. — פריש, ווי אַ העכט אין וואַסער! אַז זי לאַכט, פילט מען זיך מיט צען יאָר יינגער. כ'האָב לחלוטין נישט געוווּסט, אַז ביי יידן זאָלן זיין אַזעלכע באַצויבערנדיקע פרויען. איך שווער ביי גאָט, אַז מ'קאָן זיך אין איר ערנסט פאַרקנאַקן!" איין גאָט ווייסט, וואָס ער האָט זיך נאָך אַלץ אָנגערעדט.

רייטמייסטער מעין איז געווען אינטים באַפריינדעט מיטן גאָלייטער. ער האָט געוווּסט און אָנגענומען פאַר גוט זיין שוואַכקייט צו שיינע פרויען.

מעין האָט מאַריאָן אַריינגעפירט אין אַ רחבותדיקער הויכער האַלע. אויף דער גלאַנציקער פּאַדלאָגע זענען געשטאַנען גרויסע טונקל־בלויע וואַזאָנען מיט צווייגן ווייסן בעז, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס צימער מיט זיין וווּנדערבאַרן ריח. אַן אַלטער קאַמערדינער האָט פון איר צוגענומען דעם פוטער, און דאַן האָט רייט־מייסטער מעין געעפנט אַ טיר און זיך העפלעך פאַרניגט.

— דער הער גאָלייטער בעט אייך פילן זיך, ווי ביי זיך אין דער היים, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אים גלייך מעלדן, אַז איר זענט געקומען.

מאַריאָן איז געווען איבערראַשט און צעמישט פון אַזויפיל העפלעכקייט. ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט דאָס האַרץ ביי איר שטאַרק געקלאַפט און זי האָט קוים געוואַגט זיך אַרומצוקוקן.

נעכטן אין אָוונט איז זי לכתחילה געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון נצחון, וואָס זי האָט דערוואָרבן פאַר דער שול דריי נייע קלאַסנצימערן. שפּעטער האָט זי געקאָנט מיט פולער רואיקייט נאָכאַמאָל דורכלעבן אַלע פרטים פון איר באַזוך ביים גאָלייטער. איין זאַך איז פאַר איר געווען קלאָר, אַז קיין שלעכטן איינדרוק האָט זי אויף אים נישט געמאַכט. צי איז זי אים אויך געפעלן געוואָרן, איז מאַריאָן נאָכנישט געווען זיכער. ערשט שפּעטער איז איר געוואָרן פאַרדעכטיק דאָס, וואָס דער „וואָלף" האָט זיך מיט איר אָפּגערעדט אַרומצורעדן די פראַגע פון די קלאַסנ־צימערן פאַר יידישע קינדער גראָד אין איינשטעטען. ווי זאָל מען עס פאַרשטיין! נישט ווילנדיק איז זי געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַ מאָדנער פּאַסירונג, אין אַ גאַנץ נישט קלאָרע סיטואַציע און אפשר אַ געפערלעכע. דאָס ערגסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיינעם, מיט וועמען זי וואָלט געקאָנט וועגן דעם זיך דורכרעדן. קריסטע לערכע־שעלהאַמער, די איינציקע פריינדין, צו וועלכער זי האָט געהאַט פולן צוטרוי, איז געווען אין פלאָרענץ אָדער אין רוים, איין גאָט

ווייסט ווו. אַ האַלבע נאַכט איז מאַריאָן געלעגן און נישט געקאָנט איינשלאָפן, לסוף אָבער האָט זי זיך ענדלעך באַרואיקט. וואָס קאָן דען שוין מיט דיר פּאַסירן? — האָט זי אין זיך געלאַכט. — דער „וואָלף" וועט דאָך דיך נישט אויפפרעסן. אין ערגסטן פאַל קאָנסטו דאָך זיך ווערן.

ס'איז איר איינגעפאַלן מיטצונעמען דעם פּאַטערס שפּאַנישן שטילעט. זי וועט אים איינגייען אין קלייד, אויף יעדן פאַל! מיט דעם געדאַנק איז זי אַ באַרואיקטע איינגעשלאָפן. צומאָרגנס אָבער האָט זי זיך געשעמט פאַר אירע נעכטיקע געדאַנקען. דער „וואָלף" וועט נישט וואַגן זי אָנצורירן.

נאָכמיטאָג אָבער איז איר ווידער באַפאַלן אַן אומרו, און כדי זיך אַליין צו באַרואיקן, האָט זי דעם שפּאַנישן שטילעט קונציק איינגענייט אין איר קלייד. יאָ, איצטער קאָן מיט איר שוין גאָרנישט נישט געשען.

און אָט איז זי דאָ.

דאָס צימער, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען, איז געווען אַ קליינער סאַלאָן, געהאַלטן אין העל־בלויען טאָן, מיט בלויע פּאָטעלן און מיט אַ סך ארומגערעמטע קליינע שטיכן אויף די ווענט. די שטיכן האָבן פאָרגעשטעלט פערד. אינדערמיט פון צימער איז געשטאַנען אַ געדעקטער טיש צום טיי טרינקען, מיט צוקערגעבעקס, און מיט אַ בוקעט ווייסן בעז.

זי האָט דערהערט פון דרויסן שווערע טריט אויף די טרעפּ. דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר דער באַלעבאָס פונעם הויז.

און ווירקלעך, דער גאָליימער איז פאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען מיט די טרעפּ. ער האָט זיך נישט געיאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט ענדיקן אויסרייכערן זיין ציגאַר, און פאַרשידענע געדאַנקען זענען אים איינעם דאָזיקן מאָמענט אַרויף אויפן זינען. אויף וויפל ער געדענקט, האָט ער ביז איצט געקענט בלויז פרויען, וועלכע מען קאָן קויפן פאַר געלט. איינע, למשל, האָט ער באַצאָלט איין דאָלאַר, ער האָט איר געקויפט אַ בילעט. איינע האָט ער געקויפט פאַר דריי פּאַפּיראָסן, וועלכע ער האָט גראָד געהאַט אין קעשענע, איינע האָט ער געוווּנען אין פּריסקאָ פאַר אַ הוט מיט גרויסע פּעדערן. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער דערמאָנען די אַלע לעכערלעכע קלייניקייטן. ער האָט געהאַלטן, אַז די פרויען, וואָס זענען אַמאָל געווען אַראָפּגעשטופּט צו דער ראָל פון שקלאַפינס, האָבן נאָך, זעט אויס, אויך היינט נישט פאַרגעסן זייער שקלאַפן־מאָראַל. יעדע פרוי פאָדערט איר פּרייז, — האָט ער געטראַכט, — אפילו נאָך היינט אויך. ביי איינע וועט דאָס זיין אַ קאָפּטיכל, ביי אַן אַנדערער דריי פּאַפּיראָסן, ביי אַ דריטער אַ שלאָס אָדער אַ הויכער טיטל. איצטער הערשט נאָך אויך אין דער וועלט דאָס געזעץ, אַז די פרוי פאַרקויפט זיך און דער מאַן קויפט זי. גאַנץ זעלטן זענען די פאַלן, ווען אַ פרוי גיט זיך אָפּ דעם מאַן אָן באַדינגונגען, נישט פאָדערנדיק וועגן פּרייז. ער אַליין לכל הפחות האָט נאָך אַזאַ פרוי

נישט געטראָפֿן. און דאָך האָט ער שטענדיק געטרוימט צו האָבן אַזאַ פֿרוי, וועלכע זאָל אים ליב האָבן, נישט פֿרעגנדיק קיין פֿרייז. דעמלט, יאָ, דעמלט וואָלט ער איר גערן געגעבן שלעסער און טיטלען.

אָבער יענץ יידיש מיידל, וואָס וואַרט אויף אים דאָ אונטן, פֿאַרלאַנגט גאָרנישט, נישט קיין שלאָס און נישט קיין טיטל.

וואָס פֿאָדערט זי? געדולד! ער איז געווען גענייגט צו באַצאָלן אַ הויכן פֿרייז.

ער האָט פֿעסט אַ דריק געטאָן די קליאַמקע און אַרייַנגעגאַנגען אין סאַלאָן.

מאַריאָן האָט זיך גלייך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז ער איז אָנגעטאָן אין ציווילע מלבושים, און וועלכע ער זעט אויס יינגער. ער איז הייַנט געווען אָנגעטאָן אין אַ העל-גרויען אָנצוג, אָנשטאָט דעם העסלעכן ברוינעם אוניפֿאָרם. ווען ער וואָלט נישט אַזוי געטראָגן זיין זשאַווערדיק-רויטע פֿריזור, וואָס האָט זיין שטערן נידעריקער געמאַכט, וואָלט ער באמת געקאָנט אָנגיין פֿאַר אַ פֿיינעם מאַנצפֿאַרשוין, נישט געקוקט אויף זיין נידעריקן וווּקס און קרעמפּן אויסזען.

אויף אַ הויכן קול, שפּאַסנדיק, האָט ער מאַריאָן פֿאָרגעוואָרפֿן, פֿאַרוואָס זי האָט זיך ביז איצטער נישט געמאַכט באַקוועם.

— לעבעדיק, לעבעדיק! — האָט ער אויסגערופֿן, — יונגע דאַמען מוזן שטענדיק זיין לעבעדיק. כ'האָב געמיינט, אַז מיר וועלן צוזאַמען טרינקען טיי און דערביי דערליידיקן אונדזערע געשעפֿטן. אָבער כ'זע שוין, אַז איך וועל אייך מוזן באַדינען, — האָט ער אַ גוט געשטימטער פֿאָרגעזעצט און אָנגעלייגט אַ פֿולן הויפֿן געבעקס אויף איר טעלער.

— כ'בעט אייך זייער! גענוג, גענוג! — האָט מאַריאָן אויסגערופֿן און צוריקבאַקומען איר האַרציק, זאָרגלאָז געלעכטער.

דאָסמאָל האָט דער גאַלייטער געוואָלט גלייך צוטרעטן צו די „געשעפֿטן“, ווי ער האָט דאָס אָנגערופֿן.

— לאָמיר אָנהייבן קודם-כל פֿון אייער שול, — האָט ער געזאָגט.

און מאַריאָן האָט אָנגעהויבן שילדערן דעם שלעכטן מצב פֿון דער יידישער שול, ענלעך ווי זי האָט דאָס נעכטן דערציילט דעם אַדיוטאַנט, זי האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די אומדערטרעגלעך שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט פֿאַרשוויגן די קאָקליוש-עפּידעמיע, וואָס די שול האָט דורכגעמאַכט אין פֿרילינג, און אויספֿירלעך דערציילט וועגן די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וואָס האָבן זיך אין איר שול איבערגעטראָגן פֿון קינד צו קינד.

— דעם לעצטן ווינטער האָט איר שול פֿאַרלוירן זעקס קינדער, וועלכע זענען געשטאָרבן פֿון דיפֿטעריט. דאָס איז אַ שווערער פֿאַרלוסט פֿאַר דער יידישער געמיינדע! — האָט זי געזאָגט זייער ערנסט.

— דאָס ערגסטע איז אָבער דאָס, וואָס די שול געפינט זיך אין אַ קעלער, — האָט מאַריאַן פאָרגעזעצט, — ער איז נישט גרעסער, ווי דאָס דאָזיקע צימער און כמעט אינגאַנצן פינצטער. דורך די קראַטעס וואַרפן אַריין די גאַסניוונגען בלעכלייכים, געפּגרטע מייז און קעץ און נאָך ערגערע מיאוסקייטן, — מאַריאַן האָט זיך צעלאַכט, בעת זי האָט דערציילט וועגן די פּאָרפּאַלן. — לסוף האָבן מיר געמוזט אָנגלאָזן די קראַטעס. אָבער פון דעמלט אָן איז נאָך פינצטערער געוואָרן אין קעלער. אַ גאַנצן טאָג ברענט עלעקטרישע ליכט, און דאָס צימער האָט נישט קיין געהעריקע ווענטילאַציע.

דער גאָולייטער האָט זיך צו איר צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. צולעצט האָט ער איר געגעבן צו פילן, אַז עס איז שוין גענוג. ער האָט מאַריאַן צוגערעדט צו נאָך אַ גלאָז טיי.

— כ'האָב וועגן די אַלע זאַכן נישט געהאַט קיין אַנונג, — האָט ער געזאָגט, — איר קאָנט רואיק נעמען די דריי צימערן, אַפילו אַ גאַנצן שטאָק, אויב מ'וועט אייך פאָרלייגן. איך האָב גאָרנישט דאַקעגן.

— די שול וועט אייך זייער דאַנקבאַר זיין, הער גאָולייטער.

מאַריאַן האָט זיך פאַרנייגט מיט געריטקייט, אויסדריקנדיק אירע געפילן. דער גאָולייטער האָט געלאַכט.

— איך האָף, אַז מ'וועט בײַלעכווייז איינזען, אַז איך בין נישט אַזאַ אוממענטש, ווי עס האָט זיך געשאַפן אַ מיינונג וועגן מיר, — האָט ער געזאָגט, — איר ווייסט מסתמא, אַז מ'האַלט מיך פאַר אַן אויסערגעוויינלעך שטרענגן מענטש, אפשר נישט? איר קאָנט מיט מיר רעדן אינגאַנצן אָפנהאַרציק, פרײַלין פאַלע.

מאַריאַן האָט נישט גלייך געענטפערט. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעקוקט דעם גאָולייטער מיט אירע גרויסע אויגן, וועלכע האָבן אינעם מאַטן ליכט פון צימער אויסגעזען אינגאַנצן שוואַרץ.

— יאָ, מ'זאָגט אַזוי, מ'האַלט אייך פאַר זייער אַ שטרענגן, — האָט מאַריאַן געענטפערט.

— זייער שטרענגן? — דער גאָולייטער האָט זיך הויך צעלאַכט. — ערשט נישט לאַנג האָט מיר דערקלערט אַ הויכע אינסטאַנץ, אַ זייער הויכע אינסטאַנץ, — האָט ער אויסגערופן, — אַז איך בין אַ שוואַכלינג, וועלכן מ'קאָן אַרומוויקלען אַרום אַ פינגער. וואָס זאָגט איר דערצו? און איך שטיי שוין לאַנג אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מיט אַ פאָלק קאָן מען רעגירן נאָר מיט שטרענגקייט. געוויסע פעלקער, ווי ליידער אויך דאָס דײַטשישע פאָלק, זענען געהאָרכזאַם, נאָר ווען מען האַלט איבער זיי די בייטש.

בשעתן טיי טרינקען האָט דער גאָולייטער ווייטער אַרויסגעלייגט זיך פאַר מאַריאַנען מיט זיינע אָנשויונגען.

— דעם אמת געדעדט, — האָט ער געזאָגט, — איז זינט די וועלט שטייט, זענען פאַראַן בלויז הארן און קנעכט, הארן און קנעכט, נישט עפּעס אנדערש. אויב מ'דערציילט אייך עפּעס אנדערש, נאַרט מען אייך אָפּ. הארן און קנעכט, דייטלעכער געזאָגט, הארן און שקלאַפן. דאָס איז מיין מיינונג.

לויט זיין מיינונג זענען די מענטשן בלויז העפלעכער געוואָרן, מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. פריער האָט מען אָנגערופן די הארן הערשער, און די קנעכט שקלאַפן, היינט רופט מען זיי שעף אָדער דירעקטאָר, און די שקלאַפן — אָנגעשטעל־טע אָדער מיטאַרבעטער, כדי זיי צו הנאה טאָן. מ'רופט זיי אפילו אָן חברים, פּונקט ווי מ'האָט זיי אָנגערופן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע בורזשואַ, אַלץ פון העפלעכקייט וועגן. אינדערעמתן איז דאָס שטענדיק איינס און דאָס זעלבע! זינט די וועלט שטייט, הערשט אַ גאַנץ ריגע שיכט פון הארן איבער די שקלאַפן.

— אָט ווען איר קומט אפילו אין דעם אזוי גערופענעם פרייסטן לאַנד פון דער וועלט, פרייליך פאַלע, און קוקט זיך צו נענטער, וויאזוי ס'זעט דאָרטן אויס. דער שעף, וועלכער איז נישט צופרידן פון זיין אָנגעשטעלטן, זאָגט אים מיט דער גרעסטער העפלעכקייט, אז פונעם ערשטן אָן דאַרף ער אים מער נישט האָבן. דער אָנגעשטעלטער ווערט דאָס זעלבע הערן הונדערט מאָל, ביז ער וועט תופס זיין, וואָס די שעפן ווילן. און אויב ער וועט דאָס נישט תופס זיין, וועט ער גאַנץ פּשוט אומקומען, מעגלעך, אז אפילו אין און עלעגאַנטער קליניק, וואָס די שטאַט האָט גע־גרינדעט מאַקע פאַר די גראָשנס פון די זעלבע שקלאַפן, כאַ־כאַ־כאַ!

דער גאָליימער האָט זיך צעלאַכט הויך און ציניש, און וויל דאָס געשפּרעך איז אַרויף אויף זיין באַליבטער טעמע, האָט ער דערציילט אַ מאַסע פּרטים וועגן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין אמעריקע.

— דעם באָלשעוויזם וועלן זיי דאָרטן האָבן אַ סך פריער, ווי זיי שטעלן זיך דאָס פאָר, — האָט ער נביאות געזאָגט. און כדי צו מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף מאַריאַן, איז ער איבערגעגאַנגען אויף דער ענגלישער שפּראַך. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אונטערגעהאַלטן אין ענגליש, ביז עס איז אים געוואָרן אויפגעפאַלנד, וואָס מאַריאַן רעדט אויך ענגליש.

— איר רעדט דאָך זייער גוט ענגליש, — האָט ער אויסגערופן.

מאַריאַן האָט געלאַכט.

— איך לערן ענגליש אין דער שול, — האָט זי געזאָגט.

— איר לערנט אויך פרעמדע שפּראַכן?

— יאָ, איך גיב לעקציעס פון ענגליש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש.

— איר קענט אויך איטאַליעניש? — האָט געפרעגט דער גאָליימער שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— יאָ, אויך איטאַליעניש. — און מאַריאַן האָט אים דערקלערט, אז זי איז אַלס קינד דערצויגן געוואָרן פון באָנעס, מיט וועלכע זי האָט גערעדט נאָר אויף ענגליש, פראַנצויזיש אָדער איטאַליעניש.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט רומף געזאָגט און גענומען מאַריאַן נעמען אַ פּאַפּיראָס, — איין מאָמענט, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך פאַר־געזעצט, — איך האָב אַ װוּנדערבאַרע אידעע.

פון נעכטן אָן האָט ער געבראָכן זיך דעם קאָפּ, וויאזוי צו באַהערשן דאָס דאָזיקע באַצויבערנדיק כישופדיקע ווזן. אז ס׳וועט נישט לײַכט זײַן זי צו געווינען, האָט ער געוווסט פון דער ערשטער מינוט אָן. ער האָט ליב באקומען איר אומ־מיטלבאַרקייט, איר טאַקט, איר זאַרגלאָזיקייט און באַזונדערס איר דערפרישנדיקן געלעכטער. לעת־עתה האנדלט זיך עס אין דעם, ער זאָל זי אָפטער קאָנען זען. זי האָט אים אויסגעזען, ווי אַן איטאַליעניש מאַדאָנע. איז אָט איצטער האָט אים דער דאָזיקער צופאַל אָנגעוויזן אַ וועג.

— איין מאָמענט, — האָט ער איבערגעחזרט און צוגעגאַנגען צום פענצטער אָנצוצינדן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— איך האָב אַ באַפעל ארויסצופאָרן דעם נאָענטסטן זומער קיין איטאַליע. דעריבער מיין איך, אז ס׳וואָלט געווען גלענצנדיק, ווען איר וואָלט מיר ביז דעמלט באַקאַנט געמאַכט מיט די עלעמענטאַרע ידיעות פון דער איטאַליענישער שפּראַך, כאָטש אַ ביסל ווערטער, נישט אויסצוזען דאָרט ווי אַ נאַר. ווילט איר זיך געבן די מי? יעדע וואָך איין שעה. כ׳וועל אײַך זײַן זייער דאנקבאַר, פרײַלין פאַלע.

מאַריאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אויסדרוק פון הילפלאָזיקייט. זי האָט זײַן פאָרשלאַג אויף קיין פאַל נישט געקאָנט אָננעמען, זי האָט אָבער נישט געזען קיין שום עצה, וויאזוי אים אָפּצוזאָגן.

רומף האָט געלאַכט.

— פאַרוואָס וואַקלט איר זיך? — האָט ער געזאָגט. — האָט איר מורא פאַר מיר? דאָס וואָלט דאָך געווען לעכערלעך. איך וועל זיך שטענדיק באַציען צו אײַך מיט דער אכטונג, וואָס פאַרפליכטעט מיר בנוגע אײַך. איך ווייס דאָך, ווער איר זענט, פרײַלין פאַלע, און איך קען אויך אײַער פאָטער.

מאַריאַן האָט זיך פאַרוויטלט. איר פאָטער? ס׳איז איר גלײַך קלאָר געוואָרן איר חוב בנוגע אים. זי האָט זיך פאַרנייגט.

— גוט! — האָט זי געענטפערט. — מיר קאָנען דאָך פּרוּוון.

רומפס טונקל־בלויע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן מיט צופרידנקייט. ער האָט איר געדריקט די האַנט.

— איך דאנק אײַך, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט מוזן ארויסווײַזן אײַער גאַנצן פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט, ווײַל איר באַקומט אַ תּלמיד, וואָס האָט קיינמאָל

קיין צייט נישט. הייבן מיר אָן אין אַכט טעג אַרום אין דער זעלבער צייט, גוט? און איצטער, לאָמיר נאָך אויסטרינקען צו גלעזלעך ליקער, ווי?

זיי האָבן נאָך א ווײַלע געשמועסט וועגן טענים־קלוב און אנדערע ספּאָרט־פאַריינען אין שטאָט.

— איר זאָלט נאָר נישט מיינען, אז איך וויל אייך אויספּאָרשן, — האָט רומף געלאכט, — דערויף האָב איך מיינע מענטשן.

ס'האָט א קלינג געטאָן דער טעלעפאָן. מאַריאַן האָט זיך אויפגעהויבן.

— ליידער, האָט זיך שוין געענדיקט מיין פרייע צייט, — האָט דער גאָליי־טער געזאָגט, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן.

ער האָט מאַריאַן ארויסבאגלייט אין קאָרידאָר און צוגערופן דעם אלטן דינער:

— פירט צו די דאמע צום טויער.

„געדולד! געדולד!" — האָט ער געטראכט, נאָכקוקנדיק מאַריאַן.

ס'איז צוגעפאלן א טונקעלע נאכט און ס'האָט זיך פונאנדערגעבושעוועט א שניי־זאַווערוכע. פאַרן טויער איז געשטאַנען איינער פון די זילבערנע אויטאָס, און א טונקעלע געשטאלט האָט זיך דערנענטערט צו מאַריאַן. דאָס איז געווען טעין.

— איך האָב דעם כבוד אייך אָפּצופירן אהיים, — האָט ער געזאָגט.

— איך דאנק אייך, כ'האָב אינגאנצן עטלעכע מינוט גאנג, — האָט מאַריאַן זיך געווערט.

טעין האָט איר אָבער העפלעך פאַרשטעלט דעם וועג.

— איך בעט אייך זייער, איר זעט דאָך, ווי עס שנייט, — האָט ער איר אָפּ־געענטפערט. כ'האָב א באַפעל צוצופירן אייך ביז צו אייער טיר.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי געווען אין אַמזעלוויז, און רייטמייסטער טעין, ווידער פאררופנדיק זיך אויף אַ באַפעל, האָט איר דערלאנגט עטלעכע צווייג־לעך ווייסן בעז.

מאַריאַן איז אריין אין דער קיך אין א גוטער שטימונג. ס'האָט זי געפרייט, וואָס דער גאָלייטער האָט ארויסגעוויזן צו איר אזויפיל סימפּאַטיע. יעדעס מיידל פילט זיך גליקלעך, ווען מ'ווייזט צו איר אַרויס פאַרערונג.

— דו ביסט עפּעס זייער אין א גוטער שטימונג? — האָט די מאַמושקאַ געפרעגט. זי איז געווען שלעכט געשטימט און געקוקט מיט חשד אויף די צווייגלעך בעז.

מאַריאַן האָט זיך צעלאכט.

— כ'מיין, אז איך האָב דערצו א גענוגנדיקע סיבה, האָט זי אויסגערופן, — זעט אוים, אז דער גרויסער הער האָט סימפּאַטיע צו מיר.

— אום גאָטעס ווילן!

מאַריאַן האָט זיך ווידער צעלאַכט. קודם=כל האָט זי געפּרייט דער געדאַנק, וואָס זי האָט אַ שאַנס צו קאָנען העלפֿן דער שול און אַלע אירע גאָענטע. דאָס מוז דאָך די מאַמושקאַ באַנעמען. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט איר געמוזט דערציילן די געשעעניש פונעם גאַנצן טאָג ביז די קלענסטע פּרטים. זי האָט דאָס געמאַכט מיט אַ סך הומאָר, און גלייכצייטיק געבראָכן די צווייגלעך בעז און געוואָרפן אין פייער.

— ס'איז אַ רחמנות אויף דעם שיינעם בעז! — האָט די מאַמושקאַ באַדוויערט. — און וואָס איז דער בעז שולדיק?

דער בעז איז פאַרקוילט און פאַרברענט געוואָרן און מאַריאַן האָט פאַררוקט די שטערצלעך אויפן פייער.

— עס איז אַ רחמנות אויף אַ סך זאַכן אין דער וועלט, — האָט זי געענטפערט, — איז דען נישט קיין רחמנות אויף די, וואָס מוזן מאַכן אַן אָנשטעל און ליגנט זאָגן?

מיט איניקע טעג שפּעטער האָט דער מעדיצינישער ראַטגעבער פאַלע דערהאַלטן אַן אויסערגעוויינלעך העפלעכן בריוו פון שפּיטאָל=דירעקטאָר זאַנדקול, פון דעם זעלבן דאָקטאָר זאַנדקול, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס העסלעכע בוך וועגן ייִ״ן דער דירעקטאָר האָט געשריבן, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער קאָן דעם באַרימטן געלערנטן צוריק אומקערן דעם אינסטיטוט פאַר רענטגען=פאָרשונגען מיט אַלע רעכטן, ווי פריער. ער בעט נאָר, אַז דער שפּיטאָל זאָל קאָנען אויסנוצן דעם אינסטיטוט אין דרינגענדע פאַלן, ווייל זייער אייגענער פאָרשונגס=אינסטיטוט, וואָס דער הער גאַולייטער האָט געכטן באַשלאָסן אויפצובויען, וועט ערשט פאַרטיק ווערן זומער=צייט.

— ס'געשען נאָך באמת ניסים אין אונדזער צייט, — האָט פאַלע אַ גליקלעכער געזאָגט, — ווער ווייסט, אפשר וועלן זיי לסוף פאָרט קומען צום שכל.

VII

— משוגעים! צעחושטע! ווילדע ברואים! כ'גיב אייך מיין וואָרט, פּראָפעסאָר, אַז מ'וועט זיי פאַרשיקן אויפן שדים=אינדזל, וווּ זיי וועלן קאָנען איינס דאָס אַנדערע ממית זיין!

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן, גלייכען! — האָט וואָלפגאַנג געזאָגט פון זיין ווינקל. ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט.

— דעם טשעכישן פּרעזידענט האָבן זיי אוודאי אריינגעשיט סם אין ווייַן, און ס'קאָן זיין, אַז זיי האָבן אים פאַרשלעפּערט מיט כלאָראָפאָרם! דער גרעסטער

סקאַנדאַל, וואָס קאָן נאָר זיין! איר וועט זען, פּראָפעסאָר, מאָרגן וועט קומען אַ טע-לעגראַפישער הילפס-רוף פון פּראָג, אַזוי ווי ס'איז בשעתו געקומען פון ווין. איך גיי מיט אייך אין געוועט, אויף וואָס איר ווילט! וווּ איר גיט זיך נאָר אַ קער, איז שקר, שווינדל, פּראָוואָקאַציע, נבלה!

— טרינקט, גלייכען! — האָט וואָלפגאַנג אויסגערופן און זיך הויך צעלאַכט, ווען גלייכען האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל אין גרויס פאַרצווייפלונג.

גלייכען, וועלכער איז בטבע געווען אַ באַהערשטער און אַ רואיקער, איז היינט געווען אויסער זיך, נישט צו דערקענען. ער האָט געשפּאַנט אין דער אַטעליע מיט גרויסע טריט אויף און אָפּ און גערעדט הויך און שטאַרק, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. יעדער קלאַנג, יעדער טראַף האָט געקלונגען קלאָר און דייטלעך, און מ'האָט דערביי געפילט, אַז יעדעס וואָרט פליסט ארויס פון זיין טיפסטער איבערצייגונג.

זיינע פאַרנעפּלטע גרויע אויגן, וועלכע זענען אַלעמאָל אָנגעפילט געווען מיט אַ שטילן גלי, האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פלאַם.

— נעבעכדיקע! — האָט ער ווייטער גערעדט. — וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דייטשישן פאָלק? זיי האָבן עס צעשפּאָלטן אויף נאַצי-פּאַרטיי-מיטגלידער און אומפּאַרטייאישע, וועלכע ווילן נישט האָבן צו טאָן מיט דעם דאָזיקן סקאַנדאַל, זיי האָבן עס געשפּאָלטן אויף רעליגיעס און ראַסן. זיי האָבן נישט אַנטוויקלט די גוטע אייגנשאַפטן פון פאָלק, נאָר באַגיטיקט די שלעכטע: זיין פאַלשן נאַציאָנאַ-ליזם, זיין אוניפאָרמען-פעטישיזם, זיין פוסטקייט, זיין אָרדן-מאַניע, זיין פּאַטאַלאָ-גישן דראַנג ארויסצושטעלן זיך און זיין פאַלשע מיליטערישע אַמביציע.

גלייכען האָט אויפגעהערט שפּאַנען און אין פאַרצווייפלונג געטרייסלט מיטן גרוילעכן קאָפּ.

— מיר זענען אינדערמיט פון דעם אַלעם, פּראָפעסאָר, — האָט ער גע-שריגן, — און קיינער קאָן נישט תופס זיין אונדזער צער, אונדזער טרויער, קיינער נישט!

— און דאָך, — האָט גלייכען נאָך אַ פּויזע פאָרגעזעצט, — און דאָך האָט דער דאָזיקער מלך פון אַלע הויכשטאַפּלער, וועמענס איינציקער אָריגינעלער גע-דאַנק איז באַשטאַנען אין ווידער איינצופירן לייב-שטראָף, און דאָך האָט ער גע-קאָנט אַלץ מאַכן פון דעם דאָזיקן פאָלק! ער האָט עס געקאָנט מאַכן פאַר דעם געבילדעטסטן, פאַר דעם שענסטן, פאַר דעם שעפערישסטן און איידלסטן פאָלק, צו וועלכן די וועלט וואָלט זיך באַצויגן מיט דער פולסטער אַכטונג! מען וואָלט אים אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל אין הימל, און היינט, היינט וועט מען דעם דאָזיקן נעבעכדיקן נפש אויפשטעלן אַ דענקמאָל אין גיהנום. טראַגיש, טראַגיש, אומגע-הויער טראַגיש! — האָט גלייכען קרעכצנדיק געזאָגט.

אַ דערשעפּטער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול און געשויבערט די האָר.

אין דער אַטעליע פון סקולפּטאָר איז געווען שטאַרק היים, אָבער ארום דער אַלטער פויערישער כאַטע האָט דעם דאָזיקן אָוונט געבושעוועט אַ שניי־זאַווערו־כע, און ווען דער שטאַרקער ווינט האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די פענצטער, האָט מען געפילט אין אַטעליע און אייז־קאַלטן לופט־שטראָם, און דער לאָמפּ אויפן בעליק האָט זיך געוויגט.

וואָלפגאנג איז געלעגן אין אַ טונקעלן ווינקל, אויף אַ נידעריקן, אָפּגענוצטן פאָטעל און געטרויכערט זיין „ווירגיניע". נעבן אים איז געשטאַנען אַ פיגור אין נאַ־טירלעכער גרייס, וואָס האָט אין דער האלב־טונקלקייט אויסגעזען כמעט ווייס. דאָס איז געווען די סקולפּטור „דער, וואָס צערייסט די קייטן". די אויסשטעלונג אין מינכען האָט אָפּגעוואָרפן דאָס ווערק אונטער אַ פאַלשן אויסרייד. פאַרשטייט זיך, אַז וואָלפגאַנג האָט צו יענער צייט נישט געקאָנט זיין אין קיין פויגלדיקער שטימונג. כאַמעס און עמי־הארצים זענען געוואָרן די וואָרטזאָגער און באַשטימען היינט דעם געשמאַק אין לאַנד.

אַ שטאַרקער ווינט האָט מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אָנגעשלאָגן זיך אין פענצטער, דורך די שפּאַרעס האָט זיך אריינגעריסן שניי־שטויב. וואָלפגאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און ארויסגעקומען פון זיין טונקעלן ווינקל אויף דער שיין. ער האָט אוועקגעשטעלט אַ נייע פלאַש וויין אויפן טיש.

— לאָמיר זיך היינט אָנשיכורן, ליבער פריינד! — האָט ער אויסגערופן. — נאָר אזוי איז עס נאָך מעגלעך צו לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

— יאָ, לאָמיר זיך אָנשיכורן, פּראָפעסאָר! — האָט גלייכען אָפּגעענטפערט און אויסגעליידיקט זיין גלאָז ביזן דנאָ. — עפּעס אנדערש האָבן אונדז די דאָזיקע נעבעכדיקע נפשות נישט איבערגעלאָזט. — נאָך אַ ווײַלע האָט ער פאָרגעזעצט: כ'האָב אייך, דאַכט זיך, דערציילט, אַז די געסטאַפּאָ האָט נעכטן קאָנפיסקירט מיין שרייבמאשין?

וואָלפגאנג האָט אַ דערשראָקענער אויף אים אַ קוק געטאָן.

—וואָס זאָגט איר, גלייכען! — האָט ער אַ צעמישטער אויסגערופן.

גלייכען האָט באַרואיקנדיק געלאַכט.

— האָט נישט קיין מורא, פּראָפעסאָר. אזוי קלוג, ווי די געסטאַפּאָ, בין איך נאָך אויך.

אָבער וואָלפגאַנג האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט באַרואיקן.

— זייט פאָרזיכטיק, גלייכען! — האָט ער געוואָרנט. — איר קענט נאָך נישט אַלע גענג פון דער געסטאַפּאָ. איין קליינער דורכפאַל, און איר באַצאָלט מיטן קאָפּ! דעמלט איז אַ סוף מיטן „אומבאַקאַנטן זעלנער"!

— דאָס ווייס איך! — האָט גלייכען געלאַכט און נאָכטראַכטנדיק צוגעגעבן: צי האָט איר אַן אַנונג, וויפל ס'געפינען זיך אין לאַנד גרופן פון אונטערערדישן קאַמף? צי האָט איר אַן אַנונג? אין די הונדערטער! וואָס ווייסט די וועלט וועגן דעם? גאָרנישט. וואָס ווייסט די וועלט פון די צענדליקער טויזנטער, וואָס קומען היינט אום אין די תפיסות? לגמרי גאָרנישט. צייטנווייז לייענען מיר אין די צייטונגען א קליינע נאָטיץ, אז דער און יענער איז ביי א פרווו צו אַנטלויפן דערשאָסן געוואָרן. מער דערוויסן מיר זיך נישט. אָבער מיר ווייסן, פּראָפעסאָר, אז דאָס איז געווען איינער פון די נישט איבערגעקויפטע, איינער פון די נישט געבראָכענע.

— לאָמיר נישט פארלירן די האָפענונג, גלייכען! — האָט וואָלפגאַנג צוגעגעבן און ארויסגענומען פון שאַנק א נייע פלאַש וויין. — מיר האָבן נאָכנישט קיין גרונט צו פארלירן דעם מוט. לאָמיר טרינקען פאר א בעסערער צוקונפט!

— יאָ, פאר אַ בעסערער צוקונפט!

ביידע זענען אנטשוויגן געוואָרן און זיך איינגעהערט אינעם וואָיען פון ווינט. מינוטנווייז האָט זיך געלאָזט הערן א קראַכן פון די קראָקווען אויפן ביידעם, ערגעץ אין דרויסן, אין גאָרטן האָט זיך א צווייג אָפּגעריסן פון א בוים און אראָפּגעפאַלן מיט אַ הילכיקן טראַסק אויף דער ערד.

לאַנג איז גלייכען געזעסן און מיט פארנעפּלטע אויגן, מיט א פארשטאַרטן בליק געקוקט פאר זיך. פון צייט צו צייט האָט ער געטאָן א שלוק וויין און שפּעטער געקוקט אויף דער פאָדלאָגע.

לסוף האָט ער געזאָגט:

— איין זאַך איז מיר נאָך נישט קלאָר, פּראָפעסאָר, פארוואָס האָבן די דעמאָקראַטישע מלוכות גלייך נישט איבערגעריסן די באַציונגען מיט דעם מלך פון די הויכשטאַפּלער, בעת ער האָט אריינמאַרשירט אין די געביטן פון ריין? פארוואָס? זייער אינטערוועניץ וואָלט דאָך גענוג געווען! זיי האָבן דאָך געוווסט פון די סקאַנדאַליעזע געשעענישן פון דער רייכסטאַג-שרפה, וועגן וועלכע דאָס דייטשישע פאָלק האָט קיינמאָל זיך נישט דערוווסט און ווייסט עס ווייטער נישט עד-היום. זיי האָבן דאָך געוווסט, אז פארברעכער האָבן פארכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, פארוואָס האָבן זיי נישט געוואָרנט דאָס דייטשישע פאָלק? פארוואָס האָבן זיי דערלאָזט דאָס דייטשישע פאָלק בלינד אראָפּקוילערן זיך צו זיין אונטערגאַנג? היינט רעדן זיי טאָג און נאַכט פון הומאַניטאַרישקייט און מענטשלעכקייט. זיי מוזן דאָך זיין איבערצייגט אין די טיפענישן פון זייערע נשמות, אז דער מלך פון די הויכשטאַפּלער וועט אריינשליידערן דייטשלאַנד אין א תהום. ווילן זיי זען דעם אומקום פון דייטשלאַנד? ס'זעט טאַקע אַזוי אויס! דאָס איז עס, פּראָפעסאָר, וואָס איך קאָן ביז היינט נישט פארשטיין.

וואָלפֿגאַנג האָט מער נישט געענטפֿערט. ער איז געשלאָפֿן. עס איז אויפֿגעגאַנגען דער פֿרימאָרגן.

גלייכען האָט נאָך גערעדט א לענגערע צייט, כאָטש קיינער האָט נישט געענטפֿערט.

— אָנגעבן דורכן ראַדיאָ ריהנדיקע ווייַנאַכטס־לידער און האַרציקע פֿאָלקס־לידער און גלייכצייטיק מיט פֿלעקענער דערהרגענען סאָציאַליסטן — דאָס פּאַסט פֿאַר אָט דער דאָזיקער נעבעכדיקער באַנדע. א חרפּה און א בושה! א בושה און א חרפּה! — האָט ער געמרוקעט צו זיך אליין. דערנאָך איז זיין שטימע געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

— וואָס א טאָג זינקען מיר אַלץ טיפֿער און טיפֿער אינעם זומפּ פֿון שקר און פֿאַרדאָרבנקייט! — האָט ער נאָך פֿאַר זיך גערעדט מיט א געדעמפּטער שטימע. — איך זע פֿאַר מיינע אויגן דעם טאָג פֿון אונטערגאַנג! — לסוף איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

איצטער זענען שוין ביידע געשלאָפֿן, די לאָמפּן אין אַטעליע האָבן געברענט און די שניי־זאַווערוכע האָט געבושעוועט אַרום הויז.

VIII

ווי אַלע מענטשן, האָט אויך פֿאַביאַן געהאַט זיינע גליקלעכע טעג.

אין א געוויסן אַפּריל־פֿרימאָרגן האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אין א באַזונדערס גוטער שטימונג. ער איז זייער גוט און לאַנג געשלאָפֿן, און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס׳האָט זיך אים געחלומט קריסטע. אין חלום האָט ער געזען איר פּנים אַזוי קלאָר און דייטלעך, ווי קיינמאָל נישט אין זיין לעבן, און אַפֿילו ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן וואַך, איז איר געזיכט נאָך אַלץ געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן מיט דער פֿולער קלאָרקייט. איר שמייכל האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן טאָג.

אויף דער גאַס האָט ער זיך דערמאָנט, וועגן וואָס זיי האָבן אין חלום גערעדט. קריסטע האָט אים גראַטולירט מיט דער נאָמינאַציע אַלס אָבערשטורעמפֿירער, וועגן וואָס עס האָט איר עמעצער געשריבן. „דו מוזט האָבן נאָך א ביסל געדולד, האָט זי געזאָגט. א קאָרטנלייגערין אין רוים האָט מיר נביאות געזאָגט: „איר וועט חתונה האָבן מיט א גרויסן מאַן, וועלכער וועט ווערן אין זיין לאַנד א מיניסטער“. דערפֿאַר האָבן זיי ביידע דערנאָך נישט אויפֿגעהערט צו לאַכן.

די זון האָט געשיינט און מחיהדיק געוואַרעמט, כאָטש ס׳איז ערשט געווען אָנהייב אַפּריל. פֿאַביאַן האָט באַשלאָסן גיין צופֿוס אין זיין ביוראָ. ער האָט זיך

כסדר געגריסט, און די מענטשן האָבן אים געענטפערט אויף זיין באַגריסונג מיט גרויס אַכטונג. אַלע האָבן עפּעס אויסגעזען היינט אַזוי פריש און לויטער. דאָס איז אַלץ דער זון צו פאַרדאַנקען.

אין ביורא האָט אויף אים געוואַרט דער מעקלער, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַן=גאַס. די געזעלשאַפט „גרונט און באָדן" האָט שוין אָפּגעקויפט אַ מאַסע אָביעקטן, אַ טייל שפּאָט ביליק. און דער מעקלער האָט נאָך אַ ריי נייע אויסגעצייכנטע פאָרשלאָגן.

יעדנפאַלס, איז די געזעלשאַפט „גרונט און באָדן" אַ קוואַל פון גוטע געשעפטן, און פאַביאַן האָט באַרעכנט, אַז ביי די דאָזיקע טראַנזאַקציעס וועט ער פאַרדינען לכל הפּחות אַ מיליאָן. ניין, קריסטע, דו וועסט נישט חתונה האָבן מיט קיין קבצן, און אפשר וועט דיין צוקונפטיקער מאַן אַפילו ווערן אַ מיניסטער. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז די קאָרטנלייגערין אין רוים האָט דיר ריכטיק נביאות געזאָגט, פאַרוואָס דען נישט?

אַרום עלף אַזייגער האָט ער געהאַט אַן ענין אין געריכט, וועלכן ער האָט מיט דערפאָלג דורכגעפירט. מיט איין וואָרט, אַלץ איז אים היינט געגאַנגען זייער גוט. דערנאָך איז ער בערך אַ שעה צייט זיך דורכגעפאָרן מיטן אויטאָ אויף דער פרייִשער לופט. די זון האָט נאָך אַלץ געשיינט און געלויכטן.

ביים איבערפאָר לעבן די שעלהאַמער=פאַבריקן האָט ער געמוזט איבערוואַרטן אַ גוטע האַלבע שעה, ווייל ס'איז פאַרבייגעפאָרן אַ לאַנגער צוג, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. ער האָט אַליין איבערגעציילט דרייסיק פראַכט=וואַגאָנען. וואָס איז אָבער געשטאַנען אויף די וואַגאָנען? טאַקע טאַנקן, טאַנקן, שפּאָגל=נייע, געמאָלטע אויף גרוי, טאַנקן, אַלע אַלציינע, ער האָט זיי טאַקע געזען מיט די אייגענע אויגן, כאָטש זיי זענען געווען צוגעדעקט מיט פעסטע אימפּרעגנירטע פּלאַנדעקעס. דאָס איז געווען אַ דערפרישונג פאַר פאַביאַנס האַרץ! מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אים דערציילט, אַז אין דער וואָרמסער פאַבריק פון ניי=מאַשינען ווערן געמאַכט גראַנאַטן, מען אַרבעט אין דריי שיכטן. די אַרבעטער מיטן גאַנצן פערסאָנאַל האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה צו האַלטן אַלץ בסוד. קיינער טאָר דערפון נישט וויסן. דאָך האָט וועגן דעם געוווּסט די גאַנצע שטאָט. אחוץ ביי די וואָרמסער, מאַכט מען אויך גראַנאַטן אין דער וועבעריי פון לאַנגע און קאָמפּ. און נאָך ערגעץ, ער האָט שוין פאַרגעסן ווו. וווּנדערבאַר! דאָס מיליטער ווערט באַוואָפנט. אַזוי דאַרף עס צו זיין. ס'איז שוין אַ סוף מיטן ווערסאַלער טראַקטאַט.

נאָך מיטאָג איז ער געפאָרן צום פּאַלאַץ=גאָרטן און געהייסן אָפּשטעלן זיך ביים אַריינגאַנג פון באַראָק=טויער.

דער פּאַלאַץ=גאָרטן איז נאָך געווען אינגאַנצן הויל. די ליפּעס מיט זייערע צווייגן, ווי בעזעמער, האָבן אָפּגעלייגט צעוואָרפענע שאָטנס אויף די אויפגערוימטע

מטעזשקעס. אויף דער קלאָמבע פאַרן הויז פון גערטנער זענען געווען עטלעכע פאַראייניצלטע געלע און ליליאָווע קראָקוסן. ביים סאַמע הויז האָבן געבליט קוסטעס פון שנייבלימעלעך לעבן א גרופּקע קליינע העל־געלע טוליפּאַנעס. פּאַביאַן איז מיט א לאַנגזאַמען טראָט געגאַנגען איבער דער הויפּט־אַלייע. אויף די קוסטעס האָבן זיך שוין געזען אָנגעשוואָלענע קנאָספּן, ביי אייניקע האָבן שוין געהאט ארויסגעשפּראָצט איינציניקע בלעטעלעך, א טייל אָבער זענען נאָך געשטאַנען טויט־הויל. ווען פּאַביאַן האָט אָבער א ריץ געטאָן א צווייגל מיטן נאָגל, איז עס שוין געווען גרין, פול מיט זאַפט און לעבן. די ליפּעס האָבן אויסגעזען פונדערווייטנס נאָך איינגאַנצן אָן לעבן, ווען מ'האָט אָבער זיך נענטער צוגעקוקט, האָט מען געזען, אַז די צווייגן זענען שוין באַדעקט מיט קנאָספּן. אָן ספק איז דער ווינטער געווען אַ שווערער, ס'קומט שוין אָבער אָן דער פרילינג.

נאָך איין חודש, און קריסטע וועט צוריקקומען, און זיין לעבן וועט ווידער באַקומען א זין און אַן אינהאַלט. מענטשן, וועלכע מ'האָט ליב, האָט ער געטראַכט, מאַכן דאָס לעבן רייך, אָן זיי איז דאָס לעבן אָרעם און גרוי.

קריסטע האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט נאָך שרייבן, און ער וואָלט דאָך געווען א מענטש אָן ווירדע, ווען ער וואָלט נישט געקאָנט האָבן נאָך א ביסל גע־דולד. יעדנפאַלס איז עס ביי אים געווען א באַשלאָסענע זאַך, חתונה צו האָבן מיט קריסטען אַזוי שנעל, ווי נאָר ס'וועט מעגלעך זיין, אַז זי זאָל שוין שטענדיק זיין מיט אים. זינט וואָכן האָט ער שוין געהאַט אויפן אויג א הערלעכע ווילע, וועלכע וועט אוודאי קריסטען געפעלן. מעגלעך, אַז זי איז א ביסל צו גרויס, זיי וועלן דאָך אָבער זיין געגנוג פאַרמעגלעך צו קאָנען האַלטן אַזויפיל דינערשאַפט, וויפל ס'וועט נייטיק זיין. זיין פּראַקטיק און זיינע לויפיקע געשעפטן פאַרזיכערן אים גרויסע הכנסות, און קריסטע אליין וועט דאָך אים צו דער חתונה אריינטראָגן א באַדייטנדיקן פאַרמעגן, נישט אַזוי ווי קלאָטילדע מיט אירע פיר פאַרהובעטע הייזער.

אויפן צוריקוועג אַהיים איז ער פאַרבייגעפאָרן קריסטעס הויז. אַלע לאָדנס זענען נאָך געווען פאַרמאַכט. דער קליינער גאָרטן פון פאָרנט איז געווען פאַרוואָרלאָזט און ווינטערדיק. אויף א סך קוסטעס זענען נאָך געהאָנגען פאַרוועלקטע בלעטער. נעראָ האָט זיך גלייך באַוויזן און בילנדיק געשפּרונגען נעבן די שטאַכעטן, און זיינע העלע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד. פּאַביאַן האָט זיך צו אים אָנגערופן, און נעראָ האָט גלייך אָנגעהויבן פריידיק צו דרייען מיטן וויידל און רייבן דעם קאָפּ אין די שטאַכעטן, אַז פּאַביאַן האָט אים געקאָנט אַ גראַבל טאָן אין קאָפּ. דער הונט איז אים נאָכגעלאָפן ביז צום שכנותדיקן גאָרטן און געבילט אומגעדולדיק, ווען פּאַביאַן איז אַוועק ווייטער. לאַנג האָט נאָך פּאַביאַן געהערט זיין בילן, און ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר א גוטן סימן.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין זיין צימער, האָט ער אויפן שרייבטיש געפונען

אַ טעלעגראַמע. זי איז געווען פון קריסטען. „מיר קומען צוריק דעם זעקסטן מאַי. גיט אַ טראַכט וועגן אונדזערע וויכטיקע געשפּרעכן!" — האָט זי דעפּעשירט.

די טעלעגראַמע האָט אים אינגאַנצן באַרוישט. פון גרויס התפעלות האָט ער זי געקושט, פונקט ווי אַ פאַרליבטער גימנאַזיסט. זי האָט אפילו אין זינען די וויכ־טיקע געשפּרעכן!

ער האָט געעפנט דאָס פענצטער און לאַנג געקוקט אין דער טונקעלער נאַכט. אויפן הימל האָט מען געזען נאָר אַן איינאיינציקן גרויסן שטערן. דאָס איז געווען קריסטעס שטערן! באמת, ער איז געשטאַנען אויף זיין העכסטן לעבנס־שטאַפּל!

באַרוישט פון גליק, האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז נאָכאַמאָל אַראָפּ אין רעסטאָראַן פון האָטעל און באַשטעלט אַ פלאַש שאַמפּאַניער. ראָסמייער האָט שוין אַרויסבאַגלייט די לעצטע געסט און געהאַט אַזאַ צופרידענע מינע, אַז פּאַביאַן האָט אים פאַרבעטן אויף אַ גלאָז שאַמפּאַניער.

— כ'האָב דערהאַלטן אַ גוטע טעלעגראַפישע ידיעה, — האָט ער אַ גוט גע־שטימטער געזאָגט, — איר וועט דאָך מיט מיר איבערטרינקען אַ גלעזל, ראָסמייער?

דער האָטעל־איינגנטימער האָט זיך אוועקגעזעצט און געגלעט די שיטערע האָר אויף די גוליעם פון זיין ליסינע.

— כ'דאַנק אייך, — האָט ער געענטפערט.

— איר זענט היינט אַזוי גלענצנד אויפגעלייגט, ראָסמייער, — האָט פּאַביאַן געזאָגט, — ער האָט אייך מן־הסתם שוין ענדלעך באַצאָלט?

ראָסמייער האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין, ער האָט נאָך אַלץ נישט באַצאָלט, און איך דאַרף שוין איינצאָלן די היפּאָטעק־צינזן, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב אָבער שוין אויפגעהערט וועגן דעם צו קימערן זיך.

— נו, זעט איר, וואָס האָב איך אייך געזאָגט?

— איך באַטראַכט היינט אַלץ פון אַ העכערן שטאַנדפּונקט, ווי איר האָט מיט מיר גערעדט, — האָט ראָסמייער פאַרגעזעצט, — עס האַנדלט זיך דאָך ווירק־לעך וועגן העכערע זאַכן! די באַנקן גיבן מיר הלוואות, וויפל כ'זאָל נאָר וועלן, און דער רייטמייסטער מעין האָט זיך ביי מיר אָנגעפרעגט, צי כ'וואָלט איבערגענומען די האָטעלן אין קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד.

— אין קאַרלסבאַד און מאַריענבאַד?

— יאָ. אַלע יידישע האָטעלן דאַרפן אַנטאייגנט ווערן. איך דאַרף די קומענ־דיקע וואָך פאָרן אַהין, צו באַקומען פאַר מיר אַ צענדליק קאַסטנס זילבער־ און קרישטאָל־געשיר. דער גאַולייטער וועט מיר אַרויסגעבן אַ דערלויבעניש. איר ווייסט דאָך, וויפל ס'איז ביי מיר אין די לעצטע יאָרן צעטראַסקעט און אוועקגעגנבעט געוואָרן.

IX

דער חודש אפריל האָט זיך דערגענטערט צום סוף, און מ'האָט שוין אָנגעהויבן מאַכן טיילווייזע צוגרייטונגען צום ערשטן מאי. וואָרעם מען האָט פארוואנדלט דעם ערשטן מאי, וועלכער איז זינט יאָרן געווען דער יום=טוב פון די ארבעטנדיקע, אין אַ גרויסן יום=טוב פון דער נאצי=פארטיי.

די רעסטאָראנען און גאסטהייזער זענען אָפן געווען ביז שפעט אין דער נאכט, און שוין אין אָוונט ערב ערשטן מאי האָבן זיך דאָ און דאָרט באוויזן פענער אין די פענצטער. אין דער פרי אָבער איז שוין די גאנצע שטאָט איינגעטונקט געווען אין האקנקרייץ=פענער. אויף דער ווילהעלם=גאס האָבן פון יעדן שטאָק ארויסגעהאָנגען אָנצאָליקע פענער, צווישן זיי אויך גאנץ לאנגע, וואָס האָבן דערגרייכט ביזן טראָטואַר. איינע אַזאַ פאָן, למשל, האָט אַרויסגעהאָנגען פונעם יוסטיצראַטגעבער שוואבאכס פענצטער. די בלאָק=קאָמענדאנטן האָבן געהאט א באפעל צו לייגן ספּעציעל אכט דערויף, און צו מעלדן וועגן די אלע, וועלכע וועלן נישט ארויסהענגען קיין פענער. קיינער האָט, פארשטייט זיך, נישט געהאט קיין חשק צו געפינען זיך אויף דער שוואַרצער ליסטע. אויך פון פאַביאַנס ביוראָ האָבן אַרויסגעהאָנגען פענער, פון יעדן פענצטער א פאָן פון א נישט גרויסן פאָרמאט.

די מענטשן זענען געבליבן שטיין פארגאפט, דערזעענדיק די געדיכטע וועלט פענער, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם איבערוויגנדיקן נצחון פון דער נאצי=פארטיי. א טייל האָבן פארחידושט געשאָקלט מיטן קאָפ. שאָקלען מיטן קאָפ איז אפילו נישט געווען פארבאָטן, בפרט וואָס קיינעם נישט איינגעפאלן צו טאָן עס איגגאנצן פריי פאר אלעמען. הונדערטער שפיצלעם האָבן זיך געדרייט איבער די גאסן. אזא שאָקלען מיטן קאָפ האָט געקאָנט באדייטן א פריידיק סאָלידאריזירן זיך, ס'האָט אָבער אויך געקאָנט פאראטן אן אויסדרוק פון צער און טרויער איבער דעם נעבעכדיקן דייטשלאנד.

אין אלע טיילן פון שטאָט האָט זיך צעשאלט די מארש=מוזיק, זי האָט ארויסגעשטראָמט פון גאסן און געסלעך. מונדירטע אין ברוינע און שווארצע אוניפאָרמען האָבן אין איילעניניש ארויסגעלאָזט זיך פון די טויערן, און עלטערע מענטשן אין נאַצי=מונדירן האָבן געשפאנט מיט פארריסנקייט, מיט אן אויסדרוק פון חשיבות און גאווה. מ'האָט געזען ריכטער און פראָפעסאָרן, באַאַמטע און לערער — אלע אין זייערע אוניפאָרמען. ס'איז דאָך געווען דער גרויסער פארטיי=טאָג. פון די גאסן האָבן ארויסמארשירט צוגן פון דער היטלער=יוגנט אין ברוינע מונדירן, אַ סך מיט שטילעטן ביי די פאסקעס, מיט א האקנקרייץ=פאָן אין דער שפיץ. זיי האָבן געזונגען מיט זייערע פרישע, יונגע שטימען, אז עס האָט אָפגעקלונגען איבער דער גאנצער שטאָט. „היינט געהערט אונדז דייטשלאנד און מאָרגן די

גאַנצע וועלט!" — האָבן זיי געזונגען, און נאָך אַנדערע לידער. איבער די גאסן האָבן זיך אויך געצויגן צוגן פון יונגע מיידלעך אין בלויע ספּודניצעס, מיט אַ האַקנקרייץ=פאָן בראש. זיי האָבן געפּלוידערט און געפּלאפּלט, דאָס יונגוואַרג, און אויך פון צייט צו צייט אָנגעהויבן זינגען א פריש ליד, די וועלט זאָל זען, אז זיי פילן זיך גליקלעך אונטער דער האקנקרייץ=פאָן, און אז זיי שטאַמען פון א מוזיקאַליש פאָלק. די פּאַרטיי=פירער באַטאָנען דען נישט שטענדיק, אַז דאָס דייטשישע פאָלק האָט ארויסגעגעבן בעטהאָווענען און מאָצארטן?

פון צייט צו צייט זענען אָנגעלאָפן אויף דער ווילהעלם=גאס שטאַפּעטן=טרעגער, איינצלנע אָדער קליינע גרופּן, און דער עולם האָט זיי אויפגענומען מיט באווונדערונג און געמאכט פאר זיי א וועג. די לויפער זענען געווען באדעקט מיט שווייס, די העמדער נאס, אויף די רוקנס האָבן זיי געשלעפּט שווערע טאָרניסטערס. זיי זענען געווען מיטגלידער פון ספּאָרט=פאריין „זיגער", וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אָרגאניזירט א מארש מיטן גאנצן געפּאַק. זיי האָבן שוין דורכגעמאכט אַ מאַרש פון צוואנציק קילאָמעטער מיט די שווערע טאָרניסטערס אויף די רוקנס און, דערשעפּטע, מיט פאַרגלאָזטע אויגן, געלאָזן זיך דורך דער ווילהעלם=גאַס צום ראָטהויז=פּלאַץ, ווו טאובענהאוז האָט זיי שוין דערווארט מיט א שווערן זילבערנעם בעכער.

און אָט איז אָנגעקומען אַ ליאַרעמדיקע קאַפּעליע מיט בלאָז=אינסטרומענטן, וועלכע האָט אַ זעץ געטאָן אַ פרישן מאַרש. נאָך איר האָבן מאַרשירט דריי אָפּטיילונגען אין ברוינע מונדירן, און די טופּענדיקע שטיוול האָבן אָנגעפילט די ווילהעלם=גאַס מיט טומל און ליאַרעם. די לעצטע אָפּטיילונג, מיט די סאַמע אָפּגעקליבענע און שטאַרקסטע יונגען, האָט געפירט אַ קרעמפּער פאַרשוין, וועמענס אָפּשטייענדיקע ראָק=רויטע אויערן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן שוין פונווייטנס. דאָס איז געווען דער שטורעמפירער האַביכט. זיין שטורעם=אָפּטיילונג האָט געמאכט דעם בראַווסטן איינדרוק. ווען די דאָזיקע חברה וועט זיך לאָזן אין אַן אטאַקע, זאָל איין גאָט זיך מרחם זיין! איבער די קאָלאָנעס האָבן געוויגט זיך האַקנקרייץ=פענער. די מענטשן האָבן לויטן באַפעל זיך געשטעלט אויף אַכטונג, אַראָפּגענומען די היט און אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הייך צום נאַצי=גרוס.

עס האָבן א דונער געטאָן די טראָמפּייטן, און די אָפּטיילונגען האָבן אָנגעהויבן ריטשען און זינגען מיט הייזעריקע שטימען. זייער געזאַנג האָט אָפּגעהילכט אין דער ווייטקייט.

די קאָלאָנעס האָבן מאַרשירט צום מושטיר=פּלאַץ, וווהין דער גאולייטער האָט באַפוילן. אַלץ האָט מאַרשירט אַהין: קאָלאָנעס אַרבעטער פון די שעלהאַמערפאַבריקן, פון די וועבערייען, פון די וואַגאָן=פאבריקן, פון קעסלשמידערייען, פון וואַרן=הייזער, ביוראָען — אַלע, אַלע.

מ׳האָט זיי באַפוילן אויסצוהערן דעם גאולייטערס רעדע, און זיי האָבן דעם באַפעל אויסגעפירט, כדי אויסצודריקן זייער פאַרבונדנקייט מיט דער פאַרטיי. די, וואָס האָבן געמיינט צו קאָנען אינמיטן אַנטרינען ווערן, האָבן זיך טועה געווען. ס׳זענען געפירט געוואָרן גענויע רשימות ביים אַרויסמאַרשירן און ביים צוריקקערן זיך אַהיים. אחוץ דעם, האָט געווימלט פון שפּיצלעם און אַגענטן. קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זיין מיטאַרבעטער אָדער די חנעוודיקע קאַסירשע אין וואַרן=הויז איז נישט קיין שפּיצל.

פּאַביאַן האָט זיך זאָרגפעליק אָנגעטאָן. צום ערשטן מאָל האָט ער, אַלס פּאַרטיי=אָפיציר, גענומען אַן אָנטייל אין אַן אָפיציעלער פייערונג. דאָס נייע היטל פון אַן אָבערשטורעמפירער, מיטן העל=רויטן שטייפן ראַנד, האָט אים גוט געקליידט. זיינע אַלטע שטיוול, וואָס האָבן אַזוי הערלעך געסקריפּעט, האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו פּראָסט, און ער האָט זיי פאַרטוישט אויף עלעגאַנטערע פון אַ דינערן לאַקיר.

הגם דאָס וועטער איז געווען נישט קיין זיכערס, און פון צייט צו צייט זענען אַפילו געפאַלן רעגנטראָפּנס פונעם פאַרכמאַרעטן הימל, איז ער געפאָרן דורך דער שטאָט אין אַן אָפענעם אויטאָ. ער איז געזעסן צעלייגט אינעם אויטאָ און געלאָזט זיך באַוואונדערן פון די דורכגייער. ווען ס׳האָט ווער זיך צו אים געגריסט, האָט ער פריינדלעך און ליבנסווירדיק, אַפילו לייטזעליק אויפגעהויבן די האַנט. „די מענטשן ווילן האָבן עפּעס צו באַוואונדערן, עפּעס, צו וועלכן זיי זאָלן קאָנען אַרויפקוקן. ס׳זענען פאַראַן אויך מענטשן, וועלכע האָבן ליב אויף אַנדערע אַראָפּצוקוקן. צו די דאָזיקע געהער אויך איך, אָבער דאָס דאָזיקע דאַרף מען אָפן נישט זאָגן“, — האָט פּאַביאַן געטראַכט. אויף דער ווילהעלם=גאַס האָט ער באַפוילן דעם שאָפער צו פאָרן לאַנגזאַם, ווייל ער האָט געוואָלט אַ ביסל אָנקוקן די מאַגאַזינען פון דער גאַס. אַ סך געשעפטן זענען געווען דעקאָרירט מיט בלומען, פענער, פּאָרטרעטן און ביוסטן פון פירער; צום שענסטן איז געווען אויסגעפּוצט ניקאָלאַס יוועליר=מאַגאַזין: לאָרבער=ביימלעך האָבן אַרומגענומען אַ גרויסן האַקנקרייץ פון ווייסע און רויטע רויזן.

„דער גוטער שוואַבאַך וויל אונדז ווידער אַלע איבערשטייגן“, — האָט פּאַביאַן שמייכלענדיק געטראַכט, ווען ער האָט דערזען די ריזיקע פאָן, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פון שוואַבאַכס באַלקאָן ביז צום טראָטואַר.

אַ שטורעם פון „הייל“=אויסרופן האָט זיך צו אים דערטראָגן, בעת ער איז צוגעפאָרן צום מושטיר=פּלאַץ. דער גאולייטער איז אָקאָרשט אַרויף אויף דער רעדנער=טריבונע. שטייענדיק אינמיטן פון אַ מחנה אַדיוטאַנטן, שטורעמפירער, אָבערשטורעמפירער, שטאַנדאַרטנפירער, האָט פּאַביאַן זיך צוגעהערט צו דער רעדע פונעם גאולייטער און צייטנווייז נישט געקאָנט באַהערשן זיך נישט אַ שמייכל

צו טאָן. ער האָט געקענט די דאָזיקע רעדע גאַנץ גענוי, ווייל ער האָט זי דאָך פאַרפאַסט. רומף האָט אים וועגן דעם געבעטן, בעת ער האָט מיט אים אויפסניי געשפילט אין ביליארד אין איינשטעטען.

— אַ לאַנד אָן קאָלאָניעס קאָן קיינמאָל נישט ווערן קיין גרויסע מלוכה! — האָט דער גאוליטער געשריגן. — ס'איז אזוי ווי א שטאָט, וואָס איז ארומגערינגלט מיט ווילסטעניש און נישט מיט גערטנער, וועלדער און פעלדער. מיר באַוואונדערן די מלוכות, וועלכע ווענדן אָן אַלע כוחות צו דעראָבערן פאַר זיך קאָלאָניעס, ווו ס'איז נאָך מעגלעך, ווי, למשל, מוסאָליניס איטאַליע.

פאַביאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס זענען געווען זיינע ווערטער און זיינע געדאַנקען.

אין דעם מאָמענט, ווען די זון האָט ארויסגעשיינט, האָט דער גאוליטער אויסגעזען א סך רויטער, ווי ער איז געווען אינדערעמתן, ווײלענווייז כמעט רויט, ווי א ראַק. פון ציים צו צייט האָט ער ממש געריטשעט אויף דער קליינער טריבונע, וועלכע איז געווען ארומגעהאָנגען מיט האַקנקרייץ-פענער און ארומגעשטעלט מיט לאָרבער-ביימלעך. ער האָט זיך לעבעדיק באַוועגט אהין און צוריק, און איין מאָל האָט ער אזוי האַסטיק א קלאַפּ געטאָן איופן רעדנער-פולט, אז מ'האָט דעם טראַסק געקאָנט הערן ווייט אויפן מושטיר-פלאַץ, און זיין מאַנוסקריפּט האָט א פלי געטאָן אין דער הייך. פאָגעלסבערגער איז אהינצו ראַשיק צוגעשפּרונגען און איילי'ק צונויפגעלייגט די בלעטלעך.

— דאָס קליינע האָלאַנד אלס קאָלאָניאַל-לאַנד באַזיצט א גאַנצן ארכיפּעלאַג, פראַנקרייך האָט באַהערשט אומגעהויערע געביטן, הגם אירע אייגענע פעלדער מוז זי באַארבעטן מיט אימפּאָרטירטע נעגער, ווייל די פראַנצויזישע פרויען האָבן נישט קיין חשק צו קינדלען. און ענגלאַנד! לאָמיר נעמען ענגלאַנד! — האָט רומף אויסגעשריגן פאַביאַנס ווערטער. — זי איז נישט גרעסער פון אַ האַנט, אָבער זי האָט די פינגער פון דער דאָזיקער האַנט אויסגעצויגן, און וואָס איז געבליבן אויף זיי הענגען? א פינפטל פונעם ערד-קיילעך איז געבליבן אויף זיי הענגען!

אַ שטורמיקער „הייל"-געשריי האָט באַלוינט דעם רעדנער, וועלכער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים.

— ווי זעט דאָס אָבער אויס ביי אונדז? די גרויסמאכטן האָבן ביי אונדז צוגערויבט דאָס נעבעכדיקע ביסל קאָלאָניעס, וועלכע ביסמארק האָט פאַר אונדז צוזאַמענגעשאַכערט, כאָטש ביי אונדזער הימלשרייענדיקער איבערבאַפעלקערונג, א'ז גאָט אַן עדות, אז מיר דאַרפן נישט אימפּאָרטירן קיין שום נעגערס.

בשעת דער העלפאַנט איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און זיך נישט געקאָנט מער קיין ריר טאָן, — האָט רומף געשריגן, — האָבן אים די זיגער אָפּגעזעגט די שטוים-ציינער — אונדזערע קאָלאָניעס. און וואָס האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזט —

האָט דער גאולייטער געריטשעט מיט זיין בלוט־רויטן פּנים. — אפילו נישט קיין שמוציקע בלאָטע און אפילו נישט קיין טויטן נעגער!

דאָס זענען שוין געווען אויסדרוקן פון זיין אייגענער דערפינדונג.

— און פאַרוואָס? פאַרוואָס, פרעג איך אייך? — האָט רומף געברילט איבערן פּלאַץ, אויף וועלכן די מענטשן זענען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. — ס'האָט געפעלט דער שטאַרקער מאַן, וועלכער זאָל די רויבער געבן איבער די הענט! היינט וועלן זיי דאָס שוין נישט מער וואַגן! וואָרעם היינט, היינט האָבן מיר דעם דאָזיקן שטאַרקן מאַן!

א דערשעפּטער, האָט ער איבערגעריסן און געוואַרט, ביז דאָס רעשיקע „הייל"־געשריי האָט זיך איינגעשטילט.

דערנאָך האָט ער האסטיק אָפּגעהאַקט. צוליב עפּעס געוויסע סיבות האָט ער אויסגעשטראָכן עטלעכע זאַצן פון פּאַביאַנס רעדאַקציע.

— אונדז בלייבט נישט איבער מער, ווי די האָפענונג, — האָט ער געשריגן, — די האָפענונג אויף די קינפטיקע צייטן. ווער עס גלייבט, אַז די וועלט איז שוין אויף שטענדיק און אויף אַלע צייטן פאַנאַנדערגעטיילט, איז א שוטה! אַנדערע דורות וועלן קומען אויף דער דאָזיקער ערד, דרייסטע, אָן פּחד פאַרן טויט, מיליטעריש געשולטע דורות, און זיי וועלן שאַפן א נייע אָרדענונג אויף דער דאָזיקער וועלט! אייך אָבער רוף איך: הערט נישט אויף צו האָפן און זייט גרייט צו יעדער שעה!

די רעדע איז געווען געענדיקט. אַן אומאויפהערלעכער „הייל"־געשריי האָט זיך צעהודזשעט איבערן פעלד. די אָרקעסטערס האָבן אויפגעשפּילט אַלע צוזאַמען. דערנאָך האָט דער עולם געזונגען דאָס דייטשלאַנד־ליד, און אויך פּאַביאַן האָט אויפגעהויבן די האַנט און א מיטגעריסענער מיטגעזונגען. זינט זיין פרישטער יוגנט האָט אים דאָס דאָזיקע ליד פאַרכאַפּט.

ס'זענען אָנגעפאָרן די זילבער־גרויע אויטאָס און זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אָפיצירן פון די ברוינע און שוואַרצע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן דעם גאולייטער באַגריסט מיט זיין רעדע און אויסגעדריקט אים זייער פאַרערונג.

אין בישאָפן־פּלאַץ האָט דער גאולייטער שפּעטער נאָך אויפגענומען די דעפילאַדע פון די שוואַרצע און ברוינע פּאַרטיי־אָפּטיילונגען. ער איז געשטאַנען גאַנץ אַליין אויפן גרויסן באַלקאָן פון פּאַלאַץ און תיכף פאַרשוונדן, ווען די לעצטע אָפּטיילונג האָט פאַרביידעפילירט.

אויפן פּלאַץ פון בישאָפן־פּלאַץ האָט פּאַביאַן געשמועסט מיט עטלעכע אָפיצירן. פּולקאָווניק טינען, אין א שטאַנדאַרטנפירער־מונדיר, האָט פּאַבמעניש אָפּגעשאַצט איינצלנע פאָרמאַציעס, וועלכע האָבן פאַרביימאַרשירט אויפן צוריקוועגס.

— אַ פראַכטפולער מאַטעריאַל! — האָט אויסגערופן דער גרייזגרויער פּילקאָוניק, באַגייסטערט זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, — קיין שום פאָלק אויף דער וועלט וועט אַזאַ יוגנט נישט האָבן. קוקט אייך צו צו זייער קוים געהעמטער קאַמפּס־אַנטשלאָסנקייט! מיט דער דאָזיקער יוגנט קאָנען מיר איינגעמען די וועלט. גיט נאָר אַ קוק! עס גייט אייער אָפּטיילונג, הער רעגירונגס־ראַט! — האָט ער אָפּגעהאַקט און אָנגעוויזן אויף אַ קאָלאָנע ברוינע סאָלדאַטן, וועלכע זענען אָנגעקומען מיט הילכיקע טריט.

דאָס איז געווען האַביכטס אָפּטיילונג, וועלכע איז צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פאָרמאַציעס געווען אונטערגעאָרדנט פאַביאַנען.

האַביכט איז אַמאָל געווען אַן אונטעראָפיציר אין פּאָטסדאַם, און ער האָט זיך שטאַרק באַמיט אויסצולערנען די דאָזיקע לאַנדסקנעכט דעם מיליטערישן שיק. ווען ער האָט פאַביאַנען דערקענט, האָט ער נאָר אַ ווונק געטאָן צו זיינע סאָלדאַטן און מיטן בליק האָבן זיי געפּאַסט די טריט, און די פאָן, וועלכע ס'האָט איינער נאַכלעסיק געטראָגן אויפן רוקן, איז בליץ־שנעל פּאַראַדמעסיק אויפגעהויבן געוואָרן.

פאַביאַן האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס און אַ הייב געטאָן די האַנט אין דער הייך, ווי עס געהער צו זיין.

האַביכט האָט אַ קער געטאָן זיך צו אים מיט די אויגן, און שוין זענען אַלע אויגן געווען געווענדט צו פאַביאַנען, און מיט גלייכמעסיקע אָפּקלאַפּנדיקע טריט האָבן זיי אַדורכמאַרשירט פאַרביי אים.

ווען ער האָט שוין אַראָפּגעלאָזט די האַנט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אַ געריריטער.

X

די דאַמען לערכע־שעלהאַמער זענען צוריקגעקומען מיט עטלעכע טעג פריער, ווי זיי האָבן לכתחילה בדעה געהאַט. זייערע אַמעריקאַנער פריינד זענען גראָד געפאָרן מיטן אייגענעם אויטאָ קיין גענוא, כדי דאָרט זיך אויפצוזעצן אויף אַ שיף, זענען זיי מיטגעפאָרן. אין גענוא איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע היץ, האָבן זיי געענדערט דעם מאַרשרוט, געלאָזן זיך אויף צפון און געפאָרן טאָג און נאַכט, ביז זיי זענען אינגאַנצן דערשעפּטע אָנגעקומען אַהיים. פון מידקייט האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג נישט געקאָנט זיך רירן און געמוזט ליגן אין בעט. צומאָרגנס אָבער האָט זיך קריסטע געפילט אַזוי פריש און מונטער, אַז זי איז מיט איר קליינעם אויטאָ אַרויסגעפאָרן אין שטאָט.

דאָס ערשטע איז ביי איר געווען צופאָרן צום „שטערן“, כדי זיך צו דערוויסן וועגן פאביאנען. פאביאן איז אָבער געווען אויף די מאי־פייערלעכקייטן. אהא, ער איז דאָך געווען א שטאָטישער באאמטער, האָט ער בלית־ברירה געמוזט בייזיין די דאָזיקע פייערונגען. איז זי דערווייל געפאָרן אויף דער בוקן־אליע אָנצוקוקן דאָס הויז נומער זעקס. פאביאן האָט אין זיין לעצטן בריוו געמאכט געוויסע אָנצוהערעניש וועגן דעם הויז, אז ער וויל עס קויפן. ס'איז נישט געווען שווער זיך אָנצושטויסן, פארוואָס ער האָט בכלל וועגן דעם געשריבן. עס איז דעריבער ביי איר נישט געווען קיין שום ספק, אז ער וויל עס קויפן פאר אירעטוועגן.

נו, אויב זי וויל זיין ערלעך, מוז זי מודה זיין, אז פאביאן איז איר געווען מער ווי סימפּאַטיש, יאָ, אַז זי האָט אים ליב. אַז ער איז אַ באַגאַבטער מענטש, העכער פון דורכשניט, איז פאר איר געווען קלאָר. קודם־כל האָט זי אין אים געשעצט זיין אויסגעצייכנטן חוש און זיין גרויס פארשטענדעניש פאר קונסט. דערביי איז ער געווען א שייגער מאנצפארשוין מיט פיינע מאַניערן, אזוי אז מ'וועט קאָנען מיט אים גוט אויסקומען. ס'איז איר אויך געפעלן, וואָס ער האָט אמאָל געטראכט צו ווערן א גלח. נאָר א גוטער מענטש קאָן האָבן אזא פארלאנג.

זי האָט געלאכט. קאָן מען דען בכלל מיט ווערטער אויסדריקן, פארוואָס מ'האָט א מענטשן ליב?

דאָס הויז נומער זעקס איז איר געפעלן, הגם ס'האָט זיך איר אויך אויסגעוויזן א ביסל צו גרויס. איצט, אז זי האָט שוין באפרידיקט איר נייגער, איז זי צוריקגעפאָרן אין צענטער שטאָט, כדי צו באזוכן מאריאָן.

דער אָנבליק פון דער ווילהעלם־גאס האָט אויף איר אָנגעוואָרפן א שרעק. מען האָט קוים געקאָנט ארויסזען די הייזער פון היגטער דער וואנט פון די עקל־האפטע האקנקרייץ־פענער, וועלכע זי האָט שוין אויף אייביק געהאסט. זי האָט געפרווט וואָס גיכער ארויסבאקומען זיך פון דער דאָזיקער גאס. דערווייל האָט זי זיך דערוווסט, אז די יידישע שול איז זינט עטלעכע וואָכן איבערגעטראָגן געוואָרן און געפינט זיך אָבער גאָרנישט ווייט פון דאנען. זי האָט ארויסגערופן מאריאָן און געשמועסט מיט איר א לענגערע צייט.

— גרויסע נייעסן! — האָט מאריאָן לאַכנדיק אויסגערופן. — זייער משונהדיקע און זייער איבערראשנדיקע זאכן זענען דאָ געשען.

מאריאָן האָט כסדר זיך געראָיטלט. זי האָט אזוי הויך און פריילעך געלאכט, אז אירע שול־קינדער האָבן נייגעריקע געעפנט די טיר צום קאָרידאָר, כדי צו זען, וואָס עס קומט פאָר. זי האָט אָבער אויך געוויינט.

— דאנקען גאָט, וואָס דו ביסט שוין ווידער דאָ, קריסטע, — האָט זי אויסגערופן, — כ'דארף נייטיק האָבן דיין עצה!

קריסטע וועט עס האַלטן פאַר אוממעגלעך, ווי עפּעס א וווּנדער, און דאָך איז עס אַזוי, אַז דער גאַוליײַטער איז אויך אַן אמת אין איר פאַרליבט. וועגן דעם האָט מאַריאַן געהערט שעפּטשנדיק סודותדיק.

דערווייל האָבן אָבער די שול-קינדער אָנגעהויבן זינגען עפּעס א לידל, און מאַריאַן האָט געמוזט אײַליק אומקערן זיך אין קלאַס.

— כ'וועל צו דיר קומען, קריסטע, און דיר אַלץ דערציילן! — האָט זי אויס-גערופן, בעת זי איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר.

די באַגעגעניש מיט מאַריאַן האָט קריסטען האַרציק דערפרייט, וואָרעם מאַ-ריאַן, וועלכע איז אָפט געווען שטאַרק פאַרצווייפלט, האָט איצט באמת אויסגעזען צו זיין אין א סך הינזיכטן פיל מונטערער.

קריסטע האָט נאָך באַוויזן צו מאכן קליינע אײַנקויפונגען, אויף וויפל ס'איז נאָך מעגלעך געווען, זי איז אָבער גלייך פאַרהאַלטן געוואָרן פון מאַרשירנדיקע אָפּטיילונגען ברוינע און שוואַרצע פאַרטיי-זעלנער, אַזוי אַז זי האָט זיך קוים גע-קאָנט רירן פון אָרט. מיט זייטיקע געסלעך איז זי געפאָרן צו דער קאַפע „רעזי-דענץ“, כדי צו טרינקען א גלעזל טיי און נאָכטראַכטן וועגן אַלעם, וואָס מאַריאַן האָט איר דערציילט, און אויך וועגן דעם הויז נומער זעקס.

אַזוי־אַרום איז זי געקומען נאָענט צום בישאָפן-פּאַלאַץ, ווו זי האָט זיך אָפּגע-שטעלט אין א זייטיק געסל, כדי אויסצומיידן די בליקן פון א גרופּע פאַרטיי-אָפי-צירן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ.

בעת זי האָט געוואָלט אַרויפשטייגן אויף די טרעפּ צו דער קאַפע „רעזידענץ“, האָט זיך איר צווישן די אָפיצירן אויפן פּלאַץ געוואָרפן אין די אויגן א גרויז-גרויער, זייער רירעוודיקער אָפיציר מיט זיין האַסטיקן זשעסטיקולירן, אין וועלכן זי האָט גלייך דערקענט דעם פאָלקאָווניק טיגען. איר מוטער האָט טיגענען אָנגע-רופן „פּאַיאַץ“, ווייל ער האָט קיין רגע נישט געקאָנט רואיק איינשטיין און שטענ-דיק גערעדט מיט די הענט. דער פאָלקאָווניק האָט געשמועסט מיט א ייִנגערן, שלאַנקן אָפיציר, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען און געלאַכט. אין דעם זעלבן מאָ-מענט האָט זיך ביי קריסטען מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דער אָטעם, און זי האָט צו-ריקגעצויגן איר פוס פונעם טרעפּ.

דער דאָזיקער שלאַנקער אָפיציר, וואָס האָט געלאַכט, האָט איר אויסגעזען צו זיין באַקאַנט, זי האָט אָבער נישט געוואָלט גלייבן אירע אייגענע אויגן.

— דאָס איז אוממעגלעך! — האָט זי א שעפּטשע געטאָן און בלייך געוואָרן.

אין דעם מאָמענט האָט איבערן פּלאַץ פאַרביימאַרשירט מיט מיליטערישע טריט א קאָלאָנע פאַרטיי-סאָלדאַטן, און דער שלאַנקער אָפיציר האָט געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס און סאַלוטירנדיק אויפגעהויבן די האַנט. ער האָט דערביי

אויסגעדרייט זיך צו איר מיטן פולן פּנים, און דאָ האָט זי אים שוין דערקענט. אָן שום ספק! דאָס איז געווען פאַביאַן!

זי האָט זיך א וואקל געטאָן אויף צוריק, אָנכאַפּנדיק זיך אין א ביימל, דערנאָך האָט זי זיך געשארט איבערן טראָטואר און אריינגעשלייכט זיך אין א קליינעם מאגאזין דערנעבן, וועלכער איז אָקאָרשט געעפנט געוואָרן. דאָ פלעגט זי געוויינלעך קויפן פאַר זיך הענטשקעס.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט איר פריינדלעך געפרעגט אן עלטערע ווייסהאָריקע דאמע, די אייגנטימערין פונעם מאגאזין. — ס'איז אייך נישט גוט, פריילין לערכע-שעלהאמער?

— אנטשולדיקט מיר, ס'איז מיר געוואָרן נישט גוט! — און קריסטע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול, אזוי שטארק האָבן איר די פיס געציטערט. זי איז געווען ווייס ווי די וואנט.

— אוממעגלעך! אוממעגלעך! אוממעגלעך!

מ'האָט איר דערלאנגט א גלאָז וואסער, און זי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

— א ביסעלע רואיקייט און ס'וועט אייך ווערן בעסער, פריילין לערכע-שעלהאמער, — האָט די עלטערע פרוי געזאָגט. — אפשר האָט איר זיך דערשראָקן?

— דערשראָקן? יאָ, כ'האָב זיך דערשראָקן, — האָט קריסטע אָפּגעענטפערט מיט א שוואכער שטימע, — דער גרויסער המון מענטשן האָט מיך צעמישט. — אירע הענט זענען געווען ווי געליימט, — אָט נאָך א ווײלע! — דערביי האָט זי כסדר ארויסגעקוקט דורכן פענצטער.

XI

די גאַס איז געוואָרן פּוסט. פאַרביי דער קראָם האָט דורכמאַרשירט, הויך טופּענדיק און מיט געלעכטער, א צוג פון ברוינע פּארטיי-אָפּטיילונגען, נאָכבאַגלייט פון א מחנה נייגעריקע. ענדלעך איז געוואָרן שטיל. ס'זענען נאָך פאַרבייגעפאָרן עטלעכע אויטאָס. און איצטער קאָן מען שוין ווייטער גיין אויף דער גאַס? קריסטע האָט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן, און ווען זי האָט אין דער נאָענט קיינעם נישט מער געזען, האָט זי זיך צוגעשלייכט, ווי א גאַנצע, צוריק צום אויטאָ און גאנץ פאמעלעך און אויטאָמאטיש געפאָרן אהיים. זי איז געווען אזוי צעטראָגן, אז זי איז געשטאנען א לאנגע צייט פארן הויז, אליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס. א מידע, האָט זי זיך ארויפגעשלעפּט אויף די טרעפּ, ווי אן אלטע פרוי.

— וואָס איז מיט דיר, אום גאָטעס ווילן? — האָט פרוי בעאַטע א דער־שראָקענע אויסגעשריגן, בעת קריסטע איז אריינגעקומען אין צימער, — זעסט דאָך אויס איינגאַנצן גרוי!

— מאַמע! — האָט קריסטע אויסגערופן און אוועקגעפאַלן אויף א שטול. דער הימל האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן איבער מיר.

— רעד דאָך מיט שכל, מיין קינד!

— דער הימל האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן איבער מיר! — האָט קריסטע איבערגעחזרט און, ווי א באַטויבטע, אראָפּגענומען איר הוט. — וואַרט, מאַמע, וואַרט א ווײַלע, כ'וועל דיר אַלץ דערציילן. לאָמיר אַוועק פון דאַנען, אַוועק, אַוועק!

פרוי בעאַטע האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט קריסטען האָט געטראָפן א גרויסער אומגליק, וועגן וועלכן ס'איז שווער צו דערציילן. זי איז אַרוים פון צימער און ערשט נאָך א לענגערע ווײַלע געקומען צוריק מיט א גרוים גלאָז גראָג. דאָס איז געווען איר אוניווערסאַל היילמיטל. ווען ס'העלפט אפילו נישט, שטאַרקט עס דאָך דעם קערפּער!

ערשט נאָך א לענגערע צײַט איז קריסטע פעיק געווען צו דערציילן איר מו־טער בקיצור וועגן אירע איבערלעבונגען, וועגן איר שווערן טעות, איר שווערער אַנטוישונג, אויסניכטערונג, און ווי זי איז שווער געטראָפן פון דעם אַלעם.

— לאָמיר אַוועק פון דאַנען, מאַמע! — האָט זי אומאויפהערלעך אויסגע־רופן. — אַוועק! אַוועק! אַוועק פון דער דאָזיקער שטאָט!

פרוי בעאַטע האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און מיט שווערע טריט געגאַנגען אויף און אָפּ איבערן צימער. לסוף איז זי שטיין געבליבן פאַר קריסטען און געזאָגט:

— ס'איז שווער אַרײַנצוקוקן א מענטשן ביז אין דער טיפעניש פון זײַן האַרץ, קריסטע, די מענטשן איבער דאָזיקן לאַנד האָבן לעצטנס כמעט אַלע פאַרלוירן דאָס ביסל שכל, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט.

זי האָט אָנגעקלונגען צום שטובמיידל און געבעטן איר ברענגען שטאַרקע טיי.

— הערט, — האָט זי געזאָגט צום שטובמיידל, — פאַרשליסט די אײַנ־גאַנג־טיר! מיר וועלן קיינעם נישט אויפנעמען. און ווען ס'וועט עמעצער קומען אָדער אָנקלינגען, זאָגט, אַז מיר זענען אָקאָרשט געקומען פון דער רייזע און זענען נאָך אַזוי מיד, אַז מיר קאָנען מיט קיינעם זיך נישט זען און מיט קיינעם נישט רעדן. איר האָט פאַרשטאַנען?

ביסלעכווײַז איז קריסטע געקומען צו זיך. זי האָט בלויז געוואָלט וואָס גיכער אַרויספאָרן פון דער דאָזיקער שטאָט. אַוועק, אַוועק! זי איז באַלד אַוועק צו זיך אין צימער און זיך באַוויזן ערשט צומאָרגנס, א שווײַגנדיקע און א טויט־בלאַסע.

נאָך א פּילשעהדיקער באראטונג האָבןביידע דאמען באשלאָסן צו מאכן א רייזע אויף נאָך עטלעכע וואָכן, און זיי האָבן באשטימט צו פאָרן קיין באָדען־באָדען, וווּ ס׳איז איצטער שוין געווען א סך וואַרעמער, ווי דאָ אויף צפון. זיי האָבן אויפסניי אָנגעהויבן פּאַקן די קופערטס, וועלכע זיי האָבן אָקאָרשט אויפגעפּאַקט. דער גרויסער רייזע־אויטאָ איז נאָך געשטאַנען אין גאַראַזש, באדעקט מיטן שמויב און שמוץ, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון איטאַליע. צומאָרגנס נאָכן פרישטיק זענען זיי אָפּגעפאָרן.

ערשט ווען זיי האָבן געהאט שוין די שטאָט הינטער זיך, האָט קריסטע געקאָנט פרייער אָפּאָטעמען. פרוי בעאַטע איז געזעסן ביים רול און געפאָרן אויפן שאָסיי מיט א געוואַלדיקער שנעלקייט, ווי זי פלעגט עס שטענדיק טאָן, ווען זי איז געווען גוט אויסגעשלאָפן. קריסטע איז געזעסן נעבן איר, פארטיפט אין אירע רעיונות, און א גלייכגילטיקע געקוקט אויף די פעלדער.

„ס׳איז מערקווירדיק, — האָט זי געטראַכט, — וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין פארטיי־אָפּצייכן און אויך מיט מיר קיינמאָל נישט אָדער גאַנץ זעלטן גערעדט וועגן פּאָליטיק. טיילמאָל איז מיר געווען אויפפאַלנד, וואָס ער פלעגט גלייך איבערפירן דאָס געשפּרעך אויף אן אנדער טעמע, ווי נאָר איך האָב באַרירט פּאָליטישע ענינים. ער האָט קיינמאָל נישט ארויסגעבראַכט קיין איין וואָרט לטובת דער פּאַרטיי, ער האָט אָבער אויך קיינמאָל נישט גערעדט קיין וואָרט קעגן איר!“.

דאָס זענען געווען די זעלבע אַלטע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך ביי איר בסדר געדרייט אין קאָפּ.

— Cher up, my girl!* — האָט פרוי בעאַטע מיט האַפטרדיקייט אויסגערופן. — כ׳גלייב, אז די זון וועט באַלד זיך באַווייזן. יאָ, איך ווייס עס, קריסטע. ווען מען איז יונג, מיינט מען, אז אַלע מענער זענען א נידערטרעכטיקע לאַסט! ווען מ׳ווערט אָבער עלטער, אורטיילט מען גערעכטער. דעמלט ווייסט מען, אז די מענער זענען נישט קיין מלאכים און נישט קיין טייוואָנים, נאָר מענטשן, פּונקט אַזוי ווי די פרויען.

און זי האָט זיך צעלאַכט.

---

* דעם קאָפּ אין דער הייך, מיין מיידל!

XII

ווען פאַביאַן איז אין אָוונט געקומען צום מאַלצייט, וואָס דער גאָליימער האָט דעם ערשטן מאָל געגעבן פאַר אַלע פּאַרטיי־אָפּיצירן און באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון שטאָט, האָט אים דער פּאַרטיער געזאָגט, אַז פאַר מיטאָג האָט זיך אויף אים נאָכגעפרעגט אַ דאַמע, וועלכע איז אַהער צוגעפאָרן אין אַ קאַבריאָלעט. ווי אַ שטאָך, איז אים אַדורך אַ פרייד אין האַרצן. קריסטע! דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר קריסטע! זי איז אַלזאָ נאָך פריער געקומען, ווי זי האָט לכתחילה בדעה געהאַט. הערלעך! בעתן מאַלצייט איז ער געווען אין אַ באַרוישנדיקער שטימונג.

אויף צומאָרגנס האָט ער תיכף אָנגעקלונגען צו קריסטען. אָבער דאָס שטובמיידל האָט אים געזאָגט, אַז די דאַמען זענען זייער איבערגעמאַטערט און קאָנען מיט קיינעם נישט רעדן. ער האָט דעריבער באַשטעלט אין זיין בלומען־געשעפט אַ פּרעכטיקן בוקעט קאַנוואַליעס, זיינע באַליבטע בלומען, און בייגעלייגט אַ קורץ בריוול צו קריסטען. ער איז פול מיט פרייד און גליק, האָט ער געשריבן. די לעצטע חדשים זענען פאַר אים געווען אַ שווערער, ממש אומדערטרעגלעכער נסיון. קיינמאָל האָט ער נאָך אַזוי ביטער נישט אָפּגעפילט די פוסטקייט און איינזאַמקייט פון זיין לעבן.

ווען ער האָט אָוונטצייט אויפסניי אָנגעקלונגען און באַקומען די זעלביקע טעלעפאָנישע תשובה, האָט ער אַרויסגעשיקט צו קריסטען אַ בריוו מיטן געדאַנק, אַז זי וועט אים אויף מאָרגן דערהאַלטן.

„רוט אייך גוט אויס, מיין געליבטע קריסטע, — האָט ער געשריבן, — אויב איך וועל אייך דערעסן מיט מיינע בלומען און בריוו, בעט איך אייך מיר צו אנטשולדיקן מיין אומגעשטילטן דורשט צו זען אייך ווידער נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג. איך פאַרהאָף, אַז ביז נאָכמיטאָג וועט איר אויף אַזוי ווייט איבערוויינדן אייער מידקייט, אַז איר וועט קאָנען מיר שענקען פינף מינוט צייט. היינט נאָכמיטאָג פון פינף אַזייגער וועל איך זיין אין קאַפע „רעזידענץ" און וואַרטן אויף אייך ביז זיבן. אין דער ערשטער ריי פיל איך די באַדערפעניש צו האָבן מיט אייך דעם גרויסן מייגונגס־אויסטויש, דעם „וויכטיקן" מיינונגס־אויסטויש, ווי איר שרייבט. דאָס הויז אין דער בוקן־אַלייע האָב איך געקויפט און כ'וועל גליקלעך זיין צו קאָנען עס אייך ווייזן אין די נאָענטסטע טעג".

דער דאָזיקער טאָג איז אַדורכגעגאַנגען, ווי יעדער אַנדערער, מיט אַרבעט. נאָכמיטאָג האָט ער געקויפט ביים יוועליר ניקאָלאַי אַן אַנטיקל — אַ גאַנץ טונקעלן בורשטינענעם האַלדז־שנור, אויף וועלכן ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן

אויג. ער וועט קריסטען אויסגעצייכנט קליידן. פּינקטלעך פינף אויפן זייגער איז ער שוין געזעסן אין קאַפע „רעזידענץ“.

דאָס קאַפע איז געווען אינגאַנצן פּוסט. ערשט נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער מאַן, וועלכער האָט זיך גענומען לייענען אַ צייטונג און דערביי כסדר אונטערגעהוסט. פּאַביאַן האָט געוואַרט און דערווייל געקאָנט גענוי באַטראַכטן דעם לאָקאַל. דאָס קאַפע האָט געשטאַמט נאָך פון דער צייט, ווען דער פּאַלאַץ איז געווען די רעזידענץ פון בישאָף, און איז געווען איינגעאָרדנט אין ביליקן ראָקאָקאָ-סטיל. די ווענט זענען באַצירט געווען מיט געמעלן אין וואַטעאַו-סטיל, געמאָלט פון אַ נישט געניטער האַנט, איצטער שוין טונקעלע און כמעט שוואַרצע, די ראַמען טיילווייז באַשעדיקטע. אויף איין געמעל, וואָס האָט פּאָרגעשטעלט אַ פּיקניק אין וואַלד, האָט ער מיט מי געקאָנט אונטערשיידן צוויי יונגע דאַמען, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צום שפּילן פון אַ יונגן קאַוואַליער אויף אַ פליים. ביסלעכווייז איז אין די פענצטער אַלץ פינצטערער געוואָרן און אַ טונקעלער בין-השמשות איז אַראָפּגעזונקען אויף דער גאַס און אויף פּאַביאַנס האַרץ. ביי יעדן רויש פון אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָט ער אויפגעציטערט! און ביי יעדן אויפעפענען די טיר איז ער גרייט געווען אויפצושפּרינגען. דאָס וואַרטן איז געוואָרן אַ פּיין. נאָכדעם ווי ער האָט שוין דורכגעבלעטערט אַלע צייטונגען, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן זיך נאָטיצן צו אַ פּראָצעס, וועלכן ער האָט היינט אין דער פרי אָנגענומען. אויף אַזאַ אופן איז אים גיכער אַריבערגעגאַנגען די צייט.

דערנאָך האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן באַטראַכטן די געמעלן און געוואונדערט זיך, וואָס דער יונגער קאַוואַליער שפּילט נאָך אַלץ אויפן פליים. ס'איז געווען מערקווירדיק, וואָס זינט ער האָט זיך דערוווסט, אַז קריסטע איז אין שטאָט, איז אים נאָך קלאָרער געוואָרן די שרעקלעכע אינהאַלטלאָזיקייט און פּוסטקייט פון זיין לעבן. ער האָט געבענקט נאָך איר, ווי אַ פאַרשמאַכטער פון דורשטיקייט בענקט נאָך אַ טרונק וואַסער. ווידער האָט ער זיך פאַרטראַכט איבערן סוד, וויאַזוי איין מענטש קאָן האָבן איבער אַן אַנדערן אַזאַ מין מאַכט. איז עס דען נישט ווי אַ כישוף? אַ שלאָפּנדיקער עפּנט די אויגן, ווען מ'קוקט אים לאַנג אָן. אפשר איז עס מיט דער ליבע אויך אַזוי? אפשר זענען אויף אונדז געווענדט הונדערטער אויגן, און הונדערטער אומבאַקאַנטע אויגן עפענען זיך אין אונדז אַדאַנק אַ סודותפולער מאַכט? און אפשר רופט אַרויס די ליבע אין אונדז אויך אַ ממשותדיקע קערפּערלעכע פאַרענדערונג? ווער קאָן עס וויסן? קיינמאָל וועט אַ מענטש דאָס מיסטעריום נישט קאָנען דערגרונטעווען.

אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער, האָט ער זיך לסוף אויפגעהויבן. ס'איז שוין געווען באַלד אַכט אזייגער, און ער האָט שוין פאַרלוירן די האָפענונג, אַז קריסטע

זאָל זיך נאָר באַווייזן. ס'איז עפּעס, זעט אויס, נישט אין אָרדענונג! אפשר איז זי קראַנק געוואָרן?

אַ מידער, געפּייניקט פון שווערע מחשבות, איז ער דורך דער שווייגנדיקער טונקלקייט פון דער נאַכט צוריקגעגאַנגען צום האָטעל. ער האָט וואָסאָמאָל מער תופס געווען, אַז זיין לעבן אָן דער דאָזיקער פרוי האָט נישט קיין שום זין, איז געוואָרן אוממעגלעך.

אַ דערשעפּטער און נידערשלאָגענער, איז ער אריין אין זיין האָטעל־צימער. ער האָט אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן, מחמת דאָס טונקלקייט פון זיין צוריקוועגס און זיינע טריבע מחשבות האָבן אים נאָך אַלץ פאַרפּאָלגט.

פאַרוואָס האָט אים קריסטע נישט צוגעשיקט עטלעכע ווערטער אין דער קאָפּע „רעזידענץ”? פאַרוואָס האָט זי אים נישט אָנגעקלונגען?

ער איז געווען געוואַלדיק באַאומרואיקט, ער האָט אָבער דעם אָוונט נישט געוואָגט שוין אָנצוקלינגען, נישט אַרויסצווייזן זיך פאַר צופיל צוהרינגלעך. עפּעס איז דאָ נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין!

אָן אומעטיקער און זייער אומרואיקער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש אָנצושרייבן עטלעכע לאַנגע פאַרלעגענע בריוו.

ס'איז געווען אַ שלימזלדיקער טאָג, אַ האָפענונגסלאָזער שלימזלדיקער טאָג!

אַ שעה צייט האָט ער געשריבן זיינע בריוו, דערנאָך אַוועקגעלייגט די פּע־דער, ווייל ער האָט שוין נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. אַ מידער און צעבראָכענער, איז ער אַוועק זיך אָפּרוען.

צומאָרגנס איז זיין ערשטער געדאַנק געווען: קריסטע! היינט אָבער וויל ער זיך נישט מער פאַרלאָזן אויפן אומזיכערן טעלעפאָן. ער האָט געאַחבעט אַ שעה אין זיין ביוראָ און עלף אַזייגער אַוועקגעפאָרן צום הויז פון לערכע־שעלהאַמער. דער בערנאַרדינער האָט אים אויפגענומען מיט אַ פריידיקער בילעריי, ער האָט אים אַפילו באַגלייט אויף די טרעפּ אַרויף, וואָס ער האָט געווייגלעך קיינמאָל נישט געטאָן.

ער האָט געפרעגט דאָס שטובמיידל, צי זענען די דאַמען איצט געווען אויסגע־רוט צו קאָנען אים אויפנעמען?

— די דאַמען זענען שוין נישטאָ. היינט אין דער פרי זענען זיי אַוועקגעפאָרן מיטן אויטאָ.

— אַוועקגעפאָרן? וווהין? — ס'האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ.

דאָס שטובמיידל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און פּאַביאַן האָט זיך מיט איר געזעגנט. ער האָט זיך אפילו נישט געגעבן די מי צו פאַרבאָרגן זיין ני־דערגעשלאָגנקייט פאַרן שטובמיידל.

די דאַמען האָבן דאָך געקאָנט אַרויספּאָרן ערגעץ אויף אַ קליינעם אויספלוג, האָט ער געפּרוווט זיך איינצורעדן, ער האָט אָבער אין דעם אַליין נישט געגלייבט. קיין שום גרוס פון קריסטען! קיין אייגאונאייגציק וואָרט פון איר!

זיין נעכטיקער פאַרגעפיל, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, איז נישט געווען קיין טעות, און ער האָט געמוזט זיך אָנגעמען מיט מוט צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין. קריסטע האָט מיט אים איבערגעריסן, נישט רעדנדיק מיט אים קיין וואָרט אפילו. ער איז געשטאַנען פאַר אַ פולשטענדיקע רעטעניש. וואַרשיינלעך האָט מען געמאַכט אויף אים געמיינע בלבולים. קריסטע איז דאָך אָבער נישט אַזאַ פרוי, וועלכער מ'קאָן אָנדערציילן פאַנטאַסטישע שקרים, זי זאָל נישט פאָדערן פון אים אַ דערקלערונג.

אַ טיפער טרויער האָט אים באַהערשט ביי דער מחשבה, צו האָבן זי אויף אַזאַ רעטענישפולן אופן פאַרלוירן נאָך דעם, ווי ער האָט זי קוים געוווּנען. דער דאָזיקער צער האָט פון אים איינגאַנצן אַ תל געמאַכט, און ער איז געפאָרן צו זיין „אויפבוי־ביוראָ“, כדי זיך צו פאַרטויבן מיט עטלעכע שעה אַרבעט.

ביים מיטאָג האָט ער גאָרנישט געקאָנט טועם זיין. ער האָט נישט געפילט נישט קיין הונגער און נישט קיין דורשט, און האָט זיך פרי אומגעקערט אין האָטעל. ער האָט זיך געפילט אַזוי עלנט, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט אין אָנטאָן. אַזוי איז ער אַ סך שעהן אָפּגעלעגן נישט אַ ריר צו טאָן זיך, ווי אַ באַטויבטער, קוקנדיק שטאַר אויפן סופיט.

ניין, ניין, ניין! אַזוי קאָן עס ווייטער נישט זיין! אָן דער דאָזיקער פרוי האָט זיין לעבן קיין שום זין נישט מער! זי האָט אים באמת ערשט די טיר צום לעבן אויפגעעפנט, און בעת ער האָט דאָס דאָזיקע לעבן דערזען פאַר די אויגן מיט אַלע זיינע הערלעכקייטן, האָט זי אים פאַרלאָזט. דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר אַ מענטשן, ער זאָל עס קאָנען איבערטראָגן! צי וואָלט נישט געווען דאָס בעסטע און דאָס איינציק מעגלעכע — אַריינשיסן זיך אַ קויל אין קאָפּ אַריין?

— זיי געזונט, קריסטע! — דאָס וועט זיין זיין לעצטער געדאַנק.

ס'איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות, אַלץ טונקעלער געוואָרן, און ס'איז אָנגעקומען די נאַכט; ער איז נאָך אַלץ געלעגן און שטאַר געקוקט אויפן סופיט.

„כ'בין געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפל פון מיין לעבן, און אָט אין איין סעקונדע האָט זי מיך אַראָפּגעוואָרפן אין תהום פון יאוש!“ — האָט ער געטראַכט, האַלטנדיק ביים אויסברעכן אין אַ געוויין.

מיט גרויסער מי האָט ער זיך אויפגעהויבן און געמאַכט ליכטיק. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און אָפּגעוואַשן די הענט און דאָס פּנים. און אָפּגעפרישטער, איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש.

קריסטע דאַרף וויסן, אַז ער האָט זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרשולדיקט קעגן איר, און אַז זי איז באַגאַנגען אַן אומבאַגרייפלעכע אַכזריות, וואָס זי האָט אים אָן אַ וואָרט פאַרלאָזט. „בלויז איין וואָרט, קריסטע, איין קליין וואָרט, און דאָס אַלץ וואָלט זיך געלאָזט אויסמייַדן! איצטער איז שוין צו שפּעט! דו האָסט מיך אַרויפגעפירט אויפן העכסטן שטאַפּל פון מיין לעבן און געוויזן די הערלעכקייטן פון דער דאָזיקער וועלט. וואָסער דעמאָן האָט דיר אַריינגעגעבן דעם געדאַנק, דו זאָלסט מיך אין דעם דאָזיקן מאָמענט, גראָד אין דעם דאָזיקן מאָמענט, אַראָפּוואַרפן אין שאול תחתיה? זאָג, קריסטע! אַ דאַנק דיר און זיי געזונט!“

ווייל ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך, האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַ גלעזל קאָניאַק און אָנגעהויבן איילִיק שרייבן. ער האָט אויסגעפילט אַ זייטל נאָך אַ זייטל, און די וועלט אַרום האָט פאַר אים אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פון צייט צו צייט איז צו אים דערגאַנגען אַ גערויש פון אַן אויטאָ אויף דער גאַס, די טריט פון אַ קעלנער אויפן קאָרידאָר, דערנאָך האָט ווידער געהערשט אַ טיפע שטילקייט.

XIII

נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ס'וואָלט חער אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט זיך איבערגעשראָקן. מען האָט געקלאַפּט? ווירקלעך. מ'קלאַפּט ווידער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שרייבטיש און געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

אַ פרויען־שטימע האָט אים לאַכנדיק געענטפערט פון קאָרידאָר, און די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן. ווען קריסטע וואָלט אין דעם מאָמענט אַריינגעקומען, וואָלט ער נישט נשתומם געוואָרן, אַזוי צעמישט זענען געווען זיינע רעיונות אין דער דאָזיקער שעה. צו זיין איבערראַשונג אָבער איז אַריינגעקומען עפּעס אַ דאַמע, וועלכע ער האָט נישט גלייך דערקענט.

— הער רעגירונגסראַט, — האָט די אומבאַקאַנטע לאַכנדיק אויסגערופן, — איר וועט זיין געוואַלדיק דערשטוינט צוליב מיין אומגעריכטן באַזוך!

ביי די דאָזיקע ווערטער איז זי צוגעגאַנגען נענטער צום ליכט, און ער האָט זי דערקענט. דאָס איז געווען די שיינע שאַרלאָטע.

מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרבאָרגן זיין איבערראַשונג. ער איז פון געוווינהייט אויפגעשפרונגען און איז איר אַקעגנגעגאַנגען.

— איר ווינט דאָ אין האָטעל, גנעדיקע פרוי? — האָט ער אַ צעשטרייטער און מיט אַ טרוקענער שטימע געפרעגט.

די שיינע שאַרלאָטע האָט זיך צעלאַכט צוליב זיין דערשטוינטער, כמעט פאַרבליפטער מינע.

— יאָ, פון היינט נאָכמיטאָג ווין איך דאָ אין האָטעל, — האָט זי געזאָגט, — אויפן זעלבן שטאָק. דער גאַלייטער האָט געמוזט אָוועקפאָרן אויף אַ לענגערע צייט און נישט געוואָלט, אַז איך זאָל מיך אַליין לאַנגווייליקן אויף טויט אין דעם פוסטן איינשטעטען. צוליב דעם וועל איך עטלעכע וואָכן ווינען אין דעם האָטעל.

פּאַביאַן האָט איר מעכאַניש צוגערוקט אַ שטול און דערלאַנגט פּאַפּיראָסן.

—איר וועט זיך מסתמא נישט אָפּזאָגן פון אַ גלעזעלע קאָניאַק, חשובע מאַדאַם? —ער האָט דאָס געפרעגט בלויז צוליב פאַרלעגנהייט.

— פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל זיך נישט אָפּזאָגן. איך דאַנק אייך! — און שאַרלאָטע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע הערלעכע אויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי שוין געפירט אַ לעבהאַפטן געשפּרעך. פּאַביאַן האָט ביסלעכווייז אויפגעוואַכט פון זיין דעפּרעסיע. שאַרלאָטען האָט ער שוין עט־לעכע מאָל געזען אין „פּאַלאַץ", אָבער שטענדיק נאָר מן־הצד. ערשט איצטער האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַוווּנדערן איר אויסערגעוויינלעכע שיינקייט, און דער אָנבליק פון אירע אויסגעצייכנטע ליניעס און פאָרמען האָבן אים תיכף צוריק דערפירט צו פולער אויפגעוואַכטקייט. קיין שום זאַך האָט אים נישט גע־קאָנט זיין אָנגענעמער, ווי איר אומגעריכטער באַזוך אין דער דאָזיקער שעה פון יאוש און הילפלאָזיקייט. ס'איז געווען ווי אַ וווּנדער, פאַר וועלכן ס'זענען מיט־אַמאָל צעשטויבט געוואָרן זיינע פינצטערע געדאַנקען. איר דערשיינען האָט פאַר אים באַטייט דערלייזונג.

שאַרלאָטע האָט כסדר זאָרגלאָז געפּלאַפּלט, און אירע שטותים און איר פוסט לאַכן האָבן אים אַבסאָלוט נישט געאַרט.

— כ'בין באמת גליקלעך, וואָס כ'האָב אייך געטראָפן אין דער היים, — האָט שאַרלאָטע געזאָגט, — וואָרעם איך בין היינט גראָד אין אַזאַ שרעקלעכער שטימונג, אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד, זאָג איך אייך, ווען מ'מוז זיך ענטוועדער אויפהענגען אָדער אָנשיכורן. דער גאַלייטער האָט מיר געזאָגט: אויב דו וועסט זיך לאַנגווייליקן, מיין קינד, טאָ גיי צו פּאַביאַנען, ער וועט דיר דערציילן גאַנצע ראָמאַנען. זאָל ער דיר, למשל, דערציילן דעם ראָמאַן פון דער „באָטשאַנען־געסט". איז דאָס אייערער אַ ראָמאַן?

פּאַביאַן האָט זיך צעלאַכט און געדרייט מיטן קאָפּ.

— די באַטשאַנען־נעסט? — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז געווען אַ הויכ־קייט, אַרום וועלכער ס'זענען פאָרגעקומען פאַרביטערטע קאַמפן אינעם לעצטן וועלט־קריג, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט טויזנטער מענטשלעכע לעבנס.

די שיינע שאַרלאָטע האָט אויפגעציטערט.

— אום גאָטעס ווילן, נאָר נישט פון קריג! — האָט זי אויסגערופן. — צי האָט איר נישט אַמאָל אויך וועגן דעם געטראַכט?

פּאַביאַן האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — לחלוטין נישט. כ'האָב נישט גענומען קיין אָנטייל אין די קאַמפן ביי ווערדון.

— זיי זענען אמתע לצים, — האָט שאַרלאָטע געלאַכט, — דער דאָזיקער גאַוליטער און דער נאָך ערגערער רייטמייסטער מעין. יאָ, אמתע לצים זענען זיי ביידע. מ'ווייסט קיינמאָל נישט, צי מ'זאָל זיי גלייבן, אָדער נישט. טראָץ דעם בין איך זיי דאַנקבאַר, וואָס זיי האָבן מיך צו אייך געשיקט. ס'איז ממש אַ גליק, וואָס איך האָב אייך דעם דאָזיקן אָוונט געטראָפן אין האָטעל, ווען נישט, וואָלט איך וואַרשיינלעך אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג.

פּאַביאַן האָט איר געדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט.

— אַזאַ שיינע פרוי האָט נישט דאָס רעכט אַזוי מיטאַמאָל אַריינצופאַלן אין פאַרצווייפלונג, — האָט ער געזאָגט. זיין שטאַרקסטער באַגער איז צו קאָנען איר בייהילפיק צו זיין, און ער פאַרהאָפט, אַז דאָס לעבן אין שטאָט וועט איר געפעלן.

— וואַרשיינלעך האָט מען אייך געגעבן אַ שיין צימער אין האָטעל? — האָט ער געפרעגט.

שאַרלאָטע האָט זיך הויך צעלאַכט.

— אַ שיין צימער? — האָט זי אויסגערופן. — ווי אַנדערש וואָלט עס גע־פּאַסט פאַרן גאַוליטער! פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך באמת מיך גוט איינ־צוּאָרדענען.

זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם האַלב־אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס אין אַש־שאָל און אויפגעשטאַנען.

— איך האָב דריי שיינע צימערן, — האָט זי געזאָגט, — ס'איז אייגנטלעך אַ קליינע וווינונג, וואָס איז רעזערווירט געוואָרן פאַרן גאַוליטער. קומט, אויב איר האָט אַ ווײַלע צייט, און איך וועל זיי אייך ווייזן.

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און געווונקען צו פּאַביאַנען, ער זאָל מיט איר מיטגיין. ס'זאָל נישט אויסקומען, אַז ער איז נישט קיין העפלעכער מענטש, האָט ער געמוזט מיט איר מיטגיין, און ס'איז נישט געלעגן אין זיין נאַטור נישט צוצוהערן זיך צום פאַרלאַנג פון אַ שיינער פרוי.

די צימערן זענען געווען זייער גרויסע און מיט אויסערגעוויינלעכער זאָרגפעליקייט איינגעאָרדנט. אומעטום זענען געשטאַנען גרויסע וואַזאָנען מיט קאַנוואַליעס, פּונקט אַזעלכע, ווי פאַביאַן האָט נעכטן געקויפט פאַר קריסטען.

— איר ווייסט באמת הערלעך! — האָט ער געזאָגט מיט דער כוונה צו פאַרשאַפן שאַרלאָטען פאַרגעניגן.

— פיין, נישט אמת? — האָט שאַרלאָטע געזאָגט, גייענדיק איבער די צימערן איינגאַנצן גלייכגילטיק, און נישט וואַרטנדיק אויף פאַביאַנס ווייטערדיקער אַרויסזאָגונג, האָט זי אַ פרעג געטאָן: האָט איר שוין געגעסן אָוונטברויט? ניין! אויסגעצייכנט! אויב אַזוי בעט איך אייך זיין אַזוי ליבלעך און עסן מיט מיר צוזאַמען. יאָ? מיר וועלן דעם היינטיקן פאַסקודנעם אָוונט פאַרברענגען צוזאַמען, אויב ס׳איז אייך ניחא. זעצט זיך, כ׳בעט אייך, און מאַכט זיך באַקוועם. אָט זענען אויך פאַפּיראָסן.

שאַרלאָטע האָט נישט געוואַרט אויף פאַביאַנס הסכמה, מורא האָבנדיק, משמעות, ער זאָל איר איינלאַדונג צוליב וועלכער נישט איז סיבה אָפּזאָגן.

— כ׳וועל באַשטעלן ביים קעלנער צוויי אָוונטברויטן. וואָס ער וועט ברענגען, איז איינגאַנצלעך נישט קיין נפקא מינה, אָבער שאַמפּאַניער וועל איך הייסן ברענגען, אויב איר האָט נישט דאַקעגן. דעם היינטיקן אָוונט מוז איך אומבאַדינגט טרינקען שאַמפּאַניער, אַ סך שאַמפּאַניער! איר דאַרפט וויסן, אַז כל־זמן איך וווין אין האָטעל, בין איך דעם גאַנצן האָטעל בין איך דעם גאָלייטערס גאַסט, און ער האָט מיר בפירוש באַפוילן נישט צו קאַרגן.

זי האָט אָנגעקלונגען צום קעלנער.

— איר ווייסט מסתמא בעסער פון מיר, הער פאַביאַן, וועלכע מאַרקע שאַמפּאַניער איז די בעסטע, בעט איך אייך טאַקע רעדן מיטן קעלנער. אַך, ווען איר וואָלט געהאַט אַ אַנונג, אין וואָסער שרעקלעכער שטימונג איך געפין זיך היינטיקן אָוונט!

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי זיך צעלאַכט, די שיינע שאַרלאָטע.

XIV

—קיינער ווייסט נישט, אין וואָסער מוראדיקער שטימונג איך בין היינטיקן אָוונט. — האָט שאַרלאָטע איבערגעחזרט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן און זענען איבערגעגאַנגען פון עסצימער אינעם רייצנדיקן קליינעם סאַלאָן, און ווידער האָט זי דערביי געלאַכט, — איר וועט עס נישט גלייבן, דאָקטאָר, ווייל איך לאַך? אָך, ווי ווייניק פונדעסטוועגן איר קענט זיך אויף פרויען!

— אויב אזוי, מוז איך באַוווּנדערן אייער גרויסע שוישפּילערישע קונסט צו פאַרמאַסקירן אייער שלעכטע שטימונג, — האָט פּאַביאַן געענטפערט.

שאַרלאָטע האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט אירע הערלעכע אויגן.

— כ'האָב ליב, אַז מ'חנפעט מיך, — האָט זי געזאָגט און געשמייכלט, — אָבער איצט בעט איך אייך זיך צוזעצן. קאָן איך אייך אָנגיסן א גלעזל שאַמפּאַניער? איר ווייסט נישט, ווי דאַנקבאַר איך בין אייך, וואָס איר האָט מיר געהאָלפן איבערקומען דעם הייַנטיקן אָוונט. לאָמיר טרינקען אויף גוטפריינדשאַפט!

פּאַביאַן האָט זיך פאַרנייגט.

— אויף גוטפריינדשאַפט!

שאַרלאָטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינעם פון די ברייטע העל־בלויע פאָטעלן, אויף וועלכע מ'ליגט מער ווי מען זיצט. זי האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש ציגאַרן און פּאַפּיראָסן און אליין פאַררויכערט א פּאַפּיראָס. פּאַביאַן האָט געקאָנט זיך אויסקלויבן לויט זיין פאַרלאַנג: ליקיער, מאָקקאַ, וויסקי, וואָס נאָר ער וויל.

— יאָ, — האָט שאַרלאָטע אָנגעהויבן און ארויסגעלאָזט דעם רויך פון איר פּאַפּיראָס דורך דער נאָז, — כ'בין נישט בכוח ווי געהעריק אויסצודריקן מיין דאַנק פאַרן לייסטן מיר אייער געזעלשאַפט. איר זעט אָט די אַלע קופערטס? פּאָרלויפיק וועל איך נישט צוריקפאָרן קיין איינשטעטען, איר פאַרשטייט? מיין באַזוך אין „פּאַלאַץ" האָט זיך געענדיקט. דער גאַולייטער איז געווען צו מיר זייער ליבנסווירדיק. זעט דעם דאָזיקן הערלעכן רינג! דאָס איז א צווייקאַראַטיקער בריליאַנט. און איצטער דאָס, האָט איר שוין ווען געזען אזא אָריגינעלן מונדשטוק? אויפן זילבערנעם רייפל איז אויסגראַווירט: „דעם בליענדיקן לעבן!" דאָס איז, פאַרשטייט זיך, א שפּאַס. מיינע ווינער טעאַטער־קאָלעגן האָבן מיר געגעבן דעם דאָזיקן ביינאָמען, כאַ־כאַ־כאַ. א מענטש מיט מער שכל וואָלט זיך געפילט גליקלעך, אָבער איך בין עס נישט. איך האַלט, אַז א נאַרישער מענטש קאָן נישט זיין גליקלעך, ווייל די נאַרישע געדאַנקען האָבן איבער אים א צו גרויסע שליטה. א גייסטרייכער מענטש ווערט אויפגעהייטערט פון שאַמפּאַניער, א נאַר ווערט אָבער נאָך טרויעריקער. איר ווייסט, אַז גראַף דאָזע איז טויט?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט מיט א סך מיטגעפיל, — איך האָב אים זייער געשעצט.

— דער אָרעמער אַלעקסאַנדער, ער האָט פרי געמוזט ענדיקן זיין לעבן, — האָט שאַרלאָטע פאָרגעזעצט. — ס'איז שוין איצטער אריבער מער ווי פיר חדשים, און איך האָב זיך שוין אַ ביסל בארואיקט. אין די ערשטע טעג האָב איך עס גאָר נישט געקאָנט באַנעמען! איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז מיר געווען אויף דער נשמה, ווען דער גאַולייטער האָט מיר אָוועקגעלייגט אויפן

מיט אַ טעלעגראַמע: „גראַף דאָזע איז אין מינכען שטאַרק צעגיזוקט געוואָרן ביי אַן אויטאָ־צוזאַמענשטויס“.

— אין מינכען? — האָט פאַביאַן אַ פרעג געטאָן שטאַרק פאַרחידושט.

— יאָ, אין מינכען. כ'האָב תיכף געוואָלט פאָרן קיין מינכען, — האָט שאַר־לאָטע ווייטער דערציילט, בעת זי האָט זיך אויפגעהויבן און פאַררייכערט אַ נייעם פאַפּיראָס, — פאָגעלסבערגער האָט תיכף טעלעגראַפירט קיין מינכען, אָבער מ'האָט אים געזאָגט, אַז קיינער וועט נישט אַריינגעלאָזט ווערן אין דער קליניק, דערצו וועט מיין באַזוך צו שטאַרק אויפרעגן דעם אָפּערירטן. מיט דריי טעג שפּעטער דערלאַנגט מיר דער גאַלייטער דעם היגן „בעאָבאַכטער“ און איך האָב איבערגעלייענט, אַז גראַף דאָזע איז אויסגעגאַנגען אין דער קליניק פון די וווּנדן.

פאַביאַן, אַ דערשטוינטער, האָט זיך נישט ווילנדיק געגעבן אַ שטעל אויף, און ס'האָט אים געפרייט, וואָס שאַרלאָטע האָט נישט געקאָנט דערזען זיין אי־בעררראַשונג אויף זיין פּנים, ווייל זי איז גראָד געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט איר פאַפּיראָס. ס'איז אויך געווען אַ גליק, וואָס אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער קעלנער און דערלאַנגט צום טיש די מאַקקאַ.

שאַרלאָטע האָט איבערגעריסן איר דערציילן און געווענדט זיך צום קעלנער.

— גיט איבער דעם הער ראַסמייער, — האָט זי צו אים געזאָגט, — אַז כ'בין פון דער באַדינונג זייער צופרידן. איך וועל ביי דער ערשטער געלעגנהייט ספּע־ציעל אינפאָרמירן וועגן דעם דעם הער גאַלייטער.

דער קעלנער האָט עפּעס געמורמלט און זיך פאַרנייגט. בעת ער האָט פאַנאַנ־דערגעשטעלט די טעפּעלעך, האָט שאַרלאָטע זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען אויף און אָפּ איבערן צימער.

— דריי טעג האָב איך נישט געקאָנט קיינעם זען, — האָט זי פאָרגעזעצט איר דערציילונג, — איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס מ'האָט מיך אין די דאָ־זיקע דריי טעג געלאָזט איינגאַנצן צורו.

— אַן סמעטענע, ביטע, — האָט פאַביאַן געזאָגט צום קעלנער, אבי עפּעס צו זאָגן.

ער האָט זיך דערמאָנט נאָך גאַנץ דייטלעך, ווי פאָגעלסבערגער האָט אים פאַרטרוילעך מיטגעטיילט, אַז דאָזע האָט זיך דערשאָסן אויף דער געבורטסטאָג־פייערונג, נאָך אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש מיטן גאַלייטער, אפשר איז ער אויך שיכור געווען. יעדנפאַלס איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעך פיינלעכע לאַגע. דאָ־זעם הונט, פאַשאַ, האָט דריי טעג נאָכאַנאַנד געהיילט און געיאָמערט משוגע צו ווערן. לסוף האָט דער גאַלייטער באַפוילן דעם הונט צו דערשיסן, און אַן אונ־טעראָפיציר האָט דעם באַפעל אויסגעפירט. ער אליין האָט נישט געהאַט קיין

הארץ דערצו, האָט פּאַגעלסבערגער געזאָגט, ער האָט פּאשאן געקענט זיבּט יאָרן. ראָס אלץ איז פּאביאנען בליצשנעל אדורך אין געדאנק.

— היינט וואָלט דער אָרעמער אלעקסאנדער געהאט זיין געבורטסטאָג! — האָט שארלאָטע אויפסנײ אָנגעהויבן און זיפּצנדיק געמישט מיטן לעפעלע אין איר טעפּעלע קאווע. — איצטער ווייסט איר שוין אויך די סיבה פון מיין היינ־טיקער שווערער דעפּרעסיע. איר וועט אפשר אזוי גוט זיין און מיר אָנגיסן נאָך א גלעזל שאַמפּאַניער? כ׳דאַנק אייך! — זי האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל שאַמ־פּאניער ביזן דנאָ, דערנאָך פאָרגעזעצט: — אלעקסאנדער האָט געוווסט, וויאזוי איך האָב געוואָלט געליבט זיין. נאָר ער אליין האָט עס געוווסט. ער האָט מיך ליב געהאט, ווי א הונט! איר דארפט ווישן, בעת מ׳האָט א פרוי באמת ליב, מוז מען זי ליב האָבן ווי א הונט, נישט אנדערש, געטריי, אָן שום באַוואָרעניש. און הזות איך בין נישט קיין מיאוסע, האָט מען מיך ליב געהאט און פארערט שוין פון מיין יוגנט אָן. געליבט און פארערט, הא־הא, וואָס הייסט דאָס זיין געליבט און פאר־ערט? ס׳איז דאָס סאמע לייכטסטע, ס׳איז גאָר קיין שום קונץ נישט! איך אָבער וויל, מ׳זאָל צו מיר מתפּלל זיין, מיך לויבן, וועגן מיר דיכטן, מיך פארהערלעכן, פארגעטערן! אלעקסאנדער האָט וועגן דעם געוווסט, און אזוי טאקע האָט ער מיך ליב געהאט; אָן א וואָרט צו רעדן, אָן קיינע באַוואָרעניש, ווי א הונט.

שארלאָטע האָט געשפּאנט אויף און אָפּ, פון צייט צו צייט א שלוק געטאָן פון איר גלעזל, אָדער אָפּגעטרייסלט דעם אש פון איר פּאפּיראָס. זי האָט דער־ציילט, אז זיבּט יאָרן איז זי באהערשט פון דער מוראדיקער ליידנשאפט געליבט צו ווערן. ס׳איז ביי איר באמת א מאַניע, און זי פילט זיך אומגליקלעך, ווען די דאָזיקע ליידנשאפט ווערט נישט געשטילט.

פּאביאן האָט זיך כסדר צו איר צוגעהערט, נישט אָפּרייסנדיק פון איר זייגע בליקן. ער האָט געזען איר שיין געזיכט אין דער שיין פון לאָמפּ, וואָס האָט זיך געגלימשט איבער אים, דאָ העל, דאָ טונקעלער, און ער האָט נישט געוווסט, ווען זי איז שענער. איר שטערן, אירע שלייפן האָבן אים ווי פארכישופט, און ער האָט כסדר אַנטדעקט אין איר נייע שיינקייטן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא אויער. ס׳איז געווען ווי אויסגעשניצט פון ווייסע קאָראַלן. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז א מענטש קאָן אזוי ענלעך זיין צו א געוויקס. זי האָט אויסגעזען אין זייגע אויגן, ווי א זעלטן שיינע בלום, וואָס באַוועגט זיך.

שארלאָטע איז אריין אין טראַנס פון רעדן און גערעדט כמעט אָן אן אויפ־הער. פּאביאן האָט נישט געפּרוווט איר איבערצורייסן.

— דער גאוליטער רומף, — האָט שארלאָטע געזאָגט, — פּארשטייט זיך נישט אויף פרויען, ניין, ניין! ער איז א הערשערישער און א געוואַלטזאַמער, אָפּט א גוטמוטיקער, אָבער נאָך אָפּטער א הארצלאָזער, איר פּארשטייט? לחלוטין

א הארצלאָזער! ער באהאנדלט די פרויען ווי ליאַלקעס. קום אהער, זעץ דיך, שטיי אויף, כ׳בעט דיך זיין פינקטלעך. פון מיינעטוועגן מעגסטו אפילו קומען א נישט צוגעקעמטע, אויב די פריזור וועט נישט ארויסקומען צו דער צייט, זאָלסט אָבער קומען פינקטלעך. א מאנצפארשוין, וועלכער פאָדערט, אז די פרוי זאָל פינקטלעך קומען, ווען זי איז אַפילו נישט ווי געהעריק צוגעקעמט, פאַרשטייט נישט קיין פרויען. קיין שום ווינער וועט אזעלכע אבסורדאלע פאָדערונגען נישט שטעלן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און לייכט געריבצלט דעם שטערן.

— לעצטנס קומט אָפט אַן אַנדערע צו אים, — האָט זי פאָרגעזעצט, — דאָס איז א יונגע דאמע, וואָרשיינלעך א יידישקע. ער לערנט זיך ביי איר העברעיש.

— העברעיש? — האָט איר פאביאַן איבערגעריסן.

— יאָ, העברעיש. ער זאָגט, אז ס׳איז שוין צייט, אז מיר זאָלן ענדלעך זיך אויסלערנען די שפּראַך פון די יידן. איך גלייב, אַז ער איז אין איר פאַרקאָכט. אָבער דאָס זאָל בלייבן צווישן אונדז. איינמאָל האָט ער זי מיר פאָרגעשטעלט. זי זעט אויס ווי א שיינע איטאַליענערין. כ׳ווייס נישט, צי ער האָט געוואָלט מיך מאכן אייפערזיכטיק אויף איר? ער ווייסט אוודאי נישט, אז איך האָב נישט קיין טאלאנט צו אייפערזוכט, דערצו בין איך צו שיין! — האָט זי צוגעגעבן און זיך הויך און פריי צעלאכט.

דערנאָך האָט זי פאביאַנען געבעטן אָנגיסן פאר איר נאָך א גלעזל שאַמפּאַניער און אין זיך אויך נישט פארגעסן.

— אלעקסאנדער איז נישט געווען קיין שיינער, — האָט זי פונדאָסניי אָנגעהויבן, — להיפּוך, ער האָט אפילו אויסגעזען העסלעך. דאָס איז געווען זיין איינציקער חסרון. אָבער, כ׳בעט אייך, צי זענען נישט די מענער בכלל העסלעך? יאָ, כאַ־כאַ, וואָסערע מיאוסע שאַלאַמויזן זענען איר דאָך אַלע מענער! — האָט זי אויסגערופן. — לרוב זענט איר העסלעך און אָנמעכטיק. טייל זעען אויס מיט זייערע וואָנצעס, ווי די ים־הינט, ספּעציעל זענען אזעלכע אין עסטרייך פאראן א סך. דער קייסער פראנץ־יאָזעף איז אויך געווען אזא אלטער ים־הונט. א סך זעען אויס, ווי מעלאַנכאָלישע אַלטע מאַלפּעס. דאָס זענען אָפט זייער קלוגע מענער, א סך זענען ענלעך צו פייגל מיט קאָלאָסאלע אָדלער־נעזער און גרויסע אויגן.

שאַרלאָטע האָט זיך נישט געקאָנט געגוג אָנזעטיקן מיט איר פאַרשייטן און לוסטיקן אָפּלאַכן. דערנאָך איז זי שטיין געבליבן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ פאַרטראכטע געקוקט אויף דער פאָדלאָגע און מיט אן ערנסטן טאָן פאָרגעזעצט:

— יאָ, אלעקסאנדער איז נישט געווען קיין שיינער מאנצפארשוין, ער האָט אפילו אויסגעזען העסלעך, ער איז אָבער געווען א גוטער מענטש, און ער איז געווען דער איינציקער מאנצפארשוין, וועלכער האָט פארשטאנען, וויאזוי מיך

ליב צו האָבן. ער האָט אויך געהאַט בדעה מיט מיר חתונה צו האָבן נאָכן טויט פון זיין קראַנקער מוטער, און אָט האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט.

שאַרלאָטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָטעל און אָנטשוויגן געוואָרן.

פאַביאַן האָט באַמערקט, אַז אירע שטריכן האָבן זיך געענדערט און אויף אירע וויעס האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן גרויסע טרערן.

— איך האָב אַלעקסאַנדערן געטאָן אַ גרויסע עוולה, אַ שרעקלעכע עוולה!

— האָט זי געזאָגט. — כ'האָב שלעכט, זייער שלעכט לגבי אים געהאַנדלט, אוי, זייער שלעכט!

זי האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעצויגן פונעם פינגער דעם רינג מיטן ווערטפולן בריליאַנט און צוזאַמען מיטן זילבערנעם מונדשטוק אַ שלײַדער געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע.

— כ'וויל נישט מער די דאָזיקע שמאָכטעס, ס'כאַפּט מיך אָן אַן עקל! — האָט זי אויסגערופן מיט צעפלאַמטע באַקן, און אירע שיינע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן פון טרערן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט פאַביאַן זיך אויפגעהויבן און געבעטן זי דערלויבן אים מיט איר זיך צו געזעגענען.

ס'איז שוין געווען שפּעט, בעת ער איז צוריקגעקומען אין זיין צימער. ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין, האָבן אים ווידער באַהערשט זיינע פינצטערע רעיונות, אָבער דער שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט געטרונקען ביי דער שיינער שאַרלאָטען, האָט אים געשטאַרקט.

— אפשר זענען עס בלויז שטותים, וואָס דו הערסט דיר איין, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, — ווארשיינלעך וועט זיך אין עטלעכע טעג אַרום אַלץ אויפקלערן, און דו האָסט דיר אומזיסט־אומנישט שווער געמאַכט דאָס האַרץ. יעדנפאַלס וועט דאָס בעסטע זיין גוט זיך אויסצושלאָפן. מאָרגן קאָן זיין אַ בריוו פון קריסטען, און אַלץ וועט נאָך אַנדערש אויסזען. פאַרגעס נישט, אַז דו האָסט נאָך שטענדיק צייט אָנצושרייבן דעם דאָזיקן בריוו.

XV

אויף צומאָרגנס האָט זיך פאַביאַן אויפגעכאַפּט געוויינלעך שפּעט, אַ מידער און איינגאַנצן אַפּאַטיש. ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו אַרבעטן און געבעטן זיין פאַרטרעטער איבערצונעמען אַ טערמיניקן געריכטס־ענין. די לויזע בלעטלעך פונעם געזעגענונגס־בריוו צו קריסטען האָט ער פאַרשלאָסן אין זיין

שרייבטיש, נישט וואַרפנדיק אויף זיי אפילו קיין בליק, פּונקט ווי אויף אַ בריוו צו אַ פרעמדן, אַזוי גלייכגילטיק איז אים אַלץ געוואָרן.

פון קריסטען איז קיין בריוו נישט אָנגעקומען, אָבער בעת ער האָט זיך ראַזירט, האָט דער לאַנגער פּאַגעלסבערגער אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, כּדי אים מודיע צו זיין, אַז דער גאַוליימער האָט אים באַפוילן קומען איינס אַזייגער צום מאַלצייט אין „שטערן".

— „מיט עסטרייך" וועט אויך זיין.

די דאָזיקע איינלאַדונג האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, און זי האָט אים אַ ביסל אויפגעמונטערט. עס איז געווען דאָס ערשטע פרייידיקע געפיל, וואָס ער האָט געהאַט זינט אַ סך טעג.

אין אַ געהויבענער שטימונג איז ער איינס אַזייגער אַראָפּגעגאַנגען אין די עסזאַלן פון האָטעל. ער האָט געטראָגן זיין אוניפאָרם מיט דער אָפּצייכענונג פון אָבערשטורעמפירער.

זיי האָבן געגעסן זאַלבעדריט אין אַ קליינעם צימער פון האָטעל. דער גאַוליימער, די שיינע שאַרלאָטע און ער. ראָסמייער האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט מיט פולן יראת־הכבוד אַזוי, אַז ער האָט אפילו דערשלעד געקאָנט זען די גוליעם אויף זיין ליסינע. דער גאַוליימער האָט געהאַט בדעה אויף צומאָרגנס צו פאַרלאָזן די שטאָט אויף אַ לענגערע צייט.

שאַרלאָטע האָט, פאַרשטייט זיך, געטראָגן דעם רינג מיט דעם ווערטפולן בריליאַנט, וועלכן זי האָט נעכטן אין אָוונט אַוועקגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע; אויך דעם אָריגינעלן זילבערנעם מונדשטוק מיט דער איינגראַווירטער ווידמונג: „דעם בליענדיקן לעבן" האָט זי שפּעטער באַנוצט. זי האָט געפּלוידערט און געלאַכט, ווי שטענדיק, ס'האָט אָבער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז רומף, וועלכער איז איצט געווען ווי שוין קיין הונגער, האָט איר היינט נישט געשענקט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, ווי פריער.

פאַביאַנס אַפּאַטישקייט איז בעת דעם מיטאָג שנעל פאַרשוווּנדן און ער איז אפילו געווען אין אַ באמת גוטן הומאָר.

— פאַרנעמט זיך אַ ביסל מיט דער יונגער שיינהייט, מיין ליבער פריינד, — האָט רומף געזאָגט צו פאַביאַנען. — ער האָט אים אָנגערופן פריינד!

— מיר וועלן געווים ווערן גוטע פריינד! — האָט שאַרלאָטע אָפּגעענטפערט, און צוגעוואָרפן פאַביאַנען אַ בליק פון אירע שיינע אויגן, באַגלייט מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל.

— דאָס וועט מיך פרייען פון גאַנצן האַרץ, — האָט דער גאַוליימער געלאַכט.

— אַ שיינע פרוי טאָר זיך נישט לאַנגווייליקן.

מיטאמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן שטארק צו איילן. ער האָט באפוילן צו רופן ראָסמייערן.

— איר האָט לעצטנס געהאַט אלטן שאַמפּאַניער, — האָט ער אים געזאָגט, — מיט אַ גאָלדענעם קאַפּסול. ער איז געווען גאָר אויסגעצייכנט. ברענגט אונדז אַ פלאַש. מיר וועלן אים טרינקען צו דער געזעגענונג.

ראָסמייער האָט זיך פארנייגט מיט א חניפהלע, און רומף האָט לאכנדיק אים דערקלערט, אז די הערנער אויף זיין קאָפּ זענען באמת אויסגעוואקסן אויף איין צענטימעטער.

באלד דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזעגנט.

בעת פאביאן איז נאָכן מיטאָג ארויף צו זיך אויף די טרעפּ, האָט ער דערזען שטיין פאר זיין צימער צוויי יונגעלייט. וויזט אויס פון דער היטלער־יוגנט, אָדער פון אַן ענלעכער אָרגאַניזאַציע. ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי זיך גלייך מיליטעריש אויסגעגלייכט. דער גרעסערער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און הויך דייטלעך געגעבן די קאָמאַנדע: „אכטונג!“ דער קלענערער איז געשטאַנען שטיל און שטייף מיט א האקנקרייץ־פאָן אין האנט.

ערשט איצט האָט ער זיי דערקענט. דאָס זענען געווען זיינעביידע זין, הארי און ראָבי, וועלכע ער האָט זינט יאָרן נישט געזען און וועלכע ער האָט היים ליב געהאַט. א ליכטיקע פרייד האָט אויפגעפלאַמט אין זיין האַרץ! ער האָט זיך מיט זיי היים געגריסט, כאָטש ביידע האָבן זיך פארהאַלטן אָפיציעל און צוריקגעהאַלטן. דער קלענערער, ראָבי, דער וועלכער האָט געטראָגן די האַקנקרייץ־פאָן, האָט אויסגעזען מאָגער און בלאַס, דערצו האָט ער געהאַט א ווייסן באַנדאַזש אויפן שטערן, וואָס האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון א סאָלדאַט, וואָס איז אָקאָרשט געקומען א פארוואונדעטער פון פראָנט.

— דאָס זענט איר טאַקע, איר ביידע! — האָט פאַביאַן אויסגערופן און צוגעצויגן זיי צו זיין ברוסט. — און וואָס איז געשען מיט אונדזער אָרעמען ראָבי?

— ער איז נעכטן פארוואונדעט געוואָרן בעתן שטורעם אויף דער אָקאָפּע, — האָט געענטפערט דער עלטערער, וועלכער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גברן און אַ כוואַט.

פאביאן האָט זיך צעלאכט.

— ווי זאָל מען דאָס פארשטיין? קומט אריין, קינדער! — האָט ער געזאָגט און אריינגעשטופּט זיינע ביידע זון אין צימער. — וו, זאָגסטו, איז ער פארוואונדעט געוואָרן?

— בעתן שטורעם אויף דער אָקאָפּע, פּאפּא, — האָט הארי דערקלערט.

— איין רגע, — האָט אים פאביאן איבערגעריסן, — ווילט איר ביידע שאָקאָלאַד און טשאַסטעס? יאָ? אַ סך טשאַסטעס? — ער האָט געמאַכט ביים קעל־

נער א באשטעלונג, און דערנאָך האָבן די בחורים געמוזט אויספּירלען דערציילן פון זייער אָקאָפּע.

זיי האָבן אויפגעבויט ביים גראָבן פון די היצלעס א גרויסע אָקאָפּע, און די ראָזיקע אָקאָפּע האָט געדאַרפט גענומען ווערן מיט שטורעם. ראָבי האָט געהערט צו דער רויטער פּאַרטיי, צו די פּאַרטיידיקער, און האַרי צו דער בלויער, וועלכע האָט אטאַקירט.

— איר האָט אונדז באַשווינדלט! — האָט אויסגערופן דער קליינער ראָבי, וועלכער האָט זיין פאָן ווידער אָנגעלענט ביי דער סאָפּע, ווייל זי איז כסדר אומגעפאַלן.

— איר זענט נישט געווען גענוג וואכזאם! — האָט האַרי העזהדיק געענט־פערט. — איר האָט אייך געלאָזט איבערפאַלן אומגעריכט, איר פּחדנים!

— פּחדנים? מיר, רויטע, זענען נישט קיין פּחדנים! — האָט ראָבי, נאָך אלץ מיטן באַנהאַזש אויפן קאָפּ, זיך פאַרטיידיקט.

— אזא אָקאָפּע טאָר מען נישט פאַרלירן! — האָט האַרי דערקלערט.

פּאַביאַן האָט געלאָזט ביידע בחורים קריגן זיך, דערביי האָט ער זיי גענוי געקאָנט אָבסערווירן. דאָס זענען געווען זייגע ביידע זין, וועלכע ער האָט בעת זיין שטאַרקער ליבע צו קריסטען מקריב געווען און איבערגעלאָזט קלאָטילדען. ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער גייסטיקער אטמאָספער פון דער מוטער, הגם ער האָט געוווסט, אז אין געוויסע אומשטענדן קאָן זי פאַר זיי געפערלעך זיין. היינט געהערן זיי צו דער היטלער־יוגנט. ער אליין וואָלט זיי זיכער געהאַלטן ווייט פון פּאָליטיק, וועלכע ווייזט זיך אים אויס צו זיין גאַנץ פּראָבלעמאַטיש אין א סך פונקטן.

קלאָטילדע האָט איבערגענומען די מאַכט איבער זייערע נשמות, און ער, אלס פּאָטער, איז לגמרי געוואָרן באַזייטיקט, וואָס ער האָט מיט באַדויערונג גע־מוזט אָנערקענען. זינט עטלעכע חדשים זענען זיי שוין אין שטאָט, און ערשט היינט האָבן זיי אים אָפּגעשטאַט דעם ערשטן וויזיט.

— איר האָט געפּויקט, — האָט ראָבי אויסגערופן, — דאָס איז געווען א סיגנאַל צו פאַרענדיקן.

— מאַד דיך נישט לעכערלעך, ראָבי, — האָט האַרי דערווידערט, — איר האָט געדאַרפט צו ווייסן, אז ס'איז געווען נאָך גאַנצע פינף מינוט פאַר זעקס אזייגער.

— איר האָט אונדז אָפּגענאַרט! — האָט ראָבי געשריגן. — ס'איז געווען א בפירושער שווינדל!

— הער אויף פּלאַפּלען נאַרישקייטן, קליינער! — האָט האַרי זיך געהיצט,

— ס'איז געווען א דערלויבטע קריגס-ביטרעקייט. א סאָלדאַט מוז ביז דער לעצ-טער מינוט זיין וואכזאַם! איר האָט פאַרלוירן די אָקאָפּע צוליב נאַכלעסיקייט.

— זאָל שוין איצט זיין געווג! — האָט פאביאן פאַרגלעטיקט דעם סכסוך.

— און בעתן שטורעם האָט ראָבי באַקומען דעם בייל?

— זיי האָבן מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ מיט אַ לייסט פון פּאַרקן, פּאַפּא!

האַרי האָט מיט שטאָלץ געוויזן זיין ערן-שטילעט.

— איך בין פירער פון זיבעטן פענדל, — האָט ער געזאָגט א זעלבסטזי-כערער. — דעם דאָזיקן שטילעט האָב איך באַקומען פאַרן מוטיקן פאַרהאַלטן זיך.

פאביאן האָט א שמייכל געטאָן.

— ווער איז דען אייער פירער? — האָט ער געפרעגט.

האַרי האָט זיך געגעבן א הייב אויף, אָנגענומען א מיליטערישע פּאָזע און סאַלוטירט מיט אן אויפגעהויבענער האַנט.

— אונדזער פירער איז דער שטאַנדאַרטנפירער פולקאָוויק פאָן טינען. ער האָט אויך געלאָזט אויפבויען די אָקאָפּע.

ענדלעך האָט דער קעלנער געבראַכט די שאָקאָלאַד און די טשאַסטעס. איצ-טער האָבן די בחורים געפּלוידערט שוין א ביסל רואיקער. זיי האָבן דערציילט פון פאַרשידענע פּאַסירונגען און פון די לעצטע איבערלעבונגען אין פּענסיאָנאַט, אין וועלכן פאביאן האָט זיי אָפּט באַזוכט.

אזוי, למשל, האָט א חודש פאַר זייער אוועקגיין זיך דערשאָסן דער מאַטע-מאַטיק-לערער שאָל.

— דאָקטאָר שאָל? אָבער פאַרוואָס האָט ער זיך דערשאָסן? — האָט פאַ-ביאן געפרעגט.

— ער האָט געזאָלט פאַרלירן זיין פּאָסטן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אריינטרעטן אין דער פּאַרטיי, — האָט ראָבי געענטפערט.

— ווייל ער איז געווען א פּחדן! — האָט האַרי געפּסקנט.

פאביאן האָט דערהוידערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— טרויעריק, — האָט ער געזאָגט, — זייער טרויעריק. ער איז געווען ביי אלע מענטשן געשעצט אלס ערלעכער מענטש און אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג. דו אורטיילסט צו אייליק, ליבער האַרי.

— נאָר א פּחדן קאָן זיך דערשיסן, — האָט האַרי פאַרטיידיקט זיין מיינונג.

— די פּאַרטיי פאַראורטיילט זעלבסטמאָרד ווי צום שאַרפסטן, אלס א פּחדנישע האַנדלונג.

ענדלעך זענען ביידע בחורים ארוים מיט לשון וועגן דער אייגנטלעכער סיבה פון זייער באַזוך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן האַרים געבורטסטאָג.

— דעם קומענדיקן ערשטן פייער איך מיין געבורטסטאָג, — האָט הארי אויסגערופן. — און מיר זענען געקומען דיך איינלאַדן צו מיין געבורטסטאָג.

פאַביאַן האָט זיך פאַרטראַכט.

— גוט, — האָט ער נישט אנטשלאָסן געזאָגט, — כ'וועל טאָן, וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זיין, הארי.

— אויך די מוטער דערוואַרט דיך, — האָט הארי זיך ווידער אָפּגערופן, און ראָבי האָט צוגעגעבן:

— די מוטער האָט דיך געלאָזט בעטן אויף האַריס געבורטסטאָג צו עסן ביי אונדז מיטאָג און דערוואַרט, אַז דו וועסט זיכער קומען. איך האָב דעם אויפטראַג דיר דאָס איבערצוגעבן.

אין א ווײַלע אַרום זענען ביידע בחורים אוועקגעגאַנגען.

פאַביאַן האָט זיי נאָכגעקוקט, בעת זיי זענען געגאַנגען דורכן קאָרידאָר, הארי מיט זיין ערן־שטילעט און דער קליינער ראָבי מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ מיט דער פאָן.

„מיינע זין! — האָט ער געטראַכט. — זיי וועלן נאָך א סך יאָרן דאַרפן האָבן אן אַפּיטראָפּוס. גוט, וואָס זיי זענען געקומען און מיך דערמאָנט אין מיינע התחייבותן אלס פאָטער“.

XVI

פאַביאַן האָט אָפט געגעסן אין אָוונט אין האָטעל צוזאַמען מיט שאַרלאָטען. פון צייט צו צייט האָט זי אים אויך איינגעלאַדן אין איר רייצנדיקער קליינער וווינונג צו א ספּעציעלן אָוונטברויט, וועלכן זי האָט אליין צוגעקליבן און צוגעגרייט. דאָס איז געווען איינער פון אירע טאַלאַנטן. זי האָט דעמאָלט געהייסן ברענגען דעם טייערסטן ריין־ווייַן און, ווי געווייַנלעך, שאַמפּאַניער. נישט בחינם האָט דער גאַוליַיטער זי געלערנט נישט צו זיין קיין קמצנטע.

ביסלעכווייַז האָט פאַביאַן זיך פאַרהיימישט מיט שאַרלאָטען, נאָר צו איר שיינקייט האָט ער זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען. יעדן טאָג האָט זי אים אויפסניי פאַרכאַפּט. קריסטעס געשטאַלט איז אין אים אַלץ מער און מער בלאַסער געוואָרן, הגם דער צער, וואָס ער האָט זי פאַרלוירן, איז פון זיין האַרץ אינגאַנצן פאַרשווּנדן ערשט נאָך לאַנגע חדשים. דעם געזעגענונגס־בריוו צו קריסטען האָט ער אין א געוויסן טאָג פאַרברענט. — וואָס פאַר א פאַרבלענדעניש, — האָט ער זיך פאָרגעוואָרפן. — קודם־כל מוזטו דאָך טראַכטן וועגן דיינע צוויי זין!

זיין טרויער האָט זיך אין אַ געווים טאָג ווידער אויפגעוועקט, ווען ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון פרוי בעאטע פון באַדען־באַדען. אין בריוו איז געווען ביי־געלייגט אַ טשעק אויף אַ גרעסערע סומע. פרוי בעאטע האָט אים קאַלט, אָבער זייער העפלעך געדאַנקט פאַר זיינע באַמיונגען. זי איז איצטער געקומען צו אַ הסכם מיט אירע ברידער. קיין שום גרוס פון קריסטען, קיין איינציק וואָרט פון איר.

זיפצנדיק, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, און אַראָפּגעגאַנגען אין האָטעל צו עסן אָוונט־ברויט מיט שאַרלאָטען און מיטן רייטמייסטער מעין. דער רייט־מייסטער מעין איז נאָמינירט געוואָרן פאַר דעם גאָוליטערס שטעלפאַרטרעטער, און בעת יענעמס אָפּוועזנהייט פאַרנומען זיך מיט זיינע ענינים.

שאַרלאָטע, וועלכע איז געשלאָפן ביז צוועלף אַזייגער און נאָכמיטאָג עט־לעכע שעה זיך אָפּגעגעבן מיט איר טואַלעט, איז אין אָוונט געווען פול מיט לעבן. דעם דאָזיקן אָוונט האָט זי באַזונדערס קאָקעטירט דעם רייטמייסטער מעין, אין וועלכן ס'איז איר געפעלן זיין כוואַטסקער אויסזען.

— הער רייטמייסטער, — האָט זי צו אים געזאָגט לאַכנדיק, — איר זעט אויס, ווי איר וואָלט פאַר גאָרנישט קיין מורא געהאַט. האָט איר באמת פאַר גאָר־נישט קיין מורא?

— מ'קאָן נישט זאָגן, אַז האָב איך מורא פאַר אייער שיינקייט! — האָט דער רייטמייסטער געענטפערט.

— קאָן, הייסט עס, שיינקייט אויך ווירקן אָפּשרעקנדיק? — האָט שאַרלאָ־טע געפרעגט און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט געווען דערשטויגט, — און איר, מיין פריינד? — האָט זי זיך געווענדעט צו פאַביאַנען. — איר האָט אויך מורא פאַר מיין שיינקייט?

פאַביאַן האָט געדרייט מיטן קאָפּ און געענטפערט:

— אַפילו אויף אַ האָר נישט!

— גאָט צו דאַנקען! — האָט שאַרלאָטע אויסגערופן, ווי מיט דערלייכטע־רונג, און אַ צעשטראַלטע אַ קוק געטאָן מיט אירע שיינע אויגן אויף פאַביאַנען. — אויב אַזוי האָב איך נאָך שאַנסן. עפּעס האָב איך מורא, אַז ביי אייך האָט גע־מוזט זיין אַן אומגליקלעכע ליבע, וואָס איר זענט אַזוי אָפּט נידערגעשלאָגן.

פאַביאַן איז דעם גאַנצן טאָג געווען אונטערן איינדרוק פון אירע בליקן און אירע ווערטער. „ניין, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — מיט דער אומגליקלעכער ליבע איז שוין אויף שטענדיק פאַרביי".

פון צייט צו צייט איז ער פאַרנאַכט געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן איבער די גאַסן אָנצוקוקן די מאַגאַזינען. ס'איז געווען לויט זיין געשמאַק צו באַווייזן זיך

מיט אזא שיינער פרוי. די מענטשן האָבן שאַרלאָטען באַוואונדערט, זי האָט זיי אויסגעזען, ווי א מענטש פון אן אנדער וועלט, מיט א שענערער נשמה.

— דאָס איז דעם גאַלייטערס געליבטע, — האָט ער דערהערט, ווי אַ מאַן שעפּטשעט זיין פרוי אין אויער.

געליבטע? דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ.

גאָר זעלטן פלעגט ער מיט איר אריינגיין אין די מאגאזינען, ווו זי פלעגט אָפּטרעטן צו מאַכן אירע איינקויפונגען, ווייל זי האָט געהאַט אַ פּאַסקודנע געוווינהייט אָפּט אויסצושפּילן אויף איר אונטערמער באַקאַנטשאַפט מיטן גאַולייטער.

פון זייערע קליינע שפּאַציר-גענג פלעגן זיי זיך אומקערן אין האָטעל און א ביסל נאָך שמועסן. איינגיכן האָט ער אין קריסטען איינגאַנצן פארגעסן, און זי האָט זיך אים אַפילו מער נישט באַוויזן אין חלום.

אין א געווויסן אָוונט האָט אים שאַרלאָטע ווידער איינגעלאַדן אין איר קליינער האָטעל-וווינונג אויף אָונטברויט.

— איך פייער היינט א קליינעם יום-טוב! — האָט זי אים סודותדיק געזאָגט. — וואָס פאַר א יום-טוב דאָס איז, וועט איר זיך שפּעטער דערוויסן.

ער האָט פאַר דעם אָוונט צוגעגרייט זייער שיינע בלומען. „וואָרשיינלעך פייערט זי איר געבורטסטאָג“, — האָט ער געטראַכט.

דאָס קליינע עסצימער איז געווען יום-טובדיק באַלויכטן, דער טיש פיינער געדעקט, ווי ווען נישט איז אנומלט. זילבער און קרישטאָל האָבן געבלישטשעט, אין די קאַראַפקעס האָט געפינקלט ווייסער און רויטער ווייַן. קיין קעלנער האָט מען נישט געזען.

— דאָ בין איך! — האָט שאַרלאָטע אויסגערופן פון איר קליינעם סאַלאָן. א יום-טובדיק געקליידטע, איז זי דאָרט געלעגן אויף א פאָטעל. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט צום קושן.

פאַביאַן האָט איר דערלאַנגט זיינע בלומען.

— דעם אומבאַקאַנטן גאָט פון דער היינטיקער פייערונג, — האָט ער געזאָגט.

שאַרלאָטע האָט אים געדאַנקט מיט א שטילער שטימע. זי איז, ווייזט אויס, געווען נישט מיט אַלעמען, כאָטש זי האָט אויסגעזען גוט און פריש, ווי שטענדיק. מיט אן אויסדרוק פון מידקייט און גלייכגילטיקייט האָט זי ביי אים צוגענומען די בלומען.

— וואָס איז מיט אייך, גנעדיקע פרוי? — האָט פאַביאַן געפרעגט, וואָס האָט זיך זייער געפרייט מיט דעם אָוונט.

— גנעדיקע פרוי? — האָט שאַרלאָטע איבערגעחזרט כמעט מיט אַ נישט העפלעכן טאָן, רונצלענדיק דעם שטערן. — רופט מיך גאַנץ פשוט שאַרלאָטע.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר האַנט.

— וואָס איז היינט מיט אייך, שאַרלאָטע?

זי האָט אַ מידע געשמייכלט, און דער דאָזיקער אַפּאַטישער שמייכל איז אים נישט געפעלן. ס'ווייזט אויס, אַז זי האָט זיך צוגעקילט.

— כ'האָב קאָפּווייטיק, מיין ליבער פריינד! — האָט זי ענדלעך געענטפערט,

— כ'האָב שוין אַלץ פּראָבירט, אָבער דער קאָפּווייטיק וויל נישט אָפּטרעטן.

מיט אַ זיפץ האָט זי זיך צוריק אַוועקגעלייגט אין פאָטעל און געשוויגן. דער-נאָך האָט זי אָנגעהויבן לאַנגזאַם רייבן די שלייפן מיט אירע צאַרטע פינגער, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז די איינציקע רפואה, וואָס קאָן איר העלפן.

— אפשר וועט איר איין מאָל אַ פּרוו טאָן אייער טאַלאַנט?

—כ'האָב מורא, אַז איך האָב נישט קיין מזלדיקע האַנט, — האָט פּאַביאַן אָפּגעענטפערט.

— פונקט להיפּוך, כ'בין איבערצייגט, אַז אייער האַנט האָט אַ סך מאַגנע-טישע איינגשאַפטן. אַלציינס, מאַכט אַ פּרוו, — איז שאַרלאָטע פאַרעקשנט באַ-שטאַנען אויף איר ווונטש.

פּאַביאַן איז גערן צוגעגאַנגען נענטער און אָנגעהויבן פּאַמעלעך און אַזוי צאַרט, אויף וויפל ער איז נאָר געווען ביכולת, רייבן אירע שלייפן, פירנדיק מיט די פינגער כסדר אַזוי, פונעם שטערן ביזן אויער, גאָרנישט מיד ווערנדיק.

— אָך, ווי גוט! — האָט שאַרלאָטע געפליסטערט, — הערלעך! איך פיל שוין, ווי איך ווער שלעפעריק. איר מוזט וויסן, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דערנאָך האָט זי בלויז געזאָגט: גוט, וווּנדערבאַר! און לסוף האָט זי נאָך געעפנט קוים די ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן „גוט". אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי שוין מער נישט באַוועגט מיט די ליפּן אויך, און ער האָט אַלץ ווייטער געריבן די שלייפן, פירנדיק מיט די פינגער די מאַגנעטישע ליניעס. איר פּנים איז געוואָרן אינגאַנצן רואיק.

ער האָט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַטראַכטן דאָס דאָזיקע לעגענדאַ-רישע פּנים, וואָס האָט אים אָנגעפילט מיט אַ געוויסער מורא. דער שטערן, די נאָז, די באַקן, די ליפּן, — ווי דאָס אַלץ איז געווען ווי געטאָקט. די נאָז איז גע-ווען באַזונדערס הערלעך געפאָרמט, צאַרט און דאָך קרעפטיק. אַ שענער מויל האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען. ער האָט זיך דערמאָנט אין די פאָר-מען פון ווייבער פאַלדיקייט ביי רויזן-בלעטלעך. ער האָט אפילו דייטלעך געקאָנט דערזען דעם אויסערגעוויינלעך צאַרטן בלאָנדן פוך אויף איר אויבערשטער ליפּ. פּלוצים האָט זי גאַנץ לייכט אַ זיפץ געטאָן, דערנאָך האָט זי זיך שוין אפילו נישט קיין ריר געטאָן. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער פּאָרזיכטיק אַוועקגענומען די הענט פֿון אירע שלייפֿן, און ווי ער האָט נאָר געוואָלט שטילערהייט זיך אויסגלײַכן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין די ווינקלען פֿון איר מויל האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכעלע. באַלד דערנאָך האָט שאַרלאָטע שטאַרקער אַ שמייכל געטאָן און אויפֿגעעפֿנט אירע אויגן, וואָס האָבן געפֿינקלט מיט אַ העלן גלאַנץ.

— איך בין אַ גוטע שוישפּילערין, ווי? — האָט זי געשעפּטשעט. — מיינט איר, אַז איך וועל דאָס קאָנען צו עפּעס דערפֿירן? — האָט זי פֿאָרגעזעצט מיט אַ דערוואַכנדיקער שטימע און אָנגעהויבן הילכיק און טריומפֿירנדיק צו לאַכן.

פֿאַביאַן איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער איז נישט ביכולת געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט און האָט בלויז געקאָנט אַ נייג טאָן מיטן קאָפּ.

שאַרלאָטע האָט אָבער אַרומגעכאַפּט זײַן האַלדז מיט אירע צאַרטע הענט, און מיט אַזאַ כּוח, וואָס ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, האָט זי צוגעצויגן זײַן קאָפּ צו איר פּנים און אים האַרציק אַ קוש געטאָן אין באַק. דערנאָך איז זי אויפֿגעשפּרונגען און זיך הילכיק צעלאַכט.

— האָט איר נאָך אַלץ נישט קיין מורא פֿאַר מײַן שײַנקייט? — האָט זי אויסגערופֿן. — ניין? אויב אַזוי, טאָ וועלן מיר אָנהייבן אונדזער פּייערונג!

און זי האָט אָנגעקלונגען נאָכן קעלנער.

די פּייערונג האָט געדויערט ביז פֿאַרטאָג, און ווען זיי האָבן זיך צעזעגנט, זענען זיי שוין געווען אויף „דו“.

פֿון דעם דאָזיקן אָוונט אָן זענען זיי געווען אומצעטיילבאַר. מ׳האָט זיי אָפֿט געזען צוזאַמען פֿאָרן דורך דער שטאָט, זי פֿלעגט קומען נאָך פֿאַביאַנען אין ביוראָ, און אין די זונטיקס האָבן זיי געמאַכט אויספֿלוגן אויסער דער שטאָט. זיי האָבן פֿאַרברענגט צוזאַמען אַ שיינעם זומער, און ס׳האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אַ פֿאַרהייראַט פּאָרל.

איינמאָל האָט זי אַפֿילו פֿאַביאַן מיטגענומען אויף אַן אַמטלעכער רייזע קיין בערלין, וווּ ער איז פֿאַרנומען געווען אַ גאַנצע וואָך. איר שײַנקייט האָט אַלעמען פֿאַרכּישופֿט. מ׳האָט אויפֿגעהערט רעדן, בשעת זי איז אַדורכגעגאַנגען. אירע דערפֿאָלגן האָבן פֿאַביאַנען פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן.

איבעריקנס, האָט ער באַמערקט, אַז זי איז גאַנץ עמפּפֿינדלעך אויף די בליקן פֿון די באַגײַסטערטע מענער. זי פֿלעגט אין אַזעלכע סיטואַציעס ברייט צעעפֿענען די אויגן, איר שמייכל פֿלעגט ווערן גאָר אַן אַנדערער, לעבעדיקער, באַזעלטער, טיילמאָל פֿול מיט ליבע. אויך איר לאַכן האָט זיך פֿאַרענדערט, ס׳איז געוואָרן הילכיקער, מיט אַן אויסקלאַנג פֿון טריומף, אָפֿט האָט עס אָבער אויך געקלונגען

געמאַכט און קינסטלער. די באַוווּנדערנדיקע בליקן פון די באַגייסטערטע פרויען האָט זי לחלוטין נישט באַמערקט, זיי האָבן פאַר איר בכלל נישט עקזיסטירט.

אין אַ געווּיסן טאָג אָבער, אינגאַנצן אומגעריכט, האָט זיך אַלץ געענדיקט.

מיטאָגצייט, בעת זיי האָבן ביידע געגעסן אין „שטערן", האָט זיך באַוויזן דער לאַנגער פאָגעלסבערגער מיט זיין ווייצנבלאָנדער טשופּרינע און געזאָגט:

— כ'האָב דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, גנעדיקע פרוי, אַז מאָרגן פאַר מיטאָג עלף אַזייגער וועט פאַר אייך זיין גרייט אַן עראָפּלאַן.

שאַרלאָטע איז בלאַס געוואָרן.

— אַן עראָפּלאַן? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

— דער גאַוליטער האָט אייך אָראָפּגעבראַכט אַהער מיט אַן עראָפּלאַן, — האָט פאָגעלסבערגער אין זיין שוואַרצן פּאַרטיי־אוניפאָרם מיט דער זעלבער העפלעכקייט שמייכלענדיק פאָרגעזעצט, — און ער האַלט פאַר זיין חוב אָפּצופירן אייך אַהיים ווידער מיט אַן עראָפּלאַן. און מיר האָט ער טאַקע צוגעטיילט די בכבודיקע אויפגאַבע צו באַגלייטן אייך ביז ווין און אייך אַראָפּלאָזן אויפן ווינער פלי־פּלאַץ. אַזאַ באַפעל האָב איך באַקומען.

שאַרלאָטעס בליקן האָבן געפינקלט, זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזען בלאַס.

— און ווען איך וואָלט מיך אָפּגעזאָגט צו געניסן פונעם דאָזיקן עראָפּלאַן?

— האָט זי געפרעגט.

פאָגעלסבערגער איז דערשטוינט געוואָרן פון די דאָזיקע ווערטער. שמייכלענדיק, האָט ער שאַרלאָטען אָנגעקוקט. זיין באַוווּנדערונג פאַר איר האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. ער האָט באַלאַנגט צו דער קליינער גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן בעתן פייערן דעם גאַוליטערס געבורטסטאָג בייגעוווינט איר טאַנצן נאַקעטערהייט אויפן מאַהאָגענישן טיש. זי האָט דעמולט געטראָגן בלויז וואַלענע הייזלעך, און דער דאָזיקער אייגדרוק איז געווען אַזאַ פאַרפירערישער, אַז ער וועט אים אויף זיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. וועגן דעם טאַקע האָט ער איצטער געטראַכט.

אַ שמייכלענדיקער, האָט ער אַלץ נאָך געקוקט אויף שאַרלאָטען און געזאָגט:

— אַלס אייער פריינד און פאַרערער וויל איך אייך ראָטן נישט פרווון דאָס צו טאָן. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אויסן אייער טובה. אַלזאָ, גוט! מאָרגן פינקטלעך האַלב עלף אַזייגער וועל איך זיין פאַרן האָטעל און אייך אָפּנעמען.

און פאָגעלסבערגער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און אַרויסגעגאַנגען.

XVII

שאַרלאָטעס פּלוצימדיק אַוועקפאָרן איז פאַר פּאַביאַנען געווען אַ זייער נישט אָנגענעמע איבערראַשונג. ער האָט זיך שוין געהאַט צו איר צוגעוווינט און ער איז איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי האָט אים, נישט וויסנדיק דערפון, אַרויסגעהאָלפן אין די שווערע וואָכן און חדשים פון זיין לעבן.

צו זיין אייגענער דערשטוינונג אָבער האָט ער, אין תוך גענומען, זיך נישט מצער געווען, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט נישט געפילט קיין טיפע בענקשאַפט צו איר און קיין שום ווייטיק. להיפוך, ער האָט זיך געפילט דערלייכטערט און באַפרייט. זי האָט באַלאַנגט צו יענע טיפן מענטשן, אין וועלכע מ'פאַרגעסט תיכף, ווי נאָר זיי פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. זי האָט מער גאָרנישט איבערגעלאָזט נאָך זיך, ווי נאָר די דערינערונג פון איר שיינקייט.

„ס'איז ווייניק אַלזאָ צו זיין בלויז שיין, — האָט ער געטראַכט, בעת ער איז ביחידות געזעסן אין „שטערן“ ביי אַ גלאָז וויין. — מיר האָבן ליב גאַנץ אַנדערע אייגנשאַפטן אין אַ מענטשן“. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין קריסטען, האָט ער זיך געשעמט, וואָס ער האָט פאַרטאַכליעוועט אַזויפיל חדשים אויף אַ נפש, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ סך אַ נידעריקער מדרגה פון איר.

נישט געקוקט אויף איר שיינקייט, איז אים נישט לייכט געווען נישט צו באַמערקן דאָס, וואָס ס'איז פאַר איר געווען אייגנטימלעך, — איר אויבערפלעכלעכקייט און איינבילדונג. איר שיינקייט איז געוואָרן פאַר איר אַ קללה, ווייל זי האָט די מענטשן געמאָסטן נאָר מיט ריין עסטעטישע מאָסן און להלוטין נישט גענומען אין באַטראַכט זייערע מאָראַלישע אייגנשאַפטן און גייסטיקע פעיקייטן. „מ'זאָגט, אַז מיין שיינקייט פאַרכישופט די מענער, מ'זאָגט, אַז מיין געלעכטער קאָן טויטע אויפוועקן“. — די דאָזיקע שאַרלאָטעס אַרויסזאָגונגען זענען אים דורכגעגאַנגען אין רעיון.

איר שיינקייט איז געוואָרן פאַר איר דער מיטלפונקט פון דער וועלט, אַרום וועלכן אַלץ אַרום מוז זיך דרייען. און איר הייסטער ווונטש איז געווען, מ'זאָל צו איר זיך אָנבעטן, מ'זאָל זי פאַרגעטערן. אַ מאַנצביל מוז זיין איר שקלאַף און דינער, ער זאָל נאָר זי זען, און דער ציל פון זיין לעבן דאַרף זיין זי צו פאַרהערלעכן.

ער האָט אויך געטראַכט וועגן איר קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף אַנדערע פרויען, אויף וועלכע זי האָט געוויינלעך נישט געלייגט קיין שום אַכט. ווי אָפט האָט ער שטענדיק פאַראורטיילט איר פאַררישנקייט. היינט קאָן ער נישט לאַכן פון אירע גאַווהדיקע באַמערקונגען. בעת ס'פלעגט דורכגיין אַ דאַמע מיט אַ הויכן ביוסט, פלעגט זי זאָגן: ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ ביוסט, וואָלט איך מיר

גלייך ס'לעבן גענומען. ווען אַ פרוי מיט גרויסע פיס האָט זי געזאָגט: כ'וואָלט מיר ליבערשט די פינגער געלאָזט אָפּהאַקן, איידער צו ווייזן זיך מיט זיי אויף דער גאַס.

— אַ גליקלעך לעבן, שאַרלאָטע! — האָט פּאַביאַן געזאָגט און געהויבן זיין גלאָז.

ס'איז איצט דריי טעג נאָך איר אָפּפאָר און מ'קאָן נישט זאָגן, אַז פּאַביאַן זאָל זיך האָבן באַזונדערס געקימערט.

איין פראַגע אָבער האָט אים אָפט באַשעפטיקט: פאַרוואָס האָט דער גאַלייטער געהייסן שאַרלאָטען אַזוי פּלוצלונג אָפּפאָרן קיין ווין? ער האָט דאָך געמוזט האָבן אַ סיבה דערצו. ער האָט אָבער נישט געקאָנט דערגיין דעם סוד, וויפל ער זאָל זיך נישט האָבן באַמיט. ווארשיינלעך איז עס געווען נישט מער ווי אַ קאַפּריז פון גאַלייטער, — האָט ער געטראַכט.

דאָך האָט אים פּלוצים די דאָזיקע פראַגע אויפסניי באַאומרואיקט. דאָס איז געשען בעת דער גאַלייטער האָט אים אין עטלעכע וואָכן אַרום באַפוילן צו קומען קיין איינשטעטען אָן שום נענטערער דערקלערונג צוליב וואָס. אפשר וועט ער מיר מאַכן פאָרווורפן, האָט ער געטראַכט, הלמאי איך האָב זיך מיט שאַרלאָטען צופיל באַוויזן פאַר דער וועלט? ער האָט זיך געפילט אַ ביסל קאַלאַמוטנע.

אָבער רומף האָט לחלוטין נישט געטראַכט דערפון. ער האָט בכלל וועגן שאַרלאָטען נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט. אין „פּאַלאַץ“ האָט מען אים געזאָגט, אַז דער גאַלייטער דערוואַרט אים אין ביליאַרד־זאַל. ער איז געווען געוואַלדיק איבערראשט, ווען ער האָט רומפן, וועלכער האָט אים באַגעגנט אין העמד מיטן ביליאַרד־שטעקן אין האַנט, געטראָפן נישט אַליין. אַ שוואַרצהאָריקע יונגע דאַמע מיט אַן אָפּגעברוינט פּנים פון דער זון איז געשטאַנען אָנגעלענט אין ביליאַרד־טיש.

— די דאַמע פאַרזיכערט, אַז זי קען אייך, — האָט רומף אַ גוט געשטימטער געזאָגט.

פּאַביאַן האָט זיך פאַרנייגט פאַר דער יונגער דאַמע, וועלכע האָט זיך אין דעם דאָזיקן מאָמענט צו אים אויסגעדרייט. דאָס איז געווען מאַריאָן! מען דאַרף זיך שוין באמת פון קיין זאַך נישט חידושן אויף דער דאָזיקער וועלט! איינמאָל האָט ער ביים גאַלייטער געטראָפן די שענסטע פרוי פון עסטרייך, אַ צווייט מאָל א גוטע באַקאַנטע, וועלכע איז א יידישקע.

— מאַריאָן? — האָט פּאַביאַן פריידיק און פאַרחידושט אויסגערופן.

רומף האָט זיך הויך צעלאַכט. אַזעלכע מיני איבערראַשונגען זענען געווען אין זיין גוסט.

— יאָ, איך בין עס טאַקע, — האָט מאַריאָן, גריסנדיק זיך מיט פּאַביאַנען, אָפּגעענטפערט און צעלאַכט זיך מיט איר קערנדיקן, פרישן געלעכטער. דערביי איז זי געוואָרן בלוט־רויט פון פאַרלעגנהייט.

—איר טרעפט מיך דאָ אין אַ טאָפּלטער ראָל, — האָט זי געזאָגט, — אַלס לערערין פון איטאַליעניש און אַלס שילערין פון ביליאַרד־שפּיל.

רומף האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט, באַאַרבעטנדיק בעת מעשה זיין ביליאַרד־שטעקן מיט קרייד.

— ווי געפעלט אייך דאָס דאָזיקע מיידל? — האָט ער אויסגערופן. — קלינגט עס נישט ווי אַן אַנטשולדיקונג? מ׳קאָן באַלד מיינען, אַז כ׳האָב מיט איר אָנגעהויבן באַציונגען.

מאַריאָן איז נאָך רויטער געוואָרן. זי האָט נישט באַוויליקט אַ בליק צו טאָן אויף רומפן, נאָר געקוקט אין אַ זייט און געווען ווייטער פאַרטאָן מיט דעם על־פאַנטביינערנעם באַל אויפן ביליאַרד.

רומף אָבער האָט, נאָך אַלץ לאַכנדיק, געווענדט זיך צו פּאַביאַנען:

— און דערביי בין איך מיט איר נאָך נישט גענטער געוואָרן ווי מיט אייך, — האָט ער געזאָגט. — פרוילין מאַריאָן איז פאַקטיש ביי מיר באַשעפטיקט אַלס לערערין פון איטאַליעניש. איך האָב אָבער נישט דעם קלענסטן טאַלאַנט צו שפּילן די ראָל פון אַ געהאָרכזאַמען שילער און איינזיצן ביים טיש. איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צי קאָן מען נישט אַמאָל פאַרבינדן די קאָנווערסאַציע פון איטאַליעניש מיטן ביליאַרד־שפּיל? און ס׳גייט! אָדער אפשר גייט דאָס נישט, פּראָפעסאָראַ?

— Eccelentissimo, commodore! — האָט מאַריאָן אויסגערופן, איבער־בייגנדיק זיך איבערן ביליאַרד־טיש.

— „פּראָפעסאָראַ און קאָממאָדאָרע“, מוזט איר וויסן, — האָט רומף דער־קלערט, — זענען דאָס די טיטלען, אויף וועלכע מיר זענען געקומען צו אַ הסכם. איר ווערט זיין דערשטוינט, — האָט ער פאַרגעזעצט, — וואָס פאַר אַ פאַרשריט פרוילין מאַריאָן האָט געמאַכט במשך פון קנאַפּע עטלעכע וואָכן! ס׳איז ממש נישט צו גלייבן! איך וועל איר שוין באַלד נישט קאָנען געבן גאָרנישט פאַר.

פּאַביאַן האָט אָבסערווירט מאַריאָן ביים שפּילן. זי האָט באמת גאַנץ גוט געשפּילט. אַלס אויסגעצייכנטע טעניס־שפּילערין, האָט די ביליאַרד־שפּיל, וואָס פאָדערט אַ פלינק אויג און אַ גרויסע קערפּערלעכע געשיקטקייט, נישט געקאָנט איר פאַרשאַפן, פאַרשטייט זיך, קיין שוועריקייטן.

אין דעם מאָמענט האָט זי, האַלב־זיצנדיק אויפן ביליאַרד־טיש, דורכגעלאָזן אַ באַלעם און געשקאָלט מיטן קאָפּ. זי האָט זיך הויך צעלאַכט.

— ס׳איז פונדעסטוועגן גאָרנישט אַזוי לייכט, ווי מ׳שטעלט זיך פאָר! — האָט זי אויסגערופן.

— אייער שטוים איז געווען צו שוואך, דאָס איז עס אינגאנצן, — האָט רומף באמערקט, — איצטער אָבער ווילן מיר מאכן א קליינע פויזע, פּראָפּעס־סאָרא, און טרינקען טיי. ביטע, קומט אהער.

אין א ווינקל פון בּיליארדזאל איז געווען א פּאָדיום פאר צושויער און געסט. דאָ האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט טרינקען טיי.

— ליבער פריינד! — האָט דער גאולייטער שמייכלענדיק געווענדט זיך צו פּאביאנען. — אלס א מענטשנקענער האָט איר אוודאי לאנג שוין באמערקט, אז מאריאָן האָט אין דער העכסטער מאָס געווונען מיין סימפּאטיע.

— הער קאָממאָדאָרע! — האָט מאריאָן לאכנדיק אויסגערופן. — איך זע, אז איך שטער די הערן.

— ס'איז שווער נישט מסכּים צו זיין, אז מאריאָן איז אויסערגעוויינלעך סימפּאטיש, — האָט פּאביאן אָפּגעענטפערט מיט איבערצייגונג.

— שווער? איר זאָגט שווער? — האָט רומף פאַרגעזעצט, — איך שטעל פעסט, אז ס'איז לגמרי אוממעגלעך. און דאָך, כ'גיב אייך מיין ערנוואָרט, אז איך האָב נאָך נישט געוואגט איר א קוש צו טאָן אין האנט. אזוי שאָרסטקע און נישט צוטריטלעך איז זי.

מאריאָן האָט שטארק דערווידערט.

רומף האָט אָבער אָן אויפהער געלאכט.

— יאָ, שאָרסטקע און נישט צוטריטלעך! — האָט ער איבערגעחזרט, — און דערצו, מוזט איר וויסן, איז עס אויך געפערלעך! — האָט ער פאַרענדיקט מיט א קליגנענדיק געלעכטער.

מאריאָן האָט מיט אן אומרואיקע באוועגונג אוועקגעשארט די שווארצע לאָקן פון איר שטערן און געמאכט א מינע ווי צום אויפהייבן זיך.

— הער קאָממאָדאָרע! — האָט זי אויפסניי אויסגערופן און איר פּראָטעסט איבערגעחזרט אויף איטאליעניש, אזוי אז פאביאן האָט נישט אינגאנצן פאַר־שטאנען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם גאולייטער אזוי חבריש זיך אומגיין מיט א מענטש.

רומף האָט אָבער ווייטער געלאכט.

— אַנטשולדיקט מיר, פּראָפּעססאָרא, כ'וועל דאָך נישט דערציילן וועגן שפּילעט!

— איך בעט אייך זייער! — האָט מאריאָן אויסגערופן, און א רויטקייט האָט ביי איר א זעץ געטאָן אין פּנים ביז די האָר־וואָרצלען.

רומף האָט זיך ווייטער געווענדט צו פאביאנען.

— מאריאַן טראָגט מיט זיך כסדר א שטילעט, — האָט ער געזאָגט, — דעם דאָזיקן שטילעט וויל זי געברויכן לגבי יעדן מאַן, ווער ס'זאָל נישט זיין. אפילו לגבי מיר, ווען ס'וואָלט צו דעם געקומען.

מאריאַן איז אויפגעשפּרונגען. זי איז פּלוצים בלאַס געוואָרן.

— כ'בעט מיר דערלויבן זיך צו דערווייטערן, הער גאָוליימער! — האָט זי געזאָגט אָפיציעל און ערנסט.

רומף האָט תיכף אויפגעהערט לאַכן. מיט א צעטראָגענער מינע האָט ער א בליק געטאָן אויף מאריאַן.

— אָבער איך בעט אייך הארציק, מאריאַן! — האָט ער אויסגערופן. — איר דאַרפט דאָך פארשטיין א שפּאַס! כ'וועל באמת זיין זייער באטריבט, אויב מיין לצנות וועט אייך פארטרייבן. טרינקט רואיק ווייטער אייער טיי און כ'בעט אייך טאָן א שמייכל, אלס סימן, אז איר זענט שוין מער נישט אין כעס.

„ער באהאנדלט זי ווי א קינד, — האָט פאביאן געטראכט. — שארלאָטע האָט רעכט געהאַט: ער פארשטייט זיך נישט אויף פרויען".

מאריאַן האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט. זי האָט געשמייכלט, אָבער די טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן.

— זייט מיר מוחל, מאריאַן, — האָט רומף געזאָגט, — איך האָב היינט מיין הפקרדיקן טאָג.

מאריאַנס באַזוכן זענען פאַרן גאָליימער געוואָרן אַ געוווינהייט. ער האָט נישט איינמאָל געמאכט א פּרווו צו מאכן א סוף מיט דער דאָזיקער געוווינהייט און מיטאמאָל מאריאַן אָפּגעזאָגט.

— צום טייוול! — האָט ער געשאָלטן און געקריצט מיט די ציין, — צי ביסטו אראָפּ פון זינען? לאָז אָפּ די פאררייסענע יידישקע, זאָל זי גיין, ס'זענען דאָך פאראַן געגוג אנדערע!

אָבער אלע פּרוון האָבן זיך אים נישט איינגעגעבן. א פיינלעכער אומרו האָט אים געפּלאָגט. זיין שטימונג איז עטלעכע טעג כסדר געווען ממש אַן אומדער־טרעגלעכע, אזוי, אז ער האָט זיך געמוזט אָנשיכורן. וואָס איז עס מיט אים גע־שען, צו אלדי רוחות? ער האָט זיך אליין נישט געקאָנט דערקענען. אויף צו־מאָרגנס האָט ער פערזענלעך אָנגעקלונגען צו מאריאַן, און ערשט ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך באַרואיקט. אַזוי איז דאָס שוין געווען.

— גוט, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — דאָס קאָן מען נישט ענדערן. ס'וועט אָבער קומען א טאָג, ווען ס'וועט איר אליין דערעסן ווערן די דאָזיקע פלאַטאָנישע אומגעלומפּערטקייט. סוף־כל־סוף איז זי דאָך א יונגע פרוי.

XVIII

די אומרועז האָבן זיך שוין אָנגעהויבן זומערצייט, ווען שאַרלאָטע האָט נאָך פֿאַרברענגט אין שטאָט.

אין א געווימן טאָג האָבן זיך שאַרלאָטע און פּאַביאַן געקליבן צו מאַכן איינקויפֿונגען אויף דער ווילהעלם=גאַס, זענען זיי אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿון דריי גרויסע לאַסט=אויטאָס. אויף די לאַסט=אויטאָס איז געשטאַנען אַ צונויפֿגעדרענגטע מחנה צעיושעטע, רײַשענדיקע ברוינע סאָלדאַטן, וועמענס חוצפּהדיקע העוויות און עזותדיקע מינעם האָבן אַרויסגערופֿן אַן אַלגעמיינע אויפֿרעגונג. אפֿנים, אַז זיי זענען געווען שיכור. די לאַסט=אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר רעסטאָראַנען, קאָנדיטאָרייען, קאַוויאַרניעס און ייִדישע געשעפֿטן, און די וווּלגאַרע סאָלדאַטן האָבן אָנגענומען א דראָענדיקע פּאָזיציע לגבי די דערשראָקענע מענטשן אויף דער גאַס און אין די לאָקאַלן. מיט זייערע ווילדע שטימען האָבן זיי געריטשעט אין א כאָר: יודא גיב אכט! יודא גיב אכט! סא וואכט! סא וואכט! דערנאָך זענען די ליאַרמענדיקע לאַסט=אויטאָס געפֿאָרן ווייטער, כדי אין א ווײַלע אַרום ווידער צו פֿאַרהאַלטן זיך, און די סאָלדאַטן זאָלן קאָנען אויפֿסנײַ אָנפֿילן די גאַסן מיט זייער געשריי, סקאַנדירנדיק זייערע ווילדע אויסרופֿן.

דער ליאַרעם האָט אָנגעוואָרפֿן א שרעק אויף די גאַסן און אָנגעפֿילט די שטאָט מיט אומרו און פּחד. וואָס איז עס געשען? ביז היינט איז די שטאָט געווען צוגעוווינט צו גוטע זיטן, און איצטער איז איר רואיקייט צעטרייסלט געוואָרן, מען האָט נישט געקאָנט באַנעמען, ווי קאָן מען עס בושעווען און סקאַנדאַלעווען אין די גאַסן, און די פּאָליציי זאָל זיך נישט אַרייַנמישן. דערצו איז נאָך אויפֿפֿאַלנד געווען דאָס, וואָס קיינער האָט די ברוינע סאָלדאַטן נישט געקענט. זיי האָבן אַזוי אומגעריכט אויפֿגעטויכט אין שטאָט אויף זייערע גרויסע לאַסט=אויטאָס, נישט צו וויסן פֿון וואַנען זיי האָבן זיך דערנומען.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

אין האַרבסט אָבער, עס איז שוין געגאַנגען צום ווינטער, איז די שטאָט פֿול געוואָרן מיט שרפֿה=אַליאַרם און ווילדן געשריי פֿון דערשראָקענע שטימען. פֿייערלעשער, שווערע אויטאָס און סקריפּנדיקע פֿערד=געשפּאַנען האָבן זיך געטראָגן און פֿאַרטױבט די גאַסן. די פֿייערלעשער=גלאָקן האָבן שאַרף געקלונגען, און די איינוווינער האָבן אין איין שרעק צעפּראַלט די פֿענצטער. דער הימל איז געווען בלוט=רויט. צו דער שרפֿה זענען אין בהלה געלאָפֿן אויפֿגערעגטע מענטשן, און פֿון דער פֿינצטערניש האָבן זיך געטראָגן מוראדיקע אויסגעשרייען: „די סינאַגאָגע ברענט!“.

יאָ — די סינאגאָגע, די אלטע בכבודיקע געביידע איז געשטאנען אין פּלא=
מען. זי האָט פּלוצים אָנגעהויבן ברענען פּונקט ווי א סך אנדערע סינאגאָגעס אין
דייטשלאנד אין יענער נאכט. די סינאגאָגע האָט אָפּגעברענט ביז די סאמע פונ=
דאַמענטן, און צומאָרגנס איז פון איר מער נישט געבליבן ווי א באַרג טליענדיקע
בעלקעס און רויכנדיקער גרוז. די פייערלעשער האָבן געהאט א מאסע ארבעט
ביים באשיצן א באדראָטן בענזין=לאגער, וועלכער האָט זיך געפונען אין שכנות.

אָבער די שרפה פון דער סינאגאָגע איז נישט געווען די איינציקע שרעק אין
דער דאָזיקער מוראדיקער נאכט. די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און דער גיהנום
האָט אַרויסגעלאָזט אַ מחנה שדים אויף דער שטאָט, כדי זי צו באַשטראָפן. ווי=
וער האָבן איבער די גאסן געיאָגט זיך גרויסע לאסט=אויטאָס, פולע מיט ריטשענ=
דיקע ברוינע סאָלדאטן. אין דער גאנצער שטאָט האָט זיך געלאָזט הערן א זבענ=
קען און האַקן. פענצטער אָן אַ צאָל זענען צעטראַסקעט געוואָרן אויף שפּענדלעך.
אלע שויפענצטער פון יידישע פירמעס זענען געוואָרן צעשמעטערט. פון ניקאָ=
לאיס באמת הערלעכן יוועליר=מאגאזין האָט מען געמאכט לגמרי א חורבן. די
צעבראָכענע שפּיגל=שויבן האָבן באדעקט דעם טראָטואר, ווי מיט גראָבע שטיקער
אייז. ווער האָט דען געוווסט, אַז ניקאָלאַי איז געווען אַ ייד? האָט ער דען נישט
ווי געהעריק ארויסגעשטעלט אין שויפענצטער די פרוי צעציליע ש. בריליאנטע=
נעם האַנקרייץ און די בראָך=שאנק פונעם סוחר מאָדערסאָן? ניקאָלאַי איז
במשך פון איין נאכט געוואָרן א צערואינירטער מענטש! אלע וויטרינעס און שענק
האָט מען צעבראָכן און אויסגערויבט, הונדערטער רינגלעך, גאָלדענע קייטלעך
און זייגערלעך צעראבעוועט. דערצו איז נאָך צוגעקומען א המון פון די פאָרשטעט,
וועלכער האָט צוגערויבט די רעשטלעך, וואָס די פריערדיקע האָבן איבערגעלאָזט.
אזוי ווי ביי ניקאָלאַיען, איז עס אויך צוגעגאנגען מיט א סך יידישע געשעפטן.
דאָס בלומען=געשעפט פון ראָזענטאלן איז געוואָרן צעטראסקעט אויף טויזנטער
שפּליטערן. אויך דאָס וואַרן=הויז פון די ברידער פרענצל האָבן די צעווישעטע
באנדעס האלב צעשמעטערט און אויסגערויבט. אויף א פּוס די הייך איז דאָס גלאָז=
ברוך געלעגן ארום דער פינפשטאָקיקער געביידע. גרויסע באלן און פּעק טוך און
זייסצייג האָט מען באגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן, גאנצע קאָמפּלעטן
פון שטוביקן מעבל צעהאקט און אריינגעוואָרפן אין די פלאמען. מ'האָט געזען
פליען איבער די דעכער ברענענדיקע פאָרהאַנגען און גאַרדינען, און אַ לאַנגע
צייט האָט מען נאָך געזען ארויסשטארצן א האלב=פארקוילטע אָטאָמאנע פון
א פענצטער פון אן אויבערשטן שטאָק. פּאָרצעליי, גלאָזווארג און שפּיגלען זענען
אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין די ווינדע=שאַכטן, אַז מ'האָט געהערט דאָס געזבענק
מיילן וויט. טעפּיכער און טרעטערס האָט מען גאנץ איינפאך אראָפּגעוואָרפן אויף

דער גאַס, מאַנטלען און אַנצוגן האָט מען אין איילעניש אַראָפּגעריסן פון די הענערס און צוגערויבט.

אויך אין די יידישע פּריוואַט־וווינונגען האָבן זיך די צעווילדעוועטע האָרדעס אַריינגעריסן, מיט העק אויפגעבראָכן די טירן, און אין ווילדן שגעון צעהאַקט דאָס מעבל און געשיר. זיי האָבן אַפילו אויפגעשניטן מיט מעסערס דאָס בעטגעוואַנט, אַזוי אַז די פעדערן האָבן אַרומגעווירבלט איבער די גאַסן ווי שניי־פּוך. א דינסט־מיידל, וועלכע האָט געוואָלט פאַרטיידיקן אירע באַלעבאַטים, האָבן די ברוינע סאָלדאַטן ממש דערשטאָכן, און אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז געלעגן א קראַנקער אין בעט, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער צוזאַמען מיטן בעט אויפן הויף, וווּ ער איז אויף צומאָרגנס געשטאָרבן. א יידישן דאָקטער, וועלכער איז אים געקומען צוהילף, האָט מען צעמוטשעט מיט שטעקנס און לסוף אַרעסטירט.

באַזונדערס האָט מען פון די שמאָלע אַלטשטאָט־גאַסן, פון גערבער־גאַס, שפּיטאָל־גאַס און געגזעווענע שעהנלאַנג געהערט האַרצרייסנדיקע געשרייען און יללות פון קינדער און פרויען. אימהדיקע אַנגסט־געשרייען האָבן אָנגעפילט די טונקלקייט און אַריינגעשניטן זיך ווי מעסערס אין די הערצער פון מענטשן.

אַן אימה און א גדויל! א שוידער האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט.

צומאָרגנס זענען די מענטשן אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע און געליימטע פונעם גרויליקן קאָשמאַר אין דער שרעקלעכער נאַכט. א סך נאַצי־פּאַרטיי־אָנגעהעריקע האָבן זיך געשעמט מיט די דאָזיקע עקצעסן, אַנדערע ווידער האָבן ציניש טריומפירט. א טייל מענטשן האָבן געוויינט, און דעם גאַנצן טאָג האָבן פורן מיט גלאָזברוך געסקריפּעט איבער די גאַסן. די יידן האָבן נאָך געמוזט באַצאָלן שטראָף צען מיליאָן רייכסמאַרק פאַר די היזקות, וואָס מ'האָט זיי פאַרשאַפט.

דער קליינער ראָבי איז אַן אויפגערעגטער געלאָפן צום פאָטער אין ביוראָ, אויסצוגיסן פאַר אים זיין האַרץ.

— האָסט געהערט, פאָטער! — האָט ער אויסגערופן. — אויף דער שפּיטאָל־גאַס האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן א צוועלפיעריק מיידל פונעם דריטן שטאָק.

פאַביאַן, וועלכער איז אַליין געווען צעטרייסלט פון די געשעענישן, האָט אים געטרייסט, וויפל ער איז נאָר געווען ביכולת.

— הער, מיין ליבער ראָבי, — האָט ער צו אים געזאָגט, גלעטנדיק זיינע בעקלעך, — דאַרפסט נישט אַלץ נאָכפּלאַפּלען, וואָס מענטשן דערציילן. דו האָסט דען אַן אנונג, וואָס פאַר א שקרים ס'ווערן היינט אויסגעטראַכט!

— די מאַמע זאָגט אויך, אַז ס'איז אַלץ א ליגן. דאָס האָבן אויסגעטראַכט די שונאים פון דער פּאַרטיי, — האָט ראָבי אויסגערופן.

— די מאַמע וויל דיך טרייסטן, ראָבי. אָבער געווים איז א סך איבערגעטריבן. און וואָס זאָגט האַרי?

— האַרי זאָגט, אַז די יידן האָבן עס כשר פאַרדינט.

פּאַביאַנס פּנים איז געוואָרן טונקל־רויט.

— זאָג האַרין, אַז ער טראַכט ווי אַ קליינער גאַסניונג, — האָט ער אויס־געשריען. — דו, ראָבי, וועסט אָבער איצט שנעל צוגיין אויף דער שפּיטאָל־גאַס און וועסט זיך באַקאַנענען מיט דעם אָרעמען מיידל. דערנאָך וועסטו קומען צוריק אַהער און מיר צו וויסן געבן, יאָ?

א שעה שפּעטער האָט ראָבי זיך ווידער באַוויזן מיט אַ שטראַלנדיק פּנים.

— מיט דעם מיידל איז נישט אמת, פאָטער, — האָט ער געזאָגט.

— אַציגד זעסטו, ראָבי? — האָט פּאַביאַן אַ זאָג געטאָן דערפרייט. — וואָס האָב איך דיר געזאָגט? נישט אַלץ דאַרף מען גלייבן.

XIX

די פּאַרמעגלעכע יידן האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט און אָפּגעקויפט אין וועבער־קוואַרטאַל אַ פּאַרמאַכטן אָפּגעלאָזענעם טאַנץ־זאַל, וועלכן זיי האָבן בחפזון און בסוד איבערגעבויט אויף אַ שול צום דאַוונען. זיי האָבן נישט געקאַרגט קיין הוצאות און געצאָלט דער קליינער צאָל בעל־מלאכות, וועלכע זענען ס'רוב געווען אַלטע לייט, אַ פּינפּפּאַכיקן לוין פּאַר יעדער שעה. אין פערצן טעג אַרום איז די שול פאַרטיק געוואָרן, און מען האָט אָפּגעריכט דעם חנוכת־הבית מיט ספּעציעלע תפילות. דעם זעלבן אָוונט נאָך איז די נייע שול אוועק אין פלאַמען.

דעם אָוונט איז וואָלפגאַנג געקומען צו פאָרן אין שטאָט, כדי צו טרעפן זיך מיט גלייבענען אין „גלאָבוס". אינעם צופאַלנדיקן בין־השמשות האָט ער, אַן איינגעטוליעטער אין מאַנטל, באַזוכט אַלע גאַסן און געסלעך, ווו ס'האָבן געבו־שעוועט די מאָרד־יונגען, — אַנדערש האָט ער זיי נישט אָנגערופן.

„דאָס זענען פאַרברעכער, — האָט ער געטראַכט, — וועגן דעם וויסן מיר שוין פון לאַנג, אָבער דאָס גאַרישע פאָלק האָט עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרשטאַנען. עס באַקומט צו פרעסן און צו זויפן און ווייטער גייט עס קיין זאַך נישט אָן. פאַרוואָס זאָל עס אים אָנגיין? אַז די שעלהאַמערס און די אַנדערע מיליאָנערן, די אינדוסטריעלער און קוילן־באַראָנען אונטערשטיצן נאָך די דאָזיקע פאַרברעכער און שפּענדן פאַר זיי מיליאָנען!"

ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, און ער וואָלט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ ברוינעם סאָלדאַט, יענער האָט זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט אָפּגעטראָגן.

— פאַרגעדענקט עס זיך! — האָט ער נאָכגעשריגן דעם ברוינעם סאָלדאַט.

ער איז היינט געווען אָנגעשטעלט שוין גאַרנישט אויף צו פראַווען קאַטאָוועסן.

„דער כבוד פון דייטשלאנד ווערט איצט געוואָרפן פאַר די הינט, — האָט ער א פארזאָרגטער געטראַכט, בעת ער איז ווייטער געגאַנגען, — ס'איז איצטער שוין געקומען דערצו, אַז מען שעמט זיך צו זיין אַ דייטש! ס'איז אַ חרפה און אַ בזיון, אַ בזיון און אַ חרפה, ווי גלייכען דריקט זיך אויס. זייט געזונט, פריינד מיינע, אין פאַריז און לאָנדאָן און אין דער גאַנצער וועלט! איך וועל נישט מער האָבן דעם מוט צו קוקן אייך אין די אויגן. א קללה האָט מיך געטראָפן, צי קאָנט איר דאָס פארשטיין? א קללה האָט געטראָפן מיך און דעם דייטשישן פאָלק! דאָס דייטשישע פאָלק האָט אוועקגעשענקט זיין צוטרוי צו הויכשטאַפּלער און לינגער, ווייל די מעכטיקע און רייכע פון לאנד גלייבן זיי. דאָס איז געווען דייטשלאנדס שולד! זאָגט אליין, פארוואָס זאָל דער גאַסנמענטש, וואָס פארמאָגט נישט מער, ווי זיין העמד אויפן לייב, נישט גלויבן אים, בעת די מעכטיקע און רייכע פון לאנד, וואָס האָבן דאָך עפּעס צו פארלירן, שענקען אים זייער פולן צוטרוי? דאָס איז די קללה, וואָס האָט מיך געטראָפן. מיינע פריינד אין פאַריז און לאָנדאָן און אין דער גאַנצער וועלט, איר זענט פארגונפטיקע, איר קאָנט מיך באַדויערן, אָבער מיין טרויער וועט איר נישט פארשטיין. זייט געזונט, לעבט אויף אייביק גליקלעך!“

דער בין-השמשות איז איצט שווער אראָפּגעזונקען אויף דער שטאָט, אזוי שווער, ווי דער טרויער אויף וואָלפגאנגס האַרץ. פונעם טייך האָט געשלייכט זיך א נעפּל דורך די גאַסן און איינגעהילט אלץ אין א לייכטן טומאַן. וואָלפגאַנג האָט זיך געפונען נאָענט פון ראָטהויז און גאַנץ אומדערוואַרט דערזען אויפן מארקפּלאַץ א סך מענטשן, און אויפפאַלנד איז אים געווען דאָס, וואָס צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַ 20 ברוינע פאַרטיי-סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן באַטראַכט עפּעס אינטערעסאַנטס. דאָס רוב פון זיי האָט געהאַט צעשמייכלטע פּנימער און א סך פון זיי האָבן צופרידן און אויפגעהייטערט געלאַכט. וואָלפגאַנג, בטבע א נייגעריקער, איז צוגעגאַנגען נענטער, — וואָס קאָן עס דאָ זיין אינטערעסאַנטס, צו אלדי רוחות?

אין ערשטן אויגנבליק איז ער אליין נוטה געווען צו צעלאַכן זיך.

ס'האָט אויסגעזען, ווי אויפן מאַרקפּלאַץ טאַנצן אַרום שיכורים און מאַכן משוגענע העוויות. דאָס זענען אָבער נישט געווען קיין שיכורים, דאָס זענען געווען פיגורן-סילועטן, וועלכע האָבן מיט לאַנגע בעזעמער אויסגעקערט דעם מאַרקפּלאַץ. פון ראָטהויז איז געשטאַנען אַן אויטאָ און זיינע פּראָזשעקטאָרן האָבן אָפּגעשפּיגלט די שאָטנס, צום טייל ריזיק גרויסע, אויף די ווענט פון די הייזער. דאָס זענען געווען באמת פאַנטאַסטישע און גראָטעסקע בילדער, וועלכע האָבן געקאָנט ארויסרופן א געלעכטער. ווען וואָלפגאַנג האָט זיך אָבער נענטער צוגעקוקט, האָט ער געזען, אַז איינצלנע פון די גאַסנקערער און פון די פיגורן-סילועטן טראָגן צי-

לינדערס. דאָס האָט אים פאַרחידושט, און ער האָט געמאַכט עטלעכע שריט נענטער. גאַסנקערער אין צילינדערס? ס'איז געווען אַ פאַנטאַסטיש און דערשרעקנדיק בילד. דאָ ערשט האָט ער דערזען, אַז דאָס זענען ייִדן! אָן ספק, דאָס זענען געווען ייִדן, און דער אויפגעהייטערטער געפּלאַפּל פונעם המון האָט אים גלייך געגעבן אַ באַשייד וועגן דעם אומגעוויינלעכן און בזיונדיקן ספּעקטאַקל. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די ייִדן האָבן היינט אין אָוונט מחדש געווען זייער נייע שול אינעם וועבער=קוואַרטאַל, און ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין שטאָט, זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פון די ברוינע באַנדעס, וועלכע האָבן זיי אַריינגעשטופּט אין די הענט בעזעמער פון די גאַסנקערער פון ראָטהויז און געצוווּנגען זיי צו דער דאָזיקער דערנידעריקנדיקער אַרבעט. דער געלעכטער, וואָס איז אים לכתחילה באַפאַלן, איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אויפן פּנים, און ער איז געוואָרן טויטבלאַס פון אויפרעגונג. דאָס זענען געווען בכבודיקע מענטשן, ס'רוב אין די ריפּע יאָרן, אַ סך אין שוואַרצע סורדוטן און צילינדערס, וועלכע האָבן דאָ אינעם בין=השמשות אָפּגעגעבן אַ גראָטעסק=ספּעקטאַקל פאַר דעם הירזשענדיקן און ריטשענדיקן גאַסן=המון.

אין דער דאָזיקער רגע האָט ער באַמערקט נאָענט פון זיין ברוגעם אַ זקן אין אַ שוואַרצן סורדוט מיט אַ שיטער ווייס בערדל און מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ. דער זקן האָט אים אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. פּונקט ווי די אַנדערע אומגליקלעכע, איז ער געווען געצוווּנגען צו נעמען אַ לאַנגן בעזעם, און אַ בלאַסער און דערשעפּטער האָט ער מיט אים זיך געטאָפּטשעט אַהין און אַהער ביי דער נישט געוווינטער אַרבעט. דער לאַנגער שטעקן פון בעזעם האָט, פאַרהאַטשענדיק זיך אין זיין צילינדער, אים אָנגערוקט אויפן שטערן, און דער מענטש האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיכורן. ס'איז שוין אָן שום ספק, אַז דאָס איז זיין אַלטער פריינד, דער מעדיציניִשער ראַטגעבער פאַלע.

ער האָט מאָמענטאַל אָפּגעשטויסן אין אַ זייט עטלעכע לאַכנדיקע פּאַרטייסאָלדאַטן, און צוגעפאַלן צום מעדיציניִשן ראַטגעבער. ער האָט ביי אים אַרויסגעריסן דעם בעזעם פון האַנט און געשריגן:

— דאָס איז נישט פאַר אייך קיין באַשעפטיקונג, מיין פריינד?

דער מעדיציניִשער ראַטגעבער האָט זיך אַ דערשראָקענער אַ וואַקל געטאָן און ווידער געוואָלט אָנכאַפּן זיין בעזעם.

— דאָס איז אויך נישט קיין אַרבעט פאַר אייך, מיין ליבער פּראָפעסאָר, — האָט ער אויסגערופן.

וואָלפגאַנג אָבער האָט דעם בעזעם פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט און אָנגעהויבן קערן צוגלייך מיט די איבעריקע. פּלוצים האָט ער אָבער דערפילט, ווי מען האָט אים פעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם.

— וואָס טוט איר דאָ? האָט א הילכיקע שטימע אים אריינגעשריגן אין סאַ־מע אויער, — פֿראָגט זיך אָפּ, צו אַלדי רוחות!

און תיכּף האָט צו אים זיך דערנענטערט אַן אַנדערער הויכוווּקסיקער יונג און געשריגן עפּעס וועגן אַרעסטירן.

האַלב געשטורכעט, האַלב געשטופּט, איז וואָלפגאנג אוועקגעשלעפּט געוואָרן אויף דער שכנותדיקער גאַס, און ער האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז די גאַס פון הייליקן גייסט. ער האָט אויך דערקענט דאָס צימער, אין וועלכן מ'האָט אים אריינגעשפּאַרט. ס'איז געווען דאָס זעלבע צימער, וווּ ער איז שוין איינ־מאָל פאַרהערט געוואָרן פון דער שטאָטישער געהיים־פּאָליציי. דאָס צימער איז פול געווען מיט ליאַרמענדיקע מענטשן, מענער און פרויען, וועלכע האָבן אַלע געיאָמערט און איינס דאָס אַנדערע איבערגעשריגן.

וואָלפגאנג האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוזוכן זיך אַן אָרט, זענען שוין אַלע פאַרהאַלטענע ארויסגעטריבן געוואָרן פונעם צימער און אריינגעשטויסן געוואָרן אין א קליינעם אָמניבוס, דערביי האָט ער באַקומען א שטאַרקן זעץ אין רעכטן אויער.

די מאַשין איז געווען איינער פון יענע קליינע אָמניבוסן, וועלכע האָבן איצ־טער, בעת די גאַסן זענען שוין געווען אַספאַלטירט, קורסירט אין שטאָט יעדע צען מינוט. פאַרבענגזאַווש האָט אין יענער צייט געלאָזט אין גאַנג הרייסיק אַזעלכע קליינע מאַשינעס, וועלכע זענען געליפערט געוואָרן פון די שעלהאַמער־פאַבריקן.

האַלב באַטויבט פונעם שטאַרקן קלאַפּ אין רעכטן אויער, האָט זיך וואָלפגאנג, אונטערוואַרפנדיק זיך זיין גורל, איינגעקאָרטשעט אין א ווינקל פונעם אָמניבוס, און דער אָמניבוס איז אָפּגעפאָרן און געטראָגן זיך דורך דער שטאָט.

„איצטער האָבן זיי דיך געכאַפּט, — איז אים דורכגעגאַנגען אין רעיון, — און זיי וועלן אויך כאַפּן די אַלע, וועלכע וועלן נישט וועלן מיטרעדשען מיט די דאָזיקע וועלט. אַלע, אַלע, איינעם נאָכן אַנדערן. אויך דיך וועלן זיי אַמאָל כאַפּן, גלייכען". פון עפּעס אַנדערש איז ער נישט ביכולת געווען צו טראַכטן.

זייענדיק אין אַ צושטאַנד פון האַלבער באַטויבונג, האָט ער דאָך באַמערקט, אַז דער רוב מענטשן אין אָמניבוס זענען געווען יידן, פרויען און מענער; אויך עט־לעכע האַנטווערקער, מויערער און טישלער. אַלע זענען געווען אַזוי שטאַרק אי־בערגענומען מיט דעם ביימ געשעעניש, אַז זיי האָבן פאַרגעסן פון זייער אַרעסט.

א רויטע פייער־שיין איז אריינגעפאַלן דורך די פענצטער פון קליינעם אָמ־ניבוס.

— ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָס ברענט די נייע שול אינעם וועבער־קוואַל־פּאַל! — האָט געזאָגט א קליינער קרומפיסיקער, אַלטער מויערער אין אַרבעטס־הויזן באַשפּריצטע מיט קאַלך.

— גערעכטער גאָט! זיי האָבן די נייע שול אונטערגעצונדן, — האָט געיאָמערט אַן אַלטער ייִד און געריסן זיך די האָר פֿון קאָפּ, — אויף דער שילער־גאַס האָבן זיי גענומען ארויסגעוואָרפן א פרוי דורך א פענצטער, — האָט ער פּאָרגעזעצט און דערביי געקוקט אַלעמען אין די פּנימער, — זי האָט צעבראָכן ביידע פיס. זיי האָבן אויך ארויסגעוואָרפן א קינד. ס'איז געבליבן טויט אויפן אָרט. וואָסערע צייטן זענען דאָס, גערעכטער גאָט!

דער ברוינער פּארטיי־סאָלדאט, וועלכער איז געשטאנען אויפן טרעפּל פון אָמניבוס, האָט אויפגערוקט די טיר און אריינגעשריגן:

— אָדער איר פארמאכט גלייך דאָס מויל, אָדער איך צעשיס אייך אלע אין איין קופּע.

וואָלפגאנג האָט פארקרומט דאָס פּנים אין א גרימאסע. „איך וואָלט וועלן, אז גלייכען זאָל דאָ זיין אין דער דאָזיקער מינוט, — האָט ער געטראכט, — אָדער נאָך בעסער, מיין ברודערל, וואָלט ער זיך געקאָנט איבערצייגן, וויאזוי מ'באַהאנדלט מענטשן". אן אויפגערעגטער האָט ער געטאפּט די קעשענע, גישט צו זוכן דאָרט דעם פּאָרטפּעל, נאָר כדי זיך צו איבערצייגן, צי האָט ער גאָך זיין „ווירגיני".

דער „ווירגיני" איז נאָך געווען. ער האָט אָפּגעאָטעמט א גליקלעכער, וואָס ער האָט דעם פּאפּיראָס אָפּגעראטעוועט, און פון פּאָרויס שוין הנאה געהאט פון דער שעה, ווען ער וועט אים קאָנען רויכערן. מערקווירדיק, וואָס ס'זענען אים געקראָכן אין קאָפּ אריין נאָר אזעלכע באנאלע געדאנקען.

איצט, ווען דער קליינער אָמניבוס איז געפאָרן איבער די פרייע פעלדער, האָט מען געזען א גרויסע שרפה אין דער זיך דערווייטערנדיקער שטאָט. דער אַלטער ייד האָט ווידער אָנגעהויבן הויך צו יאָמערן:

— גערעכטער גאָט! וואָס איז עס פאר א צייטן! גערעכטער גאָט! — האָט ער געשריגן.

דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט.

דער ברוינער פּארטיי־סאָלדאט האָט מיט דער קאָלבע געקלאפּט די ארעסטירטע איבער די פיס און זיי זענען אין גרויס אייַלעניש ארויסגעשפּרונגען פון אָמניבוס. וואָלפגאנג מיט זיין געשוואָלן אויער, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אזוי גרויס ווי א צווייטער קאָפּ, איז ארויסגעקראָכן דער לעצטער און נאָך אלץ געטראכט פון זיין „ווירגיני". זיי זענען געשטאנען אין שטאָק־פינצטערניש פאר א מיט דראָט געקראטעוועטן טויער, וואָס האָט זיך ברייט צעעפנט. ענדלעך האָט ער זיך איצט דערוווסט, ווו זיי זענען.

זיי זענען געווען אין בירקהאָלץ, וואָס איז אים באַקאַנט געווען פון אַ סך אילוסטראַציעס.

דער געקראַטעוועטער טויער האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים, און ער איז צוגעקומען צו אַ קאַלך־ווייסן טורעם, וו מ'האָט געקאָנט איבערלייענען איבערן איינגאַנגס־טויער אַן אויפשריפט מיט שוואַרצע צעדרייטע אותיות: גלייכהייט! פרייהייט! ברידערלעכקייט! דער וואַכמאַן האָט אים אונטערגעיאָגט און ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ פוסטן געטינקעוועטן פאָרצימער, אַ מין קאָרידאָר, אין וועלכן די מחנה ארעסטירטע יידן זענען פארשוונדן. ביים סוף פון קאָרידאָר האָט ער געזען אַ מאַן, וועלכער איז געווען צוגעבונדן מיט איין האַנט צום בעליק און אויסגעזען ווי אַן אויפגעהאָנגענער. אָבער ער איז נישט געווען טויט. זיין פנים איז געווען רויט און געגלאַנצט פון שווייס. אַ גאַוווער האָט געדרונגען פון זיין פאַרצערטן מויל. ער האָט געקוקט אויף וואָלפגאַנגען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, אָנגעלאָפענע מיט בלוט, און דערביי אָן איבעררייס באַוועגט זיך מיטן נאַקן, מיט די פאַרבלאָטיקטע פיס און געמאַכט אומזיסטע באַמיונגען צו דערגרייכן דעם באָדן מיט די שפיץ פינגער.

— אָהאָ! דו הענגסט נאָך אַלץ דאָ! — האָט דער וואַכמאַן אויסגעשריגן און פרעך געלאַכט. — ס'איז שוין אפשר אַ ביסל צו קאַלט אויף ביינאַכט? — דערביי האָט ער אַ שטויס געטאָן אַ טיר און אַריינגעשטופט וואָלפגאַנגען אין אַן ענג צימער, האַרט צו אַ טיש, ביי וועלכן ס'איז געזעסן אַ מאַן מיט אַ שוואַרצער געקרייזלטער באָרד, מיט אַ בלייער אין האַנט.

— הייל היטלער! — האָט דער מאַן מיט דער שוואַרצער געקרייזלטער באָרד אויסגעשריגן און פורפור־רויט געוואָרן פון רציחה. — דו ווייסט אפילו נישט, וויאַזוי צו פאַרהאַלטן זיך, דו גראָביאַן!

וואָלפגאַנג האָט געפילט, אַז זיין אויער זיצט אויפן קאָפּ, גרויס ווי אַ באַלאָן. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פנים אַריין.

— איר קאָנט דאָך נישט מיך ארעסטירן און נאָך פאַרלאַנגען פון מיר העפלעכקייטן, — האָט ער פריי קורץ געענטפערט.

— וואָס? — האָט דער מאַן אַ בריל געטאָן און זיין פורפור־רויט פנים האָט זיך האַסטיק דערנענטערט צו וואָלפגאַנגען. — קום אַריין, ווילי!

אַ קרעמפּער פאַרשוין אין גרוי־ווייסע ארעסטאַנטן־קליידער איז אַריין אין צימער. ער האָט אויסגעזען בלאַס און געהאַט אַ שפּיציקע, קרומע נאָז.

— ווילי, מ'מוז דעם דאָזיקן גראָביאַן אויסלערנען גוטע מאַניערן! — האָט אויסגערופן דער מאַן מיט דער שוואַרצער, געקרייזלטער באָרד.

דער קרעמפּער פּאַרשווין אין די אַרעסטאַנטן־קליידער האָט זיך דערנענטערט צו וואָלפגאַנגען און האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיינע שיקלדיקע אויגן, אָפּמעסטנדיק אים פון אונטן אַרויף. אין דער זעלבער רגע האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און דערלאַנגט וואָלפגאַנגען אַ מוראדיקן זעץ אין קינבאַק.

וואָלפגאַנג האָט זיך אַ וואַליע געטאָן אויף דער ערד ווי אַ קלאָץ.

XX

אינעם זעלבן אָוונט, ווען די נייע שול איז פאַרברענט געוואָרן, זענען אַרעסטירט געוואָרן איבער הונדערט יידן, אַ סך אַנדערע זענען אַנטלאָפן אָדער זיך אויסבאַהאַלטן. צווישן די אַרעסטירטע אויפן מאַרקפּלאַץ האָט זיך אויך געפונען דער מעדיציניש ער ראַטגעבער פאַלע. ס'זענען אויך פאַרהאַלטן געוואָרן אַלע בעלי־מלאכות, מויערער, בוי־אַרבעטער, טישלער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים אויספּאַרטיקן די נייע שול, וואָס דער גאַולייטער האָט געהאַלטן פאַר אַ פּראָוואָקאַציע, דערצו אַלע ליפערענטן פון די בוי־מאַטעריאַלן, אויב זיי האָבן נישט געהערט צו דער נאַצי־פּאַרטיי. די שטאָטישע געהיים־פּאָליציי האָט, ווייזט אויס, געוווּסט פון אַלע קלענסטע און נישטיקסטע פּרטים, צום שטויגען ממש.

די בירגער פון שטאָט זענען געווען פולשטענדיק טעראָריזירט. זיי האָבן קוים געוואַגט אָנצופאַרטרויען זיך אפילו פאַר זייערע בעסטע פריינד, ווייל מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי שטייען זיי נישט אין דינסט פון דער געסטאַפּאָ. די בירגער זענען פאַרשטומט געוואָרן, און אַן אומהיימלעך שווייגן האָט געהערשט אין דער פריער אַזוי לעבעדיקער שטאָט. מ'האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער דינערשאַפט, בעל־מלאכות, ליפעראַנטן, צו אַלעמען. דער איינציקער, וועלכער האָט דעם מוט געהאַט אַרויסצוזאָגן זיך, איז געווען „דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“ אין זיינע אַנאָנימע בריוו.

„היט אייך פאַר שפּיצלעס! — האָט ער געשריבן. — היט אייך פאַרן רייט־מייסטער מעיז, וועלכער איז אַרויסגעפלויגן פון דער אַרמיי צוליב מיאוסע אינטריגעס מיט פרויען. ער האָט אָנגעפירט מיטן פּאָגראָם ביי דער שרפה פון דער סינאַגאָגע. היט אייך פאַר דעם לאַנגן שילינג, דעם איצטיקן שעף פון דער געסטאַפּאָ. ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע ביי דער שול אין וועבער־קוואַרטאַל. היט אייך פאַר דעם „ברילן־פּוצער“ אָרלאָווסקי, דעם שעף פון אַלע שפּיצלעס!“ ער האָט נאָך דערמאָנט אַ סך אַנדערע נעמען.

ווער איז געווען דער דאָזיקער „ברילן־פּוצער“ אָרלאָווסקי? דאָס איז געווען אַ פריערדיקער קאָמאָרניק, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט צוליב

ישיכרות בעתן דיגסט. איצטער איז ער, אן עלעגאנט־געקליידעטער, יעדן אָוונט געזעסן אין די רעסטאָראַנען און ווייַנקעלערס, געפּוצט זייַנע ברילן און גע־טרונקען, ביז ער האָט נאָך געקאָנט איבערדרייען מיט דער צונג. ווי ער פּלעגט נאָר אַרייַנקומען, פּלעגן אַלע געסט אנטשוויגן ווערן. ער האָט פאַרקערט אין די רייַכסטע הייזער, איז געוואָרן גוט באַפרייַנדעט מיט דער באַראָנעסע פאָן טינען, צו וועלכער ער איז אָפט פאַרבעטן געווען „אויף א גלעזל טיי“, און ער האָט אויך זעלטן דורכגעלאָזט אַן אימפּרעזע אין קלאָטילדעס סאַלאָן.

ווען דער גאָולייטער רומף האָט צונויפגענומען איבערגעלייענט אין דער רשימה פון די אַרעסטירטע דעם נאָמען פאַלע, האָט ער באַקומען א שנעון־אטאַק, און דער רייַטמייַסטער מעין, וועלכער האָט אים צוגעשטעלט די ליסטע, האָט צום ערשטן מאָל מורא באַקומען, יענער זאָל אים נישט דערהרגענען.

— מ׳קאָן דאָך נישט אַזא וועלטבארימטן געלערנטן, ווי דער מעדיציניִשער ראַטגעבער פאַלע, אַזוי אייַנפאַך אַרעסטירן ווי יעדן ערשטן־בעסטן יידישן בטלן!

— האָט ער געריטשעט, — האָט איר נישט קיין אויגן אין קאָפּ? איך וועל דעם דאָזיקן אידיאָטישן שילינג הייסן פּשוט צושטעלן צו דער וואַנט. איך וועל די גאַנצע באַנדע אידיאָטן הייסן פאַרשמייסן אויף טויט, פּשוט פאַרשמייסן אויף טויט!

רייַטמייַסטער מעין איז געווען טויט־בלאַס און א קלאַפּ געטאָן מיט די שפּאָרן. ער איז שטיין געבליבן ווי א מת און נישט באַוועגט מיט קיין מוסקול.

— „געהולד, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, — ס׳וועט איבערגיין! וויאַזוי קאָן איך טרעפן אַלע זייַנע געדאַנקען, און וואָס גייט מיך סוף־כל־סוף אָן זייַן יידיש מיידל, צוליב וועלכער ער גייט אַראָפּ פון זינען? ער וואָלט געגאַנגען צו אלהי רוחות, ווען איך זאָל עס מעלדן“.

— כ׳וועל תיכף אָנקלינגען צום קאָמענדאַנט פון בירקהאָלץ, — האָט ער געזאָגט מיט א הכנעהדיקן טאָן. — אינעם פאַל מיט פאַלען איז פאָרגעקומען אַ שווערער טעות. כ׳וועל תיכף אַליין פאָרן קיין בירקהאָלץ.

— אָבער שוין, מעין, ווען איר ווילט נאָך א לעבעדיקער פאַרלאָזן דאָס צי־מער! — האָט רומף מיט א בלוט־רויט פּנים געשריגן און א שליידער געטאָן נאָך אים דעם שווערן בראָנזענעם טינטער.

דער מעדיציניִשער ראַטגעבער פאַלע האָט גראָד מיט א קאָלאָנע אסורים אויסגעפירט די „פרימאָרגן־תפילה“, ווי מ׳האָט אינעם לאַגער אָנגערופן די פרי־מאָרגן־איבונגען. זיי זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע יידישע אסורים האָבן געמוזט, לויפנדיק אייַנער הינטערן אַנדערן, אַרומקרייַזן פון אינעווייניק דעם פאַר־צוימטן לאַגער־הויף, באַלאָדן פון פאָרנט אויף דער ברוסט מיט א משא פון זעקס ביז אכט ציגל. דער אומגליקלעכער, וועלכן ס׳וואָלט געטראָפן דער שלימזל א ציגל

צו פארלירן אָדער ער וואָלט נישט באַוויזן מיטצולויפן, האָט געזאָלט באַקומען פינף און צוואָנציק קלעפּ מיט א שטעקן אויף זיין גאָלן יידישן הינטער=חלק. דאָס דאָזיקע האָט אָקאָרשט מודיע געווען מיט א דראָענדיקער שטימע א ברייטפּלייציקער, ווי נאָר וואָס פון אַן איי אויסגעפּיקטער, אָפיציר פון דער שוואַרצער פּאַרטיי=קאָמאַנדע, וועלכער איז געשטאַנען אין גלאַנציקע לאַקירטע שטיוול ביי דער דראָט=פּאַרצוימונג פון קליינעם אינעווייניקסטן הויף, האַלטנדיק געבן זיך אויף אַ רימען צוויי ריזיקע בולדאָגן.

פאלע האָט, וואַקלענדיק זיך אויף זיינע שוואַכע פיס, נאָכגעהאַלטן א פעטן ייד מיט א דיקן האַלדז, וואָס איז געלאָפן פאַר אים, און באַמיט זיך נישט צו פארלירן דעם אָפּשטאַנד אין דער קאָלאָנע, וואָס איז געלאָפן אין א קרייז, ווי זי וואָלט אָנגעטריבן געוואָרן מיט א ריזיקער בייטש. נאָך עטלעכע מינוט האָט ער געפילט, אז עס גייען אים אויס די כוחות און אין זיינע אויערן האָט כסדר געזשומעט דאָס צישען פון א דאַמף=מאַשין. דאָס איז אָבער געווען ער אַליין, דאָס האָט זיין אָטעם אַזוי געפּייפט.

דאָ און דאָרט איז ביי עמעצן אַראָפּגעפאַלן א ציגל, צוויי און מערער, ס'איז אַנידערגעפאַלן אַ מענטש אינמיטן פון עטוואָס באַוואַקסענעם זאַמד, און גלייך זיינען צוגעלאָפן סאָלדאַטן אין שוואַרצע אוניפאָרמען און אָנגעהויבן אים קאַטעווען מיט זייערע האָזגנים=שטעקעלעך. ווען ס'האָט זיך ווער נישט געקאָנט מער אייפהייבן, האָבן זיי אים אָוועקגעשלעפּט אין א זייט, און דעמלט איז אַריינגעפאַלן, ווי א ווילטיר, אַן אַרעסטאַנט אין א גרוי=ווייס רעקל — זיי האָבן אים גערופן ווילי — און ער האָט אָנגעהויבן דרעשן דעם פאַרחלשטן מיט מוראדיקע לאַנגזאַמע קלעפּ, ציילנדיק אויף א קול יעדן קלאַפּ.

פאלע האָט האַלב=באַוווסטזיניק ווייטער נאָכגעהאַלטן. פּלוצים איז פאַר אים פאַרשוואונדן געוואָרן דער דיקער האַלדז, דער פעטער ייד איז אַנידערגעפאַלן מיט אַלע זיינע ציגל, און פאלע האָט געמוזט מאַכן אַ היפּשן בויגן אים אַרומצוקרייזן. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים חלשן, האָט ער דעמלט דערהערט א הויכע שטימע פונעם הימל, וועלכע האָט אָנגערופן זיין נאָמען: „פאלע! פאלע!“ יאָ, ס'האָט ווירקלעך אויסגעזען, ווי די שטימע וואָלט געקומען דורך אַ לאָך פון הימל, און ער האָט אַרויפגעקוקט אין דער הייך. אינעם זעלבן אויגנבליק האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן אַלע זיינע ציגל, און ער האָט זיי אַלע, איינעם נאָכן אַנדערן, פאַרלוירן. די קאַטאַסטראָפע איז געשען! ווען ס'וואָלט אים פאַרבליבן בלויז נאָר א רעשט פון באַזינונג, וואָלט ער געוווסט, אַז ער איז שוין איצטער א פאַרלוירענער, ס'איז אים אָבער שוין אַלץ געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. נאָר אָט האָט זיך די גאַנצע קאָלאָנע מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט,

ער האָט דערהערט דאָס הארטע גרילצן פון די אראָפּגעפאַלענע ציגל און דערזען. אַז אַ סך מענער וואַרפן זיך דערשעפּטע אויף דער ערד.

— פאלע, פאלע! מעדיצינישער ראטגעבער פאלע, פראָפעסאָר פאלע!

אָן ספק, דאָס מיינט מען אים. מען רופט אים. און ער האָט קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, פּאַמעלער און אָן אַ שום געדאַנק אין קאָפּ אַוועקגעשלעפּט זיך איבערן הויף.

נעבן דעם גרויסן ברייטפּלייציקן אָפיציר מיט די בולדאָגעס איז געשטאַנען א קרעמפּער מאַן אין א שווארצן אוניפאָרם, מיט אן אינגאנצן גלאטיק אָפּגעשווירענעם קאָפּ. ער האָט פריינדלעך צו אים געשמייכלט. ער איז אים אפילו אקעגנגעגאנגען עטלעכע שריט און אויפגעהויבן דינסטלעך די האנט. צו זיין גרויסן באַדויערן איז געשען א שווערער טעות, פאר וועלכן ער בעט דעם מעדיצינישן ראטגעבער פאלע צו אַנטשולדיקן.

פאלע האָט בלויז פאַרשטאַנען, אַז ער איז פריי, אַז דער גרויסער אָפיציר וועט אים פירן צום ארויסגאַנג. ער איז געווען אינגאַנצן אַפּאַטיש און נאָך אַלץ געקייכט פון אָנשטרענג.

דער ארעסטאנט אין געשטרייפטן רעקל, וועלכן מ'האָט גערופן ווילי, איז ווי א ווילטיר צוגעלאָפן און דערלאנגט אים דעם סורדוט און צילינדער. דער דאָזיקער ווילי איז געווען א צום טויט פארמשפּטער פארברעכער, וועמען דער קאָמענדאנט האָט פון וואָך צו וואָך אָפּגעלייגט די עקזעקוציע פאר זיין גוט אויפפירן זיך.

דער גלאטגעשוירענער אָפיציר האָט ווידעראמאָל געמאכט עטלעכע שריט פאָרויס און אויפגעהויבן סאלוטירנדיק די האנט. פאלע האָט א הייב געטאָן דעם צילינדער.

נאָך אלץ קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט פאלע זיך געשלעפּט נעבן דעם הויכן אָפיציר לחלוטין א גלייכגילטיקער. ער איז פארביי דעם קאלך־ווייסן טורעם און ער האָט געזען דעם טויטן, וועלכער איז געהאָנגען אין דורכגאנג אָן באוועגונג, מיט דער האנט צוגעבונדן צו א האקן פון בעליק.

אַ וועכטער האָט אויפגעעפנט דאָס גרויסע געקראַטעוועטע טויער, און פאַלע האָט זיך געפונען אויף דער פריי. נאָך עטלעכע מינוט איז ער צוגעקומען צום שאָסיי, ווו ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אינעם ראָוו ביים וועג און האָט קוים אָפּגעאָטעמט.

דאָ איז ער גענוג לאנג געזעסן, ביז ער האָט ווידער נאָרמאל געאָטעמט.

דער מענטש אין שווארצן סורדוט, מיטן צילינדער אויפן קאָפּ, מיטן שיטער ווייס בערדל און שווארצע אויגן, האָט ארויסגערופן א שטארקע נייגעריקייט ביי די פארבייגייענדיקע פויערים. זיי האָבן פארשטאַנען, אַז דאָס איז א באפריי=

מער ארעסטירטער פון בירקהאָלץ, וואָרשיינלעך איינער פון די יידן, וועלכע מ'האָט נעכטן פארהאלטן. א סך האָבן זיך אפילו צו אים געגריסט, און איינער האָט אים אָפּגעמשלט, וויאַזוי צו גיין קיין אמזעלוויז מיט א פיל קירצערן וועג, אויסמיידנדיק די שטאָט.

דערנאָך האָט ער זיך נאָך לאנג איינגעהערט צום געזאנג פון א זשאַוואָראָנקעלע, וועלכע האָט הויך אין דער לופט געטריליעט. דאָס געזאנג האָט אים געריירט ביז טרערן, און ער האָט געקוקט, ווי דאָס זשאַוואָראָנקעלע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד, ביז דאָס ברוינלעך נישט אָנזעעוודיק פייגעלע איז לסוף געשפרונגען נעבן אים אויפן גראָז. זיין געזאַנג האָט אים דערפרישט און ביסלעכווייז איז ער אינגאנצן געקומען צו זיך. ער האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין אהיים.

„די מענטשלעכע נשמה איז נישט צו דערגרונטעווען, — האָט ער געטראַכט, — דאָס וועט קיינער נישט אָפּפרעגן. אָבער וואָסערע מיאוסען ווערן אויפגעווירבלט, ווען מען רודערט אויף דעם גרונט פון דער מענטשלעכער נשמה? דאָס ווייסט קיינער נישט“.

אומזיסט האָט ער געפּרוווט אָפּיאָגן פון זיך די דערינערונגס-בילדער פון בירקהאָלץ, וועלכע האָבן אים עקשנותדיק און מוראדיק פאַרפאָלגט און געשטאַנען קלאָר פאר זיינע אויגן.

די פויערים אויף די פעלדער האָבן פאַרחידושט אים אָנגעקוקט, ווי ער איז געגאַנגען אין זיין שוואַרצן סורדוט, מיטן צילינדער אויפן קאָפּ און גערעדט צו זיך אליין.

„ער קומט אוודאי פון א לוויה“. — האָבן זיי געטראַכט, — אָבער לסוף האָבן זיי זיך דערטראַכט, אַז ער קומט פון בירקהאָלץ און אַז ער איז אַ ביסל געריִרט.

„טראַגיש, — האָט פאלע ווייטער געטראַכט, — אומדערהערט טראַגיש איז דאָס, וואָס די דאָזיקע רעטעניש־פולע מיאוסען אויפן דנאָ פון דער דייטשישער נשמה זענען אויפגערודערט געוואָרן“. גייענדיק אַזוי מיטן צילינדער אין האַנט, האָט ער דורכגעשניטן א יונג בעריאָזע-וועלדל און געפרייט זיך מיט דער העלער גרינקייט פון די בעריאָזע-בלעטער און מיט די זון-פלעקן צווישן די ווייסע שטאַמען. „ס'איז געוואַלדיק א שאָד דאָס דייטשישע פאָלק! ווייל דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ חולאת פון דער פאָלקס-נשמה“.

„אין דער געשיכטע, — האָט ער געטראַכט, — האָבן זיך געטראָפן אומבאַגרייפלעכע חולאתן, וועלכע האָבן ארומגעכאַפּט די נשמות פון גאַנצע פעלקער. למשל, בעת די קינדער-קרייץ-צוגן, בעת דער אינקוויזיציע, בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און אלע די דאָזיקע פאלן זענען געווען רעטעניש־פולע מאַסן-פסיכאָזן. די מענטשלעכע נשמה איז נאָך ווייט נישט דערפאָרשט געוואָרן, און זי ברענגט ארויס כסדר אלץ נייע רעטענישן. די דייטשישע נשמה אָבער איז שווער

קראַנק געוואָרן, און אויב אַ נס וועט זי נישט מציל זיין, וועט דאָס דייטשישע פאָלק צום גרונט גיין.

דאָס בעריאָזענע וועלדל איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ הויכן וואַלד פון בוק־ביימער. בעת דאָס בעריאָזע־וועלדל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ פריי־לעך געצווייטשעריי פון פייגל, איז אָבער צווישן די הויכע בוק־ביימער געווען לחלו־טין שטיל. בלויז איינמאָל האָט ער געהערט אַ שורשען און דערזען אַן איינזאַמע סויקע, וועלכע האָט אויפגעבליצט אין פלי מיט איר שמאָל־בלויען קאָליר און גע־שפרונגען ביים ראַנד פון אַן אויסגעשפרייטן זונען־פלעק. פאַלע איז שטיין גע־בליבן, כדי נישט צו שטערן דעם פויגל. דער פויגל איז אָבער פלוצים אַוועקגע־פלויגן, און אַ רויטע וועווערקע האָט אַראָפגעקלעטערט פון אַ שטאַם מיטן קעפל אויף אונטן און אַריבערגעשפרונגען אויף אַ שכנותדיקן בוים.

דער מעדיצינישער ראַטגעבער פאַלע האָט זיך נישט געאײַלט. ס'איז פאַר אים געווען אַ וווּנדערפולע וואַנדערונג, פול מיט אָבסערוואַציעס און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. ערשט שפעט נאָך מיטאָג איז ער געקומען אַהיים, און ער איז געווען פאַרחידושט, וואָס מאַריאָן האָט אַ באַגאָסענע מיט טרערן געוואָרפן זיך אויף זיין ברוסט.

אַ שווערע נאַכט איז עס געווען, אַן אומהדיקע נאַכט! מאַריאָן האָט זי פאַר־ברענגט אין קלעמעניש און אין שרעק. אין דער פרי, ווען דער פאָטער איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען, איז זי געווען דעציזירט גיין צום גאַולייטער, וועלכער האָט זי אָפט אָנגעזאָגט, זי זאָל גלייך קומען צו אים, ווען ס'וועט איר פון עפעס וואָס שווער זיין. אין דעם מאָמענט האָט זי אויפגעציטערט פון קלינגען פון טע־לעפאָן. זי האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן קערפער, בעת זי איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט. רייטמייסטער מעין האָט זי אָבער באַרואיקט מיט זיין פריינדלעכן טאָן. ס'איז פאָרגעקומען אַ טעות, אָבער אין אַ שעה אַרום וועט ער פערזענלעך ברענגען דעם מעדיצינישן ראַטגעבער אַהיים אין אַן אויטאָ.

רייטמייסטער מעין איז ווירקלעך געווען אין בירקהאָלץ, אָבער ער האָט שוין דעם מעדיצינישן ראַטגעבער נישט געטראָפן, מחמת פאַלע איז אַוועק דורכן וואַלד.

איצטער איז מאַריאָן געווען אויסער זיך פון פרייד.

— ווו ביסטו געווען, פאַפאַ, וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן? — האָט זי גע־פרעגט מיט טרערן אין די אויגן.

— ס'איז נישט געווען אַזוי שלעכט, — האָט פאַלע געזאָגט און צוגעשמיי־כלט, — עס איז מיר געגאַנגען גאָר נישט שלעכט. ס'איז פאָרגעקומען אַ טעות, וועלכער האָט זיך תיכף אויפגעקלערט. שפעטער וועל איך אייך אַלץ דערציילן.

כ׳האָב געמאַכט אַ הערלעכן שפּאַציר דורכן בוקן־וואַלד. אַצינד אָבער בין איך אויסערגעוויינלעך הונגעריק.

פּאַלע איז מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויפגעגאַנגען אין זיין ביבליאָטעק.

ווען מאַריאָן איז אָבער אַרויפגעקומען בעטן אים צום טיש, איז ער געזעסן אויף זיין סאָפע אין ביבליאָטעק און געוויינט. מיטאַמאָל איז אים באַפאַלן אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

— זעץ זיך צו צו מיר, מאַריאָן, — האָט ער געהיימניספול געפליסטערט, וויינענדיק אין דער שטיל, — אָבער זיי פּאָרזיכטיק און דערצייל עס קיינעם נישט, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן. ס׳איז אַזוי טראַגיש, אַז מ׳קאָן עס גאָרנישט איבערגעבן. דאָס דייטשישע פאָלק גייט צום גרונט. ס׳איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פאַרברעכער. אָבער שטיל, מאַריאָן, דו הערסט?

פערטער טייל

I

קלאָטילדעס פּאָליטישער סאַלאָן, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג אַ נאָמען געגעבן „פאַרבאַנד פון פריינד“, איז געווען אין פולן אויפבלי. די רעפעראַטן, וועלכע זענען איצטער געהאַלטן געוואָרן יעדע וואָך, פלעגן אַנאָנסירט ווערן אין „בעאָבאַכטער“ און זענען שטענדיק געווען גוט באַזוכט. זינט די באַראָנעסע פאָן טינען האָט צוגעצויגן אַ סך דאַמען פון פרויען־פאַריין, ווו זי איז געווען פאָרזיצערין, איז דער סאַלאָן געווען שטענדיק איבערפולט. איצטער איז שוין מער נישט נויטיק געווען, ס'זאָל זיך באַווייזן דער אָבערלייטענאַנט פאָן טינען מיט זיינע קאָלעגן. פאַרקערט, זיי האָבן שוין געמעגט נישט קומען. קלאָטילדען האָבן זיי נישט געפעלט. די הערן אָפיצירן האָבן נישט אַרויסגעוויזן די יעניקע באַגייסטערונג, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט פאַר אַזאַ גרויסער זאַך. זיי זענען דאָך נאָר געקומען אויסצוטרינקען אַ פּאָר גלעזלעך קימעל אָדער טשאַרטרוז, און זינט קלאָטילדע האָט אָנגעהויבן צו דערלאַנגען נאָך די רעפעראַטן בלויז טיי, האָבן זיי זיך אינגאַנצן מער נישט באַוויזן. זיי האָט אינטערעסירט נאָר ריין־מיליטערישע רעפעראַטן, און קלאָטילדע האָט געמוזט אָנערקענען, אַז דער פּולקאָווניק פאָן טינען האָט ביי זיי געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין רעפעראַט „די העלדן פון דאָומאָנט“. דאַקעגן זענען די יונגע אָפיצירן געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו אויסגעשפּראָכן פּאָליטישע טעמעס. און גראָד איז קלאָטילדען דער עיקר געגאַנגען אין דער פּאָליטישער שולונג.

ווען עס האָט געזאָלט פאָרקומען דער פאָרטראַג פון באַקאַנטן פּראָפעסאָר מעניך פון קעניגסבערגער אוניווערסיטעט, האָט קלאָטילדע באַשלאָסן אויפצוגעבן ענדלעך איר „לעכערלעכע באַשיידנקייט“, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, און גיין „אויפן גאַנצן“. וואָס זי האָט מיט דעם „גאַנצן“ געמיינט, האָט זי נישט געזאָגט. דער פאָרטראַג פון פּראָפעסאָר מעניך האָט טאַקע געגעבן דערצו די פּאַסיקע געלעגנהייט. פּראָפעסאָר מעניך, אַ שיינדל פון דער נאַצי־פּאַרטיי, האָט גערעדט וועגן „אַליאַרם־סיגנאַלן אין פּוילן“. ער האָט דעם זעלבן רעפעראַט שוין געהאַלטן

אין אַ ריי גרעסערע שטעט און אומעטום אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע סענסאַציע. יאָ, אַ סוף מיט דער אומזיניקער באַשיידנקייט!

— ביז איצט זענען מיר געווען אַ קאַפּע־קריזל, מיין ליבסטע, — האָט זי געזאָגט צו דער באַראָנעסע פאָן טינען, — פון היינט אויף וועלן מיר מיט זיך פאָרשטעלן אַ פּאַרלאַמענט, וואָס זיין באַדייטונג וועט אָנערקענט ווערן פון גאַנצן לאַנד.

צום פּראָפעסאָרס פאָרטראַג האָט זי געלאָזט אָפּדרוקן איינלאַדונגס־קאַרטן, זי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער באַראָנעסע פאָן טינען אין רעדאַקציע פון „בעאָבאַכטער“ און געפאָדערט אַ ספּעציעלע נאָטיץ וועגן דעם דאָזיקן פאָרטראַג. אַזאַ פּאַרטיי־שייגעץ, ווי מעניד, האָט דאָס רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען.

דער סעקרעטאַריאַט פונעם „פאַרבאַנד פון פריינד“ האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געשיקט באַזונדערע איינלאַדונגען צום גאַולייטער, צו טאַובענהאַוזן און צום יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך, וועלכער האָט איצט געשפּילט אין דער נאַצי־פּאַרטיי די ערשטע פידל. רעפּרעזענטאַטיווקייט איז דאָך געווען דער סוד פון דערפאָלג אין דער דאָזיקער סביבה.

דער רעדנער־פּולפּיט, וועלכער איז פון קלאָטילדען פּערזענלעך פּראָיעקטירט געוואָרן, איז, גאָט צו דאַנקען, פאַרטיק געוואָרן ביים טישלער צו דער געהעריקער צייט. ער איז געמאַכט געוואָרן פון העלן האָלץ, מיט אַ רעליעף פון אַ מאַהאָגענעם האַקנקרייץ. דער פּולפּיט האָט אויסגעזען סאָליד און געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. די אַטראַקציע פונעם סאַלאָן איז אָבער געווען דאָס נייע בילד פונעם פירער. קלאָטילדע האָט דאָס בילד דערוואָרבן אין מינכען, עס האָט געקאָסט דריי הונדערט מאַרק, און דער מאָלער פון פּאָרטרעט האָט אויסגעזען צו זיין פון די באַרימטע קינסטלער. דער פירער האָט אויפן פּאָרטרעט אויסגעזען „געניאַל“, און ווי קלאָטילדע האָט זיך אויסגעדריקט „אַ געניע און אַ העלד“ אין יעדן פינגל. אין ברייטן מאַנטל, מיטן בראָוו אָפּגעלייגטן קינסטלערישן לאָק איבערן „שטערן, וואָס נעמט אַרום אַלע סודות פון דער וועלט“, האָט ער געמאַכט אַן עכט ראָמאַנטישן איינדרוק. יעדנפאַלס איז דאָס בילד אַלעמען געפעלן געוואָרן, און אין דער ברייטער פּאָמפּעזער באַגילדעטער ראַם איז עס געווען די אימפּאָזאַנטסטע צירונג פון סאַלאָן.

ניין, איצט, ווען זי איז געגאַנגען „אויפן גאַנצן“, האָט קלאָטילדע נישט געזשאַלעוועט קיין שום מי.

היות זי האָט פון די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן נישט דערהאַלטן קיין תשובה אויף אירע איינלאַדונגען, האָט זי זיך געגרייט צו מאַכן פּערזענלעכע באַזוכן, הגם זי איז בטבע געווען זייער פויל דערצו.

דער יוסטיצראַטגעבער שוואָבאַך, מיט וועמען זי האָט שוין אומצאָליקע מאָל גערעדט, האָט זי אַפּילו נישט דערקענט. ער האָט געשאָקלט מיט זיין קהלאַטן פּודעל־קאָפּ, אַרויפגעזעצט די פּענסנע אויף דער נאָז, כּדי זי גענוי צו באַטראַכטן, ווידער אַראָפּגענומען די פּענסנע פון דער נאָז און אָבעראַמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ. לסוף האָט ער איר צוגעזאָגט צו קומען, אויב די צייט וועט אים דערלויבן.

טאַובענהאַוז, אַ שטאַרק באַשעפטיקטער, ווי שטענדיק, האָט איר געקאָנט שענקען בלויז צוויי מינוט צייט. ער האָט איר אָבער תּיכף געגעבן זיין הבטחה. פאַרשטייט זיך, אַז ער באַטראַכט די איינלאַדונג אַלס אַ גרויסן כּבוד. ער האָט זי העפלעך אַרויסבאַגלייט אין פאָרצימער און אַ קוש געטאָן אין האַנט.

ווען קלאָטילדע איז דורכגעגאַנגען דעם פאָרצימער, האָט זיך צו איר געגריסט אַ יונגע דאַמע מיט עפּל־רויטע פּוכקע בעקלעך, אין וועלכער זי האָט דערקענט איינער פון קריגס טעכטער, איינער פון צווילינג, הערמינע אָדער העדוויג, זי האָט זיי נישט געקאָנט אונטערשיידן.

— אָך, פריילין קריג? — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום מיידל מיט די פּוכקע בעקלעך, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעשמייכלטע, — איר זענט איצט באַשעפטיקט ביים הער בירגערמייסטער?

—יאָ, 'שוין זינט אַ פערטל יאָר, גנעדיקע פרוי.

— און ס׳געפעלט אייך דאָ?

— אָ, זייער! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שטראַלנדיקער מינע, — דער הער בירגערמייסטער באַשענקט מיך מיט ליבנסווירדיקייטן.

און אַצינד גאָך — שנעל צום גאַלייטער. זי איז תּיכף צוגעלאָזט געוואָרן. זי האָט געהאַט גליק. דער גאַלייטער איז גראָד היינט אויסנאַמסווייז נישט געווען ספּעציעל איבערגעלאָדן מיט אַרבעט. ער האָט זי אויפגענומען, זיצנדיק ביים שרייבטיש מיט אַ ציגאַר אין מויל.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַלייטער האָט געוווסט פון איר סאַלאָן, דאָס איז קלאָר. ער האָט אַפּילו געהערט אַ סך גוטע אָפּרופן וועגן „פאַרבאַנד פון פריינד“. דער פּולקאָווניק פאָן מינען, דער שטאַנדאַרטענפירער פאָן טינען, דער פּרעכטיקער זעלנער, האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעפעראַט, אמת? „ער האָט דעמלט גערעדט וועגן דער שלאַכט ביי ווערדון; איך האָב זיך איצטער דערמאָנט. דער אַלטער זאָל האָבן פערזענלעך געווען אין פאָרט דואָמאָנט. זאָל דאָס אמת זיין?“

קלאָטילדע איז, זעט אויס, רומפּן געפעלן געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו בלאַסע „פאַרגעס־מיך־נישט“־אויגן, און די שפע פון אירע בלאָנדע האָר האָט אים ממש באַרוישט. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל אים דערציילן פון איר סאַלאָן, און צוגערוקט איר אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן, אויפהייבנדיק זיך אַפילו, כּדי בכבודו אַליין צו דערלאַנגען איר פייער.

— זייער גוט, זייער גוט! — האָט ער פון צייט צו צייט איבערגעריסן איר דערציילן, גייענדיק אויף און אָפּ איבער גרויסן זאַל מיט די הייליקע און אָנצאָפּליקע מלאכים. — פרידריך דער גרויסער, זאָגט איר? אויסגעצייכנט! איר ווילט אייביקייט, קערלען? אַ הערלעכע זאַך! זיין גאוונות און דרייסטקייט זענען אויך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. מיינט איר דען, אַז ס'איז אַ צופעליקייט, וואָס די קאַטערינע איז געשטאָרבן גראָד דעמאָלט, ווען פרידריכן האָט אָנגעהויבן צו גיין פּאַסקודנע? קיינמאָל אין דער וועלט נישט! מוט, מסירת־נפש און אייזערנער ווילן ווערן באַלוינט פונעם גורל. מיר לעבן היינט איבער טאַקע עפּעס ענלעכעס! ווי? אַביסיניע? זייער ריכטיק! איך באַוווּנדער אייער שנעלע אָריענטאַציע. יאָ, איך שעץ אויסערגעוויינלעך דעם דוטשע. פון פאַרערונג צו אים לערן איך זיך היינט איטאַליעניש, האַ־האַ־האַ! ווי מיינט איר? זייער גוט, אייער טעטיקייט איז זייער אַ פאַרדינסטפולע.

דער גאַולייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר קלאָטילדען. „זייער גוט, אייער טעטיקייט איז זייער אַ פאַרדינסטפולע, — האָט ער איבערגעחזרט, — גאָט זאָל אייך שטאַרקן אין אייער באַגייסטערונג. אייערע באַמיונגען וועל איך, פאַרשטייט זיך, אונטערשטיצן, ווי ווייט כ'וועל נאָר קאָנען. איך שטרעב דערצו, אַז אין אַלע שטעטלעך פון מיין געביט זאָלן אויפקומען אַזעלכע ענלעכע עפּעטונגען פון באַגייסטערונג, פון פאַנאַטיזם און גרענעצלאָזער אָפּפערוויליקייט! און טאַקע אייך, מיין חשובע פּאַרטיי־חברטע, וויל איך שיקן אין די דאָזיקע שטעטלעך, כדי צו שאַפן די פונדאַמענטן פון אַזעלכע עפּעטונגען פון בלינדן גלויבן און אומדערשיטערלעכער טרייקייט".

קלאָטילדע האָט זיך פאַררויטלט פון גליק צוליב אַזאַ מין אויסצייכענען זי און פאַר אים זיך פאַרנייגט מיט אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט.

רומף האָט איר נאָכאַמאָל צוגערוקט די פּאַפּיראָסן.

— ביטע, רויכערט מיט מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס, — האָט ער געזאָגט, און אינגאַנצן נישט זשענירנדיק זיך, אָפּגעמאָסטן זי מיט זיין בליק. — מיט אייך איז זייער אָנגענעם צו פּלוידערן.

II

קלאָטילדע איז געווען איינגעגאַנגען אויף רומפס חנפּענדיקער ביטע, און זי האָט מיט הנאה געבלאָזן דעם בלויען רויך פונעם פּאַפּיראָס צום סופית.

— איר זענט זייער ליבנסווירדיק, הער גאולייטער! — האָט זי געזאָגט.

„זי איז גאַנץ פיין, — האָט רומף געטראַכט און אויפסניי אָנגעהויבן גיין איבערן זאַל אַהין און צוריק, — איר קאָקעטירן איז אויך צו פאַרליידן. ווען איך

זאָל זי אַזוי פֿאַרבעטן קיין איינשטעטען אויף אַ גלעזל טיי, וואָלט דאָס נישט שווער אָנגעקומען, לחלוטין נישט. אָבער זי האַלט שוין ביים אָפּבליען, דאָס זעט אפֿילו אַ בלינדער. די פֿאַלדן אויף איר האַלדז זענען שוין גאַנץ קענטיק. דאָ וועט שוין קיין פּודער אויך נישט העלפֿן, מיין ליבינקע. ווען כ'זאָל זי, דאַקעגן, פֿאַרגלייכן מיט דער קליינער מאַריאַן זילבערשמיד, וועלכע האָט נאָך נישט אפֿילו דאָס מינדסטע קנייטשעלע, פֿון דער שיינער שאַרלאָטען איז שוין אָפּגערעדט, אָדער מיט דער רייצנדיקער מאַריאַן, וועלכע איז די יוגנטלעכקייט און פֿרישקייט אַליין! ניין, כ'וועל זי נישט פֿאַרבעטן קיין איינשטעטען".

— וויפֿל קינדער האָט איר פֿונעם רעגירונגסראַט? — האָט ער זי פּלוצים אַ פֿרעג געטאָן, בלייבנדיק שטיין פֿאַר איר.

— ליידער נאָר צוויי, — האָט קלאָטילדע אין פֿאַרלעגנהייט געענטפֿערט, — צוויי יינגלעך, — האָט זי צוגעגעבן, ווי זי וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן.

— נאָר צוויי קינדער! — האָט רומף געלאַכט מיט איראָניע, — אַזאַ פֿרישע, בליענדיקע, ראַסאָווע פֿרוי, ווי איר, און בלויז צוויי יינגלעך? איר וואָלט געדאַרפֿט איצט האָבן לכל־הפּחות זעקס בחורים, ווי די טאַפּאָלן, און טראָגן דעם מוטער־קרייץ!

קלאָטילדע האָט זיך פֿאַררויטלט.

— איך וואָלט דעם מוטער־קרייץ געטראָגן מיטן גרעסטן שטאָלץ! — האָט זי אויסגערופֿן און אויסגעדרייט זיך צו רומפֿן מיט איר פֿאַררויטלט פּנים.

רומף האָט לאַכנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך שווער ביי גאָט, אַז עס וואָלט אייך הערלעך געפּאַסט צום געזיכט, — האָט ער געזאָגט, — אַ שאָד, וואָס איך קאָן אייך נישט פֿאָרשטעלן צו דער דאָזיקער אויסצייכענונג. צוויי קינדער, מוזט איר אַליין מודה זיין, איז אַ ביסל צו ווייניק. דערלויבט מיר נאָך איין פֿראַגע, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, פֿאַרזשמורענדיק דערביי מיט אַן אויג, — די ביידע יינגלעך זענען פֿונעם רעגירונגסראַט?

קלאָטילדע איז איבערראַשט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי איז געוואָרן פּורפּורוויט, דער רויך פֿון פּאַפּיראָס איז איר אַריין אין נאָז. די דאָזיקע אומפֿאַרשעמטע פֿראַגע פֿון יעדן אַנדערן וואָלט זי אויפֿגעבראַכט, אָבער פֿון אַזאַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן האָט זי דאָס אָנגענומען ווי אַ גוטוויליקע, כאָטש אפֿשר האַמעטנע אויסגעדריקטע, פֿאַראינטערעסירונג. זי האָט פֿונדעסטוועגן דערויף גאָרנישט געענטפֿערט.

פּלוצים האָט רומף, אָן יעדער סיבה, אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער. קלאָטילדעס שלעכט פֿאַרשטעלטע פֿאַרלעגנהייט האָט ביי אים אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער.

— זייט מיר מוחל, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, נעמענדיק פֿון שרייבטיש

אַ נייעם פּאַפּיראָס, — איך זע, אַז איר זענט צופיל מפונק פאַר אזא פראגע. אָבער איר ווייסט דאָך You never can tell!* הגם איך בין זייער נייגעריק, וואָס איך איצט שוין מער נישט צו פרעגן, וואָס איז געווען די סיבה פון אייער פּאַנאַנ־דערגיין זיך מיטן מאַן.

ער האָט זיך צעלאַכט און ווידער אָנגעהויבן נייַן איבערן זאַל הין און צוריק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין דער לופט לאַנגע, בלויע רויך־קנוילן פון זיין פּאַפּיראָס.

— אפשר איז מיטן רעגירונגסראט גאַרנישט אזוי לייכט צו לעבן, ווער קאָן עס וויסן? — האָט ער פאַרגעזעצט, אָפּשטעלנדיק זיך. — ס'זענען פאַראַן מענער, וועלכע ווערן גאָר אנדערע, ווי נאָר זיי טרעטן איבער די שוועל פון זייער וווינונג, נישט אמת?

אויף קלאָטילדעס פּנים האָט זיך באוויזן א פילזאָגנדיקער שמייכל.

— איך שעץ אומגעהויער פּאַביאַנען, — האָט רומף צוגעגעבן, — ער איז זייער א קלוגער מענטש, רייך אין איינפאַלן, וועלכע זענען אונדז שוין פיל מאָל צונוצגעקומען. אפשר איז ער אָבער א ביסל צופיל נישט אנטשלאָסן און צו וואקלדיק. אפשר פעלט אים אויך א ביסל הארטקייט, אָן וועלכער א מאַנצפּארשוין קאָן זיך נישט באַגיין, ריכטיק, צי נישט? ער געהער צו דער פּאַרטיי, ווי איר ווייסט, אָבער מיר וועט ער נישט פּאַרפירן! איך האָב אַן איינדרוק, אַז ער געהער צו אונדז בלויז מיט אַ האַלב האַרץ. ער קאָן זיך אפילו אָנציגדן פאַר א זאַך, אָבער קאָן זיך נישט אינגאַנצן מקריב זיין פאַר איר, ווי מיר ביידע, איר און איך!

מיטאמאָל איז ער געבליבן שטיין הארט נעבן קלאָטילדען.

— ער וואָלט באַדאַרפט באַזיצן כאָטש א ביסל פון אייער פּאַנאַטיזם! — האָט ער אויסגערופן. — דעמלט וואָלט ער געווען אַן אידעאַלער פּאַרטיי־חבר! האָב איך רעכט?

קלאָטילדע האָט פּאָמאַקעוועט מיטן קאָפּ.

— יאָ, איר האָט רעכט, הער גאָולייטער, — האָט זי א זאָג געטאָן מיט איבערצייגונג.

אייער אויפגאַבע, חשובע פּאַרטיי־חברטע, — האָט דער גאָולייטער פּאָרגע־זעצט, אָנדייטנדיק מיטן פינגער אויף קלאָטילדעס ברוסט, — אייער אויפגאַבע דאַרף זיין אָנצושטעקן פּאַביאַנען מיט אייער פּאַנאַטיזם. איר הערט גוט, וואָס איך זאָג? זיינע פעיקייטן קוואַליפיצירן אים אויף די העכסטע פּאָסטנס אינעם רייך. אין אָנבליק פון דעם זענען די פריוואַטע סיכסוכים נישט מער ווי לעבער־לעבע נישטיקייטן. האָב איך רעכט? און לעבערלעבע נישטיקייטן דאַרפן אין אונ־דזער צייט נישט עקזיסטירן! איר האָט פאַרשטאַנען?

---

* מ'קאָן קיינמאָל נישט וויסן!

ער האָט איבערגערעדט, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער האָט אַ ביסל צו הויך אויפגעהויבן זיין שטימע.

קלאָטילדע האָט עטלעכע מאָל פּאַטאַקעוועט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— איך פאַרשטיי, — האָט זי געזאָגט אַ דערשראָקענע צוליב רומפס הויכן, באַפעלערישן טאָן. יאָ, איצט האָט אין אים אַרויסגערעדט דער גאָוליימער!

— אייער גאַנצע צעשיידונג, זאָלט איר מיר מוחל זיין, איז לעבערלעך, — האָט רומף מיט זיין געוויינלעכער שטימע פאָרגעזעצט, — וואָסער גרוים פאַר־ברעכן האָט דאָס אונדזער רעגירונגסראַט געקאָנט באַגיין? יעדנפאַלס זעט מיר נישט אויס די זאַך אַזוי, מ'זאָל שוין נישט קאָנען פאַרריכטן, — האָט ער גע־לאַכט. — אַ קלייגער פלירט, אויב ס'זאָל גיין אין דעם, האָט נישט קיין באַדייטונג. און אונדזער רעגירונגסראַט זעט גאַרנישט אויס פאַר אַזעלכן, ער זאָל פאַר יעדן פּרייז אָפּוואַרפן אַ שלום. הייגט האַנדלט זיך וועגן גרעסערע זאַכן, ווי וועגן אַ ביסל ליבע. מיר דאַרפן אים האָבן און מיר האָבן מיט אים באַשטימטע פּלענער אויף ווייטער. יעדנפאַלס טאָר נישט דערלאָזט ווערן קיין זינלאָזע צעשפּליטערונג פון די כוחות. איר אַליין וועט מסתמא נישט זיין דאַקעגן שלום צו ווערן מיט אים, מיין חשובע פאַרטיי־חברטע?

—זיכער נישט, — האָט קלאָטילדע געענטפערט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אַפילו. און זי האָט געזאָגט דעם אמת.

— ס'פרייט מיך זייער, וואָס מיר פאַרשטייען זיך אַזוי גוט, — האָט רומף געזאָגט און דערלאַנגט קלאָטילדען זיין פליישיקע האַנט.

קלאָטילדע האָט געדאַנקט פאַר דער אוידיענץ און זיך פאַרנייגט. אַ מאָמענט האָט זי געקעמפט מיטן פאַרלאַנג אַ קוש צו טאָן דעם גאָוליימער אין האַנט, זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, טאָמער פּאַסט עס נישט. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זי געקאָנט בולט זען די רויטלעכע האָר אויף זיין האַנטגעלענק. „ס'זעט אויס פולשטענדיק ווי אַ רויטער פעלץ" — האָט זי געטראַכט.

רומף האָט געלאַכט.

— בינו לבינו האָב איך פאַרגעסן דעם עיקר צוועק פון אייער באַזוך, — האָט ער אָנגעהויבן פונדאָסניי, — צום פּראָפעסאָרס פאָרטראַג וועל איך, פאַרשטייט זיך, קומען.

קלאָטילדע האָט אים באַדאַנקט.

— פאַובענהאַוז וועט אויך זיין? איז אַוודאי גוט. דאָנערשטיק האָב איך גע־וויינלעך מיין שפּיל־אָוונט, אָבער ס'וועט זיך שוין לאָזן איינאָרדענען. יעדנפאַלס קאָנט איר באַשטימט אויף מיר אויסרעכענען.

בעת קלאָטילדע האָט ביים געזעגענען זיך געוואָרפן אַ בליק צום געמעל אויפן

סופּיט, האָט רומף אויסגעגוצט די געלעגנהייט איבערצוחזרן זיין אלטן חיץ וועגן די הייליקע און מלאכים.

קלאָטילדע האָט געלאַכט מיט פּולער באַוווּנדערונג. זי האָט איינגעפּונען, אַז דער וויץ איז זייער אַ גייסטרייכער און געהאַלטן, אַז ער איז אַ בלענדנדיקער אויס־דרוק פון אַ גרויסן גייסט.

מיט רויטע, פּיבערנדיקע באַקן האָט זיך קלאָטילדע אומגעקערט אהיים. „דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַן אווידיענץ, גאָט מיינער!“ צייט אַ האַלבע שעה איז זי געשטאַנען ביים טעלעפאָן, מיטטיילנדיק דער באַראָנעסע פאָן טינען וועגן אַלע גע־שעעניש פון פאָרמיטאָג. די גרעסטע און באמת אומפּאַרגעסלעכע איבערלעבונג איז פאַר איר געווען די אווידיענץ ביים גאַולייטער, וואָס האָט געדויערט איבער אַ שעה צייט. און ערשט דער דאָזיקער פּרעכטיקער גאַולייטער אַליין, אַזאַ מענטש־לעכער און פּשוטער. זי איז שוין געווען נאָענט דערצו אין אים זיך צו פאַרליבן. יאָ, דאָס איז געווען אַן אמת, איין וואָרט פון אים, און ער וואָלט מיט איר געקאָנט מאַכן, וואָס ער וואָלט געוואָלט. ס'האָט קיין סך נישט געפעלט, און זי וואָלט אים געקושט אין האַנט. פון די זשאַווערִיק־רויטע האָר אויף זיין האַנט, פון דעם רויטן האָר־פּעלץ, וועלכער האָט זי אָפּגעשראָקן, האָט זי מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט. די וויכטיקסטע זאַכן אָבער, די געהיימסטע, קאָן זי איר נישט איבערגעבן דורכן טעלעפאָן. די באַראָנעסע מוז אומבאַדינגט קומען צו איר היינט נאָכמיטאָג, אָבער נישט שפּעטער פון פינף אַזייגער.

דעם גאַנצן טאָג האָט קלאָטילדע זיך געפּונען אין דער העכסטער שפּאַנונג. ס'האָט איר כסדר באַשעפטיקט דער אויפטראָג פונעם גאַולייטער ווידער שלום צו ווערן מיט פּאַביאַנען און אים אָנצושטעקן מיט איר פאַנאַטיזם. זי האָט שוין לאַנג זייער באַדויערט, וואָס זי האָט איבערגעריסן מיט פּאַביאַנען גראָד דעמלט, ווען עס האָט אָנגעהויבן ביי אים צו גיין באַרג אַרויף, אַלץ העכער און העכער. ער האָט איצט פאַרנומען איינעם פון די איינפלוסרייכסטע פּאָסטנס אין שטאָט, וועלכער האָט אים געוויס געגעבן די מעגלעכקייט צו שעפּן הויפנס געלד. זיין אַדוואָקאַטן־ביוראָ האָט פּראָספּערירט, ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. די אויסזיכטן אויף אַן אויסערגעוויינלעכער קאַריערע, וועגן וואָס דער גאַולייטער האָט היינט אָנגעדייטעט, האָבן באמת געקאָנט פאַרשיכורן. יאָ, מעגלעך, אַז זי וועט בקרוב אַזוי רייך זיין, ווי אַ סך אַנדערע פרויען! מעגלעך, אַז זי וועט האָבן אויטאָס, גאַרדעראָבן, דינער־שאַפט, ס'קאָן זיין, אַז זי וועט קאָנען פאָרן מיט אַן עקסטראַ־צוג איבער דער וועלט? ווער קאָן עס וויסן? און אירע בחורים? ווי וועט דעמלט זיין דער גורל פון אירע בחורים?

אויף וויפל זי ווייסט, איז דערווייל פּאַביאַן נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אַנדערער פרוי. די שיינע מענצערין איז שוין, גאָט צו דאַנקען, נישטאָ מער אין

שטאָט. זי האָט אים צוויי מאָל געזען מיט איר אויף דער גאַס, און ווי אויסטערליש ס'זאָל נישט קלינגען, האָט זיך זינט דעמלט ווידער אין איר דערוועקט עפּעס צו אים.

יאָ, איצטער וועט זי אָבער נישט פאַרטאַכליעווען די צייט מיט טרוימערייען, נאָר האַנדלען, האַנדלען! די וועלט זאָל זען, וואָס עס הייסט, ווען זי זאָגט, אַז זי גייט „אויפן גאַנצן!“

נאָך איינעם זעלביקן טאָג האָט האַרי געמוזט אָפּטראָגן אין „שטערן“ א באַזונדערס פריינדלעכע איינלאַדונג אויפן פּאָרטראַג פון פּראָפעסאָר מעניך. האַרי האָט געמוזט דעם פאָטער אָנדייטן, אַז דער גאָליימער, טאַובענהאַוז, שוואַבאַך האָבן צוגעזאָגט קומען, אַזוי אַז דער פאָטער דאַרף אומבאַדינגט זיין, אויב ער וויל נישט מצער זיין די מוטער. האַרי איז צוריקגעקומען און איבערגעגעבן, אַז דער פאַפּא האָט אויסגעזען צו זיין זייער געריהרט און צוגעזאָגט צו קומען, אויב די דינסט־עניינים וועלן אים דאָס דערלויבן.

דאָך איז ער נישט געקומען. ער האָט אָבער צוגעשיקט א בריוו, אַז ער ליגט ליידער צו בעט.

ס'האָבן זיך אויך נישט באַוויזן אייניקע ערנגעסט. אין וועלכע ס'איז קלאָטילדען שטאַרק אָנגעגאַנגען. טאַובענהאַוז, אויף וועלכן זי האָט אויף באַשטימט אויסגערעכנט, איז נישט געקומען, און דעם גאָליימער האָבן פאַרהאַלטן דרינגענדיקע ענינים. געקומען איז בלויז שוואַבאַך, אויף וועלכן ס'איז איר ווייניקער אָנגעגאַנגען. דער גאָליימער האָט אָבער געשיקט זיין פאַרטרעטער, דעם רייטמייסטער מעין, וועלכער האָט איר איבערגעגעבן דעם גאָליימערס פאָטאָ מיט זיין אייגנהענטיקער ליבנסווירדיקער ווידמונג. דאָ האָט מען גלייך געקאָנט זען, וואָס עס הייסט גוטע מאַניערן!

ניין, דער גאָליימער האָט באמת נישט געקאָנט קומען. ער האָט אין „שטערן“ געשפּילט אין קאָרטן מיט טאַובענהאַוז, מיטן ערשטן פּראָקוראָר און מיטן רעקטאָר פון אוניווערסיטעט. די הערן האָבן געשפּילט אַן איינאונצוואַנציק ביז דריי אַזייגער ביינאַכט.

א געדוגגענער לאָקיי אין שוואַרצן מיט ווייסע הענטשקעס האָט שטיל געעפנט פאַר די געסט די טירן, און קלאָטילדע האָט מיט א באַזונדער פייערלעכקייט אַרויסגערעדט דעם „פּירער־גרוס“, וועלכן זי האָט שוין פון א געוויסער צייט איינגעפירט אינעם סאַלאָן, אונטערצושטרייכן די ערנסטקייט און וויכטיקייט פון די אָוונטן. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אין קורצע ווערטער פאַרגעשטעלט דעם רעדנער און אָפּגעגעבן א טרייהייטס־שבועה פון די פאַרזאַמלטע צו דעם פירער. צום ערשטן מאָל האָט זי היינט געקאָנט אויסשטרעקן די האַנט צו זיין פאָרטרעט.

פראָפעסאָר מעניד, דער באַרימטער רעדנער פון קעניגסבערג, איז געווען אַן אַלטער הער מיט א גרויען שטשיגעל־קאָפּ, מיט אָנגעיאָזשעטע האָר, ווי שטשעטשינעס. ער האָט כסדר צוגעשמייכלט מילד און שלומדיק, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נישט געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס דענערווירן זיך. אין זיין פּאָרטראַג האָט ער א שעה צייט אומגעוויינלעך אָנציענדיק גערעדט וועגן פּוילן, ווו ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט, ספּעציעל אָבער פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

— יאָ, וואָס פאַרא מענטשן זענען עס אייגנטלעך געוואָרן די פּאָליאַקן? — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל.—זיי זענען פריער געווען גאַנץ אָנגענעמע שכנים, אָבער היינט? היינט גייען זיי זיך אריבער די גרענעץ, פאַרטרייבן די פּויערים פון זייערע פעלדער און דערביי געשעט פון צייט צו צייט, — דאָ האָט ער א שמייכל געטאָן פילבאַדייטנדיק, — אַז זיי דערהרגענען איינעם אָדער עטלעכע דייטשן.

מילד און שלומדיק האָט געקלונגען זיין פּאָרטראַג.

די דיסקוסיע איז שוין אָבער געווען א לעבהאַפטיקערע. איינער א הער מיט אַ חשובן אויסזען, וועלכער האָט געאַרבעט, ווי ער האָט געזאָגט, שוין פינף יאָר אין צאָל־אַמט אין דאַנציק, האָט דערציילט, אַז געשלעגן, רציחות און מאָרדן זענען שוין זינט א לענגערער צייט אויף דער טאָג־אָרדענונג אינעם פּוילישן קאָרידאָר. יעדער ווייסט עס. מאַסן דייטשן זענען די לעצטע וואָכן פון דאָרט אַנטלאָפן, כדי צו זוכן שוץ אין דייטשלאַנד! אין דאַנציק ווייסט עס יעדעס קינד, און ס'איז וואָרט צו באַגריסן דעם פאַקט, וואָס ענגלענד האָבן זיך איצט אויך די ברייטערע קרייזן פון היימלאַנד פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן קלאָגעדיקן מצב.

די באַראָנעסע פאָן טינען, א גלענצנדע רעדנערין, איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן, בעת זי האָט אָנגעוויזן אויף דער ליבע פאַר שלום און אויף דער געדולדיקייט פונעם פירער, ווען דאָס דייטשישע פאָלק איז מחויב צו זיין געהאָרכזאַם אָן שום באַוואָרעניש.

— ס'וועט אָבער קומען א טאָג, — האָט זי אויסגערופן, — און ס'וועט נעמען אַ סוף צו זיין געדולדיקייט! ער וועט צוגויפציען די ברעמען, און דאַן וועט זיין אָך און ווי צו אַלע שונאים פון דייטשלאַנד!

אין דעם אָרט פון דער באַראָנעסעס רעדע האָט דער יונגער האַרי א געשריי געטאָן: „בראַוואָ!“ און אָנגעהויבן הויך פּאַטשן אין די הענט. אין זיין אוניפאָרם פון דער „היטלער־יוגנט“ מיטן ערן־שטילעט ביי דער זייט, איז ער ווי אַלע מאָל געזעסן האַרט ביים רעדנער־פּולפּיט. ער איז געווען א פּופּצניערוקער, שיינער, גרויסער בחורעץ מיט אַ זאָרגפעליק פאַרקעמטן קאָפּ העל־בלאָנדע האָר און האָט נאָכגעפאָלגט אַלע רעדעס מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט, נישט אַ ריר צו טאָן זיך. נאָר ווען דער פּראָפעסאָר מעניד האָט א זאָג געטאָן, אַז די פּאָליאַקן דערהרגענען פון צייט צו צייט איינעם אָדער עטלעכע דייטשן, האָט ער זיך אויס־

געצויגן אין דער פֿולער גרייס און דראָענדיק געריגצלט דעם שטערן. געבן פֿאַרטרעט פּונעם פֿירער פֿלעגט ער שטענדיק פֿאַרבייגיין מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט.

האַרי האָט זיך שוין געפֿילט ווי אַ סאָלדאַט. ער האָט געוואָלט ווערן אַן אָפֿיציר, און אין דער היים האָבן די בני־בית אים אָנגערופֿן „גענעראַל“.

ראָבי, וואָס איז געווען ייִנגער אויף צוויי יאָר, האָט זיך מיטן גריגעם בייל אויפֿן שטערן פֿאַררוקט אין סאַלאָן. אָבער סאַמע פֿאַרן פֿאָרטראַג האָט ער זיך געפֿונען אין פֿאָדערצימער נעבן לאַקיי, צוהערנדיק זיך צו די טריט פֿון די געסט אין דרויסן אויף די טרעפּ. ווען מען האָט שוין געדאַרפֿט עפֿענען די טיר, פֿלעגט ער שטיל אָנזאָגן „שוין“ און געמאַכט פּליטה אין קיך אַריין.

ער האָט נישט געוואָלט הערן פֿון מיליטער, ווייל ער האָט פֿיינט געהאַט דאָס פֿריע אויפֿשטיין, בטבע אַ פֿאַרחלומטער און אַ פֿאַרטראַכטער, האָט ער זיך אין יענער צייט פֿאַרנומען מיט פֿאַרפֿאַסן קליינע דערציילונגען. להיפּוך צום „גענעראַל“, האָט אים קלאָטילדע אָנגערופֿן „פּאָעט“. זי האָט ליב געהאַט שיינקלינגענדיקע, באַפֿליגלטע ווערטער.

נאָך דער דיסקוסיע איז נאָך פֿאָרגעקומען אַ קורץ געמיטלעך פֿאַרברענגען צוזאַמען. דער לאַקיי אין שוואַרצן מיט ווייסע הענטשקעס און דאָס שטובמיידל מיט אַ נייער, גלאַטער פֿריזור האָבן דערלאַנגט טיי. און דאָ האָט זיך מיטן גריגעם בייל אויפֿן שטערן ווידער באַוויזן דער קליינער ראָבי, פֿון וועלכן קיינער האָט שוין מער נישט געטראַכט. מיט אַ פֿולער פּושקע האַרטן צוקער איז ער באַכנעגאַנגען דעם לאַקיי און דאָס שטובמיידל.

— ראָבי מאַכט זיך לעכערלעך, מאַמאַ, — האָט האַרי אייַנגערוימט קלאָטילדען אין אויער.

דער פּאָליטישער רעדאַקטאָר פֿון „בעאָבאַכטער“ האָט קלאָטילדען אויסגעדריקט זיין פֿולסטע אָנערקענונג. ער האָט געהאַט בדעה צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דעם „פֿאַרבאַנד פֿון פֿריינד“, האָט ער ביי איר געבעטן איר פֿאָטאָגראַפֿיע פֿאַר דער אילוסטרירטער ביילאַגע. קלאָטילדע האָט זיך פֿאַררויטלט. ס'ווערט מקוים אייגער פֿון אירע אַמביציעזע טרוימען.

III

דער „פּאָעט“ ראָבי איז געווען אין אַ שווערער פֿאַרלעגנהייט. מאָרגן פֿאַלט אויס זיין געבוירנטאָג, און ער האָט זיכער וואָכן גאָרנישט געהערט פֿונעם פֿאָטער. אפֿשר האָט ער שוין לאַנג פֿאַרגעסן וועגן דער איינלאַדונג? ער האָט געוווּסט, אַז

עפּעס איז נישט אין אָרדענונג צווישן זייגע עלטערן. אנדערע פּאָטערס וויגען דאָך ביי זיך אין דער היים, ווען זיי האָבן אַפילו אַ סך אַרבעט, ווי דאָקטוירים, וועלכע ווערן אָפט ארויסגערופן אינמיטן דער נאַכט, אָדער בעקער, וועלכע מוזן אויפשטיין פיר אַזייגער פאַרטאָג.

— כ'גיי אין געוועט, אַז דער פאָטער האָט פאַרגעסן אין מיין געבוירנטאָג, — האָט ער יעדן טאָג געקלאָגט זיך, — צו האַרים געבוירנטאָג איז דער פאָטער אויך נישט געקומען, הגם ער האָט אַזוי שטאַרק צוגעזאָגט.

— טאָ גיי אַהין צו אים און פאַרבעט אים נאָכאַמאָל, — האָט אים קלאַ־ טילדע יעדן טאָג געעצהט. האַרי איז געווען איר שטאָלץ, אָבער ראָבי איז געווען איר ליבלינג. זי האָט שטאַרק אויסגעשטעלט אויף דעם, אַז ראָבין וועט געלונגען איבערצורעדן דעם פאָטער, און זי איז נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן איר עצה.

— און פאַרגעס אויך נישט מיטצונעמען דייגע דערציילונגען, — האָט האַרי אים שפּאָטיש צוגעוואָרפן, — ערשט אַז ער וועט איבערלייענען „די ווייגאַכט פון אַ לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט" אָדער „דאָס פאַרטשעפּענישל" וועט ער זיכער קומען.

האַרי איז שוין מער באַהאַוונט געווען אין דער וועלט פון דערוואַקסענע און געוווּסט, אַז די עלטערן האָבן זיך צעשיידט פשוט דערפאַר, ווייל דער פאָטער וויל שטענדיק זיין דער גערעכטער. די ריכטער האָבן אים אָנערקענט פאַר שולדיק, און זינט דעמלט מוז ער צאָלן דער מוטער און אויך פאַר זיי, אים און ראָבין, ביז זיי וועלן אַלט ווערן אַכצן יאָר.

האַרי האָט חוזק געמאַכט פון ראָבינס מעשהלעך. ראָבי האָט אָבער געהאַלטן זיין עצה פאַר אויסגעצייכנט און גענומען מיט זיך די דערציילונגען, בעת ער איז געגאַנגען צום פאָטער. גאַנצע צוויי שעה האָט ער געוואַרט פאַרן האָטעל, ביז ס'איז סוף־כל־סוף צוגעפאָרן דעם פאָטערס אויטאָ. דעמלט איז ער ערשט אריינגעגאַנגען. ער האָט געפּאָלגט דער מוטערס קלוגע עצה, אַז ער דאַרף זיך פריער דערוויסן, צי דער פאָטער איז שוין ווירקלעך דאָ אינעם האָטעל.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ דערציילונגען, ראָבי? — האָט פּאַביאַן געפרעגט, בעת זיי זענען צוזאַמען געזעסן אין „שטערן" און געטרונקען לעמאָנאַדע.

ראָבינס דערציילונגען זענען געווען גאַנץ קורצע, פאַרשריבענע נאָכלעסיק אויף אָרויסגעריסענע בלעטלעך פון אַ רעכן־העפט. אין דער ערשטער דערציילונג האָט אַ לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט אין אַ ווייגאַכט־אָוונט געהאַט זיין דינסט־צייט, און זיין צוג איז געפאָרן און געפאָרן און פּלוצים זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אריינפאָר. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך גראָד נעבן אַ כאַטקע פון אַ באַן־וועכטער, און דער מאַשיניסט האָט דערזען דורכן פענצטער אַ כאָיינקע מיט אַ סך ליכטלעך און די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין שטוב. דאָס מיידעלע האָט באַקומען אַ ליאַלקע, דאָס יינגעלע אַ וויג־פערד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן

פון ברעטלעך פון א קאסטן. דעם סוף פון דער דערציילונג האָט ראַבי בדעה געהאַט נאָך צו ענדערן.

— זייער פיין, ראַבי, און וואָס איז מיט דעם „פּאַרטשעפּעניש׳ל“? — האָט פּאַביאַן געפרעגט. ראַבי איז געווען זיין ליבלינג, ווייל ער האָט אין אים געזען פיל פון זיינע אייגענע שטריכן.

— דאָס פּאַרטשעפּעניש׳ל? דאָס איז געווען אזא קליינטשיק קאַרליקל, א קליינטשיק מענטשעלע, נישט גרעסער ווי דער גראָבער פינגער, וואָס האָט זיך ארומגעשלאָנדערט אויף די טרעפּ פון פאַרשיידענע הייזער. עס האָט געטראָגן א צילינדער און קליינטשיקע שיכלעך־לאַקערקעס, און ווען ס׳איז ווער אראָפּגע־גאַנגען אויף די טרעפּ, פלעגט עס אַראָפּנעמען דעם צילינ־ער און פרעגן, וויפל ס׳איז דער זייגער? דער מענטש פלעגט זיך איינבייגן און פלעגט ווערן מוראדיק פאַרחידושט פון אזא קליין מענטשעלע מיט לאַקירטע שיכלעך. דעמלט פלעגט ער זיך פאַרטשעפּען און ס׳פלעגט אויך געשען, אז ער פלעגט אַראָפּפאַלן פון אלע טרעפּ. דאָס פאַרטשעפּעניש׳ל פלעגט דעמלט קייכן פון געלעכטער.

— דאָס מעשהלע פון פּאַרטשעפּעניש׳ל געפעלט מיר זייער, — האָט פּאַביאַן געלויבט, — איך האַלט, אז עס איז באמת אויסגעצייכנט.

— האַרי זאָגט, אַז מעשהלעך זענען אומזיניקייטן, און אז אזעלכע קליינע לאַקירטע שיכלעך זענען גאַרנישט בנמצא.

פּאַביאַן האָט געטרייסט זיין יינגל און אים געקושט אין קעגנוואַרט פון אלע אַנוועזנדיקע, וואָס ס׳איז פאַר ראַבין געווען זייער פיינלעך.

— זאָג האַרין, — האָט ער געזאָגט, — אז אין מעשהלעך קאָנען זיין שיכלעך פון אלע גרייסן. אָבער צו דיין געבוירנטאָג וועל איך אומבאַדינגט קומען, א לעבע־דיקער אָדער א טויטער.

— און דו וועסט ווידער נישט קראַנק ווערן, ווי ביי האַרין, פּאַפּאַ?

— ניין, ביי האַרין האָב איך געהאַט די גריפּע, אָבער צו דיר קום איך באַ־שטימט, ווייל דו האָסט אויסגעטראַכט דאָס „פּאַרטשעפּעניש׳ל“. אַצינד ווייס איך ענדלעך, פאַרוואָס די מענטשן פאַלן אזוי אָפט אַראָפּ פון די טרעפּ. דאָס דאַזיקע מעשהלע מעגסטו אַלעמען דערציילן.

פּאַביאַן איז טאַקע געקומען צו ראַבים געבוירנטאָג, הגם מיט א שעהקער פאַרשפּעטיקונג.

ער האָט אינעם דאַזיקן טאָג געהאַט לאַנגע באַראַטונגען מיטן בוימייסטער, וועלכער האָט איצט געבויט דעם האָטעל „אייראָפּאַ“ ביים באַנפלאַץ, און נודנע קאָנפערענצן מיט ביידע אַרכיטעקטן פון מינכען, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער בויונג פון געמיינשאַפט־הויז. זומער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן צוויי הונ־דערט משא־אויטאָס ערד, און א ריי ניוועלאַציע־אַרבעטן, וועלכע זענען פאַר פּאַ־

ביאַנען געווען לגמרי נישט פאַרשטענדלעך, האָבן אָפּגעהאַלטן די בווונג. אַזוי האָט מען אויף דער פאַראָרדענונג פונעם גאָליימער געמוזט אויסבויען אַ צווייטשטאָקיקן קעלער, צוליב וואָס דער צוועלפשטאָקיקער בנין איז נאָך אַ פּירחדשימדיקער אָר־בעט קוים דערגאַנגען ביז צום פּאַרטער, הגם ס'האָט געאַרבעט אַ קאַלאָניע פון הונדערט אַרבעטער.

אין אַ נישט גאָר גוטער שטימונג און אַ ביסל מיד איז פּאַביאַן געקומען צו דער געבוירנטאָג־סעודה, ווען אַלע האָבן זיך אויף אים שוין נישט געריכט, אויסער ראָבין, וואָס האָט פעסט געגלייבט אינעם פּאַטערס צוזאָג.

פּאַביאַנס שלעכטע שטימונג איז שנעל פאַרשוווּנדן, און נאָך אַ קורצער צייט האָט ער זיך שוין געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. עס האָט אים ממש אַרומגע־כאַפּט אַ כוואַליע פון ליבשאַפט און פריינדלעכקייט. די יינגלעך האָבן פריידיק געשריגן איינס איבערן אַנדערן. מאַרטע, זיין אַלט דינסטמיידל, האָט פּונקט ווי אַמאָל געקוקט אויף אים מיט באַגייסטערונג, און אַפילו קלאָטילדע האָט זיך באַמיט, אַז זיין אַלטע היים זאָל אים אויסזען ווי מעגלעך אָנגענעמער. קלאָטילדע האָט אַרויסגעוויזן איר גאַנצע קאָך־קונסט, און דער טיש איז געווען אַזוי הערלעך סערווירט, אַז אַפילו ראָסמייער אַליין וואָלט אויפגעריסן די אויגן.

פאַרשטייט זיך, אַז „די אילוסטרירטע ביילאַגע" איז געלעגן אויבנאויף אויפן פּאַל, אויב פּאַביאַן זאָל נישט האָבן נאָך באַמערקט קלאָטילדעס בילד, און ס'איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געמוזט באַקוקן דאָס צימער פון די פּאַרטראַגן. ער האָט איינגעפּונען, אַז געוויסע זאַכן פאַרדינען אַ שבח, אַ געשמאַק האָט דאָך קלאָטילדע פאַרמאָגט, אָבער דאָס בילד פונעם פירער, פאַר וועלכן האַרי האָט געהויבן די האַנט, איז אים לחלוטין נישט געפעלן, און ער האָט דאָס אָפן אַרויסגעזאָגט.

— אַ נעבעכדיקע שמירגע, — האָט ער געזאָגט.

קלאָטילדע האָט זיך געמיטלעך צעלאַכט:

— פאַר דריי הונדערט מאַרק קאָן מען נישט פאַרלאַנגען קיין רעמבראַנדט, — האָט זי געזאָגט.

— געוויס, מ'דאַרף אָבער פאַרווערן צו פאַבריצירן אַזעלכע שמירגעס.

האַרי האָט ביי זיך געטראַכט: זעסט, ער וויל באמת, מ'זאָל שטענדיק אָנער־קענען זיין מיינונג, פּונקט ווי די ריכטער האָבן דאָס וועגן אים אָפּגעפּסקנט.

קלאָטילדעס פריידיק לאַכן האָט אים אָנגענעם געריסט. אירע העל־בלויע אויגן האָבן דערביי געפינקלט ווי אַמאָל. אפשר האָט די אָנוועזנהייט פון די יינגלעך אויפ־געוועקט איר מוטערלעכע גוטסקייט און ליבע און געמאַכט זי פרידלעך געשטימט. זי האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט זיך געענדערט אין די לעצטע חדשים, און ער האָט היינט געקוקט אויף איר מיט אַנדערע אויגן. היינט האָט ער שוין מער

נישט געזען אין איר די געליבטע, צו וועלכער די ליבע איז אָפּגעקילט געוואָרן, נאָר די מוטער פון זיינע קינדער, וועלכע ער האָט געשעצט.

קלאָטילדע האָט אים דערציילט וועגן די נסיעות, וואָס זי האָט אונטערגענומען אין פארשידענע שטעטלעך פון קרייז, כדי דאָרטן, אויפן באפעל פונעם גאולייטער, אומעטום אָרגאַניזירן „פאַרבאנדן פון פריינד“. זי איז אויפגענומען געוואָרן אין אַלע שטעטלעך, ווי א פירשטין, יאָ, ווי אן אמתע פירשטין. באגלייט האָט זי די באַראָנעסע פאָן טינען, און אין אלע האָטעלן האָט מען אָפּגעגעבן אין זייער רשות די פרעכטיקסטע צימערן. טאָג און נאַכט זענען גרייט געווען פאר זיי אויטאָס, און אַדיוטאַנטן האָבן זיי אומעטום באַגלייט. די איינפלוסרייכסטע דאַמען האָבן זיך געריסן איבער זיי, בקיצור, ס'איז געווען א נחת צו פילן אויף יעדן שריט די מאַכט פונעם גאולייטער. קלאָטילדעס אויגן האָבן געשטראַלט פון גליק. הארי און ראָבי האָבן געקוקט אויף דער מוטער מיט גרויס באוואונדערונג.

— ערשט בעת מיינע נסיעות, — האָט קלאָטילדע געזאָגט, — האָב איך פאַרשטאַנען, וואָסער גליק ס'איז צו קאָנען עפּעס לייסטן פארן לאנד. איך וועל דיר, פראַנק, איצט אויך דערציילן פון מיינע בייסטע פלענער, וועלכע באשעפטיקן מיך לעצטנס זייער שטאַרק, — האָט זי צוגעגעבן, און דערביי אינטים ארויפגעלייגט איר האנט אויף זיין נאקן, גלייך ווי ס'וואָלט צווישן זיי קיינמאָל נישט געווען קיין שום סכסוכים.

— נייע פלענער? — האָט פאַביאַן געפרעגט, פילנדיק אין דער באַרירונג פון איר אָרעם א מין צערטלען.

— דו ווייסט דאָך, — האָט קלאָטילדע פאָרגעזעצט מיט אייפער, — אז איך פיל זיך נישט גוט אָן נייע פלענער.

יאָ, די וווינונג דאָ איז איצטער צו קליין געוואָרן. אַ גינסטיקער צופאַל, אָדער ניכער די באַראָנעסע מיט איר שמעק־הויש האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ גרעסערע וווינונג. קלאָטילדע האָט אַ גליקלעכע זיך צעשמייכלט. דאָס איז די וווינונג פונעם מעדיצינישן ראַטגעבער פלאָר, וועלכער איז נישט לאַנג געשטאָרבן. זיין פרוי האָט בדעה צו טוישן איר ריזיקע וווינונג אויף אַ קלענערע. ביי א קליינעם רעמאָנט, לאָזט זיך דאָרט שאפן א גרויסן פּאָרטראַג־זאַל, און פאר זיי אלע וואָלט צוזאמען נאָך געבליבן א סך פלאַץ. דער גאולייטער האָט אויפן רעמאָנט באַשטימט צוואַנציק טויזנט מארק.

— אויך פאר דיר, פראנק, וועלן נאָך זיין צוויי גרויסע צימערן, אויב דו וועסט שוין האָבן איבערגענוג זיך אָנגעזעטיקט מיטן וווינען אין האָטעל, — האָט קלאָטילדע ווי בלאחר יד צוגעוואָרפן, און דערביי צו אים פריינדלעך געשמייכלט.

פּאַביאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז דער גאָלייטער האָט נישט לאַנג מיט איִם געהאַט אַ געשפּרעך און געזאָגט, אַז ביי היינט צו טאָג איז דאָס צעשפּליטערן די כּוחות פון מענטשן, וואָס זענען איינשטימיק איינגעשטעלט און זענען גרייט צו נעמען אַן אָנטייל אין אויפבוי, אַ הפקרות, וואָס דאָס לאַנד קאָן זיך אין איצטיקן מאָמענט נישט דערלויבן. ער איז אויך אַליין דעצידירט דאָס דאָזיקע הפקרות צו באַקעמפן. איבעריקנס האָט ער נישט לאַנג געערדט וועגן דעם מיט זיין פרוי, און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי וועט באַגריסן זייער צוריק שלום ווערן, און וואָס נאָך ער האָט עס אַלץ געזאָגט. פּאַביאַן האָט זיך וועגן דעם טאָקע איצט דערמאָנט, ער האָט דאָס אָבער נישט געלאָזט אויף אים דערקענען און נישט געענטפערט.

קלאָטילדע האָט, ווייזט אויס, דערוואַרט פון אים אַן ענטפער, און ס'האָט זיך געשאַפן אַ קורצע פּויזע פון פאַרלעגנהייטלעכן שווייגן, אַזוי אַז ער איז גליקלעך געווען, וואָס מאַרטע האָט אין דעם מאָמענט אַריינגעבעטן אויף קאַווע. די יינגלעך האָבן זיך תּיכּף געלאָזן גיין אין עסצימער.

— ס'וואָלט מיר געווען אָנגענעם ביי דער געלעגנהייט צו הערן דיין מיינונג, — האָט קלאָטילדע אַ זאָג געטאָן, גייענדיק מיט פּאַביאַנען נאָך די יינגלעך. — איך האָף, אַז להבא וועסטו אונדז אָפטער באַזוכן. האַרי און ראָבי זענען דאָך שוין איצט געוואָרן גאַנץ פאַרנונפטיקע. דו קאָנסט זיי פאַרבעטן אין האָטעל, ווען דו בענקסט נאָך זיי, דו קאָנסט אויך זיי דאָ באַזוכן, ווען דו ווילסט נאָר. דאָס האָב איך דיר נאָר געוואָלט זאָגן. מיר גייען שוין! — האָט זי געשריגן צו די יינגלעך אין עסצימער, וועלכע זענען שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

„קלאָטילדע וויל הערן מיין מיינונג, — האָט פּאַביאַן געטראַכט. — זינט ווען וויל דאָס קלאָטילדע הערן עמעצנס אַ מיינונג? עס געשען נאָך באמת וווּנדער אויף דער וועלט!“ פון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן די יינגלעך, האָט ער זיך געפילט גליקלעך. ער האָט ליב געהאַט זיינע ביידע יינגלעך און מיט איר גרויסמוטיקייט האָט זי אַרויסגעוויזן אַ געניייגטקייט צו שלום ווערן, וואָס עס האָט אים טיף געפרייט.

ער האָט שוין, פאַרשטייט זיך, געמוזט אויך בלייבן אויף אָונטברויט. האַרי, ראָבי און קלאָטילדע האָבן אים אַלע צוזאַמען געבעטן. קלאָטילדע האָט געהייסן צוגרייטן כּלערליי קאַלטע מאכלים און אויך אוועקגעשטעלט צוויי פלאַשן פּרעכטיקן ריין-וויין. זי האָט זיך געקענט אויף פּאַביאַנס שוואַכקייטן.

ס'איז באמת געווען אַ גליקלעכער טאָג! צען אזייגער האָט זיך פּאַביאַן צעזעגנט. ס'איז געווען אַ וואַרעמע נאַכט, און ער איז געגאַנגען גאַנץ געלאַסן אַהיים. אַ סך ענינים זענען אים דורכגעגאַנגען אין רעיון. דערווייל האָט ער נאָך נישט בדעה

געהאט צוריקצוקערן זיך צו קלאָטילדען. ער האָט נאָך געוואָלט אָפּוואַרטן און זען ווי ס׳וועלן זיך ווייטער אַנטוויקלען די געשעענישן. די פרייד פון פאַמיליען-לעבן, — האָט ער געטראַכט און געבליבן שטיין גאָכדענקענדיק, — זענען יעדנפאַלס די ריינסטע אין דער וועלט. זיי פילן אָן דאָס מענטשלעכע האַרץ מיט גליק און ליבע.

IV

גאַנץ פרי האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

— ענדלער, ענדלער, ליבסטע קלאָטילדע! — האָט זיך געלאָזט הערן דער באַראָנעסעס פאָן מינעם קול אין טעלעפאָן. — האָב איך דען נישט לאַנג געזאָגט בעתן פאָרטראָג פון פּראָפעסאָר מעניך, אַז אין א געוויסן טאָג וועט זיך ענדיקן דעם פירערס געדולדיקייט און ער וועט מיט כעס צוגויפּציען די ברעמען? ענדלעך איז עס געשען, און איצטער וועט זיין אָך און וויי צו די פּוילישע מערדער פון הינטערן פּלויט!

איך קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, מיין ליבע, וואָס עס טוט זיך אין מיין הויז. וואָלפס רעגימענט איז שוין היינט גאַנץ פרי, פיר אזייגער, געוואָרן פאַרלאָדן, און אין א געהויבענער שטימונג אוועק אויפן פראָנט. דער פּולקאָווניק טעלעפאָנירט צו וועמען עס לאָזט זיך נאָר, כדי וואָס גיכער אַריינצוטרעטן אין דינסט, ער זאָל, חלילה, נישט פאַרשפּעטיקן. ס׳כאַפּט באמת איצט אַרום א חשק צו לעבן.

— מאַרטאַ דערציילט, אַז די גאַנצע שטאָט איז אין א געוואַלדיקער אויפגעברויזטקייט!

— אין א געוואַלדיקער אויפגעברויזטקייט? — האָט די באַראָנעסע אויסגערופן און זיך צעלאַכט, — די שטאָט גייט כאָדאָראָם! אינמיטן נאַכט האָט מען אַרויסגענומען די מענער פון די בעטן, אפילו אַלטע לאַנדשטורמיסטן. זיי זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן צו דער פּוילישער גרענעץ אין זייערע ציווילע מלבושים און דאָרטן וועט מען זיי איבערטאָן אין מיליטערישער מונדירונג. א נייער, העלדישער קעמפערישער גייסט באַהערשט די גאַנצע אַרמיי! אונדזער מיליטער זאָל שוין האָבן אַריינגעדרונגען אין פּוילן אויף פופציק קילאָמעטער. איך האָב בדעה צו שטעלן זיך אין רשות פונעם רויטן קרייץ. קומט אַריין צו מיר, מיין ליבסטע, פינף אזייגער אויף טיי, מיר האָבן דאָך טויזנטער זאַכן אַרומצורעדן.

— איך וועל זיין פּינקטלעך.

די שטאָט איז געווען ווי צעחושט! ברוינע און שוואַרצע פּאַרטיי-אָפּטיילונגען האָבן מאַרשירט קאָלאָנעסווייז דורך דער שטאָט און געריטשעט לידער פון זיג, לידער פון זיכערקייט אין נצחון. טויזנטער בירגער, אויסגעשולטע סאָלדאַטן,

האַנטווערקער און באַאַמטע, האָבן אין משך פון געציילטע שעהן פאַרלאָזט זייערע פרויען און קינדער און אוועק אַנטקעגן זייער אומבאַשטימטן גורל, א סך פון זיי פאַרזאָרגט און נידערגעשלאָגן, ביז ס'האָט זיי נישט מיטגעריסן דאָס מלחמה־שיכרות פון זייערע קאָלעגן. די ספּעציעלע מעלדונגען אין ראַדיאָ האָבן איינס דאָס אַנדערע איבערגעיאָגט מיט זייערע נייעס. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן דערקלערט דייטשלאַנד קריג. ס'איז באמת נאָר צום לאַכן! מיט אן איינאונאיינציקן געניאַלן שאַך־צוג האָט די חכמה פונעם פירער זיי גלייך געגעבן מאַט, איידער זיי האָבן נאָך אפילו באַוויזן אַרויסצופירן איין האַרמאַט. מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט ער געשלאָסן א סעפּאַראַטן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד! ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען ממש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער עולם האָט אַן אויפגערעגטער געהאַלטן אין איין רעדן, בלויז גאַנץ ווייניקע האָבן זיך פאַרהאַלטן שטיל און געשוויגן.

פאַביאַן האָט פאַרמאַכט זיינע ביידע ביוראָס, ווייל ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן עפּעס א נאָרמאַלער אַרבעט. ער איז געווען אויפגערודערט ביז אין די טיפעניש פון זיין נשמה. אלס געוועזענער קאַפּיטאַן און באַגייסטערטער סאָלדאַט האָט ער דאָס אַלץ אַנדערש נישט געקאָנט באַנעמען, ווי נאָר פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט, און ווען ער האָט אַלץ גוט דורכגעטראַכט, האָט אים אויסגעזען, אז נאָר אַ מלחמה איז די איינציקע מעגלעכע לעזונג! נאָר א מלחמה וואָלט געקאָנט באַפרייען דייטשלאַנד פון דער דערדריקטער לאַגע, אין וועלכער דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט זי אַריינגעוואָרפן.

ער איז אַוועק צו קלאָטילדען און געבעטן, זי זאָל אים צושיקן אין האָטעל זיין קאַפּיטאַן־אוניפאָרם און אַלע מיליטערישע זאַכן, וועלכע האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען ביי איר.

— איז דאָס אזוי דרינגענד? — האָט קלאָטילדע געפרעגט מיט א דערשראָקענער מינע. — ס'איז דען שוין די ריי אויף דיין יאָרגאַנג?

— ניין, נאָכנישט, — האָט ער געענטפערט, — איך האַלט אָבער פאַר מיין חוב צו זיין גרייט צו יעדער מינוט.

זיינע ביידע ייִנגלעך האָט ער געטראָפן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. האַרי איז געווען טיף אומגליקלעך, וואָס ער איז ערשט קוים אַלט זעכצן יאָר, ער האָט כמעט געוויינט. — די מלחמה וועט שוין לאַנג זיין געענדיקט, — האָט ער געקלאָגט, נאָך איידער איך וועל גיין אויפן פראָנט. דער „פּאָעט“ ראָבי דאַקעגן איז געווען אין א גוטער שטימונג. ער האָט זיך געפרייט, אז ס'וועלן זיין פרייע טעג פון דער שול. ער איז געווען א פולשטענדיקער פּוליאַק.

אויף די גאַסן און אין די געשעפטן האָט מען שוין געקאָנט זען רעזערוו־אָפיצירן, אויפגעברויזטע און צעפלאַמטע, א סך מיט שטראַלנדיקע פּנימער. זיי האָבן

אײליק געמאַכט אײנקױפֿונגען. אױף דער װילהעלם־גאַס האָט ער זיך אָנגעשטױסן אױפֿן בױ־ראַטגעבער קריג, װעלכער איז אַהער געלאָפֿן אין דער גרעסטער אײלעניש.

— װאָס זאָגט איר צו דעם, — האָט פֿאַביאַן זיך צו אים געװענדעט, — װאָס אונדזער געפֿאַנצערטע מיליטער גײט פֿאָרױס אין פּױלן, װי אױף מאַנעװרעס?

קריג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אים איז די מלחמה נישט געפֿעלן.

— ענגלאַנד! ענגלאַנד! — האָט ער מיט אַ פֿאַרזאָרגטער מינע געענטפֿערט.

— כ׳האָב ערשט די טעג געלײענט, אַז ענגלאַנד האָט געפֿירט מלחמה מיטן רעװאָ־לוציאָנערן פֿראַנקרײך גאַנצע צװאָנציק יאָר. צװאָנציק יאָר, גיט נאָר אַ טראַכט!

— מאַכט אײך נישט לעכערלעך מיט אײער ענגלאַנד,—האָט פֿאַביאַן געענט־פֿערט מיט אַ געלעכטער. — ענגלאַנדס ראָל איז אױסגעשפּילט! דאָסמאָל װעלן מיר בײ אײער פּיראַטן־מלוכה ענגלאַנד אַרױסרײסן די רעקין־צײנער, אָבער אַזױ װי ס׳באַדאַרף צו זײן, איר פֿאַרשטײט? קומט, מיר װעלן צוזאַמען עסן מיטאָג.

קריג האָט געדרײט מיטן קאָפּ און אַ פֿאַרזאָרגטער אַראָפּגעלאָזט די אױגן צו דער ערד.

— כ׳קאָן לײדער נישט, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט, — כ׳מוז פֿאָרן צו דער באַן, אָפּצונעמען מײן טאָכטער העדװיג.

— העדװיג, — דאָס איז דאָך די פֿרײלעכע, װעלכע האָט געאַרבעט בײ טאַו־בענהאַוזן?

— יאָ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ כמורנער מינע, — זי האָט אַ יאָר צײט געאַרבעט בײ טאַובענהאַוזען און אָפֿט געהאַט דינסט ביז פֿיר בײנאַכט. איר אַרבעט איז געװען אַזאַ אָנגעשטרענגטע, אַז זי האָט געמוזט אױף עטלעכע װאָכן אַרױס־פֿאָרן אױפֿן דאָרף.

קריג האָט אױסגעזען צעטראָגן און געװען געקנײטשט זײן לאַװאַליער־בינדע. ער האָט אָנגעקוקט פֿאַביאַנען מיט פֿאַרכמורעטע אױגן.

— כ׳בין געװאָרן אַ זײדע, מײן ליבער פֿרײנד, — האָט ער צוגעגעבן אַ נידער־געשלאָגענער.

— אַ זײדע?

פֿאַביאַן האָט אים געװאָלט גראַטולירן מיט אַ מזל־טוב, אָבער קריגס פֿאַר־דאגהט אױסזען, אַז טרערן זענען שױן געשטאַנען אין די אױגן, האָט אים דערפֿון אָפּגעהאַלטן. ער איז פּלוצים געװאָרן אָפּהענטיק.

— יאָ, אַ זײדע, — האָט געזאָגט דער צעמישטער בױ־ראַטגעבער, שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ, — די װעלט איז אינגאַנצן משוגע געװאָרן, ליבער פֿרײנד, דאָס איז מײן מײנונג! אין אַ געװיסן אָװנט האָט מיר העדװיג דערקלערט מיט אַ שטראַלנ־דיקער מינע: פֿרײ זיך, פּאַפּאַ, איך װעל אינגיכן װערן אַ מאַמע! דער שלאַק האָט מיר שיִער נישט געכאַפּט. זי איז פּלוצלונג משוגע געװאָרן, האָב איך געטראַכט.

אָבער העדוויג האָט מיך שטאַרק געטרייסלט פאַרן האַנט: פריי זשע זיך מיט מיר, פּאַפּאַ! — האָט זי אויסגערופן, — כ'האָב געוואָלט דעם פירער שענקען אַ קינד, און איצט האַלט עס שוין אָט אָט. א משוגעת, א פולשטענדיק משוגעת.

פּאַביאַן איז געווען אַזוי צעמישט, אַז ער האָט נישט געפונען וואָס צו זאָגן. ער האָט קריגן אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן, מיט אַ פאַרבליפטער מינע, נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט.

— יאָ, — האָט דער בוי-ראַטגעבער ווייטער גערעדט, — איך שלעפּ מיך איצטער אַרום מיט אַ נייער זאָרג!

ער האָט אַ ווײַלע איבערגעריסן, דערנאָך מיט אַן אומעטיקן שמייכל אָנגע-הויבן פונדאַסניי:

— איצט אָבער איז מיין הערמינע, זינט עטלעכע וואָכן, באַשעפטיקט ביי טאָבלענהאוזן, און זי האָט אויך אָפּט דינסט ביז פיר אַזייגער ביינאַכט! קאָנט איר אייך פאָרשטעלן די לאַגע פון א פאָטער? וואָס קאָן איך דערצו זאָגן? איך קאָן גאָרנישט זאָגן. משוגעת, פולשטענדיקע משוגעת. זייט געזונד, ליבער פריינד!

און קריג איז אין גרוים איילעניש אַוועקגעלאָפן אַראָפּ מיט דער ווילהעלם-גאַס.

פּאַביאַן איז געווען דערשטוינט, ווען ער האָט אין „שטערן" געטראָפן באַזעצט אַלע טישלעך. צווישן די געסט האָבן זיך אויך געפונען רעזערוו-אָפיצירן אין זייערע אוניפאָרמען. דער גאַוליימער און זיינע אדיוטאַנטן פאַגעלסבערגער, רייטמייסטער מעין און קאַפּיטאַן פּרעי זענען אויך געווען אָנוועזנד. קאַפּיטאַן פּרעי האָט געזאָלט נאָך היינט ביינאַכט אַוועק אויפן פראָנט. ס'האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די פיל אָרדנס און ערנצייכנס, מ'האָט אפילו געקאָנט אויך זען ביי איניקע דעם אָרדן Pour le mérite.

אַלע זענען געווען אין א געהויבענער און באַזונדערס הייטערער שטימונג, און צו די טאָאסטן האָט קיין סוף נישט גענומען. זייער אָפּט האָט דער ראַדיאָ איבערגעריסן די רוישיקע מוזיק פון די מיליטער-מאַרשן, אָנגעבנדיק די בייסטע מעלדונגען פון שלאַכטפעלד. מען האָט ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל אויס-געליידיקט די גלעזער פאַרן ווויל פון דער „אומפאַרגלייכלעכער אַרמיי". בלויז פון דער צאָל ווייַן-פלעשער אליין פון אלערליי סאָרטן ווין האָט מען געקאָנט אַרויס-דרינגען וועגן די וווּנדערבאַרע דערפאָלגן פון דער אַרמיי אין איר אָנגריף אין פוילן.

ס'איז געווען באמת צו שטוינען, מיט וואָס פאַר אַן איינשטימיקייט אַלע געסט, ריכטער, פראָקוראָרן, פּראָפעסאָרן, גלחים, אָפיצירן, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָר פון דעם נצחון-שיכרות, אויפגעשרויפטע האָפענונגען און נביאותן. פון צייט צו צייט האָט אַ כוואַליע פון באַגייסטערונג אַלעמען אַ הויב אויף געטאָן פון די

ערטער און זיי האָבן געהויבן די גלעזער אין דער הייך און געטרונקען פאַר א „גרויס דייטשלאַנד“.

— שטיל! וואָס זאָגט דער גאוליַיטער?

יאָ, דער גאוליַיטער האָט טאַקע ביי זיין טישל געהאלטן א רעדע און אלץ האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן. ס׳האָט פונדעסטוועגן געדויערט א שפּאָר ביסל צייט, ביז עס האָט זיך איינגעשטילט דער הו־האַ, האָט מען בלויז געהערט דעם סוף פון זיין רעדע:

„אין א יאָר אַרום וועלן מיר שוין טרינקען קאַווע פון אונדזערע אייגענע קאָלאָניעס!“

אַ דונערנדיקער שטורעם פון באַגייסטערונג איז געווען דער ענטפער פון די אָנוועזנדיקע, און דער אומגעצוימטער אויפברויז האָט אָפּגעהילכט אין דעם באַנאנדער־געקלאַנג פון דעם שלל גלעזער.

פּאַביאַן האָט אויסגעזען צו זיין דער ניכטערסטער און באַזוניקסטער צווישן זיי אַלעמען.

ער האָט וואָס אַן אמת מיטגעמאכט דעם אלגעמיינעם ענטוזיאַזם פון די געסט, ער האָט אָבער ניט געקאָנט מסכים זיין מיט די אלע גוזמאדיקע און אָפּט אומזיניקע נביאותן. ס׳וועט לגמרי נישט זיין אזוי פּשוט ארויסצורייסן פון די דאָזיקע „פּעפּער־זעק“, ווי מ׳האָט אָנגערופן די ענגלענדער, דעם גיבראַלטאַר, דעם סועץ־קאַנאַל און אינדיע, ווי ס׳האָט אָקאָרשט נביאות געזאָגט דער לאַנדגעריכטס־ראַט־געבער פּעטערסמאַן.

ניין, אזוי פּשוט איז עס אויף קיין פאַל נישט, מיין השובער הער לאַנדגעריכטס־ראַטגעבער. די דאָזיקע „פּעפּער־זעק“ און דאָס האַלב־„פּאַרנעגערטע“ פראַנקרייך קאָן מען נישט אונטערשאַצן. דאָס זענען שטאַרקע קעגנער! ער האָט זיי בעת דער וועלט־מלחמה גענוג דערקענט. בכלל אָבער, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די אלע פלוידערייען און פוסטע פראַזן, באַגריסט ער די מלחמה! דייטשלאַנד איז געוואָרן בעת דער חלוקה פון דער וועלט באַעוולהט, דערפאַר מוז עס נאָכאַמאָל פירן די מלחמה, כדי צו קאָרעגירן די נישט ריכטיקע צעטיילונג. דאָס איז געווען זיין מיינונג.

ביסלעכווייז איז ער אַריין אין התלהבות און אַרויסגעזאָגט זיינע אָנשווינגען פאַר א פאַסטאָר, וועלכער האָט אים כסדר פּאָטאַקעוועט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— די זיגער פון דער וועלט־מלחמה, אויב ס׳איז מיר דערלויבט אַרויסצוזאָגן מיין באַשיידענע מיינונג, זענען באַגאַנגען אַן אומגעהויערן פעלער, וואָס זיי האָבן צוגעטיילט דייטשלאַנד אַזאַ שפּלדיקע ראָל. זיי האָבן עס געקאָנט טאָן דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָס אמתע דייטשלאַנד איבערהויפּט נישט געקענט, טאַקע לחלוטין נישט. א פאָלק מיט אַזעלכע ריזיקע כוחות, מיט אַזעלכע כעמיקער, פיזיקער,

בירוהגן, פילאָזאָפן, מוזיקער און דיכטער, האָבן זיי נישט געטאָרט באַהאַנדלען, ווי עפּעס אַ פאָלק פון די באַלקאַנען, און לאָזן אים זיך שטיקן אין זיינע ענגע גרענעצן. ניין, דאָס האָבן זיי נישט געטאָרט טאָן! דייטשלאַנד איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער שלאַכט פאַר רעכט און גערעכטיקייט און איצט וועלן שוין אַנטשיידן די האַרמאַטן. איך בין געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטעריע, דערפאַר ווייס איך זייער גוט, וואָס דייטשישע האַרמאַטן קאָנען אויפטאָן.

דער פאַסטאָר האָט פאַטאַקעוועט און באַשטעלט אַ נייע פלאַש מאָזעל־וויין. פול מיט באַגייסטערונג האָט זיך פאַביאַן אויפגעהויבן און געהאַלטן אַ נייעם טאָסט פאַר אַ „גרויס דייטשלאַנד“.

בערך אַ זייגער צוויי האָט דער גאַלייטער מיט זיינע אַדיוטאַנטן פאַרלאָזט דעם „שטערן“ און אַוועק באַגלייטן דעם קאַפּיטאַן פרעי צו דער באַן. מיט אַ מאָל מיט דער האַנט האָט ער מונטער און פריילעך געזעגנט זיך מיט אַלע געסט, וועלכע זענען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט זיך די פייערונג פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער אָרגיע, ערשט אין דער פרי אין פאַביאַן אַ פולשטענדיק שיכורער אַריינגעפאַלן צו זיך אין צימער.

V

דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר וואָלפגאַנג פאַביאַנס הויז אין יאַקאָבסביל און די דאַמען לערכע־שעלהאַמער זענען אויסגעשטיגן.

דעם סקולפּטאָרס הויז האָט אויסגעזען פאַרלאָזן און וויסט. די קליינע גרינע לאָדנס, אָפּגעבליאַקעוועטע פון דער זון, זענען געווען צוגעמאַכט. דער ווילדוויין, וואָס האָט געצויגן זיך פון באָדן און צעלייגט זיך אויף דער הויז־וואַנט, האָט שוין אין אַ סך ערטער אָנגעהויבן רויט ווערן, און איין צווייגל איז אַריינגעוואַקסן אין די שפּאַרעס פון אַ לאָדן.

— גיב אַ קוק, מאַמאַ! — האָט קריסטע געזאָגט, גייענדיק מיט דער מוטער אַרום הויז, און אָנגעוויזן אויפן צווייגל, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין לאָדן.

— זעט אויס, אַז ער איז שוין לאַנג פון דאַנען אַוועק, — האָט פרוי בעאַטע געענטפערט. — ס'איז אַוודאי קיינער נישטאָ אין דער היים.

— מען האָט דאָך אָבער געענטפערט אין טעלעפאָן? — קריסטע האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. אינעם הויכן גראָז איז געלעגן די סקולפּטור פון הירש מיט אַן אָפּגעבראָכענעם האָרן, וואָלפגאַנגס אַן אַרבעט פון די יונגע יאָרן, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אין גאָרטן אַלס דעקאָראַציע.

— דער הירש, מאַמאַ!

— דער שטורעם האָט אים וואַרשיינלעך אַראָפּגעוואָרפן פון פּיעדעסטאַל.

די דאַמען זענען געווען זייער אַנטוישט. זיי האָבן שוין אַרומגעקרייזט דאָס הויז און אָנגעהויבן אויפסניי צו קלאַפּן אין דער הויזטיר.

— רעטאַ! רעטאַ!

זיי האָבן ענדלעך דערהערט אַ סקריפּ פון איינעם פון די קליינע קינד-פענצטערלעך און ס'האָט פון אים פאַרטייעט אַרויסגעקוקט אַ פּנים, ווי פון אַ מכשפה אין אַ מעשהלע.

— געסט זענען געקומען! — האָט די פרוי בעאַטע אַ זאָג געטאָן לאַכנדיק.

— אָך, גאָט מייַנער! וואָסערע חשובֿע געסט! — האָט די אַלטע פריידיק אַ קווויטשע געטאָן, כ'האָב גאָרניט געהערט. און פרייַלין קריסטע איז אויך געקומען! כ'וועל גלייך עפענען!

רעטאַ האָט אויפגעשלאָסן די הויזטיר און אַרייַנגעפירט די דאַמען אין קליינעם עסצימער, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אַ דעליקאַטער גרינער טונקלקייט.

— דאָס איז דאָס איינציקע צימער, וואָס איז אויפגערוימט, — האָט זי אויסגערופן און אַ שטויס געטאָן אַ לאָדן. דער העלער טאָג האָט זיך אַרייַנגעריסן אינעם קליינעם צימער, — גראָד פאַרברי איך איצט קאַווע, און כ'וועל די דאַמען גלייך דערלאַנגען.

— באַמיט זיך ניט, רעטאַ, — האָט קריסטע געזאָגט, — מיר זענען אַהער געקומען צו דערוויסן זיך עפּעס נייעס.

רעטען איז אָבער ניט מעגלעך געווען אָפּצוהאַלטן.

— זינט זעקס וואָכן זעגט איר די ערשטע מענטשן, וועלכע איך זע, — האָט זי אויסגערופן, — די דאַמען וועלן שוין מוזן אָוועקשענקען עטלעכע מינוט צייט אַן אַלטע פרוי.

די דאַמען לערכע-שעלהאַמער האָבן זיך עטלעכע וואָכן אויפגעהאַלטן אין באַדען-באַדען און באַלד דערנאָך געמאַכט אַ רייזע אין שוואַרצוואַלד. אין דער געדיכטעניש פון וואַלד האָבן זיי אַנטדעקט אַ ריינעם שטילן האָטעל, וווּ זיי האָבן בדעה געהאַט צו פאַרברענגען עטלעכע טעג. די עטלעכע טעג האָבן זיך פאַרצויגן אויף חדשים, ווייל קריסטע האָט געהאַט אַן אמתן ווידערגעפיל צו דער שטאָט. ערשט ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט פוילן, האָבן זיי איינגעפּאַקט זייערע קופערטס און אָן אָפּשטעל געפאָרן אַהיים.

— האָט איר, רעטאַ, עפּעס ידיעות פונעם פּראָפעסאָר? — האָט פרוי בעאַטע געפרעגט, בעת די פויערטע איז צוריקגעקומען אין צימער מיט דער קאַווע.

— גאַנץ קנאַפּע, — האָט רעטאַ געענטפערט, אָנגיסנדיק די קאַווע. ווען זי האָט גערעדט שטיל, האָט איר קול געקלונגען הייזעריקלעך, און מ'האָט זי קוים געקאָנט פאַרשטיין, האָט זי גערעדט הויך — איז איר שטימע געוואָרן קווויטשע-

דיק. זי איז געווען ביי די זיבעציקער. — דער פּראָפעסאָר איז נאָך אַלץ אין בירקהאָלץ און ס'זעט גאָרנישט אויס, אַז ער זאָל אינגיכן צוריקקומען.

— אָבער פון ציים צו צייט דערהאַלט רעטאַ אַ ידיעה? ער שרייבט אַמאָל?

— אָך, גאָט מיינער! האָט די אַלטע קוויטשענדיק געזאָגט: — זיי טאָרן דאָרט נישט שרייבן, ס'איז דאָרטן ערגער ווי אין אַ תפיסה. אָבער טיילמאָל שלייכט זיך דורך אהער צו מיר עמעצער, וועלכער איז ארויס פון בירקהאָלץ. לכתחילה האָט דער פּראָפעסאָר געמוזט שווער ארבעטן, ווי אַ קנעכט, אין דער שטיינהאַקעריי. דאָס איז געווען אזא שווערע ארבעט, אז אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן, אָבער דער פּראָפעסאָר איז דאָך אַ שטאַרקער, געזונטער מענטש. זיי האָבן געמוזט שלעפּן שפּוע ארויף שווערע שטיין־בלאָקן, ביי וואָס ס'האָט שוין נישט איינער באַצאָלט מיטן לעבן. בירקהאָלץ איז אַן אמתער גיהנום, האָבן זיי דערציילט. אָנפאַנגס האָט מען אים יעדן טאָג געשלאָגן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט באַגריסן זיך מיטן היטלער־גרוס.

— געשלאָגן? — האָט קריסטע מיט אימה אויסגערופן.

רעטאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אין בירקהאָלץ שלאָגט מען טאָג און נאַכט און אַ סך האָט מען שוין דערהרגעט, — האָט זי געשריגן, — אָבער דער פּראָפעסאָר האָט דעם היטלער־גרוס נישט געזאָגט. איך ווייס, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. „זאָלן זיי מיך דערהרגענען“, — האָט ער געזאָגט. דערנאָך איז ער אַ לאַנגע צייט באַשעפטיקט געווען ביי די שטיינשלייפער, וווּ זיי האָבן צוועלף שעה אַ טאָג געמוזט שלייפן די קוואַדראַטן. איצטער, זעט אויס, איז אים שוין בעסער, אַזוי האָט מיר פאַריקע וואָך איינער דערציילט. ער האָט באַקומען אַן אויפגאַבע צו מאָדעלירן אַ ביוסט פון דעם קאָמענדאַנטס פרוי, — האָט רעטאַ פאַרענדיקט איר באַריכט.

— און זיין ברודער, דער אַדוואָקאַט? ער סטאַרעט זיך גאָרנישט? — האָט פרוי בעאַטע געפרעגט. — ער איז דאָך איצט געוואָרן אַ גרויסע שישקע!

רעטאַ האָט אַ שלוק געטאָן פון איר קאַווע.

—יאָ, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, — ביי זיין ברודער בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען גלייך נאָך דעם, ווען זיי האָבן אים צוגענומען. — „זעט, טוט עפּעס, האָב איך צו אים געזאָגט, איר זענט דאָך זיין ברודער, ס'קאָן דאָך אַזוי נישט זיין!“ „מיין ליבע רעטאַ, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — אויף די דאָזיקע זאַכן פאַרשטייט איר זיך נישט. אַלס אַדוואָקאַט איז מיר אוממעגלעך זיך אַריינצומישן אין אַן ענין, וואָס איז נאָך אין דער אויספאָרשונג. ווי שטעלט איר זיך דאָס פאָר?“

ביידע דאַמען האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך איבערגעקוקט.

— אַזוי האָט ער געזאָגט, — האָט רעטאַ באַקרעפטיקט. — „האָט גאָר אַ ביסעלע געדולד, רעטאַ. אַז די צייט וועט קומען, וועל איך וואָלפּגאַנגען אַרויס־געמען במשך פון איין טאָג“.

— משמעות, אַז זיין צייט איז נאָך נישט געקומען, — האָט פרוי בעאַטע סאַרקאַסטיש אויסגערופן.

רעטאַ האָט ווידער אָנגעגאָסן קאַווע און פאָרגעזעצט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף פרוי בעאַטעס באַמערקונג.

— אפשר איז עס בעסער אַזוי, ווער ווייסט? לעצטנס איז געווען ביי מיר אַן אָרעמער ייד פון בירקהאָליץ. דער אָרעמער מענטש האָט נעבעך געציטערט מיט אַלע זיינע אברים, אַזוי דערשעפּט איז ער געווען. דריי טעג האָב איך אים געגעבן צו עסן, ביז ער האָט ווידער געקאָנט שטיין אויף די פיס. ער האָט עס מיר טאַקע געזאָגט: „אום גאָטעס ווילן, מאַכט נישט קיין שום פרווון! אַנישט וועלן זיי דעם פּראָפעסאָר פאַרשפאַרן אין אַ פינצטערן בונקער אויף עטלעכע וואָכן. דאָרט שטייט מען אין וואַסער, ביז איבער די קני“. גאָט מיינער! וואָס דער אָרעמער ייד האָט מיר אַלץ נישט דערציילט. העכער אַ יאָר צייט איז ער געווען אין בירקהאָליץ. קאָן איך אייך אָנגיסן נאָך קאַווע?

— ניין, ניין, מיר דאַנקען!

די דאַמען האָבן זיך ביידע גלייכצייטיק אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך געגנוג שוין אָנגעהערט פון די מוראדיקע זאַכן, וועלכע רעטאַ האָט דערציילט מיט אַ מערקווירדיקער טעמפּקייט, וואָס איז טיילמאָל אייגנטימלעך פאַר אַלטע לייט.

— נאָך אַ רגע! — האָט זי אויסגערופן. — די דאַמען דאַרפן נאָך אַ קוק טאָן אויף דער אַטעליע. איך שווער אייך, אַז איך האָב זיך באַמיט נישט צו ענדערן דאָרט קיין שטויבעלע.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי אויפגעעפנט די טיר צו דער אַטעליע, און די ביידע דאַמען זענען פאַרגליווערט געוואָרן: אַזאַ בילד פון פאַרווּסטונג האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זייערע אויגן.

דאָס גרויסע אַטעליע־צימער איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן שטויב, ווי באַשיט מיט מעל. די אָפּגוסן זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן פון די ווענט און אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אויף דער פּאָדלאָגע. די פיגור „דער, וואָס צע־רייסט די קייטן“ איז געווען אינגאַנצן צעשמעטערט. דער פּיעדעסטאַל מיט דער אויסקריצונג „בעסער דער טויט, איידער אַ שקלאַף!“ איז צעטראַסקעט געוואָרן אויף אַ סך טיילן. די שענק און שטולן זענען צעהאַקט געוואָרן מיט אַ האַק. די פּאָדלאָגע איז געווען באַדעקט מיט גלאָזברוך פון פלעשער און גלעזער. די טעפּ־כער זענען געווען צעשניטן און פאַרפלעקט. אין סך־הכל איז דער חורבן געווען גאָרגיש זיך פאָרצושטעלן. קווער איבער דער וואַנט איז מיט בלויער פאַרב גע־

ווען צעשמירט מיט גרויסע אותיות: „אזוי וועט געמאַן ווערן מיט אַלע ייִדן-פריינד!“

— אויך ביים טיגעל-אויוון זעט עס אויך אוים פונקט אַזוי, — האָט רעמאַ געזאָגט מיט איר קווימשענדיקן קול.

— ווענען די דייטשן געוואָרן קאַניבאַלן? — האָט פרוי בעאַטע אויסגעשריגן אויסער זיך פון אויפרעגונג.

— חיות זענען דאָס, חיות! — האָט זי אויסגערופן און איר פּנים איז אָנגע-פילט געוואָרן מיט טרויער.

פרוי בעאַטע האָט אָנגעוויזן אויף דעם אָפּגום פון א האַנט, וואָס איז אַן איינצעלנער אַליין נאָך געבליבן הענגען אויף דער וואַנט.

— דיין האַנט, קריסטע!

ווי דורך עפּעס אַ נס, איז דער אָפּגום פון איר האַנט ניצול געוואָרן. וואַלפּ-גאַנג האָט אים געמאַכט מיט יאָרן צוריק.

— איך דאַרף נישט קיין זאַך! — האָט רעמאַ אויסגערופן, — דער פּראָפעסאָר מוז דאָס אַזוי זען, ווי עס איז אַצינד. — זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ קופּע גלאָז-ברוך, וועלכע איז געלעגן פאַר דער צעטראַסקעטער דאָרפישער שאַנק. — זיי האָבן נאָך אויסגעטרונקען דעם פּראָפעסאָרס גאַנצן וויין, ביז זיי האָבן זיך באַזויפן, ווי די חזירים.

בעת ביידע דאַמען האָבן זיך געזעגנט, האָט די פרוי בעאַטע געזאָגט:

— כ'בעט אייך, רעמאַ, איבערגעבן דעם פּראָפעסאָר, אַז זיינע אַלטע פריינד זענען ווי פריער מיט אים.

— מיר האָבן אים נישט פאַרגעסן! — האָט קריסטע צוגעגעבן.

VI

— האָסט אים מיט זיך?

— יאָ, כ'האָב אים מיט זיך, מאַמושקאַ, — האָט מאַריאַן לאַבנדיק געענט-פערט.

דאָס האָט זי געמיינט דעם שפּאַנישן שטילעט, וועלכן זי האָט שטענדיק גע-טראָגן באַהאַלטן אין איר קלייד, ווען זי פלעגט גיין צו „יענעם“, ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן. זי האָט נישט געהאַט קיין שום סודות לגבי איר שטיפמוטער, און זי האָט איר געוויזן דעם שטילעט און וויאַזוי זי טראָגט אים מיט זיך.

— אַ שאָד, וואָס ער איז נישט פאַרגיפטעט! — האָט די מאַמושקאַ געזאָגט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם.

זי האָט געפּליסטערט פון אויפרעגונג און צוגעצויגן דעם שטילעט נענטער צו די קורצזיכטיקע אויגן, כדי אים גענוי צו באַטראַכטן.

— ער איז נענוג שאַרף, — האָט זי געפליסטערט און אירע אויגן האָבן געגליט מיט האַס, — אויב ס'וועט ווער פון די מגורשים צו נאָענט צו דיר צוקומען, זאָלסטו אים פּעסט אַרייננשטעכן. דו הערסט, מאַריאַן? דאָס מוזטו מיר שווערן!

און מאַריאַן האָט זיך באַשווירן.

— אויב זיי וועלן דיך דערנאָך דערהרגענען, איז עס דיין גורל, וואָס איז פאַר דיר פון נאָט באַשטימט. ס'איז אָבער בעסער דער טויט, איידער צו פאַרלירן די ערע.

די באָרעמע יידישקע האָט געהאַסט די „מגורשים" נישט נאָר פון זינט זיי האָבן אָנגעהויבן רודפן יידן, זי האָט זיי שוין פון סאַמע אָנהייב אָן געהאַסט מיט א שנאת־מות, וואָס האָט ווי צעגליטע קוילן געברענט אין איר האַרץ. ס'איז גענוג, זי זאָל בלויז וועגן זיי א טראַכט טאָן, און גלייך האָבן די קוילן אין איר האַרץ אָנגעהויבן ברענען.

— היט אייך! — האָט זי געזאָגט. — גאָט וועט אייך צעטרעטן ווי די ווערים, איר מגורשים!

איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון עקל, ווען זי האָט נאָר דערזען אויף דער גאַס א ברוינעם פּאַרטיי־סאָלדאַט. זי האָט געגעבן א שבועה איר גאָט, אַז זי וועט דערהרגענען יעדן, וועמ ס'וועט נאָר וועלן מאַריאַן אַן עוולה טאָן, מעג מען זי דערנאָך צעשניידן אויף שטיקער! אין דער מחשבה האָט די מאַמושקאַ געמאָרדעט הונדערט און טויזנט מאָן יעדן טאָג, און דאָך האָט זי צומאָל נישט געקאָנט איבערשניידן א האַלדז פון א הינדל.

מאַריאַן איז געווען דערצידערט צו פאַרטיידיקן איר ערע ביזן לעצטן אָטעם. זי האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו געבן דערויף א שבועה, ס'איז געווען פאַר איר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זי וועט זיך קיין רגע נישט וואַקלען, ווען ס'זאָל נויטיק זיין. האָפנטלעך אָבער וועט עס נישט נויטיק זיין, גאָט וועט איר העלפן! זי האָט דאָך אַפילו קיין פליג נישט געקאָנט פאַרשאַפן די קלענסטע ליידן.

דעם שטילעט האָט זי געטראָגן אינעם קלייד, רעכטס ביי דער טאַליע. זי האָט זיך איינגעאיבט גיך אָנצוכאַפּן דעם שטילעט און אים בליץ־שנעל אַרויסציען. די מאַמושקאַ איז בייגעווען ביי דער דאָזיקער איבונג און ערשט ביים דריטן מאָל איז זי געווען צופרידן. מאַריאַן האָט אַזוי בליצאַרטיק אַרויסגעצויגן דעם שטילעט און אַזוי ראַשיק אים א שטויס געטאָן אין דער לופט, אַז קיינער וואָלט באמת נישט אימשטאַנד געווען צו איר זיך צו דערנענטערן.

— זייער גוט! יענער וואָלט שוין מער נישט אויפגעשטאַנען! — האָט זי געלייבט די שטיפמוטער, ווען זי האָט געזען מאַריאַנס בראַווע אַנטשלאָסנקייט, און

געקוקט אויף איר מיט פאַנאַטיש פינקלענדיקע אויגן. נאָר אַ משוגענער קאָן וואָגן צו דיר זיך דערנעענטערן. אָבער הו ווייסט דאָך, וויפל משוגעים ס׳געפינען זיך צווישן די דאָזיקע מגובלים. דעריבער דאַרפסטו זיין אויף דער וואָך.

זינט דער דאָזיקער צייט האָט מאַריאָן, ווען זי איז געגאַנגען קיין איינשטע־טען, געטראָגן מיט זיך דעם שטילעט האַרט ביי דער רעכטער זייט טאַליע, אפילו דעמלט ווען זי האָט געשפילט מיטן גאָלייטער אין ביליאַרד. דער שטילעט האָט איר צוגעגעבן דאָס געפיל פון רואיקייט און זיכערקייט, און זי איז געווען איבער־צייגט, אַז איר אַנטשלאָסנקייט צו שיצן זיך אויף טויט און לעבן, וועלכע זי האָט פאַרבאָרגן אונטער אַ מאַסקע פון פרייליכקייט, איז געווען די סיבה, וואָס אַפילו די ברוטאַלע סאָלדאַטן האָבן נישט געוואַגט צו איר זיך צו דערנענטערן.

אין אַ געוויסן טאָג אָבער איז געשען דאָס, פאַר וואָס זי האָט זיך שוין פון לאַנג געשראָקן. רומף האָט אַנטדעקט ביי איר דעם שטילעט.

— וואָס האָט איר דאָס איינגעטליעד ביי דער רעכטער זייט טאַליע, „פּראָפּעס־סאָרא"? — האָט ער געפרעגט, בעת זי איז האַלב נעזעסן אויפן ראַנד פון ביל־יאַרד־טיש. — דאָס האָט זיך מיר שוין עטלעכע מאָל געוואָרפן אין די אויגן. עס זעט אַזוי אויס, ווי ס׳וואָלט געווען אַ מעסער.

מאַריאָן איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, און נאָר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע פראַגע איז פאַר איר נישט געווען אַזוי איננאַנצן אומגעריכט, האָט זי זיך געקאָנט באַהערשן און פאַרזעצן דאָס שפּילן, נישט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע. רומף איז אָבער צוגעגאַנגען נענטער, כדי גענויער אָנצוקוקן דעם פאַרדעכטיקן פאַלד ביי איר רעכטער זייט טאַליע.

— איך גיב מיין קאָפּ, — האָט ער געלאַכט, — אַז דאָס איז אַ מעסער.

זיין לאַכן האָט מאַריאָן צוגעגעבן מוט און די פאַרב איז צוריקגעקומען אין בלאַסן פנים אריין. זי האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַררויטלט און אירע באַקן האָבן געפלאַמט. זי האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט פונעם ביליאַרד־טיש און געקוקט אים גלייך אין פנים אריין.

— יאָ, דאָס איז אַזאַ מין מעסער, — האָט זי געענטפערט, כסדר נאָך צי־טערנדיק פון געהיימען פחד, — אַ שפּאַנישער שטילעט.

דער גאָלייטער האָט זיך לוסטיק צעלאַכט.

— ביי גאָט! — האָט ער אויסגעשריגן, — דאָס איז דאָך זייער לעבערלעך. צו וואָס, צו אַלדי רוחות, טראָגט איר מיט זיך אַ שטילעט, ווי אַ שפּאַנישער גראַנד אין מיטלאַלטער?

די סכנה איז פאַרביי, און שוין האָט מאַריאָן ווידער אָנגעהויבן הילכיק און האַרציק לאַכן.

— איך טראַג שפּעטנדיק דעם שפּילעט מיט זיך, — האָט זי געענטפערט, — אויפן פאַל, ווען ס'וועט ווער וועלן צו גאָענט צו מיר צוקומען.

רומף איז געווען געוואַלדיק פאַרחידושט.

— יאָ, אָבער ווער וועט עס צו גאָענט צוקומען צו אייך? — האָט ער געפרעגט.

מאַריאָן האָט געלאַכט.

— ס'זענען דאָך פאַראַן בראָדיאַגעס, שיכורים און משוגעים, — האָט זי געענטפערט, — און די מורא איז פאַרשוווּנדן פון איר האַרץ, ווי נאָר זי האָט אים געגעבן די דאָזיקע פון לאַנג צוגעגרייטע תשובה.

— און וואָס וואָלט איר געטאָן, — האָט רומף ווייטער פאַרשגדיק געפרעגט, — ווען אַ בראָדיאַגע אָדער אַ משוגענער וואָלט אייך באַפאַלן?

— איך וואָלט אים דערשטאָכן! — האָט מאַריאָן ערנסט און אַנטשלאָסן געענטפערט, און רומף האָט בפירוש געזען, אַז זי טרייבט נישט קיין קאַטאָוועס.

— דער טייוול זאָל עס געמען! — האָט ער לאַכנדיק אויסגערופן, — דער טייוול זאָל עס נעמען! — איר זענט דאָך באמת אַ געפערלעכע דאַמע. יעדן, זאָגט איר, וועלכער וואָלט צו גאָענט צוגעקומען צו אייך?

מאַריאָן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— יאָ, יעדן!

— אַלזאָ, מיך אויך, אויב ס'וואָלט אויסגעקומען? — האָט דער גאָלייטער ווייטער געפרעגט.

מאַריאָן האָט אַראָפּגעלאָזט איר בליק. קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן, אַז אין דער דאָזיקער רגע איז זי כמעט אויסגעגאַנגען פון פחד. די ראָזקייט אויף אירע באַקן איז פאַרשוווּנדן. אין דער דאָזיקער סעקונדע, ווען ס'זענען איבער אירע בלאַסע באַקן אַראָפּגעפאַלן אירע שוואַרצע לאָקן מיטן בלויען גלאַנץ, האָט זי אויסגעזען וווּנדערבאַר שיין. זי האָט געקענט דעם האַסטיקן בייט פון שטימונגען ביים גאָלייטער און זיין אומבאַרעכנטקייט, און זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איר תשובה קאָן באַדייטן טויט. ס'איז גענוג, ער זאָל אַ דריק טאָן אַ קנאָפּקע און מ'פירט זי אַוועק. זי האָט געשפּילט מיט איר לעבן, אָבער דער גאָלייטער דאַרף זיך איבערצייגן, אַז ס'זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן נאָך מוט צו זאָגן אים דעם אמת אין די אויגן. פּאַמעלעך האָט זי אויפגעהויבן די וויעס און לאַנג אָנגעקוקט דעם גאָלייטער מיט אירע שוואַרצע אויגן, לענגער ווי ס'איז נייטיק געווען.

— אויב איר וואָלט אַראָפּ פון זינען, אויך אייך, — האָט זי שטיל געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די וויעס.

רומף האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט געזאָגט דעם אמת, דאָס איז זיכער. זי איז געווען פאַר אים דאָס ווערטפולסטע מיידל, וואָס ער האָט ווען נישט איז געטראָפן, און כדי צו פאַרבאָרגן זיין צעמישטקייט, האָט ער זיך הויך צעלאַכט.

דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו מאַריאָן און צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט.

— איר זענט דאָס מוטיקסטע מיידל אין מיין קרייז, צום טייוול! — האָט ער געזאָגט און האַרציק געדריקט איר די האַנט.

מאַריאָן איז געוואָרן צעטומלט און האָט זיך פאַררויטלט. זי האָט געפרוווט ראַטעווען זיך מיט איר געלעכטער, ס'האָט זיך איר אָבער נישט איבעריק איינגעגעבן.

דערנאָך האָט זי רומפן געמוזט ווייזן דעם שטילעט, וועלכן ער האָט באַטראַכט, ווי אַ גוטער מבין.

— זייער אַ שיינער, — האָט ער געזאָגט, — כ'האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַן אַרבעט פון טאָלעדאָ, — האָט ער צוגעגעבן, צוריקגעבנדיק איר דעם שטילעט.

ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום ביליאַרד און גענומען זיין ביליאַרד-שטעקן.

— און אַצינד — גענוג מיט די שטותים! — האָט ער אויסגערופן. — מיר שפילן ווייטער!

ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען אין אַ בעסערער שטימונג, ווי אין דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג. מאַריאָן האָט געמוזט מיט אים אויסטרינקען אַ גלאָז וויין, און ביים געזעגענען זיך האָט ער איר געשענקט אַ רינג מיט צוויי גרויסע בריליאַנטן.

צייטנווייז האָט ער מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע אומגעקערט זיך צו דער סצענע מיטן שטילעט, וואָס איז פאַר מאַריאָן געווען דאָס גרעסטע אָפּקומעניש.

איינמאָל, ווען רייטמייסטער מעין איז צו איר נענטער צוגעגאַנגען, האָט ער צו אים אַ לאַכנדיקער אויסגערופן:

— פאָרזיכטיק, די דאַמע האָט אַ באַהאַלטענעם שטילעט אין קלייד!

רייטמייסטער מעין האָט אַ פאַרחידושטער אויף איר אַ קוק געטאָן און געצוקט מיט די אַקסלען. אַ צווייט מאָל האָט ער אויך אין פאַביאַנס קעגנוואַרט נישט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון אַ סאַרקאַסטישער אָנדייטונג וועגן שטילעט.

וועגן רינג מיט די צוויי בריליאַנטן האָט ער זי קיינמאָל נישט געפרעגט. דאָס איז געווען אַ גליק, מחמת ס'איז אוממעגלעך געווען, זי זאָל אים קאָנען זאָגן דעם אמת. דעם זעלבן אָוונט נאָך האָט זי, פאַרשטייט זיך, געוויזן דעם רינג דער מאַמושקאַ, וועלכע האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ גיפטיקן אינזעקט.

— וואָס האָט די הענט מיט סאָדע, — האָט זי געזאָגט, — דאָס זענען אייגע־ קאראַמיקע שטיינער, און מיר וועלן אָקאָרשט זען, צי זיי ברענען.

זי האָט א וואָרף געטאָן דעם רינג אינעם זשאר פון דער פלימע. דאָס גאָלד האָט זיך צעשמאָלצן, די שטיינער אָבער, בלוילעך־שוואַרצע, ווי שטאָל, זענען געשט קענטיקע געלעגן אינעם זשאר. די מאַמושקא האָט מיט א שופלקע אַרויס־ גענומען דעם זשאר און אַריינגעוואָרפן אינעם אַש־קאַסטן.

— זיי זאָלן שוין קיינעם נישט ברענגען קיין אומגליק!

וואָכן לאַנג האָט דער גאָלייטער פאַרברענגט אין פוילן. א דערשעפּטער און מידער פון שיכרות אויף די אָפּשטעל־פּונקטן, איז ער צוריקגעקומען, כדי אין דריי טעג אַרום ווידער אָוועקצופאָרן. לסוף איז ער צוריקגעקומען מיטן געדאַנק צו פאַרבלייבן אויף א לענגערע צייט, אָבער א טעלעגראַמע האָט אים אַרויסגע־ רופן קיין מינכען. מ'האָט אים איבערגעטראָגן אויף א נייעם אַמט, און זיינע אוי־ מאָס האָבן זיך ווידער אָוועקגעטראָגן אויף מזרח. ווען די פּוילישע קאַמפּאַניע האָט געהאַלטן שוין ביים סוף, איז ער ווידער געקומען קיין איינשטעטען, אויף א לענגערע צייט, — ווי ער האָט געזאָגט.

ער האָט פאַרבעטן מאַריאַן אויף טיי און זיך געגריסט מיט איר זייער האַר־ ציק. ס'איז אויך געווען די מאַריאַן זילבערשמיד, וועלכע זי האָט שוין איינינקע מאָל געטראָפן אין איינשטעטען, און די אַדיוטאַנטן פאָגעלסבערגער און מעין. דער קאַפּיטאַן פּרעי איז געפאַלן. מאַריאַן האָט זיך געפרייט פון גאַנצן האַרצן, וואָס זי איז נישט אליין. די מאַריאַן זילבערשמיד האָט זיך שטענדיק באַצויגן צו איר זייער העפלעך. זי איז אַפּנים געווען פאָגעלסבערגערס כלה, אָבער גלייכ־ צייטיק איז זי זייער באַפריינדעט געווען מיטן גאָלייטער.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט איינמאָל די מאַריאַן צו איר געזאָגט:

— דער גאָלייטער שעצט אייך אומגעהייער. ער איז פאַרליבט אין אייער געלעכטער. איר וואָלט געקאָנט פון אים האָבן אַלץ, וואָס איר וואָלט נאָר געוואָלט.

מאַריאַן האָט איר געענטפערט, אַז דאָס פרייט איר זייער, זי פאַרלאַנגט אָבער פון אים גאָרנישט.

— אויב אַזוי, זענט איר זייער נאַריש, מיין קינד, — האָט די מאַריאַן זי געטאַדלט, — איך וואָלט גליקלעך געווען, ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש א העלפט פון דער סימפּאַטיע, וואָס ער ווייזט אַרויס צו אייך.

דער גאָלייטער איז געווען אין א גלענצנדיקער שטימונג און ממש פאַרשי־ כורט פון די דייטשישע נצחונות. די טיי־אויפנאַמע האָט ער אָנגעהויבן מיט א סעריע שנאַפּסן.

— די קאַמפּאַניע קעגן פוילן וועט בלייבן אין דער געשיכטע אַלס איינע פון די גלענצנדיקסטע באַטאַליעס, — האָט ער אויסגערופן, — מיר האָבן עס צוזאָ־

מענגעקערט, ווי פאַרוויאַנעטע בלעטלעך. פּוילן וועט פאַרשווינדן פון דער מאַפּע. כוח איז אַלץ — דאָס איז אַן אייביקער אמת! א גרויס פאָלק מוז פירן מלחמה. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געפירט מלחמות און זענען גרויס געוואָרן. ווען א גרויס פאָלק פאַרלירט די קראַפט צו קעמפן, מוז עס אונטערגיין. מיר האָבן געגלויבט צו גאָט, געוואָנען רוים אויסצוברייטערן זיך. אַלס א גרויס פאָלק קאָנען מיר זיך נישט מער באַגנוגענען מיט א דריישטוביקער וווינונג. דאָס איז אונטער אונדזער כבוד!

און ער האָט דערציילט, אז מ'האָט אים אין פּוילן פאָרגעלייגט צו קויפן א גוט פון צוואַנציק טויזנט מאָרג, מיט א פּאַלאַץ אין פראַנצויזישן סטיל. דער פּאַלאַץ האָט זעקס באָד־צימערן, הערלעך אויסגעקאַפּלעטע פון אויבן ביז אונטן, מיט באַזילבערטע קראַנען. אָבער אַרום דעם הערלעכן פּאַלאַץ איז נישטאָ מער ווי מינוף, בלאָטעס און מיסט. דייטשישער פלייס און דייטשישע טיכטיקייט וועלן אָבער דאָס פאַרוואָרלאָזטע פּוילן פאַרוואַנדלען אין א גן־עדן.

רייטמייסטער מעין האָט זיך דערלויבט צו באַמערקן, אז די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן פּרוּוון צו פאַרציען די מלחמה.

דער גאַולייטער האָט זיך הויך צעלאַכט.

— זיי וועלן פּרוּוון, פּרוּוון, ליבער מעין, — האָט ער לאַכנדיק געשריגן, — מיר וועלן זיי צולאָזן דאָס פאַרגעניגן, אָבער ס'וועט זיך זיי שנעל אָפּגלוסטן. דעם פירערס גלענצנדיקע דיפּלאָמאַטיע, וואָס האָט רוסלאַנד ניימראַליזירט, האָט ענגלאַנד און פראַנקרייך גאַנץ פּשוט אַרויסגעשטויסן פון דער וועלט־געשיכטע, און זיי שפּילן שוין מער נישט קיין שום ראָל! מיינע הערשאַפטן! — האָט דער גאַולייטער פאָרגעזעצט. — איך פאַרבעט אייך אַלע אויף היינט צען אַזייגער אין אָוונט צו דער פייערונג פון אונדזער פולשטענדיקן נצחון איבער פּוילן!

אַלע האָבן מיט פרייד צוגעזאָגט קומען, בלויז מאַריאָן האָט געבעטן צו אַנטשולדיקן, מחמת איר פאָטער איז קראַנק און וואַרט אויף איר. דער גאַולייטער האָט זי מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט באַגלייט ביז דער טיר.

— ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס גראָד איר גייט אַוועק, — האָט ער געזאָגט.

דער רייטמייסטער מעין האָט זי אָפּגעפירט אַהיים, ווי שטענדיק.

VII

מאַריאָן האָט זיך געפונען אין א גרויס פאַרלעגנהייט. ניין, זי האָט נישט געטאָרט מאַכן דעם ערשטן שריט, באַין אופן און קיינמאָל נישט! די מאַמושקאַ איז אויך געווען אין דער זעלבער מיינונג.

— מ'דארף זיך האלטן וואָס ווייטער פון די דאָזיקע מנובלים, — האָט זי געזאָגט, — מאכט מען איין טראָט זיי אנטקעגן — רופט מען ארויס דעם טייוול.

יאָ, זי האָט געמאכט דעם ערשטן שריט און איצט איז שוין געווען צו שפעט. זי האָט בשום אופן נישט געטאָרט גיין צום גאולייטער וועגן דער שול, אפילו ווען זיי וואָלט אויסגעקומען צו שטיקן זיך אין שמוץ און אין שטויב. זי האָט זיך נאָך דעמלט אויסגעפוצט און שיין געמאכט. אָ, שוין גאָר נישט צוליב דעם, אז רומף זאָל זיך אין איר פארליבן, טפו זאָל עס ווערן! דאָס האָט זיך איר אפילו נישט געחלומט. זי האָט נאָר געוואָלט מאכן אויף אים א גוטן איינדרוק, ער זאָל איר ביטע נישט קאָנען גלאט אוועקמאכן מיט דער האנט. און ער זאָל זען, אז ס'זענען פאראַן יידישע פרויען, וואָס זענען שיין, און זיי פארשטייען אָנצוטאָן זיך, ווי א דאמע.

פאר איר פוסטער אמביציע איז זי באשטראָפט געוואָרן! ס'איז ביי איר אָפּגענומען געוואָרן דער געלעכטער, ווי נאָר מען האָט איר אין שול מודיע געווען, אז דער הער רייטמייסטער מעין בעט אויף הײנט פינף אזייגער פאָרצוזעצן די לעקציעס. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט צוריקציען, זי האָט שוין נישט געקאָנט אָפּזאָגן, אויב זי האָט נישט געוואָלט שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון איר פאָטער, פון דער מאמושקא און אפשר אויך איר אייגן לעבן. דער גאולייטער האָט איר דאָך שוין אין צוויי פאלן באוויזן זיין גוטן ווילן. איינמאָל, ווען ער האָט איר פאָטער אָפּגעגעבן זיין אינסטיטוט, א צווייט מאָל, בעת ער האָט פאר אים געעפנט די קראטעס פון בירקהאָלץ, ווו פיל הונדערטער יידן ווארטן נאָך עד-היום אויף זייער באפרייונג.

זינט דער גאולייטער איז צוריקגעקומען פון פוילן, האָט זי אים צום גליק גאנץ זעלטן געזען, אפשר בלויז איינמאָל אין חודש. ער איז איצט, ווייזט אויס, באמת געווען „פארוואָרפן מיט ארבעט“.

— איר זענט איצט מיין איינציקער אָפּרו, — האָט ער איר אָפּט געזאָגט.

אין איר באנעמונג לגבי אים איז זי איצטער געווען פרייער און זיכערער. און זי האָט יעדן טאָג געבענטשט דעם דערפינדערישן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעטראכט די ביליארד-שפּיל, וואָס האָט איר לייכטער געמאכט די עטלעכע שעה זיין אין „פאלאץ“. די עטלעכע שעה האָבן אָבער פארלאנגט פון איר די העכסטע אויפמערקזאמקייט, וואָס זי האָט נישט געטאָרט פארגעסן אפילו אויף א סעקונדע. דער גאולייטער האָט זי שטענדיק געוואָלט זען א פרייע און מונטערע. זייער גוט, ער האָט זי אזעלכע געזען. ער האָט ליב געהאט איר לאכן, און זי האָט טאקע אָפּט געלאכט, וואָס ס'איז איר נישט שווער אָנגעקומען. ס'האָט אים נישט געטאָרט זיין לאנגווייליק אין איר געזעלשאפט, און שוין בשום אופן האָט זי נישט געטאָרט אויסזען אין זיינע אויגן ווייניקער אָנציענדיק. דאָס לעצטע איז פאר איר

געווען די שווערסטע אויפגאַבע. זי האָט זיך געמוזט פּיין אָנטאָן און אַפּילו צייטנ־ווייז דערלויבן זיך אויף אַ ביסל קאַקעטעריע.

דעם שטילעט האָט זי שוין לאַנג מיט זיך נישט גענומען. דאָס איז פון איר זייט געווען אַ ראָמאַנטישער איינפאַל, וואָס איז בולד געוואָרן פון אימה.

רומף האָט עס גלייך באַמערקט:

— וואָס זע איך? — האָט ער געפרעגט. — איר טראָגט שוין מער נישט מיט זיך דעם שטילעט?! וואָס זשע וועט איר איצטער טאָן, אַז אַן אויסוווּרף וועט אייך באַפאַלן?

— איך קאָן שרייען, און איך האָב נעגל און ציין, — האָט מאַריאַן געענט־פערט, ווייזנדיק די ציין.

רומף איז זיך צעגאַנגען פון געלעכטער.

— צו אלדי רוחות! — האָט ער אויסגערופן, — פאַר דעם וועט אַפּילו אַ גזלן אַנטלויפן.

זי האָט דעם גאָלייטער שוין איצטער גוט געקענט. אַלץ איז ביי אים געווען אָפּהענגיק פון שטימונג. בעת ער האָט געטרונקען זיין רויטוויין און גערייכערט זיין ציגאַר, האָט מען מיט אים גאַנץ גוט געקאָנט אויסקומען. זיינע בולטסטע איינגנשאַפטן זענען געווען אַמביציע און עגאָאיזם.

דערצו האָט ער זיך ארויסגעוויזן פול מיט סתירות און רעטענישן. זי האָט אים געזען אַ גוטמוטיקן און אַן אכזר, אַן איידלן מענטש און אַ באַרבאַר, אַ סענ־טימענטאַלן און אַ ציניקער.

אָפט האָט מאַריאַן געטראַכט, אַז ער איז איינגעטלער נישט מער, ווי אַ צע־פּיעשטשעטע קינד, וועלכן מ׳האָט געגעבן די מאַכט צו טאָן וואָס ער וויל, ווען ס׳וועט זיך אים נאָר פאַרגלוסטן.

צי האָט ער זי ליב געהאַט, אויב ער קאָן בכלל אַ מענטשן ליב האָבן, דאָס האָט זי נישט געוווּסט, הגם ער האָט דאָס איר אָפט פאַרזיכערט. ס׳איז אָבער געווען זיכער, אַז זי איז אים געפעלן.

דאָס, וואָס זי איז געווען אַ יידישקע, האָט אים אויף אַ האָר נישט געקימערט.

— ס׳איז פאַר מיר נישט קיין נפקא־מינה, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַ מאַטראָס, כ׳האָב זיך צען יאָר אויפגעהאַלטן אין אויסלאַנד און קען גאַנץ גוט די וועלט. אומעטום האָב איך די יידן געזען בשלום צוזאַמענלעבן זיך מיט די אַנדערע פעלקער. נאָר אַ מענטש, וועלכער איז קיינמאָל נישט ארויס ווייטער פון זיין דאָרף, קאָן ווערן אַן אַנטיסעמיט, אַזוי מיין איך. דערהמיט וויל איך אָבער אויף קיין פאַל נישט זאָגן, אַז איך בין אַ גרויסער יידן־פריינד, אויף קיין פאַל נישט. איך האָב זיי נישט איבעריק ליב, אָבער איך נעם נישט קיין אָנטייל אין דער העצע לגבי יידן. נאַטירלעך, אַז איך מוז מיך אונטערוואַרפן באַשטימטע

דירעקציע. ווי יעדער מענטש אויף דער וועלט, איז מען נישט אינגאַנצן פריי און מען מוז זיך אונטערוואַרפן דירעקציע. אפילו דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז אויך נישט אינגאַנצן פריי. ער מוז גיין מיט דעם וועג, וועלכן עס צייכענען אים אָן די אָנצאָליקע מיליאַרדן דאָלאַרן. די יידן האָבן זינט יאָרהונדערטער מיט זייער איניציאַטיוו, מיט זייער גייסט, מיט זייער געשעפטלעכער טיכטיקייט מיטגעאַרבעט פאַרן אויפבוי פון דייטשלאַנד. פאַרוואָס זאָלן זיי היינט זיין מענטשן פון א צווייטער קאַטעגאָריע? איך האַלט דאָס פאַר אומגערעכטיק. דאָרט, ווו זיי שטופּן זיך א ביסל צו ענערגיש, קאָן מען זיי אָנטרעטן אויף די מאַזאָליעס, כדי צו לערנען זיי באַשיידנקייט, נישט אמת? עפּעס וואָלט איך אָבער געטאָן, ווייסט איר וואָס? אלע יידן, וואָס זענען שוין צו ווייט אוועק אין זייער גיריקייט און באַשווינדלען מענטשן, וואָלט איך אָפּגעשניטן איין אויער. דאָס וואָלט איך געטאָן, כדי צו וואָרענען די מענטשן קעגן די שווינדלער.

— דאָס וואָלט אָבער דעמאָלט גערעכטיק געווען, — האָט מאַריאָן געמאַכט א באַמערקונג, — ווען איר וואָלט אלע שווינדלער, אויך פון אַנדערע ראַסן, פּונקט אַזוי אָפּגעשניטן איין אויער.

רומף האָט א קוק געטאָן אויף מאַריאָן און פאַרמרוזשעט מיט אן אויג.

— יאָ, דאָס איז אן אמת, מען דאַרף זיין גערעכטיק! — האָט ער אָפּגעענטפערט, — אייך צוליב וועל איך די שווינדלער פון אלע ראַסן אָפּשניידן איין אויער.

פּלוצים האָט ער אויסגעבראָכן מיט א הילכיק געלעכטער. ס'איז אים איינגעפאַלן עפּעס א לצנות.

— ניין, ס'וועט זיך נישט לאָזן פאַרווירקלעכן, — האָט ער געזאָגט, — די פעלקער וועלן נישט מסכים זיין דורכצופירן אַזא געזעץ. ס'וואָלט סוף־כל־סוף געקומען דערצו, אז במשך פון יאָרן וואָלטן עקזיסטירט בלויז איינאויעריקע באַציעס.

און ווידער האָט ער זיך צעלאַכט אָן א סוף.

נאָך דער טיי־אויפנאַמע האָט דער גאַולייטער א זאָג געטאָן צו מאַריאָן:

— איר ווייסט, פריילין מאַריאָן, איך האָב אַנטדעקט אין פּוילן פאַר אייך א קליין פּרעכטיק פּאַלאַץ.

— פאַר מיר? א פּאַלאַץ? — האָט מאַריאָן געלאַכט.

— יאָ, פאַר אייך, — האָט רומף פאַרגעזעצט, — אָבער איך וויל היינט וועגן דעם מער גאָרנישט זאָגן. ס'שיינט מיר צו זיין אויסערגעוויינלעך גוט צוגעפּאַסט פאַר אייך, און געפינט זיך נישט ווייטער ווי צוויי שעה פאָרן מיטן אויטאָ פונעם גרויסן גוט, וואָס איז באַשטימט פאַר מיר. איך האָב באַשטעלט פאָטאָגראַפיעס פון דעם דאָזיקן פּאַלאַץ אין פּוילן, איר זאָלט דאַן אליין אורטיילן.

מאַריאַן איז געווען באַאומרואיקט איבער רומפס נייע געהיימנישפולע פּלענער. זי האָט אָבער שנעל אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם פאַלאַצל אין פוילן. אין א געוויסן נאָכמיטאָג איז איר אנטקעגנגעגאַנגען דער גאולייטער מיט א פריידיקער מינע און געזאָגט, אז די פאָטאָגראַפיעס פונעם פאַלאַצל אין פוילן זענען ענדלעך אָנגעקומען. ער האָט איר אָנגעוויזן אויפן ביליאַרד-טיש, אויף וועלכן ס'איז געלעגן א מאַסע פאָטאָגראַפיעס.

— ביטע, קומט צו נענטער, פריילין מאַריאַן, און קוקט אייך צו, — האָט ער געזאָגט מיט א פריידיק פּנים פון א קינד, ווען מען דערפילט זיין ווונטש. — דאָס פאַלאַצל געהערט צו איינעם א פוילישן פירשט, פון די, וועלכע זענען דאָרט פאַראַן אין די הונדערטער. זיין נאָמען איז מיר ליידער שווער ארויסצוזאָגן. מ'האָט מיר דאָס געוואָלט אוועקשענקען, איך האָב דאָס אָבער געזעצלעך דערוואָרבן פאַר א קילאָגראַם דעראָבערט פויליש פאַפיר-געלט. ווי געפעלט דאָס אייך?

דאָס איז געווען אן אלט, אויסערגעוויינלעך שיין פאַלאַצל, געבויט אין רייכן ראָקאָקאָ-סטיל.

מאַריאַן האָט עס אויפמערקזאם באַטראַכט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון שטאַרקער פאַראינטערעסירונג. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— הערלעך, עס איז ווירקלעך באַצויבערנדיק.

— און דאָ איז דער ברונעם, וואָס געפינט זיך פאַרן פאַלאַצל, — האָט רומף ווייטער פאָרגעזעצט, אָנווייזנדיק אויף אַנדערע אויפנאַמעס, — ער שטעלט פאָר מיט זיך א גרופּע לוסטיקע גאַיאַרן.

אויפן ביליאַרד איז געלעגן א גרויסע צאָל אויסגעצייכנטע אויפנאַמעס: פון אַפּאַרטאַמענטן, פאָרטאַלן, ארויפגאַנג-טרעפּ, אויפנעם-זאַלן, בודואַרן, פראַגמענטן פון גאָרטן.

— דאָס זענען די זאַלן, סאַלאָנען און בודואַרן פון דער פירשטין, — האָט רומף דערקלערט און לאַכנדיק צוגעגעבן, — אָדער בעסער געזאָגט, פון יענער דאַמע, וועלכע וועט זיי להבא באַוווינען. די דאָזיקע אויפנאַמע פון גאָרטן האַלט איך פאַר א באַזונדערס שיינע. זעט נאָר אָט די גרופּע קוסטעס און די באַוואַקסענע אַלייע! כ'האָב פון אייך געטראַכט, בעת כ'האָב דאָרט געוווינט אַכט טעג. כ'האָב געטראַכט, אז דאָ וועט אוודאי געפעלן מיין קליינער, שטאָלצער ייִדישקע, — האָט ער צוגעגעבן.

בעת די נאָכמיטאָג-שעה האָט ער אָפט ארויפגעפירט דאָס געשפּרעך אויף דער טעמע פון פאַלאַצל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון זיין גוט.

— דאָס פאַלאַצל שטעל איך צו אייער רשות, מאַריאַן, — האָט ער געזאָגט.

— איר וועט וווינען צווישן די פויערים ווי א פירשטין, ווי א גראַנד-דאַמע. נאַטירלעך, קאָנט איר אויך מיטנעמען אייער שטיפמוטער און אייער פאָטער. כ'בעט

אייך מיך גוט פארשטיין. ס'קאָן קומען א צייט, ווען ייִדן וועט מער נישט דער־לויבט זיין צו וווינען אין דייטשלאַנד. אין דעם דאָזיקן פאַל וועל איך אייך און אייערע קרובים איבערגעבן דאָס פּאַלאַצל און ס'וועט אייך אוודאי זיין אָנגענעם צו האָבן אזא זיכער באשיצט ווינקל. — ווען ער האָט באמערקט, אז מאַריאָן איז בלאַס געוואָרן, האָט ער זי בארואיקנדיק אָנגערירט פאַר דער האַנט. — ס'איז נאָך נישט אזוי שלעכט, מאַריאָן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער אויף אזא צייט קאָן מען זיך ריכטן יעדן טאָג. נעמט מיט די פּאַטאַס אהיים, און ווען איר וועט נאָר עפּעס דאַרפן, זאָלט איר מיר צו וויסן טאָן. אין די נאָענטסטע טעג פאָר איך אויף א לענגערע צייט קיין פוילן איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון א דעראָ־בערטער פּראָווינץ. ווען איך וועל צוריקקומען, וועט איר מיר געבן א תשובה, אמת?

— פּראַכטפול, — האָט געזאָגט די מאַמושקאַ מיטן שנייוויַיסן טיטוס־קאָפּ, בעת זי האָט באטראַכט די פּאַטאַס פונעם פּאַלאַצל, — פּראַכטפול, העער גאַולייַ־טער! אָבער נישט פאַר אונדז, אפילו ווען איר זאָלט אויספלאַסטערן די טרעפּ מיט בריליאַנטן. אז ס'וועט שוין האַלטן נאָר שלעכט, וועלן מיר אנטלויפן אין דער שווייץ, אפילו צופוס, אויב ס'וועט זיך אנדערש נישט לאָזן, ווען ס'וואָלט אונדז אפילו אויסגעקומען א גאַנץ יאָר צו זיין אונטערוועגנס.

VIII

דער לערער גלייכען, דער לייטער פון דער דאָרף־שול אין אמזעלוויז, האָט טאָגטעגלעך געהאַט זיינע לעקציעס ביז פינף אזייגער. דערנאָך איז ער געווען פריי. יעקס אזייגער האָט ער יעדן טאָג געמאַכט זיין שפּאַציר, אפילו ווינטער־צייט, ווען ס'איז שוין אין דער שעה געווען לחלוטין טונקל. ער איז שטענדיק געגאַנגען מיט דער זעלבער טאָפּאָלן־אַלייע, וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט, און יעדן טאָג געטראָפן אויפן וועג אן אויסגעמאָגערטן גרויען מענטש אין א ווייכן קאַפּעליוש, אין דער באַגלייטונג פון צוויי פיינע געלע דאַקסן. ביי א פערטל שעה האָבן זיי ביידע געשמועסט, גייענדיק צוזאַמען אויפן וועג. דער דאָקטאָר, ווי גלייכען האָט אים אָנגערופן, האָט אים איבערגעגעבן א פּעקל ציַיטונגען און נאָטיצן, גלייכען ווידער האָט געגעבן דעם דאָקטאָר מאַנוסקריפּטן, וועלכע ער האָט ארויסגעצויגן פון די קעשענעס, און ביידע זענען זיך ווידער פאַנאַנדערגעגאַנגען. טיילמאָל זע־נען זיי אויך געגאַנגען צוזאַמען אין שטאָט אריין, ווו זיי זענען פארשווונדן אין איינעם פון די הייזער איבעם וועבער־קוואַרטאַל. דאָס פלעגט אָבער פאָרקומען העכסטנס איינמאָל אין צוויי וואָכן. צום מייניסטן אָבער פלעגט זיך גלייכען תיכף

אומקערן אין זיין קליין הייזל, ווו ער האָט געוווינט מיט זיין קראַנקער פרוי, וועלכע איז שוין צוויי יאָר געלעגן צו בעט, און מיט זיין פערצניעריקן גוט אַנטוויקלטן ייִנגל. די אָוונטן האָבן אויסשליסלעך געהערט צו אים און זיין אַרבעט. דאָס איז געווען דער סדר לעבן, וואָס גלייכען האָט זיגט יאָרן געפירט. ס'איז נישט געווען לייכט, מען האָט עס אָבער געמוזט איבערטראָגן.

א האַלבע נאַכט איז ער געזעסן איבער זייגע ביכער און מאַפּעס, איבער די באַמיצן און ציימונגען, וועלכע דער דאָקטאָר האָט אים אויפן וועג איבערגעגעבן. דערנאָך האָט ער אָנגעוואָרפן זאצן אויפן פּאַפּיר, פּאַרשרייבנדיק גאַנצע זייטלעך. שעהן לאַנג איז ער אַזוי געווען פאַרזונקען אין זיין אַרבעט. פון זיין קליין פּאַציאַנטע-צימערל האָט ער אָנגעפירט מיט דער גאַנצער געהיימער קאָנטר-פּראָפּאַגאַנדע פונעם קרייז. די בריוו מיטן אונטערשריפט „דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“ איז געווען בלויז א ברוכטייל פון דער גאַנצער געהיימער מעטיקייט.

אָפּט איז ער געשלאָפן קוים איין שעה אין דער נאַכט. ביזן פּאַרטאָג איז ער אָן אויפהער געגאַנגען אויף און אָפּ, ווי א טיגער אין שטייג. די געדאַנקען וועגן מוראדיקן מצב פון דייטשלאַנד און וועגן דעם גרויליקן גורל פונעם דייטשישן פאָלק האָבן אים דערהדריקט. פון איין זייט — דאָס רייכע ענגלאַנד און דאָס מעכטיקע פראַנקרייך, דאָס שווייגנדיקע אַמעריקע און דער רעטענישפולער ספינקס רוסלאַנד, פון דער צווייטער זייט — א פיסקאַטער אוואַנטוריסט, וועלכער האָט אין זיין עם-הארצות און געוויסנלאָזיקייט געוואָרפן אַן ארויספאָדערונג צו די וועלט-מאַכטן! די קאַטאַסטראָפּע איז געווען אומפאַרמיידלעך, מען האָט געקאָנט באמת גרוי ווערן פון דער שווידערלעכער לאַגע.

אין די דאָזיקע נעכט האָט ער זיך כסדר געבראָכן דעם קאָפּ וועגן גורל פון וואָלפגאַנגען, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן אין בירקהאָלץ. ער האָט אַלץ אריינגעטראַכט, ווי צו פאַרבינדן זיך מיט אים, וואָס ס'האָט זיך ביז איצט אינגאַנצן נישט איינגעגעבן, הגם זיי האָבן געהאַט גוטע קאָנטאַקטן מיטן לאַגער אין בירקהאָלץ.

אָבער אין א געוויסן טאָג האָט אים א צופאַל אָנגעוויזן א וועג.

דער האָקטאָר פון דער דאָרף-גאַס האָט אים געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אַן אילוסטראַציע אין אַ נישט היגער ציימונג, וואָס האָט, זעט אויס, געהאַט א שייכות מיטן פּראָפעסאָר. און ווירקלעך! אין דער אילוסטרירטער ביילאַגע פון דער דאָזיקער ציימונג האָט זיך באַוויזן אַ בילד אונטערן קעפּל: „קונסט אין בירקהאָלץ!“ ס'האָט געקלונגען ווי אַן איראָניע! „דעם קאָמענדאַנטס פרוי פאָזירט אַלס מאָדעל צו איר ביוסט“. משמעות, אַז די שלעכטע קלאַנגען פון דעם טרויעריק באַרימט געוואָרענעם בירקהאָלץ האָבן זיך שוין צופיל געלאָזט הערן און געווען אַלעמען באַוווסט, האָט מען געפרווט מיט דער דאָזיקער אילוסטראַציע באַרויקן די עפנטלעכקייט.

קונסט אין בירקהאָלץ! גלייכן האָט זיך הויך צעלאַכט, וואָס האָט זייער זעלטן מיט אים געטראָפֿן. ער האָט באַטראַכט די אילוסטראַציע מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. אַ גאַנץ שווערלייביקע פֿרוי מיט אַ בראַווורישער אַרויסרופֿערישער פֿריזור איז געזעסן אין אַ באַקוועמען פֿאָטעל, פֿאָזירנדיק פֿאַרן סקולפּטאָר. דער נאָך נישט פֿאַרענדיקטער ביוסט האָט שוין פֿאַרראַטן די האַנט פֿון אַ גרויסן קינסטלער. דער סקולפּטאָר אָבער, וועלכער איז אויף דער אילוסטראַציע בכיוון געוויזן געוואָרן מטושטש, אין הינטערגרונט, האָט נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערער, ווי גאָר וואָלפֿגאַנג פֿאַביאַן.

גלייכן, אַ לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פֿון צייטונגען און קונסט־צייטשריפֿטן, האָט אויסגעזוכט עטלעכע פֿון זיינע בעסטע אַרטיקלען מיט רייכע אילוסטראַציעס און איבערגעשיקט זיי דעם בירקהאָלצער קאָמענדאַנט, פֿאַרשיטנדיק אים מיט אַ שלל אויסדרוקן פֿון איבערגעגעבנקייט און חניפֿה, פֿון וועלכע ער האָט זיך אַליין געמוזט צעלאַכן. אַלס קונסט־קריטיקער פֿון מאָלעריי און סקולפּטור בעט ער אונטערטעניקסט, ס'זאָל אים דערלויבט זיין צו באַקוקן דעם ביוסט פֿון קאָמענדאַנטס פֿרוי, וועלכער וועט אַוודאי אַרויסרופֿן גרויס פֿאַראינטערעסירונג צווישן די ברייטע קרייזן פֿון דער באַפֿעלקערונג.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר צוועקמעסיק זיין אויסשטעלן אויף דער פּוסטער ווייבלעכער אַמביציע פֿונעם מאָדעל און אויף דעם קאָמענדאַנטס אויסקוק צו מאַכן דערפֿון פּראָפּאַגאַנדע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אין אַ באַשטימטער צייט געקאָנט באַזוכן בירקהאָלץ.

ער האָט טאַקע געזען דעם טרויעריק באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַ שוידערלעכער מיט זיין פֿאַרוואָרלאָזטקייט און וויסטער איזאָלירטקייט פֿון דער אַרומיקער וועלט. מ'האָט אים געוויזן דעם קאָמענדאַנטס ווילע, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פֿון וואַלד, אַן אויסגעשטאַטע מיטן גרעסטן קאָמפֿאָרט. אַ וואַך האָט אים באַגלייט ביז צום אויבערשטן שטאָק, און דאָ האָט ער דערזען דעם מאָדעל מיט דער שרייענדיקער פֿריזור און גלייכצייטיק הינטער איר וואָלפֿגאַנגען אין העלן אַרבעטס־כאַלאַט ביי דער אַרבעט. גלייכן האָט זיך באַגריסט מיט דער גאַנץ שווערלייביקער דאַמע מיט אַ הייב מיט דער האַנט אינדערהייך און מיט אַ שטאַרקן אויסגעשריי „הייל היטלער!“, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף וואָלפֿגאַנגען. צום גליק איז צוליב דינסטלעכע ענינים דער קאָמענדאַנט נישט געווען.

וואָלפֿגאַנג האָט אים תּיכּף דערקענט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן פֿאַרטייעט, פֿאַרבאָרגנדיק זיין דערשטוינונג. גלייכן דאַקעגן האָט וואָלפֿגאַנגען קוים געקאָנט דערקענען. זיינע געלאָקטע האָר זענען געווען קורץ געשוירן, זיין פּנים איז געווען מוראדיק אָפּגעצערט און איינגעפֿאַלן, דערצו האָבן אים געפֿעלט עטלעכע ציין,

און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער הינקט אונטער. זיינע הענט, וועלכע גלייכען האָט אַזוי גוט געקענט, זענען געווען אויסגעדאַרט, ווי סקעלעטן.

אַלס קונסט־קריטיקער האָט גלייכען געמוזט, פאַרשטייט זיך, אויפמערקזאַם באַטראַכטן און שטודירן דעם ביוסט פון אַלע זייטן, אַזוי, אַז דער מאָדעל איז לסוף אויפגעשטאַנען.

— איר שרייבט פאַרן „בעאָבאַכטער״? — האָט געפרעגט די דאַמע מיט דער שרייענדיקער פריזור.

— ניין, — האָט גלייכען געענטפערט, — איך שרייב פאַר פאַרשידענע גרויסע קונסט־צייטשריפטן, און איך וועל זיך דערלויבן דער פרוי קאָמענדאַנטין די אַר־טיקלען צושיקן.

— באַקוקט זשע טאַקע אַלץ ווי געהעריק, — האָט די דאַמע געזאָגט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

זי איז געווען גישט קיין מיאוסע, גוטמוטיקע פרוי, אַ געוועזענע אָנגעשטעל־טע אין אַ באַר. מ׳האָט געהערט, ווי זי האָט אינעם שכנותדיקן צימער געפירט אַ לענגערן טעלעפאָנישן געשפרעך מיט אַ שניידערין. ביי אַ צען מינוט האָבן די פריינד געקאָנט אין דער שטיל אַ שמועס טאָן. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז דערנעבן אַוועקגעלייגט געוואָרן, האָבן זיי געדריקט זיך די הענט, און גלייכען האָט ווידער שטאַרק פאַרטאָן זיך אין מאַכן זיינע נאָטיצן. עט־לעכע מינוט שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז.

אויפן גאַנצן לאַנגן צוריקוועגס אַהיים האָט ער אַ גליקלעכער געלאַכט צו זיך אַליין, און דער טרויער אין זיינע אויגן איז מילדער געוואָרן פון אַ באַזונדערער העלקייט, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן טאָג. ערשט איצט האָט ער געוווסט, ווי שטאַרק ער איז געווען צוגעבונדן צו וואָלפגאַנגען.

דעם זעלבן טאָג נאָך איז ער גאַנצע צוויי שעה געפאָרן קיין יאַקאָבסביל, כדי איבערצוגעבן רעטאַן די גרוסן פון וואָלפגאַנגען. דער פּראָפעסאָר פאַרהאָפט, אַז בקרוב וועט מען אים באַפרייען פון בירקהאָלץ. דערנאָך האָט ער טעלעפאָנירט צו די דאַמען לערכע־שעלהאַמער. ער האָט פאַר זיי גרוסן פון פּראָפעסאָר וואָלפגאַנג־פאַביאַן, ער האָט אים אָבער צוגעזאָגט איבערצוגעבן זיי פּערזענלעך. מען האָט אים געבעטן צו קומען מאָרגן נאָכמיטאָג.

צומאָרגנס, גלייך נאָך דער שול, האָט גלייכען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג.

— איר זענט באמת געווען אין בירקהאָלץ? — האָט געזאָגט פרוי בעאַטע, גייענדיק אים אַנטקעגן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער, — וויאַזוי האָט עס געקאָנט געשען, איר זאָלט קאָנען אַריינבאַקומען זיך אין לאַגער? ס׳איז פשוט נישט צו גלויבן.

— און וואָסער מצב האָט איר געטראָפֿן דעם פּראָפֿעסאָר? — האָט קריסטע גלייכצייטיק געפֿרעגט.

ביידע דאַמען זענען געווען שטאַרק דענערווירט.

— איר מוזט אונדז וועגן אַלץ דערציילן, הער גליכען, איר הערט? אָבער טאַקע אַלץ, יעדע קלייניקייט.

גליכען האָט בפּרטיות דערציילט פֿון זיין פּאַסירונג, וואָס איז אַזוי גליקלעך אויסגעפֿאַלן, און פֿון דעם גינסטיקן צופֿאַל צו קאָנען רעדן פֿעריזעגלעך מיט וואָלפּאַנגען. ער האָט זיי איבערגעגעבן, אַז וואָלפֿגאַנגען האָט פֿאַרשאַפֿט פֿיל פֿרייד, וואָס די דאַמען האָבן אים באַזוכט אין יאַקאָבסביל. „דאָס, וואָס מיינע פֿריינד האָבן אין מיר נישט פֿאַרגעסן, האַלט מיך נאָך אויף". — האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט.

די דאַמען האָבן קודם־כּל געוואָלט וויסן, צי דער פּראָפֿעסאָר וועט אינגיכן ווידער זיין אויף דער פֿריי.

גליכענס פּנים האָט געשטראַלט, בעת ער האָט פּאַטאַקעוועט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— כ'מיין אַזוי,—האָט ער געזאָגט,—די גוטמוטיקע באַר־דאַמע האָט אים געזאָגט: „זעט נאָר, הער, אַז מיין ביוסט זאָל זיין באמת ענלעך, דעמלט וועל איך בעטן דעם שעף, ער זאָל אייך גלייך באַפֿרייען". איבעריקנס, וואָלט שוין לאַנג דער ביוסט פֿאַרטיק געוואָרן, ווען די באַר־דאַמע וואָלט נישט כּסדר געביטן איר פֿריזור. משמעות, אַז די איצטיקע פֿריזור וועט זי מן־הסתם שוין צופֿרידנשטעלן.

— געבענטשט זאָל זי זיין פֿון גאָט, די באַר־דאַמע! — האָט קריסטע לאַכנדיק אויסגערופֿן.

— און די מלחמה, הער גליכען? — האָט פֿרוי בעאַטע געפֿרעגט, אַוועקזעצנדיק זיך צום טיש, — וואָס טראַכט איר וועגן דער אומגליקלעכער מלחמה?

— די מלחמה, — האָט גליכען געענטפֿערט און געקוקט מיט זיינע פֿאַרטרויערטע, גרויע אויגן צו דער טיר, — מ'קאָן רעדן אָפֿן?

פֿרוי בעאַטע האָט זיך צעלאַכט.

— יאָ, — האָט זי אויסגערופֿן, — דאָ קאָנט איר רעדן אָפֿן. מיינע דינסטמיידלעך קריגן געפּאַטשט, אַז זיי הערן זיך אונטער, און זיי ווייסן עס.

גליכען האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער געזאָגט און מיט זיין קלינגעוודיקער שטימע פֿאַרגעזעצט, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט אַ ליד. — די מלחמה? די מלחמה איז פֿאַרשפּילט.

— וואָס? — האָט קריסטע אויסגעשריגן, — וואָס האָט איר געזאָגט?

און גלייכצייטיק האָט די פֿרוי בעאַטע אויסגערופֿן מיט אימה:

— אָבער אום גאָטעס ווילן, איר זענט פון זינען אַראָפּ?
אַ שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן איבער גלייכענס ליפּן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויף אַ האָר נישט, — האָט ער גאַנץ רואיק געענטפערט, — די מלחמה איז פארשפּילט. עס איז אַזוי קלאָר, ווי דאָס, אַז די טייכן פאַלן אריין אין ים. עס איז אַ מלחמה פון נאַפט, פון שטאָל און פון גייסט. אין די אַלע דריי זאַכן שטייגן די קעגנער אונדז איבער.

דאָ האָט פרוי בעאַטע אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אויפן טיש, אַז עס האָט אַזש אָפּגעהילכט איבעם צימער און זי איז אויפגעשפּרונגען אַ טריומפירנדיקע.

— איין מאָמענט! — האָט זי געלאַכט, — איצט האָב איך אייך געפּאַקט! איר זענט אַריינגעפאַלן, הער גלייכען. קריסטע, ווו איז דער בריוו פונעם „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט“? דעם דאָזיקן בריוו האָבן דערהאַלטן אַ סך מענטשן אין שטאָט.

— אייך איך, — האָט גלייכען פאַרזיכערט, — איך קען אויך דעם בריוו.
פרוי בעאַטע האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש פאַר גלייכענען.

— איז עס נישט מערקווירדיק, — האָט זי אויסגערופן, — וואָס ער זאָגט גענוי דאָס זעלבע, וואָרט אין וואָרט?

— פאַרוואָס זאָל עס זיין מערקווירדיק? — האָט גלייכען אָפּגעענטפערט, און אַ שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיין פּנים, — איך ציטיר די ווערטער פון „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט“, ווייל זיי שיינען מיר צו זיין ריכטיקע. דאָס ריכטיקע קאָן מען צום בעסטן איבערגעבן מיט די זעלביקע ווערטער.

— זענט איר אַלזאָ ביי דער זעלבער מיינונג, ווי דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“? — האָט קריסטע געפרעגט. — און אונדזערע גרויסע דערפאָלגן אין פּוילן און לעצטנס אין נאָרוועגיע ווירקן גאָרנישט, איר זאָלט ענדערן אייער מיינונג?
גלייכען האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— ניין, אויף אַ האָר נישט, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — די מלחמה וועט נאָך דויערן יאָרן. ענגלאַנד און פראַנקרייך זענען מוראדיקע און איינגעקשנטע קעגנער. דאָס לגמרי זינלאָזע פאַרנעמען נאָרוועגיע איז אַ נייער באַווייז פון דער גרויסקייט-מאַניע פון אַ שוטה, וועמען די גענעראַלן, ווען זיי וואָלטן געקאָנט דענקען, וואָלטן גלייך געדאַרפט שליסן אין קייטן. צום אומגליק אָבער קאָנען זיי נישט דענקען, און וואָרשיינלעך האַלטן זיי די נאָרוועגישע אַוואַנטורע פאַר אַ געדאַנקען-בליץ פון אַ גאון, בעת עס איז נישט מער ווי אַ דילעטאַנטישער איינפאַל פון אַ פאַנטאַזיאָר. דער דאָזיקער פאַנטאַזיאָר וועט זיך פריער נישט באַרואיקן, ביז ער וועט נישט האָבן פאַרגאָסן דאָס דייטשישע בלוט ביזן לעצטן טראָפּן. פּוילן האָט געקאָסט פיל און פיל מער בלוט, ווי דער פאַנטאַזיאָר האָט דאָס דעם דייטשיש:

פאָלק פאַרגעשטעלט. און צי האָט איר אַן אָנונג, וויפל צענער טויזנטער פון אונדזער בליענדיקער יוגנט האָבן אין דער נאָרוועגישער אַוואַנטורע געפונען זייער טויט אין די טיפענישן פון ים? צי האָט איר אַן אָנונג, וויפל אונדזערע אָפּפערוויליקע ייִנגלעך ווערן אינעם אונטערוואַסער־קריג טאָגטעגלעך דערשטיקט און דערטרונקען, צעזעצט פון גראַנאַטן? וויפל ס'פאַרלירן טאָג און נאַכט זייערע לעבנס אין די לופט־קאַמפן? מיר בלוטיקן זיך אויס טראָפּן נאָך טראָפּן.

קריסטע האָט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו גלייכנס פּעסימיסטישע אויספירונגען. דער פרוי בעאַטע איז עס אָבער געוואָרן פאַרדראָסיק. איר איז נישט געפעלן זיין לייכטער לערערישער, אָנפּשרותדיקער טאָן, בעיקר האָט זי אָבער געערגערט קריסטעס בלינדער גלויבן אין זיינע רייד.

— דו מוזט נישט אָננעמען אַלץ, וואָס גלייכען זאָגט, פאַר אַ גוטע מטבע, — האָט זי קריסטען געמוסרט. דערנאָך האָט זי זיך אין אַ קאַמפס־טאָן געווענדעט צו גלייכענען, — איך באַוואונדער מיט וואָסער קאַלטבלוטיקייט איר רעדט עס! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע. — מיינט איר טאַקע, אַז די, וואָס זיצן אין דער רעגירונג, דענקען נישט ווען נישט איז.

— ניין, — האָט גלייכען אַנטשלאָסן געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַרחידושטקייט, — ניין, זיי דענקען באמת נישט. בלויז איינער פון זיי האָט דאָס רעכט צו דענקען, און ער דענקט פאַלש.

פרוי בעאַטע איז אויפגעשפּרונגען.

— און מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? — האָט זי געפרעגט.

זי איז געווען געוואַלדיק אויפגערעגט און האָט אַלעמען אָנגעגאָסן צו קעלישקעס קאָניאַק.

גלייכען האָט אַ ווילע אַ טראַכט געטאָן, און זיינע אויגן האָבן אויסגעזען פאַרכמורעט און פאַרדאַגהט.

— קיינער ווייסט נישט, וויאַזוי דאָס וועט זיך ענדיקן, — האָט ער געענטפערט, — אָבער איינס איז זיכער, אַז ס'וועט זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע!

— האָט ער רואיק און באַשטימט צוגעגעבן.

קריסטע האָט אַ דערשראָקענע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צי איז אָבער קיינער נישטאָ, וועלכער זאָל תופס זיין די האָזיקע גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט?

— קיינער, — האָט גלייכען געענטפערט מיט דער זעלבער רואיקייט און באַשטימטקייט. — די לייט, וועלכע זענען היינט ביי דער מאַכט, פאַרמאָגן גאָרנישט און האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן. די אינדוסטריעלער, וועלכע האָבן זיי געהאָלפן קומען צו דער מאַכט, פאַרדינען מיליאָנען און מיליאַרדן. די אָפיצירן און גענעראַלן באַקומען אויסצייכענונגען, טאָפּלטע און דרייפאַכע געהאַלטן, גיטער,

ס'איז זיי קיינמאָל אַזוי גוט נישט געגאַנגען, אַלע שעפּן זיי געלט מיט די הויפנס. און ווער זאָל דאָס מאָגען פאַראַנטוואָרטלעכקייט? ווּעמען גייט עס אָן, וואָס יעדן טאָג פאַלן צוויי טויזנט אָדער פינף טויזנט מענער? און ווען ס'וועט זיך איינברעכן דאָס קאָרטן־הייזל אין אַ געווּיסן טאָג, וועלן די האַזאַרדניקעס אַרייַנזעצן זיך אַ קויל אין קאָפּ און די טראַגעדיע איז געענדיקט.

גלייכצן האָט ביידע דאָמען איבערגעלאָזט צערודערטע, פאַרזונקענע אין שווערע מחשבות.

אין דער זעלבער נאַכט, אין די שפּעטע שעהן, האָבן די סירענעס אויפגעהויבן אַ שווידערלעך געהייל. אָבער דאָסמאָל האָט דאָס שוין אויסגעזען צו זיין אויף ערנסט. צענדליקער רעפלעקטאָרן האָבן גענישטערט איבערן פינצטערן הימל און די לופטשוץ האָט געקנאַלט אָן אויפהער. דער ווייטער גערויש פון מאָטאָרן האָט זיך דורכגעריסן דורך דער טונקלקייט, און דער בערגאַרדינער גראָ האָט אָן אי־בעררייס אַזוי געבילט, אַז קריסטע האָט אים געמוזט אַרייַננעמען אין שטוב.

דער קעלער פון אַלטן שלאָסמער איז געווען דער סאָלידסטער און דער שטאַרקסטער אין דער אומגעגנט פון פּאַלאַץ־גאָרטן און געדינט פאַר אַלע שכנים אַלס באַהעלטעניש. אָבער איידער די פרויען, מענער און קינדער האָבן באַוויזן אין דער פינצטערניש און דורך דער בלאָטע דערקלייבן זיך צום קעלער, איז שוין דער אַליאַרם געוואָרן אָפּגערופן און אַלע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. די שוואַבע פייערשיין אין דער טונקלער שטאָט האָט זיך ווידער אויסגעלאָשן.

צומאָרגנס האָט מען זיך דערוווסט, אַז אַ קליינע גרופּע ענגלישע אויספּיר־אַעראָפּלאַנען איז אַריבערגעפלויגן די שטאָט און אַראָפּגעוואָרפן צוויי קליינע באָמבעס, וועלכע האָבן נישט פאַרשאַפט קיין שום שאָדן. איינע איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ גאָרטן, די אַנדערע האָט אונטערגעצונדן אַ ליידיקע פערד־שטאַל. צוויי אַעראָפּלאַנען זאָל האָבן אַראָפּגעשאָסן די לופטשוץ.

אַ סך מענטשן האָבן באַטראַכט די אָפּגעברענטע פערד־שטאַל און געלאַכט:

— „זיי זענען געקומען אַזש פון ענגלאַנד, כדי צו פאַרניכטן אַ נעבעכדיקע שטאַל, דאָס איז באמת אַ גרויסאַרטיקער אויפטו!“

גלייכצן איז אויך געקומען אין שטאָט, כדי צו באַקוקן די שאָדנס פון אָנפלי. צווישן אַ געזעמל ביינעריקע האָט ער דערזען זיינעם אַ אַלטן קאָלעגע אין אַ גע־הויבענער בראַוער שטימונג.

— אויב מער ווי דאָס קענען זיי נישט! — האָט דער קאָלעגע אָפּגעלאַכט. — ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך. ווי קאָנען זיי פון ענגלאַנד מיטשלעפן שווערע באָמ־בעס צוזאַמען מיטן גאַנצן ברענשטאָף, וואָס ס'איז נויטיק.

צומאָרגנס האָט דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“ שאַרף געמוסרט די באַפעל־קערונג פאַר איר גאַווהדיקן אָפּשפּאָטן, פאַר איר לעכערלעכן קוק אויף די זאַכן

און קודם־כל פאַר איר קינדישן אָפּטימיזם. די סכּנה איז גרעסער, די סכּנה איז אַ סך נענטער, ווי מען מיינט. „היט אייך! — האָט ער געשריבן. — ס׳דערנענטערט זיך די צייט, ווען אַן עסקאַדרע פון טויזנט עראָפּלאַנען וועט באַווייזן זיך איבער דער שטאָט אין אַ העלן טאָג און ס׳וועט נישט בלייבן פון איר מער ווי גרוז און חורבות!

IX

דאָס זענען געווען צערודערטע טעג. נעכטן נאָך האָבן אַלע צוגן זיך געטראָגן אויף מזרח, היינט האָבן זיי זיך געטראָגן אויף מערב. אַ צוג נאָך אַ צוג, בייטאָג און ביינאַכט. מיליטער, מיליטער, מיליטער, פּיעכאָטע, אַרטילעריע, טאַנקן־אָפּטיילונגען, פלי־אָפּטיילונגען, אַן אָנסופיקער שטראָם פון סאָלדאַטן. אָפט זענען אויפן באַנהויף גלייכצייטיק געשטאַנען דריי צוגן.

ווי די כוואַליעס פון אַ צעבושעוועטן ים, האָט די דייטשישע אַרמיי פאַרגאָסן די מערב־גרענעצן, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און אומגעשליידערט אַלץ, וואָס איז איר געשטאַנען אין וועג. הינטער דונקערק זענען די ענגלענדער אַריינגעשליידערט געוואָרן אין ים אַריין. און פּאַביאַן האָט טריומפירט. „ס׳איז נישט גוט אַנטשלאָפן צו ווערן, היטנדיק דאָס אייגענע עשירות“. — האָט ער געהוזקט. די דייטשישע טאַנקן האָבן אָנגעגריפן אויף פּאַריז, און פּאַביאַנס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיקער שלאָגן. דעם גאַוואַרדיקן פראַנקרייך קומט אַזאַ דערנידעריקונג. אין ווערסאַל האָט עס דייטשלאַנד אַריינגעטאָפּטשעט אין בלאָטע אַריין אָן שום רחמנות.

ווען די פאָדערשטע אָפּטיילונגען זענען אַריבער די מאַרנע און ס׳זענען דערמאָנט געוואָרן די ערטער, וווּ ער האָט געקעמפט אַלס אָפיציר, האָט אים באַהערשט ממש אַ יום־טובדיקע שטימונג. ער האָט נאָך אַפילו געדענקט, וווּ עס זענען דעמלט געשטאַנען זיינע האַרמאַטן. לכּבוד דעם דאָזיקן טאָג האָט ער פאַרבעטן זיינע ביידע זין אויף אַ מיטאָג אין „שטערן“, און ס׳איז זיי אַפילו דערלויבט געווען צו באַשטעלן זייערע באַליבטע מאכלים.

האַרי און ראָבי האָבן זיך באַזונדערס פיין אויסגעפּוצט, זיי האָבן ביידע געטראָגן בלויע אָנצוגן. ראָבי, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן לאַנגע הויזן, איז געווען איבערצייגט, אַז אַלע געסט אין עסזאַל פון „שטערן“ באַטראַכטן אים, און ער האָט זיך געפילט אַ ביסל קרעמפירט. דערצו איז אים געווען פיינלעך, וואָס די מוטער האָט אים אַזוי שטאַרק איינגעריבן די האָר מיט פּאָמאַדע, אַז ער האָט בסדר געפילט דעם ריח.

האַרי דאַקעגן איז, לויטן פּאַטערס שטייגער, געווען אַנגעטאָן ווי פון דער נאָדל אַראָפּ און געפילט זיך אויסגעצייכנט. ער האָט זיך געמאָלדן אין דער טאַנקן־אָפּטיילונג אַלס פּריוואָליקער און אין דריי חדשים אַרום געדאַרפט שוין אַריינ־טרעטן אין פּאָלק. ער האָט זיך אָבער שוין היינט געפילט אַלס סאָלדאַט און ביי יעדער געלעגנהייט אָנגענומען אַ מיליטערישע האַלטונג.

קיינער האָט פאַביאַנען נישט געקאָנט נעמען פאַר אומגוט זיין פּאַטערלעכן שטאָלץ, ווען ער האָט זיינע יונגע זין געבערענגט אין עסזאַל. ער האָט באמת מיט רעכט געמעגט האַלטן זיך פאַר אַ גליקלעכן פּאַטער.

ווען מ'האָט דערלאַנגט די זופּ, האָבן זיך ביידע ייִנגלעך שוין דערפילט אינ־גאַנצן פריי, און פאַביאַן האָט זיי געמוזט עטלעכע מאָל דערמאָנען נישט צו רעדן אַזוי הויך און קודם־כל נישט אַריינצופאַלן איינער דעם אַנדערן אין די רייד. יע־דער פון זיי האָט באַקומען לכבוד דעם יום־טוב צו גלאָז ווייַן, און זיי האָבן גע־טרונקען פאַרן נצחון אויפן מערב.

פאַביאַן האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אויפצוקלערן די זין די דעצידירנ־דיקע ראָל פון דער שלאַכט ביי דער מאַרנע בעת דער וועלט־מלחמה, ווו איין הויפּ־טער אָפיציר האָט געמוזט איינער אַליין אַנטשיידן וועגן אָנגריף אָדער צוריק־מאַרש פון דער אַרמיי.

— דו פרעגסט, האַרי, וויאַזוי איז עס מעגלעך געווען? גאַנץ פּשוט. די גענע־ראַלן זענען ביי זיך נישט געווען זיכער, צי זיי זאָלן ווייטער אָנגרייפן, אָדער צי איז נישט בעסער צו קאָנצענטרירן די כוחות.

— היינט וואָלטן זיי זיך נישט געוואַקלט! — האָט האַרי אויסגערופן מיט בליצנדיקע אויגן.

— ניין, היינט אויף זיכער נישט, — האָט פאַביאַן געענטפערט און געשמיי־כלט אַ צופרידענער פון זיין זונס אייפעריקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז האַרי איז ביים טיש געווען דער ראש המדברים. וואָס שייך זיינע עקזאַמענס אין שול, האָבן זיי אים ווייניק געקימערט. גאָט צו דאַנקען, וואָס די עקזאַמענס זענען היינט נישט מער דאָס וויכטיקסטע. פאַר אים איז וויכ־טיקער, וואָס ער איז אָנגענומען געוואָרן אינעם טאַנק־פּולק, וואָס ער האָט אין דער ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען דעם פּולקאָווניק פאָן טינען. אין דריי יאָר אַרום וועט ער שוין קאָנען זיין אַן אָפיציר!

— און ב'וועל עס טאַקע זיין! — האָט האַרי באַגייסטערט אויסגערופן. — און וואָס זאָגסטו, פּאַפּאַ, צו וואָלף פאָן טינען, וואָס איז שוין אַ קאַפּיטאַן? איז ער אפשר נישט קיין בראַווער יונג, וואָס, פּאַפּאַ?

ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע די אילוסטרירטע ביילאַגע פון דער מאָר־גנצייטונג און אויסגעשפּרייט אויפן טיש. ס'איז געווען דאָרט אָפּגעדרוקט דאָס

בילד פון „יונגן העלר וואָלף פאָן טיגען, דעם קאַפּיטאַן און קאַוואַליער פון ריטער־קרייץ“ מיט זיין מוטער די באַראָנעסע, וועלכע האָט זיך אַליין באַצייכנט אַלס „די שטאָלצסטע און גליקלעכסטע מוטער אין שטאָט“.

— אין אַ געוויסן טאָג וועל איך אויך דערגיין אַזוי ווייט! — האָט ער אויסגערופן. — ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, — האָט ער געזאָגט מיט באַגייסטערונג, — צו באַקומען דעם ריטער־קרייץ, דער ערשטער פון די אָפיצירן פון פאָלק און פון אונדזער שטאָט. וואָלף זאָל האָבן אַרויסגעראַטעוועט אַ גענעראַל מיטן גאַנצן שטאַב פון אַן אַרומגערינגלטן דאָרף. ריזיק, אמת?

ער האָט אַליץ ווייטער געהאַלטן אין איין כאַפּן התפעלות און אַנטשוויגן געוואָרן ערשט דעמלט, ווען מ'האָט דערלאַנגט צום טיש אויף אַ טאַץ דריי פאַרברוינטע געבראָטענע טייבעלעך, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט מיט זייער אויסזען.

— דיינע טייבעלעך, ראָבי! — האָט ער געזאָגט, ווייל ראָבי האָט אַלס זיין באַליבסט מאכל אויסגעקליבן טויבן.

— אַן אמתע פּאָעמע! — האָט ראָבי אַן אַנטציקטער אויסגערופן.

— מ'קאָן דאָך אָבער נישט אָנרופן געבראָטענע טויבן אַ פּאָעמע! — האָט האַרי חוזק געמאַכט.

— פאַרוואָס קאָן מען נישט? — האָט ראָבי לאַכנדיק פאָרגעזעצט. — אַז מ'וויל קאָן מען זיי אפילו אָנרופן אַ זאַמלונג פון פּאָעמעס.

— דו מיינסט, ראָבי, אַז יעדער קאָן זיין אַזוי געשמאַקלאָז, ווי ער וויל, — האָט האַרי געזאָגט. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ טייבעלע און אָנגעהויבן עס קונציק צו פאַנאַנדערטרייבערן. — און מיין „פליענדיקע באָמבע“ וועט זיך אַוודאי איינגעבן, פּאַפּאַ! — האָט ער מיט זעלבסטזיכערקייט אויסגערופן.

האַרי האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך.

— דו האָסט אַלזאָ נאָך נישט אויפגעגעבן דיין אידעע? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

האַרי האָט זיך צעלאַכט, געבנדיק אַזויאַרום אָנצוהערן, אַז ער וועט זיינעם אַ געדאַנק אַזוי גיך נישט אויפגעבן.

— לחלוטין נישט, פּאַפּאַ! — האָט ער דערווידערט. — עס איז מיר געלונגען מיט דעם צו פאַראינטערעסירן דעם פּולקאָווניק פאָן טיגען.

האַרי האָט זינט אַ לענגערע צייט פאַרנומען זיך מיט אַ דערפינדונג, וועלכע ער האָט אָנגערופן „די פליענדיקע באָמבע“. אויף אַ זעגל־אַעראָפּלאַן ווערט אָנגעטשעפּעט אַ באָמבע, און ווען ער געפינט זיך ווערטיקאַל איבערן ציל, פאַלט זי אויטאָמאַטיש אַראָפּ.

— גיסט אָ דריק אַ קנאָפּקע, פּאַפּאַ, און דער אַמוניציע־סקלאַד פליט אין

דער לופט, בום! — האָט האַרי געזאָגט און אַ דריק געטאָן אויפֿן טיש, ווי אויף אַ קנאָפּקע.

דער קלײנער ראָבי, וועמען דער ווײַן האָט שוין אַ ביסל אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, האָט זיך אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז די געסט האָבן אויסגעדרייט די קעפּ.

האַרי האָט אַ וואָרף געטאָן צום ברודער אַ בייזן בליק, ער האָט אָבער נישט איבערגעריסן און ווײַטער פֿאָרגעזעצט די באַשרײַבונג פֿון זײַן דערפֿינדונג. ער קאָן זיך נאָך נישט קיין עצה געבן מיטן אַראָפּלאָזן די באָמבע מיט דער הילף פֿון ראַדיאָ, מחמת ער פֿאַרשטייט זיך לגמרי נישט אויף די ראַדיאָ־זאַכן.

ביסלעכווײַז זענען זיי דערגאַנגען צום דעסערט. ראָבים בעקלעך האָבן געפֿלאַמט. ער האָט אָפּט געלאַכט אָן שום סיבה, אָבער במשך פֿון גאַנצן מיטאָג האָט ער כמעט נישט גערעדט קיין וואָרט.

— און איצט זאָג מיר, — האָט זיך פּאַביאַן געווענדט צו ראָבין, אויף וועלכן ער האָט בעתן מאָלצײַט ווייניק אַכט געלייגט, — ווי האָלטסטו מיט דײַנע דערציילונגען? האָסטו שוין פֿאַרענדיקט „די ווײַנאַכט פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט“?

ראָבי האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווײַל ער האָט גראָד אַרײַנגעפּאַקט אַ גרויסן לעפֿל ליאָדעס אין מויל אַרײַן.

— יאָ, „די ווײַנאַכט פֿונעם לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט“ איז איצטער פֿאַרענדיקט, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב נאָך אַ סך געענדערט. פֿריער איז געווען אַזוי, אַז דער מאַשיניסט קוקט אַרײַן צום פֿענצטער אין הייזל און זעט אַלץ, וואָס דאָרטן קומט פֿאָר, איצט אָבער קלעטערט ער אַראָפּ פֿון לאָקאָמאָטיוו און גייט אַרײַן צום פֿענצטער אין שטוב.

— צי מעג דען אַ מאַשיניסט בכלל פֿאַרלאָזן זײַן לאָקאָמאָטיוו? — האָט האַרי אים אַרײַנגעזאָגט.

— פֿאַרוואָס זאָל ער נישט טאָרן? — האָט ראָבי געענטפֿערט אויף האַרים באַמערקונג. — דער צוג האָט דאָך כסדר נאָך געמוזט שטיין, ער האָט דאָך נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין אַרײַנפֿאָר. דער מאַשיניסט איז, אַלזאָ, אַרײַנגעגאַנגען אינעם הייזל און איז אײַנגעלאַדן געוואָרן פֿונעם פֿענצטער און זײַן ווײַב צום עסן.

ראָבי האָט איצט דערציילט, וואָס ס'איז אַלץ געווען צום עסן.

— דערנאָך האָבן די קינדער געזונגען ווײַנאַכט־לידער און דער מאַשיניסט האָט באַקומען אַ פֿײַגעם ציגאַר. און דערמלט האָט דער הייצער געלאָזט די פּאַרע, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן פּײַפֿן. דער מאַשיניסט איז אײַליק אַרויף אויפֿן לאָקאָמאָטיוו און דעם באַגוועכטערס פֿרוי האָט אים נאָך מיטגעגעבן אויפֿן וועג אַן אויסגעשניצט מלאך.

— באמת זייער שיין! — האָט פּאַביאַן געלויבט. — און די מעשה מיטן „פּאַרטשעפּעניש׳ל“?

— סקאַסירט! — האָט ראָבי קורץ געענטפערט.

— דאָס האָסטו גוט געטאָן, ראָבי. דאָס „פּאַרטשעפּעניש׳ל“ האָט מען דאָך נאָר אויסגעלאַכט, — האָט האַרי געזאָגט.

— פּונקט אַזוי, ווי דיין „פּליענדיקע באָמבע“! — האָט ראָבי אים אַריינגע־זאָגט.

— מיין פּליענדיקע באָמבע? —האַרי האָט זיך געגעבן אַ גלייך אויס, — זיי מוחל, ראָבי, דו ביסט נאָך צו יונג, דו זאָלסט פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער פּליענדיקער באָמבע!

— אַז איר וועט זיך קריגן, קינדער, — האָט פּאַביאַן זיך אַריינגעמישט, — וועל איך פאַר אייך צו דער קאַווע נישט באַשטעלן קיין טאָרט, ווי איך האָב דאָס בדעה געהאַט.

— מיר קריגן זיך גאָרנישט, פּאַפּאַ! — האָבן ביידע יינגלעך אויסגערופן אין איין קול.

לסוף האָט נאָך פּאַביאַן געבעטן ראָבין, ער זאָל אויפשרייבן די געשיכטע פון „פּאַרטשעפּעניש׳ל“ פאַר אים אַליין, און ראָבי האָט אַ צופרידענער תיכף איינגע־וויליקט.

די ידיעה, אַז דער יונגער וואָלף פאָן טינען האָט באַקומען דעם ריטער־קרייץ און אַוואַנסירט אויף אַ קאַפּיטאַן, איז געווען די טאָג־טעמע פון שטאָט, און דער גאָלייטער רומף האָט געהאַלטן פאַר נייטיק די אויסצייכענונג פון דעם ערשטן ריטער־קרייץ־טרעגער פון זיין קרייז אָפּצומערקן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמ־לונג. אינעם פייערלעך דעקאָרירטן ראַטהויז־זאַל אין אָוונט האָט דער פּולקאָווניק פאָן טינען פאַרגעשטעלט פאַר די פאַרבעטענע געסט זיין העלדישן זון וואָלפן. די פאַרזאַמלטע האָבן אים באַגריסט מיט ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטן און הילכיקע „הייל“־אויסרופן. וואָלף האָט דאַן געהאַלטן אַ קורצע רעדע. הגם ער האָט זיין קליינע רעדע אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, האָט ער פונדעסטוועגן שלעכט גע־רעדט, פאַראיקעט זיך און אינמיטן זאַץ איבערגעריסן. דעמלט איז די באַראָנעסע פאָן טינען אַרויסגעלאָפן אויפן פאָדיום און שטורמיש געהאַלדזט און געקושט דעם זון. ס׳האָט נישט גענומען קיין סוף צו די אַפּלאָדיסמענטן.

די פייערונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קורצע רעדע פון דעם גאָלייטער אויף דער טעמע: „פאַרוואָס מוזן מיר זיגן?“

— מיר מוזן זיגן, ווייל קיין שום פאָלק באַזיצט נישט אַזאַ העלדישע אַרמיי! — האָט ער געזאָגט מיט אַ דורכדרינגענדיקער שטימע, — ווייל דאָס פאָלק איז באַזעלט פון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, און רעוואָלוציאָנערע אַרמייען האָבן

שטענדיק מנצח געווען, ווייל מיר קעמפן פאַר אונדזערע רעכט, אין וועלכן די וועלט האָט אונדז ביז איצט אָפּגעזאָגט, און ענדלעך דערפאַר, ווייל מיר קעמפן פאַר אונדזער עקזיסטענץ!

ביים לעצטן זאַץ האָט ער אויף זיין שטייגער מיט אַ בריל אויסגעשריגן אין זאַל, אויסשטרעקנדיק דערביי מיט רציחה די אָרעמס אינדערהייך.

אויפצומאָרגנס האָט מען זיך דערוווּסט פון די צייטונגען, אַז דער גאַוליייטער האָט נאָמינירט די מוטער פון נייעם ריטער־קרייץ־טרעגער, וואָלף פאָן טינען, אַלס קאָמענדאַנטין פון רויטן קרייץ.

קאָמענדאַנטין פון רויטן קרייץ! די באַראָנעסע פאָן טינען איז געווען גליק־לעך. ענדלעך האָט זי באַקומען אַן אויפגאַבע, וואָס אַנטשפּרעכט אירע מעגלעכ־קייטן און איר פּלאַמיקער ליבע צום פאָטערלאַנד. שוין פון ערשטן טאָג אָן האָט וי זיך אַ נעם געטאָן מיט גרוים אייפער צו דער אַרבעט, און מ'מוז זאָגן דעם אמת, אַז זי האָט געאַרבעט פון פרי ביז נאַכט.

— מ'מוז אַרבעטן! — האָט זי געזאָגט. — אויף פּלאַפּלען וועלן מיר שפּעטער האָבן צייט.

זי האָט פאַרגעלייגט קלאָטילדען אַן אָנפירנדיקע שטעלע אין רויטן קרייץ, אָבער קלאָטילדע האָט איר מיט גרוים באַדויערן אָפּגעזאָגט. דער „פאַרבאַנד פון פריינד" פאָדערט פון איר אָפּצוגעבן אַלע אירע כוחות. אין דער אמתן אָבער האָט קלאָטילדע אויסגעמיטן יעדע אָנגעשטרענגטע אַרבעט. זי האָט ליב געהאַט לאַנג צו שלאָפן און צו עסן פרישטיק אין בעט. זי האָט באמת פיינט געהאַט די העסלעכע שפּיטאָל־זאַלן און דעם פאַסקודנעם קאַרבאָל־ריח. זי האָט אויך נישט געקאָנט קוקן אויף קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, ס'האָט איר געעקלט און געאיבלט.

— ניין, מיין טייערסטע, דאָס איז נישט קיין פּאַסטן פאַר מיר, אַ דאַנק!

דערווייל איז קלאָטילדען געלונגען צוצורעדן דעם יונגן ריטער־קרייץ־טרע־גער צו האַלטן אין „פאַרבאַנד פון פריינד" אַ רעפעראַט: „וויאַזוי איך האָב דער־וואָרבן דעם ריטער־קרייץ". ער אַליין איז געווען די ווירדיקסטע פּערזאָן צוצו־געבן די אמתע פייערלעכקייט דער דערעפענונג פון דעם נייעם פּאַרטײַ־זאַל.

ענדלעך האָט זי געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרבעטן דעם גאַוליייטער צו דער באַדייטנדיקער געשעעניש. זי האָט עס געמאַכט, פאַרשיטנדיק אים מיט שיינע ווערטער און חניפהלעך. דאָסמאָל איז אים אוממעגלעך געווען איר אָפּצוזאָגן און ער האָט צוגעזאָגט צו קומען.

— איך האָף, אַז מיר וועלן זיך בקרוב זען אין אייער נייער וווינונג, וואָס אייער פרוי האָט אַזוי פּראַכטפול איינגעאָרדנט, — האָט ער געזאָגט צו פּאַביאַ־נען, בעת ער האָט אים צומאָרגנס באַגעגנט.

פאַביאַן איז נאָך אַלץ נישט געווען אַנטשלאָסן איבערצוציען זיך אין די צוויי צימערן, וואָס קלאָטילדע האָט פאַר אים רעזערווירט אין דער צען־צימערדיקער וווינונג. עס האָט אָבער איצט אויסגעזען צו זיין אומפאַרמיידלעך.

דער גאָלייטער איז אויך דאָסמאָל נישט געקומען אויפן פאָרטראַג. משמעות, אַז ס'האָט אים ספּעציעל נישט אינטערעסירט, וויאַזוי מען דערגייט צו אַ ריטער־קרייץ.

X

הויך און טומלדיק, ווי אַ מענטש, וואָס איז רעצידירט נישט צו רעכענען זיך מער מיט קיין שום זאַך, איז דער סקולפּטאָר וואָלפגאַנג געשטיגן אויף די טרעפּ צו פאַביאַנס בּיוראָ. אינעם וואַרטע־צימער זענען געזעסן עטלעכע קליענטן. ער איז אָבער, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיי פאַרבייגעגאַנגען, לייכט אומטערהיגעדיק, און איז אריין אין צימער פון דער פּריוואַט־סעקרעטאַרין, פריילין צימערמאַן, וועלכע איז אַ דערשראָקענע אויפגעשפּרונגען פון איר שרייבמאַשין.

— מיין ברודער איז נאָך נישטאָ? — האָט ער האַרב אַ פרעג געטאָן, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט פון קאָפּ.

פריילין צימערמאַן, מיט איר מאָגערן, אויסגעטרוקנטן פּנים, האָט זיך אַ בלאַסע צוריקגעצויגן.

— הער פּראָפעסאָר! איר זענט עס? — האָט זי אויסגערופן, — גאָט מיינער, ווי איך האָב זיך דערשראָקן! דער הער רעגירונגסראַט דאַרף יעדע רגע אָנקומען. ביטע צוואַרטן אין זיין אַרבעטס־צימער.

זי האָט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט וואָלפגאַנגען אין פאַביאַנס קאַבינעט. וואָלפגאַנג האָט אַ וואָרף געטאָן דעם הוט אויף דער סאָפע און גענומען אַ פּאַפּיראָס פונעם שאַכטל אויפן שרייבטיש. ער איז געבליבן זיצן אין אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און האָט זיך אויף אַ האָר נישט געפילט געקרעמפּירט צוליב זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוול.

דאָס צימער איז געווען אָנגענעם דורכגעוואַרעמט, אויסגעשטאַט מיט אַ סך געשמאַק און באַלויכטן פון ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך די הויכע פענצטער, פאַרהאָנגענע מיט העלע גאַרדינען. דאָס איז געווען אַן אָפּגעזונדערט, שטיל אַרבעטס־צימער, וואָס ווירקט גלייך, מ'זאָל קאָנצענטרירן די געדאַנקען. הינטער דער טיר האָט ווי פריער פלייסיק געקלאַפּט פריילין צימערמאַנס שרייבמאַשין.

וואָלפגאַנג האָט אַלץ דאָ גענוי באַטראַכט. איבער דער סאָפע איז געהאָנגען זיין ברודערס בילד אין דער אוניפאָרם פון אַן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן. ער האָט זיך

געלאָזט פאָטאָגראַפירן לעבן א פעלד־האַרמאַט און אויסגעזען העראָיש און שטאָלץ, ווי ס'דאַרף אויסזען אַן אָפיציר, וועלכער קאָמאַנדעוועט מיט אַרטילעריע. וואָלפגאַנג האָט שפּאָטיש געשמייכלט. דערנאָך האָט ער באַמערקט אויפן שרייבטיש א קליין היטלער־ביוסטל. ער האָט דאָס ביליקע און גרעבלעכדיקע סטאַטועלע גענומען אין האַנט אַריין, באַטראַכט עס מיט א גוטמוטיקן שמייכל און אָן שהיות צ שליידערט געטאָן אין פאַפּיר־קויש.

דער קאָמענדאַנט פון בירקהאָלץ, א געוועזענער פעלד־זשאַנדאַרם, היינט — דער האַר איבערן לעבן און טויט, האָט צוגעזאָגט וואָלפגאַנגען צו באַפרייען אין פרילינג, מחמת זיין פרוי, די שיינע באַר־דאַמע, איז זייער צופרידן געווען פון ביוסט און האָט אים געבעטן, ער זאָל וואָלפגאַנגען באַפרייען.

— איך מיין, אז איצטער וועט איר זיך שוין גוט מיישב זיין, צי ס'לוינט זיך פאַר יידן צו קערן די גאַסן? — האָט געפרעגט דער קרעמפּער קאָמענדאַנט מיטן רונדן, געגאָלטן קאָפּ.

וואָלפגאַנג האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר עפּעס א מרוקע געטאָן אין דער פּאַרוואָרלאָזטער באָרד אַריין. אזא מין ענטפער איז דעם מאַן מיטן געגאָלטן קאָפּ נישט געפעלן געוואָרן, און וואָלפגאַנג האָט דערפאַר געמוזט בלייבן אין לאַגער נאָך זעקס חדשים.

— איך וויל דאָ מער נישט זען אייער חוצפּהדיקן פּרצוף, טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען! — האָט דער קאָמענדאַנט געשריגן, בעת ער האָט אים לסוף פריי געלאָזט.

בעת וואָלפגאַנג האָט זיך איינגעקוקט אין אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער ער האָט דערקענט זיינע פּלימעניקעס האַרי און ראָבי, האָט ער דערהערט, אז זיין ברודער איז שוין געקומען.

פאַביאַן האָט אַ ריס געטאָן די טיר און אַן איבערראַשטער אויסגערופן:

— דו ביסט דאָ, וואָלפגאַנג?

וואָלפגאַנג האָט אָפּגעווענדט די אויגן פון דער פאָטאָגראַפיע.

— יאָ, איך בין דאָ! — האָט ער שטיל געזאָגט און זיינע אויגן האָבן דראָענדיק געפינקלט.

פאַביאַן איז צוגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— גאָט צו דאַנקען, וואָס דו האָסט שוין די שווערע צייט הינטער זיך, וואָלפגאַנג! — האָט ער פאָרגעזעצט, אויסטוענדיק זיין עלעגאַנטן מאַנטל און אויפהענגענדיק אים אויפן האָקן ביי דער טיר, — קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן מיין פרייד, — האָט ער צוגעגעבן, אָבער זיין שטימע האָט שוין נישט אזוי פריידיק געקלונגען, מחמת וואָלפגאַנג האָט אַליץ געשוויגן און זיינע אויגן האָבן אזוי דראָענדיק געפינקלט. ס'איז אים אויך פיינלעך געווען, וואָס וואָלפגאַנג האָט אים דער־

לאַנגט די האַנט נאָר פון יוצא װערן. װאָלפגאַנג דאַקעגן האָט בכלל נישט בדעה געהאַט צו געבן דעם ברודער די האַנט, אָבער אין דער לעצטער רגע איז ער אונטער דער השפעה פון דער פאָטאָגראַפיע מיט די פּלימעניקעס װײכער געװאָרן. איצטער האָט פאַביאַן ערשט געהאַט די געלעגנהײט גענױער צו באַטראַכטן זײַן ברודער.

— גאָט מײַנער, װי דו זעסט אױס! — האָט ער אױסגערופן. — װאָס איז געשען מיט דײַנע צײן?

װאָלפגאַנג האָט זיך גרילציק צעלאַכט, האַרב, כמעט גראָב.

— מיט מײַנע צײן? — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט. — דאָס האָבן זײ מיר אין בירקהאָלץ אױסגעהאַקט די צײן בײַם קבלת־פּנים, שױן דעם ערשטן אָװנט. דאָס איז דאָרט אַזאַ מנהג.

ער האָט בכיװן ברײט געעפנט דאָס מױל, מ׳זאָל קאָנען דײַטלעך זען די לעכער פון די פעלנדיקע צײן. אין דער אױבערשטער קיניבאַק האָבן געפעלט דרײַ צײן. די שװאַרצע לאָך האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן אײַנדרוק. מיט זײַנע אָפּגעשױרענע, אינגאַנצן גרױ־געװאָרענע האָר, מיט דעם אײַנגעפאַלענעם, אױסגעהונגערטן, בלאַסן פּנים, אין זײַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און פאַרבלאָטיקטע שטיװל האָט װאָלפגאַנג געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק, אַז ס׳איז געװען אַ װײטיק אױף אים צו קוקן.

פאַביאַן האָט זיך דערשראָקן און מער נישט געקאָנט אַרױסברענגען קײן װאָרט. זײַן פּנים, װאָס האָט זיך גערױטלט פון געזונטקײט, איז בלאַס געװאָרן.

— דו דאַרפסט זיך נישט איבערנעמען מיט מײַן אױסזען, — האָט װאָלפגאַנג פאָרגעזעצט מיט זײַן האַרבער שטימע, — בירקהאָלץ איז נישט קײן סאַנאַטאָריע. ס׳װעט אַלץ זײַן װידער אין אָרדענונג. און דאָס, װאָס איך בין אַרײַנגעקומען מיט אַזאַ אױסגעריבענעם מאַנטל אין אַזאַ פּרעכטיק הױז, דאַרף דיך נישט הידושן. דײַנע מענטשן האָבן בײַ מיר צוגעגנבעט מײַן אָנטאָן.

— מײַנע מענטשן? — האָט פאַביאַן אױפגעבראַכט געפרעגט.

מ׳װאָלט געדאַרפט זײַן אױס מענטש, נישט צו נעמען אין אכט װאָלפגאַנגס צושטאַנד, אָבער װאָלפגאַנגס פײַנטלעכע האַלטונג איז געװען אַזױ אומצװײדײַטיק און זײַן גאַנץ װעזן אַזױ אַרױספאָדערנדיק, אַז ס׳איז פאַביאַנען שװער אָנגעקומען צו באַהערשן זיך.

— דאַרפסט נישט אין כעס װערן, פראַנק! — האָט װאָלפגאַנג געלאַכט, — דאָס װאָלט נאָך גראָד געפעלט! כ׳װײס, אַז ס׳זענען נאָך פאַראַן אױך אָנשטענדיקע לײַט צװישן די ברױנע און שװאַרצע סאָלדאַטן, די באַנדע אָבער, װעלכע האָט בײַ מיר געמאַכט די הױז־רעװיזיע, איז באַשטאַנען פון גראָבע אױסװורפן. זײ

האָבן אויסגעזויפט מיין ווײַן, צעהאַקט מיין מעבל און לסוף אוועקגעריבט די פּאָר אָנצוגן און מאַנטלען, וועלכע איך האָב פאַרמאָגט.

— ס'זענען אומעטום פאַראַן קרימינעלע עלעמענטן, — האָט פאַביאַן, צוקנדיק מיט די אַקסלען, רואיק אָפּגערופן זיך, באַמיענדיק זיך צו באַרואיקן דעם ברודער.

— מסכים! — האָט וואָלפגאַנג געענטפערט מיט א הויכער שטימע. — אָבער זינט איר רויבט אויס סיסטעמאַטיש טשעכיע און פּוילן, האָלאַנד און פראַנקרייך, איז דאָס רויבן געוואָרן דאָס טאָגטעגלעכע ברויט פון דער דייטשישער אַרמיי און פון די ברוינע און שווארצע באַנדעס.

פאַביאַן איז בלייך געוואָרן.

— איך פאַרשטיי דיין פאַרביטערונג, וואָלפגאַנג, — האָט ער אן אויפגערעגטער אויסגערופן און אוועקגעזעצט זיך בײַ זיין שרייבטיש, — דאָס גיט דיר פונדעסטוועגן נישט דאָס רעכט צו קומען אהער, כדי מיך צו באַליידיקן.

— נישט כדי דיך צו באַליידיקן בין איך אהער געקומען, — האָט וואָלפגאַנג געשריגן א פורפור־רויטער פון צאָרן, — נאָר כדי דיר צו זאָגן דעם אמת!

ער האָט אזוי הויך געשריגן, אז די שרייבמאַשינען אין שכנותדיקן צימער זענען מאָמענטאַל אנטשוויגן געוואָרן.

— גוט, זאָג מיר דעם אמת, — האָט פאַביאַן געזאָגט, אָנווייזנדיק דערביי מיטן קאָפּ אויף דער טיר, — ס'איז דאָך אָבער אינגאַנצן נישט נייטיק, אז די גאַנצע וועלט זאָל הערן, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן.

— זיי מיר מוחל, — האָט וואָלפגאַנג פאַרגעזעצט מיט א געדעמפּטער שטימע, — מוזט מיר מוחל זיין. בירקהאָלץ איז נישט קיין אינסטיטוט, וווּ מ'לערנט פיינע מאַניערן. אָבער איך מוז רעדן הויך, אז דו זאָלסט מיך באמת פאַרשטיין, פראַנק! וואָרעם איר, די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, איר ווילט גאָרנישט נישט פאַרשטיין און נישט הערן. ווען מ'זאָגט אייך דעם אמת, דערקלערט איר, אז דאָס איז שקר און פּראָפּאַגאַנדע, און ווען דער אמת איז שוין אָבער נישט אָפּצולייקענען, זאָגט איר, אז דאָס איז א פאַראיינצלטער פאַל. דו האָסט אָקאָרשט געזאָגט, אז קרימינעלע עלעמענטן זענען אומעטום פאַראַן. פרייער פלעגסטו זאָגן, אז דאָס זענען בלויז פאַריבערגייענדיקע דערשיינונגען, אז דאָס זענען צייטווייליק נייטווענדיקע מאָסמיטלען, אז אלץ וועט אינגיכן זיין אינגאַנצן אַנדערש, און מיר וועלן זיך אומקערן צו נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן.

א דערשעפּטער, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן, ציטערנדיק פון דענערווירונג:

— פאַרוואָס גייט איר נישט קיין בירקהאַלץ א קוק טאָן, ווי עס זעט דאָרט אויס? — פרעגט איך! דאָס ווילט זיך אייך נישט! כאַ־כאַ־כאַ! קוקט אייך צו, וואָס איר האָט געמאַכט פון דער יוגנט אין איירע היטלער־שולן, אין אייער ארבעטס־דינסט און אין אייערע דערציִונגס־לאַגערן! אין די הויכשולן פון עם־הארצות, אין די אוניווערסיטעטן פון אוממענטשלעכקייט! ווילדע חיות און קאַניבאַלן האָט איר געמאַכט פון דער יוגנט! איר ווייסט גאַנץ גוט, וואָס די פויערים דערציילן. די געשרייען פון די געפייניקטע דערטראָגן זיך צו זייערע דערפער. פאַרוואָס קאָנטראָלירט איר נישט די דאָזיקע קלאַנגען? פאַרוואָס? איך וועל עס דיר אָפן זאָגן. ווייל איר האָט ליב בלויז אייער באַקוועמלעכקייט און אייער זאָרגלאָז לעבן. איר האָט מער נישט קיין געוויסן, קיין סימן פון געוויסן, און קיין שפור פון מענטשלעכע געפילן. איר האָט נישט געגעבן הויך פּראָטעסטירט קעגן דער איינגעבילדעטקייט און געוויסנלאָזיקייט פון אייערע פירער, דערפאַר האָבן זיי געקאָנט ווערן וואָס־אַמאָל אומפאַרשעמטער און געוויסנלאָזער. און דאָס — דאָס איז אייער שווערסטע שולד! — האָט ער ווידער הויך אויסגעשריגן.

— כ'מוז דיך נאָכאַמאָל שטאַרק בעטן! — האָט פאַביאַן אים איבערגעריסן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דו ווילסט זאָגן, — האָט וואָלפגאַנג געלאַכט, — „ווען דו ווילסט, אַז איך זאָל אויסהערן דעם אמת, דאַרפסטו דאָס טאָן אין א העפלעכערער פאָרם, ווי ס'איז אָנגענומען צווישן געבילדעטע מענטשן", אמת? איר קאַטעוועט אומשולדיקע מענטשן ממש ביז צום טויט, אָבער איר פאַרלאַנגט העפלעכע אומגאַנגס־פאָרמען בנוגע אייך.

וואָלפגאַנג האָט זיך הויך צעלאַכט.

— אָט גיי זיך דורך קיין בירקהאַלץ, דאָרט ערשט, זאָג איך דיר, וועסטו קאָנען זיך אויסלערנען העפלעכע פאָרמען! די שוואַרצע בעסטיעס וועלן דיך וואַרפן אין די גריבער מיט סיגוף און וועלן זיך משמח זיין איבער דיר!

וואָלפגאַנג איז ווידער אַרייַנגעפאַלן אינעם פריערדיקן הויכן טאָן.

פאַביאַן האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען זייער בלייך און זיין פנים האָט זיך צוזאַמענגעצויגן.

— ס'איז מיר לחלוטין אוממעגלעך דיך לענגער אויסצוהערן, — האָט ער געזאָגט שווער אָטעמענדיק, — אויב דו וועסט ווייטער רעדן אין אזא טאָן, וואָלפגאַנג!

זיין פאַרצערט און פאַרביטערט אויסזען האָט וואָלפגאַנגען איבערגעשראָקן, און ער האָט באַשלאָסן אָנצושטרענגען אַלע זיינע כוחות צו באַהערשן זיך.

— זיי מיר מוחל, — האָט ער פונדאָסניי אָנגעהויבן, זעצנדיק זיך אויף א שטול נעבן שרייבטיש, — איך בין נאָך אלץ זייער דענערווירט, דו קאָנסט דאָס ייִד דאָך פאָרשטעלן, אָבער כ׳וועל זיך באמיען צו רעדן רואיקער.

און מיט א רואיקער, באהערשטער שטימע האָט ער פאָרגעזעצט:

— דו האָסט אוודאי שוין געהערט פון דער בארימטער שטיינהאקעריי אין בירקהאָלץ! גאָט זאָל דיך מציל זיין, דו זאָלסט אהין חלילה ארײנפאלן. איך האָב דריי חדשים געארבעט אין דעם דאָזיקן גיהנום, פולע דריי חדשים! הײנט און מאָרגן און איבערמאָרגן, איצטער, אין דער דאָזיקער מינוט קייקלען ביי א צוואָנציק—דרייסיק מענטשן, אויסגעפייניקטע פון הונגער, באגאָסענע מיט שווייס, די רויע שטיינבלאָקן, וועלכע ווערן אויסגעהאקט אין דער שטיינברעכעריי, אויפן שטיילן וועג ארויף צו די שאָפעס פון די שטיינשלייפער. מ׳וואָלט געקאָנט, פארשטייט זיך, די בלאָקן ארויפשלעפן מיט מאַשינען, אָבער מען טוט דאָס נישט. פאר א שטראָף האָט מען די ארעסטאנטן נאָר געלאָזן א פאָר צענדליק שטאנגען און עטלעכע שטאַמאייזנס. אויסגעדאַרטע ווי שקעלעטן, שלעפן זיי זיך אויפן וועג ארויף, וואַקלענדיק זיך פון אָפּגעשוואַכטקייט און אָנשטרענגונג. בלייבן זיי אויף א ווײלע שטיין נאָר אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אַזוי הייבן אָן האָגלען ראַפּניקעס אויף זייערע מיט שווייס־באגאָסענע לייבער, אז דאָס בלוט באַפארבט זייערע פארשמאָלצענע העמדער. קרימינאליסטן און פארברעכער שלאָגן זיי מיט די ראַפּניקעס. אויב זיי דערלאַנגען נישט גענוג שטארקע קלעפּ, ווערן זיי אליין דערנאָך געשלאָגן.

— ווילסט זען די שראַמען, פראַנק? ניין? נאָך הײנט הינק איך א ביסל פון די קלעפּ! ביים וועג אויבן זיצט א וואַכמאַן, א שוואַרץ־געקליידעטער מנובל, און רויכערט פאַפּיראָסן. קיין זאַך גייט נישט פארביי זיין בליק, די קלענסטע זאַך אַפּילו, האָ־האָ! אַזוי גייט עס דאָ צו! ווען א שווערער בלאָק קייקלט זיך אַראָפּ אויף צוריק, רייסט ער אַלע מיט, און זייט צעקאַליעטשונג און טויט. כ׳האָב געזען א סך אָנגעזועענע יידן און אַנדערע ארעסטירטע, וואָס זענען אויף אזא אופן אומגעקומען. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן! קלענערע בלאָקן האָט איין מאַן אליין געמוזט ארויפשלעפּן. איז עמעצער צו אַלט אָדער צו שוואַך, פאַלט ער אום און בלייבט ליגן, ביז די ראַפּניקעס צווינגען אים נישט אויפצוהייבן זיך אויף די פיס, אויב ער לעבט נאָך, פארשטייט זיך. דו שווייגסט?

— איך דערצייל דעם אמת! — האָט וואָלפגאַנג נאָך א פויזע פאָרגעזעצט, בעת דער ברודער האָט אים געענטפערט בלויז מיט א בליק. — די בלאָקן ווערן צוגעשטעלט אין די שאָפעס פון די שטיינשלייפער. אין אזא שאָפע האָב איך געארבעט איבער א האַלב יאָר. דאָ איז די ארבעט געווען א סך לייכטער. אין דער שטיינהאקעריי איז מען געשטאָרבן פון דערשעפּונג, דאָ איז מען געשטאָרבן פון

הונגער. מיר האָבן טאָג נאָך טאָג געשלייפט די שטיינער צוועלף שעה צייט, כמעט אָן איבעררייס, קוים נאָר אויף צו קאָנען אראָפּשלינגען די וואַסערדיקע זופּ. די מעהרהייט גייט דאָרט אויס פון הונגער. אָט פאַלט פּלוצים איינער אום. „אך, דאָס איז דער טעפּיך־סוחר לעווינסאָן", גיט מען א טראַכט, זעענדיק ווי ער ליגט שוין, און מער קומט קיין געדאַנק נישט אויפן זינען, כאַ־כאַ־כאַ!

אומגעריכט האָט זיך ביי וואָלפגאַנגען ארויסגעריסן א גרילציק זינגלאָז געלעכטער. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן און שטאַר געקוקט פאַר זיך:

— יאָ, מיר האָבן געהאַט אַ סך טויטע אין לאַגער. כלערליי מינים טויטן. נישט אין די צענדליקער, נאָר אין די הונדערטער און הונדערטער. איין מין טויט איז געווען אויף די עלעקטרישע דראָטן, וואָס איז ספּעציעל באַליבט געווען ביי די ניי־אָנגעקומענע. אן אַנדערער מין איז געווען דער טויט בעתן אנטלויפן, וואָס האָט זיך קיין איינציק מאָל נישט איינגעגעבן פאַר מיין זיין אין בירקהאָלץ. יעדער פּרווו פון אנטלויפן האָט געגעבן די שווארצע מחבלים די געלעגנהייט אויסצושפּילן אלע זייערע גיהנומישע אינסטינקטן. מיר דאַכט זיך, אז דאָס ליבסטע איז ביי זיי דער יאַגד אויף מענטשן מיט די בולדאָגן! אָהאָ, מיין ליבער, דאָס איז נישט קיין ענין פאַר געבילדעטע מענטשן, ניין! פאַר מענטשן, וועלכע האָבן ליב צו טרינקען שאַמפּאַניער, און זיצן אין די קלוב־פאָטעלן, וועמען עס גייט גאָרנישט נישט אָן, וואָס טויזנטער קומען אום. אויף די וואַך־טורעמס הייבן זיך אויף רויטע פענער: „אנטלאָפן!" ס׳איז איינער אנטלאָפן, וועלכער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו וואַרפן זיך אויף די עלעקטרישע דראָטן. וואָסער חסר דעה! די אסירים מוזן אָבער אין אזא פאַל פון אנטלויפן אלע ארויסגיין אויפן פּלאַץ, אלע, אלע, אַפילו פרויען און קינדער. מיר זענען געשטאַנען דריי שעה, זעקס שעה, איינמאָל זענען מיר געשטאַנען פיר און צוואָנציק שעה. מיר זענען געשטאַנען אונטער דער ברענענדיקער זון, אין רעגן, אין שניי, פאַרחלשטע פון הונגער! איינמאָל זענען מיר געשטאַנען צוועלף שעה אין א שניי־זאַווירוכע, און דער שניי איז געלעגן דיק ווי א פּויסט אויף אונדזערע פּלייצעס. די קעלט און דערשעפּונג איז געווען פאַר א סך פון אונדז דער טויט. יאָ! ענדלעך האָבן זיך צעבילט די הינט. זעקס הינט האָבן מיר געהאַט אין לאַגער. יאָ, זיי האָבן געכאַפּט דעם צעהושטן. א בלוטיקער געשפּענסט האָט זיך געשלעפּט לענגאויס די דראָטן, ארומגערינגלט מיט די בולדאָגן פון די שווארצע רוצחים. דאָרט יאָגט מען זיך נאָך מענטשן מיט בולדאָגן! דו הערסט גוט? אָט ליגט שוין דאָס פאַרבלוטיקטע געשפּענסט. און אַפילו פאַר די הינט איז עס שוין גענוג. איצט ביינדט מען צו דעם וואַנזיניקן צו צוויי פּלעקענער — מיט די הענט צו איין פּלאָקן, מיט די פיס צום אַנדערן, און דער תליישער מייסטער, דער קרימינאַליסט ווילי, טרעט צו צו זיין ארבעט מיטן ראַפּניק. דער ראַפּניק איז ארומגעדרייט מיט שטעכל־דראָט, זיי רופן אים „מאָרגנ־

שטערן". די בולדאָגן לעקן אָפּ דאָס בלוט פון דעם צעריסענעם רוקן. איז עס פאַר דיר שוין גענוג?

פאַביאַן איז געזעסן איינגעקאַרטשעט ביים שרייבטיש און מיט שטאַרע אויגן געקוקט פאַר זיך. ער האָט שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

וואָלפגאַנג איז אויפגעשטאַנען און גענומען דעם הוט.

— דאָס איז דער אמת! — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — דו ווייסט, אז איך בין נישט קיין ליגנער. שעהנלאַנג וואָלט איך געקאָנט אזוי דערציילן. דאָס אָבער קאָן איך דיר זאָגן: א לעבעדיקן וועלן זיי מיך מער נישט אריינקריגן אין יענעם גיהנום אַריין! איך בין שוין איצט דערגאַנגען דערצו, אַז ס'איז פאַר מיר אַלצייגס, וואָס ס'זאָל נישט זיין.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער שטאַרק א קלאַפּ געטאָן אין א האַרטער זאַך אין זיין קעשענע פונעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, און אין זיין קול האָט זיך ווידער געהערט א שאַרפער טאָן.

— אצינד ווייסטו שוין, ווי ס'זעט אַלץ אויס. דאָס זענען נישט קיין פאַריבער־גייענדיקע דערשיינונגען, וועלכע וועלן פאַרשווינדן, ווי דו האָסט שטענדיק גע־זאָגט. דאָס זענען נישט קיין דערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר, לויט דיר, בעת יעדער רעוואָלוציע נאָך איינמאָליק. ניין, דאָס איז אַן אויסגעקליגלטער סיסטעם פון טעראָר און גבלות.

ער איז שטיין געבליבן פנים אל פנים צום ברודער און זיינע אויגן האָבן געפינקלט.

— דו מוזט תיכּף איבעררייסן די באַציונגען מיט די דאָזיקע לייט, פראַנק! דאָס זענען פאַרברעכער און מערדער, נישט עפּעס אנדערש, — האָט ער הויך אויסגערופן, ציטערנדיק פון צאָרן,—במשך פון דער וואָך וועסטו איבעררייסן אַלע באַציונגען מיט די דאָזיקע לייט. אין איין וואָך, דו הערסט? כ'גיב דיר א גאַנצע וואָך צייט, אָדער מיר צעגייען זיך אויף שטענדיק. זיי געזונט!

אין זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און אַלטן הוט אויפן קאָפּ האָט ער פאַר־לאָזט דאָס צימער, האַסטיק דורך איבערן פאָדערצימער, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף דער פריילין צימערמאַן.

פאַביאַן איז געזעסן טויט, מיט א גרוי פנים, און קוים געאָטעמט. דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען צו דער פריילין צימערמאַן:

— איך נעם היינט מער קיינעם נישט אויף, פריילין צימערמאַן, — האָט ער געזאָגט מיט א שוואַכער שטימע.

XI

אין זיין אָפּגעריבענעם מאַנטל און אַלטן קאַפּעליוש, מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, וועלכע ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר אַ ברויט אין בירקהאָלץ, האָט וואָלפגאַנג געשפּרייזט דורך די גאַסן פון שטאָט. ער איז נאָך אַלץ געווען אויפגערעגט פונעם שמועס מיטן ברודער, ער האָט אָבער געפילט אַ סאַטיספאַקציע און אַ טיפע באַפרידיקונג, וואָס עס האָט אים דערמונטערט און צוגעגעבן כוח.

ער האָט שוין נישט געשפּירט אַזוי די קעלט, און ס'איז אים אַפילו געווען וואַרעם אין די הענט. ליידער, האָבן די ברוינע כוליגאַנעס אויך צוגערויבט זיינע הענטשקעס. מיט אַ געפיל פון אייגענער פעסטקייט האָט ער פריי געשפּאַנט, קוקנדיק דרייסט די דורכגייער אין די אויגן, גרייט אָפּצוענטפערן אויף יעדן אַרויספאָדערנדיקן בליק. „אַכטונג! — האָט ער געטראַכט. — דאָ גייט אַ מענטש, וועלכער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון בירקהאָלץ!“ די מענטשן האָבן אָבער אויף אים קוים אַכט געלייגט און גלייך אָפּגעווענדט די אויגן, ווען זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט זיין בליק.

נעבן ניקאָלאַיס יוועליר־געשעפט, וואָס האָט כסדר אויסגעזען וויסט און חרוב, האָט ער באַמערקט אַ באַקאַנטן, דעם דירעקטאָר פון דער קונסט־שול, דעם גוטן ביליאַרד־שפּילער זאַנפטלעבן. אָבער ווי נאָר ער האָט אויף א רגע זיך אָפּגעקערט, איז זאַנפטלעבן, ווי דורך אַ כישוף, שפּורלאָז נעלם געוואָרן. דער דירעקטאָר זאַנפטלעבן האָט אים פונווייטן דערקענט און תיכף זיך אַוועקגעדרייט. וואָלפגאַנג האָט נישט געוווסט, אַז מענטשן, פונקט ווי חיות, מיידן אינסטינקטיוו אויס צו באַגעגענען זיך מיט מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך אַנטשלאָסנקייט און א גרויסן כוח.

צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט ער באַמערקט, אַז דער ראָטהויז־פּלאַץ האָט לגמרי געענדערט זיין אויסזען. ער איז געווען אויסגעלייגט מיט גרויסע, שיינע פּליטעס, ס'זענען געווען פאַרפלאַנצט עטלעכע יונגע ביימער, איצטער שוין נאַקעטע, ס'זענען געשטאַנען עטלעכע אויף גרין געמאָלטע בענק. זיין נאַרציזברונעם איז שוין אָבער נישט געשטאַנען אין דער זייט, נאָר אינמיטן פּלאַץ, דערביי איז די פיגור פון נאַרציז, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אינעם באַסיין, פאַרשווונדן.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער, כדי אַלץ גענויער צו באַטראַכטן. דער באַסיין איז געווען ווי פריער, די איינגעפאַסטע שטיינער אַרום— די זעלבע, אָבער זיין נאַרציז איז געווען אָפּמאָנטירט. וואָלפגאַנג האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און פאַררוקט דעם קאַפּעליוש. נישט ווייט האָט געאַרבעט אַ גאַסן־אַרבעטער ביים וועקסל פון די טראַמוויי־ליניעס. ער האָט אים געפרעגט:

—זינט ווען איז די פיגור פונעם ברונעם פאַרשווונדן?

דער אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט שטייענדיק אויף די קני, האָט צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— שוין מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט מען זי אָפּגערוימט, — האָט ער געזאָגט.

— און פאַרוואָס, ווייסט איר נישט?

— מ'זאָגט, אַז דאָס האָט אַ ייד געפונדעוועט, — האָט דער אַרבעטער אַרויסגעברומט.

— געפונדעוועט פון אַ ייד? — וואָלפגאַנג האָט זיך הויך צעלאַכט און אַוועקגייענדיק צוגעגעבן: — דער דאָזיקער שפּאַס מיטן יידן וועט אונדז נאָך טייער קאָסטן, ווי מיינט איר?

און ער האָט זיך ווידער הויך און פריילעך צעלאַכט.

דער אַרבעטער האָט אַ פאַרחידושטער נאָכמער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ס'האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ זיינער וואָלט געווען מיטן פּנים צו די פּלייצעס, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

„גאָט מיינער, דאָס איז דאָך אַ משוגענער! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ער האָט נאָך אַוודאי נישט געהערט פון בירקהאָלץ!“

וואָלפגאַנג האָט זיך אַריינגעזעצט אין טראַמוויי קיין יאַקאָבסביל. אויף זיין פּנים האָט נאָך אַלץ געשוועבט אַ הייטערקייט. „נאַרישקייטן, צו דעם געשפּענסט וועט אויך אַמאָל בעמען אַ סוף!“ — האָט ער געטראַכט צושמייכלענדיק.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער גענומען אַ שטול און אַוועקגעזעצט זיך אין מאַנטל און קאַפּעליוש ביי דער טיר פון זיין אַטעליע, כדי נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן דעם חורבן. ער איז געזעסן שטיל און אומבאַוועגלעך, רויכערנדיק איין „ווירגיניאַ“ נאָכן אַנדערן. אַזוי איז ער אויך געזעסן דריי טעג, איידער ער האָט זיך אַנטשלאָסן פאָרן צום ברודער, פאַרשאַפנדיק רעטען גרוים עגמת נפש.

מיטאַמאָל אָבער האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף דער פאָדלאָגע דעם לעצטן האַלב־אויסגערייכערטן „ווירגיניאַ“, אויסגעטאָן דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש און דאָס רעקל, אַריינגעגאַנגען אין קיך און געבעטן אַ לאַפּאַטע און אַ בעזעם.

— וועסט אָפּקאָכן אַ שטאַרקן גראָג, רעטאַ, — האָט ער געזאָגט, — און הייץ גוט אוים. מיר הייבן אָן!

רעטאַ האָט אונטערגעהייצט דעם אויוון, און די טרערן האָבן גערונען איבער אירע אויסגעדאַרטע באַקן. זי האָט אין זיך געוויינט, דער פּראָפעסאָר זאָל נישט באַמערקן, ווייל ער וואָלט זיך געבייזערט. ענדלעך איז ער, ווייזט אוים, ווידער געקומען צום שכל.

וואָלפגאַנג האָט צונויפגעקערט דעם גרוז און דורכן פענצטער אַרויסגעוואָרפן אין גאָרטן. איינצלנע שטיקער האָט ער זאָרגפעלטיק אַוועקגעלייגט אויפן

פּאַראַפּעט פון פענצטער: אַ פוס, אַ שטיקל פון אַ פּלייצע, אַן אויער. די צעבראָכענע שטיקער פון דער סקולפּטור „דער, וואָס צערייסט די קייטן" האָט ער צונויפגעלייגט אין אַ ווינקל. דערנאָך האָט ער גענומען אויסגלייכן דעם אייזערנעם געשטעל פון דער צעשטערטער פיגור, ער האָט גענומען בייגן און האַמערן, אַז דער שווייס האָט זיך אַזש פון אים געגאָסן. צוויי אַזייגער ביינאַכט איז ער נאָך געשטאַנען אויף אַ לייטער און גערייניקט די ווענט און סופיט. די אַטעליע האָט אויסגעזען אַזוי, ווי ס'וואָלטן דאָרט געאַרבעט צען מאַליאַרעס. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען דעם לעצטן קעלישעק גראָג. דאָס איז געווען אַ התחלה.

צומאָרגנס, בעת וואָלפגאַנג איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, האָט רעטאַ גענומען זיך צום שייערן און רייניקן. נאָכמיטאָג האָט ער זיך ווידער געשטעלט אויפן לייטער, כדי אויסצוקאַלכן דעם סופיט און די ווענט. ער איז זיך לחלוטין באַגאַנגען אָן בעל־מלאכות. יעדן טאָג איז ער אויף עטלעכע שעה פאַרבליבן אין שטאָט. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּאַקעטן מיט וועש, שיך, אָנצוגן, קראַגנס. אין אַ געוויסן טאָג האָט רעטאַ באַמערקט, אַז זיינע ציין זענען ווידער אין אָרדענונג. די נייע ציין זענען איר אַפילו בעסער געפעלן, ווי די אַלטע, זי האָט אָבער זיך געהיטן פון דעם צו רעדן.

פון דער צייט אָן איז וואָלפגאַנג ווידער געווען דער זעלבער וואָס פריער. ער האָט געפייפט, געזונגען און געטומלט אין זיין אַטעליע, פונקט ווי אין די פריערדיקע צייטן. צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָט רעטאַ ווידער געהערט קלינגען דעם טעלעפאָן. דער לערער גלייכען איז געקומען צום אָוונטברויט. זי האָט אָפּגעבראָטן הינער, און די ביידע הערן האָבן אַ גאַנצע נאַכט געטרונקען און אַזוי הויך דעבאַטירט, אַז מ'האָט געקאָנט הערן אויף דער גאַס. די גאַנצע נאַכט איז צו איר דערגאַנגען דעם פּראָפעסאָרס טיפע, צאָרנדיקע שטימע. משמעות, אַז ער וועט זיך נישט באַרואיקן, ביז מ'וועט אים ווידער נישט אָוועקשלעפּן קיין בירקהאָלץ. זעקס אַזייגער אין דער פרי איז אָפּגעגאַנגען דער ערשטער טראַמוויי אין שטאָט אַריין, און גלייכען האָט זיך צעזעגנט; ער האָט געדאַרפט זיין אין שול אויף אַכט אַזייגער.

נאָכמיטאָג זענען געקומען צוגאַסט די דאַמען לערכע־שעלהאַמער. וואָלפגאַנג האָט זיי מקבל־פּנים געווען מיט פריידיקע אויסרופן. דער פרוי בעאַטע האָט ער לאַנג געטרייסלט די האַנט, און קריסטען האָט ער אַפילו אַרומגענומען. די דאַמען האָבן געברענגט בלומען. רעטאַ האָט געמוזט קאָכן קאַווע און פאָרן אין שטאָט אַריין נאָך טשאַסטעס.

— הער גלייכען האָט אונדז דערציילט, — האָט די פרוי בעאַטע געזאָגט, — אַז איר זענט שוין אויף אַזוי וויט געקומען צו זיך, אַז איר זענט שוין בכוח צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. איז עס אמת, פּראָפעסאָר?

וואָלפֿגאַנג האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מאָרגן הייב איך ווידער אָן, — האָט ער געענטפֿערט מיט פֿולער זיכער־קייט. — היות מיט מיין פּראָפֿעסור אין שול איז, פֿאַרשטייט זיך, געענדיקט, האָב איך ענדלעך היפּש צייט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט מיין ליבלינגס־אידעע — מיט גלאַזירטער צעראַמיק. ענדלעך וועט אויך מיין טיגל־אויוון ווידער צונוצקומען.

פֿרוי בעאַטע האָט אָבער געהאַט אַ ספּעציעלן וווּנטש:

— ליבער פֿריינד! — האָט זי זיך צו אים געוואָנדן. — זינט יאָרן האָט איר מיר צוגעזאָגט צו מאָדעלירן מיין ביוסט, און ס'איז אייך אַלץ נישט אויסגעקומען. איצטער האָף איך אָבער, אַז איר וועט אויך פֿאַר מיר ענדלעך געפֿינען צייט.

וואָלפֿגאַנג האָט זיך פֿאַרנייגט און אַ שמייכל געטאָן.

— געוויס! — האָט ער געענטפֿערט.

„זי וויל מיר העלפֿן שטעלן זיך ווידער אויף די פֿיס, די גוטע נשמה, — האָט ער געטראַכט, — זי קאָן נישט באַנעמען, אַז איך האָב נישט די קלענסטע זאָרג פֿאַר מיין צוקונפֿט, ווי קאָן זי דאָס באַנעמען?" פֿרוי בעאַטעס פֿריינדשאַפֿט האָט צעוואַרעמט זיין האַרץ. ער האָט מיט אַ גלעטנדיקן און פֿאַרשגדיקן בליק באַ־טראַכט איר פּנים און פּלייצעס.

— ס'וועט פֿאַר מיר זיין אַ גרויסע פֿרייד צו שאַפֿן אייער ביוסט, — האָט ער פֿונדאַסניי אָנגעהויבן. — די אויפֿגאַבע איז נישט קיין לייכטע, דערפֿאַר אָבער אַ זעלטן דאַנקבאַרע. אין אַכט טעג אַרום, ווען כ'וועל נאָר זיין אַ ביסל מער אויסגע־רוט, וועלן מיר זיך ווידער קאָנען אומקערן צו דעם ענין, וואָס?

— איך וועל עס נישט פֿאַרגעסן.

ביי דער קאַווע איז די דאַמען איינגעפֿאַלן, אַז וואָלפֿגאַנג זאָל ביי זיי פֿאַר־ברענגען דעם אָוונט, זיי וועלן אים מיטנעמען מיט זיך אין אויטאָ. וואָלפֿגאַנג האָט די איינלאַדונג גערן אָנגענומען.

—אַ גוטע נאַכט, רעטאַ! — האָט ער אויסגערופֿן, און ווי אין די אַמאָליקע צייטן געלאָזט אָפֿן אַלע טירן, כאָטש מען האָט שוין ביי זיי געהייצט.

אַלץ איז געווען ווי פֿריער.

XII

— דער רייטמייסטער מעין דערוואַרט אייך מאָרגן צו דער באַשטימטער שעה, — האָט מען מאָריאָן צו וויסן געטאָן אין שול, — מיט צען מינוט פֿריער האָט ער טעלעפֿאָנירט.

מאַריאָן האָט אַרומגענומען אַזאַ פּחד, אַז די פֿאַרב איז אַנטרונען געוואָרן פֿון אירע פֿאַרברוינטע באַקן. דער גאַלייטער איז צוריקגעקומען!

פֿאַר דער דאָזיקער מינוט האָט זי פֿון לאַנג שוין מורא געהאַט. אַצט מוז אַלץ געזאָגט ווערן קלאָר, אָן קיין שום אויסריידן, אָן קיין שום תּירוצים — יענע צייטן זענען שוין פֿאַריבער. ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז ער וועט וועלן דערוויסן זיך איר קאָנקרעטע תּשובה בנוגע דעם אומגליקלעכן פּאַלאַץ אין פּוילן, וואָס ער האָט אין אַ בייזער שעה דאָרטן אַנטדעקט. נאָר איר פּחדנות האָט זי אָפּגעהאַלטן פֿון צו געבן אים דעמלט אַ קלאָרע תּשובה, בעת ער האָט זי וועגן דעם געפֿרעגט.

זי האָט דערפֿילט אַ מורא. אַ שטילע, שלייכנדיקע מורא האָט זי אַרומגענומען. זי האָט געוווּסט, וואָס עס שטייט אין קאָן. וואָס זאָל זי אַלזאָ טאָן?

זי איז געגאַנגען צו קריסטע לערכע-שעלהאַמער, כּדי מיט איר זיך צו באַראַטן, אָבער קריסטע האָט איר קיין שום עצה נישט געקאָנט געבן.

— ס'בלייבט דיר גאָרנישט מער איבער, ווי נאָר צו זאָגן אים דעם אמת, — האָט קריסטע דערקלערט, — אפשר וועט ער דיך ענדלעך לאָזן צורו. פֿאַרשטייט זיך, אַז דו ריזיקירסט אַריינצופֿאַלן ביי אים אין אַן אומחן, אָבער וואָס קאָן עס דיך שוין אַרן? באַמי זיך אויסצוזען אַזוי שיין, ווי ס'איז נאָר מעגלעך. אויף אַ שיינע פֿרוי קאָן מען נישט ווערן אין כּעס, און קודם-כּל פֿאַרגעס נישט איז דיין געלעכטער.

אַלזאָ, גוט. זי וועט גערן ריזיקירן, ער זאָל וואַרפֿן אויף איר אַן אומחן. אַדרבא, זי וויל דאָס טאַקע. און זי איז אַוועק פֿון קריסטען אַ ביסל אַ באַרואיקטע.

זי האָט באַשלאָסן אָנצוטאָן די בלוזקע פֿון צאַרטן געלן זייד, וואָס שלאָגט גוט אָפּ אירע שוואַרצע האָר און מאַכט בולטער אירע פֿולע ברוסטן, באַזונדערס, ווען מען זאָל צונויפֿציען די בלוזקע מיט עטלעכע שטעך אויפֿן רוקן. פֿאַרוואָס זאָל זי עס נישט טאָן? אַלע פֿרויען באַמיען זיך צו זיין רייצנדיק, הגם זיי רעדן נישט דערפֿון, און פּרעדיקן צניעות הייבן זיי ערשטן אָן, ווען זייער שיינקייט בליט אָפּ.

ווען זי האָט זיך אָנגעטאָן, באַמיענדיק זיך אויסצוזען וואָס שענער און רייצנדיקער, האָט זיך ווידער אין איר דערוועקט די פֿריערדיקע שרעק. אַן אומבאַשטימט פֿיינלעך געפֿיל פֿון שרעק האָט זי אָן אויפֿהער גענאָגט, וואָס זי זאָל נישט האָבן געטאָן און געטראַכט. כּסדר האָט אַ צאַרטער נערוו אָן אויפֿהער פּולסירט ביים רעכטן ברעם, דערפֿירנדיק זי ממש צו פֿאַרצווייפֿלונג. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס זי האָט כּסדר געדאַרפֿט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי איז אין דער בעסטער שטימונג, די מאַמושקאַ זאָל נישט באַמערקן איר שרעק. בעתן פֿאַרענדיקן איר טואַלעט האָט זי די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט זינגען און פּלוידערן. ענדלעך איז זי געווען גרייט.

— פֿאַרגעס נישט די פּאַטאָגראַפֿיעס, מאַריאַן! — האָט די מאַמושקאַ אויסגערופֿן.

לכתחילה האָט זיך געשאַפֿן אַן איינדרוק, אַז אַלע אירע פּחדים זענען געווען לגמרי אָן אַ גרונט. בעת זי האָט זיך דערנענטערט צום שלאָס, האָט זי פֿאַרן אַריינפֿאָר געזען שטיין דריי זילבערנע גרויע אויטאָס גרייטע צום אָפּפֿאָרן. די שאָפֿערן זענען שוין געזעסן אינעווייניק, און די אָפֿיצירן און אַדיוטאַנטן זענען געשטאַנען דערנעבן. אַ שווערער שטיין איז מאַריאַן אַראָפּגעפֿאַלן פֿון האַרצן.

— גוט, וואָס איר זענט אַ פּינקטלעכע, — האָט באַגריסנדיק זי געזאָגט דער רייטמייסטער מעין, וועלכער איז איר אַקעגנגעקומען. — דער גאַולייטער דערוואַרט אייך. מיר האַלטן ביים אָפּפֿאָרן.

דער גאַולייטער האָט זי אויפֿגענומען אינעם טיי־סאַלאָן. ער איז געווען אין זייער אַ גוטער שטימונג. אַנשטאָט די שטיכן פֿון פֿערד, זענען איצטער אויף די ווענט געהאָנגען עטלעכע הערלעכע איקאָנעס, וועלכע האָבן מן־הסתם געשטאַמט פֿון פּוילן. דער קליינער סאַלאָן האָט צוליב דעם באַקומען דעם אויסזען פֿון אַ קאַפּליצע. אַ ווונדערבאַרע מאַדאָנע אין אַ מאַלאַכיט־גרינעם מאַנטל איז געווען אַזוי באַצויבערנדיק, אַז מ׳האָט וואָכנלאַנג געקאָנט טרוימען וועגן איר.

— מיר האָבן נאָך גענוג צייט גאַנץ רואיק אויסצוטרינקען צו טעפּעלעך טיי, — האָט רומף געזאָגט, גריסנדיק זיך מיט איר. — ערשט מיט צוויי שעה פֿריער האָב איך דערהאַלטן טעלעפֿאָניש אַ באַפֿעל תיכּף אָפּצורייזן, איז מעגן זיי אַביסל וואַרטן. אומגעדולדיקייט איז דערווידער פֿאַר גרויסע גייסטער.

ערשט איצט האָט ער זי אָנגעהויבן נענטער צו באַטראַכטן.

— איך האָב מיך זייער געפֿרייט צו קאָנען ווידער זען זיך מיט אייך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, —האָט ער אויסגערופֿן, — און ווי פֿיין איר זעט היינט אויס, מאַריאַן!

מאַריאַן האָט זיך פֿאַררויטלט און צעלאַכט. כּדי צו פֿאַרבאָרגן איר אומזיכערקייט, האָבן אירע אויגן זיך אָנגעכאַפּט אין דער מאַדאָנע אינעם מאַלאַכיט־גרינעם מאַנטל.

— די מאַדאָנע איז הערלעך! — האָט זי געזאָגט.

— איר האָט ליב איקאָנעס? — האָט רומף געפֿרעגט.

— ווי אַמאָל, —האָט מאַריאַן געענטפֿערט, — דאָס רוב זענען זיי אָנגעכמורעט. אָבער די דאָזיקע מאַדאָנע אינעם גרינעם מאַנטל איז לויט מיר ממש אַ באַצויבערנדיקע.

רומף האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— מיך אינטערעסירן זיי לגמרי נישט, — האָט ער געזאָגט, — זיי זענען פֿאַר מיר צו קאַטויליש און דערמאָנען מיר צופֿיל דעם פֿינצטערן מיטלאַלטער,

וועלכן איך האָב. מ'האָט זיי געזאַמלט פֿאַר מיר אין פּוילן, און עפּעס אַ משוגע־נער האָט זיי מיר צוגעשיקט. ביטע, נעמט אייך מיט עטלעכע, אויב זיי געפֿעלן אייך.

מאַריאַן האָט געדאַנקט און אָפּגעזאָגט זיך, מאָטיווירנדיק, אַז זיי זענען איר אומהיימלעך.

— לחלומין ווי מיר, — האָט רומף געלאַכט, פּרוּווּנדיק אָנצונעמען זי פֿאַר דער האַנט. — איך האָב אַ סך ליבער צו קוקן אויף מיין קליינער יידישער מאַדאָ־נע, וועלכע האָט, דאַנקען גאָט, גאַרנישט געמיינזאַמעס מיטן מיטלאַלטער. דוכט מיר, אַז דאָס איז די זעלבע געלע בלוזקע, וועלכע איר האָט איינמאָל געטראָגן אין פֿרילינג, אמת? און ס'זעט אויס, ווי איר וואָלט עטוואָס פֿולער געוואָרן?

— ס'איז באמת צו באַוווּנדערן, ווי איר באַמערקט אַלץ, הער גאָלייטער, — האָט מאַריאַן געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך ביים טיש.

רומף האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס איז אמת, — האָט ער געזאָגט, — זע איך עפּעס איינמאָל, פֿאַר־געס איך דאָס שוין ניט אַזוי שנעל. — פּלוצלונג האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט, ווי ס'איז געווען זיין טבע, ווען ס'איז אים אומגעריכט איינגעפֿאַלן עפּעס לוסטיקס.

— און אונדזער פּאַלאַץ אין פּוילן? — האָט ער אויסגערופֿן לאַכנדיק, — האָט איר כאָטש אַ ביסל אַ טראַכט געטאָן וועגן אונדזער פּאַלאַץ אין פּוילן?

מאַריאַנס האַרץ איז פֿאַרשטשעמעט געוואָרן. זי איז געוואָרן בלאַס. „אָט הייבט זיך עס אָן, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — אָט איצט! און איך האָב גע־האָט שוין די האָפֿענונג, אַז ער וועט אַוועקפֿאָרן, איידער ער וועט די פֿראַגע באַ־רירן".

— יאָ, איך האָב וועגן דעם אָפֿט געטראַכט, — האָט זי שטיל געזאָגט, שמאַכטענדיק.

אָבער רומף האָט פֿאַרהערט די געפֿרעסטקייט און אַנגסט פֿון איר שטימע, ווייל ער האָט גראַד פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— ביטע, נעמט אַ פּאַפּיראָס, מאַריאַן, — האָט ער געזאָגט, — כ'ווייס, אַז פֿון צייט צו צייט רויכערט איר גערן ביי אַ גלעזל טיי, אמת?

ער האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן.

— ס'איז מיר אויסערגעוויינלעך פֿיינלעך אייך צו זאָגן, אַז מיט דעם פּוילישן פּאַלאַץ האָב איך מיך געוואַלדיק בלאַמירט.

— מיט וואָס האָט איר זיך בלאַמירט? — האָט געפֿרעגט מאַריאַן, וועלכע האָט מיטאַמאָל ווידער געקאָנט פֿריי און לייכט אָפּאָטעמען.

רומף האָט הילכיק זיך צעלאַכט.

— יאָ, — האָט ער אויסגערופֿן, — כ'האָב זיך אויף אַן אמת בלאַמירט, כ'איז גאָר צום לאַכן. ווייסט איר, מאַריאָן, וואָס ס'איז געוואָרן פֿון אונדזער הערלעך פּאַלאַצל? די מייז האָבן עס אויפֿגעפֿרעסן, כאַ-כאַ-כאַ!

מאַריאָן האָט זיך אויך צעלאַכט.

— די מייז? — האָט זי אויסגערופֿן, — די מייז?

זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט פֿריי און לייכט, אַז ס'האָט זיך איר פֿאַרוואָלט אונטערשפּרינגען. צום ערשטן מאָל איז איר דער פּאַרשוין מיט די רויטע האָר געוואָרן סימפּאַטיש. דער ביטערער כוס האָט זי נאָכאַמאָל אויסגעמיטן.

רומף האָט אַ לוסטיקער נישט אויפֿגעהערט לאַכן.

— יאָ, ס'איז באמת אַ געלונגענער וויץ, — האָט ער אויסגערופֿן, — פֿאַרשטייט זיך, אַז די מייז האָבן דאָס רייצנדיקע פּאַלאַצל נישט אינגאַנצן אויפֿגעפֿרעסן. עס שטייט נאָך היינט ווייטער אין גאַנצער פּראַכט. איך האָב אַהין געשיקט אַן אַרכיטעקט באַקוקן דעם בנין, און יענער האָט אייַנגעפֿונען, אַז דאָס פּאַלאַצל איז נישט צום באַוווינען. די מייז, די סאַמאָראָדנע פּוילישע מייז, האָבן צעפֿרעסן אַלע בעלקעס, די פּאָדלאָגעס, די סופֿיטן, דעם דאַך, די טרעפּ — אַלץ. דאָס פּאַלאַצל קאָן צו יעדער צייט זיך פֿאַנאַנדערפֿאַלן. צען יאָר צייט איז עס נישט באַוווינט געווען.

מאַריאָן האָט לאַנג און האַרציק נישט געקאָנט זיך געגנוג אָנלאַכן פֿון דער מעשה מיט די מייז.

— איך פֿריי מיך, וואָס איר נעמט אויך אויף די זאַך נישט טראַגיש, פּונקט ווי איך, — האָט רומף געזאָגט, — איך וועל מוזן געפֿינען עפּעס אַנדערש, עפּעס בעסערס, — האָט ער צוגעגעבן, אויפֿשטעלנדיק זיך, — עפּעס אַ סך בעסערס! אַגב, וואָלטן די פּוילישע פּויערים אייך געלאַנגווייליקט אויף טויט. ס'וואָלט סיי-ווי-סיי נישט געווען דאָס פּאַסיקע אָרט פֿאַר אייך. און איצט, ווי ס'זאָל מיר נישט זיין קיין שאָד, מוז איך זיך איצטער מיט אייך געזעגענען, שיינע מאַריאָן!

רומף איז שנעל צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און אַראָפּגענומען פֿון האָקן די מאָדאָנע אין מאַלאַכיט-גרינעם מאַנטל.

— אָט, נעמט דאָס צו, מאַריאָן, — האָט ער געזאָגט, שטופּנדיק דאָס לייבטע בילד איר אין האַנט, — עס איז דאָך אייך אַזוי שטאַרק געפֿעלן. איך בעט אייך האַרציק, איך אייל זיך באמת זייער שטאַרק.

ער האָט באַגלייט מאַריאָן ביזן פּאָדערצימער און געוואַרט, ביז דער דינער האָט איר געהאָלפֿן אָנטאָן דעם מאַנטל.

— זייט געזונט! — האָט ער געזאָגט און דערלאַנגט איר די האַנט. — איך וועל זוכן, ביז איך וועל געפֿינען פֿאַר אייך עפּעס פּאַסיקעס, מאַריאָן. מיר וועלן זיך איינגיכן זען. דערלויבט, אַז איך וועל אַרויסגיין פֿאַר אייך.

דער גאַולייטער איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען און כמעט אין דער זעלבער מינוט האָט מאַריאַן דערהערט דעם פאַרטומלענדיקן גערויש פון די אָפּפאָרנדיקע אויטאָס.

XIII

נאָך וואָלפגאַנגס שטורמישן באַזוך איז פאַביאַן קראַנק געווען אַ גאַנצע וואָך. צוויי טעג האָט ער אפילו געמוזט ליגן צו בעט. ער האָט אויסגעזען אויסגעמאָגערט און געל, ווי ער וואָלט געהאַט געלזוכט. וואָלפגאַנגס באַשולדיקונגען האָבן אים געטראָפן, ווי קלעפּ פון נאַהייקעס. אַ סך פון זיינע אָנקלאַגעס זענען געווען לגמרי אומגערעכטע, אָבער אין אַלעם איבעריקן האָט ער, צום גרויסן באַדויערן, אים געמוזט געבן גערעכט.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען לחלוטין אוממעגלעך, ער זאָל זיינע פאַרבינדונגען מיט דער פּאַרטיי קאָנען אויפלעזן. ווי פשוט וואָלפגאַנג שטעלט זיך דאָס פאָר! זאָל ער זיך דערמאָנען דעם דאָקטאָר פאַפענראָט, למשל, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, הגם מ'האָט אים געוואָרנט פאַר דעם שריט. מ'האָט אים פשוט פאַרבאָטן צו פּראַקטיצירן און געמאַכט אים אַ פּראָצעס. ער זאָל זיך כלומרשט האָבן אונטערגענומען דורכצופירן עפּעס אַ טונקעלן ענין, וואָס איז געשטאַנען אין סתירה מיט די נייע געזעצן. דאָקטאָר פאַפענראָט האָט געמוזט אויפהערן פּראַקטיצירן, איז מאַטעריעל רואינירט געוואָרן און זיינע נערוון זענען אויף אַזוי ווייט דערשיטערט געוואָרן, אַז ער האָט זיך לסוף געסמט. פאַביאַן האָט געוווסט פון צענדליקער אַזעלכע פאַלן. ניין, מיין ליבער וואָלפגאַנג, — דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך אויפצולעזן די פאַרבינדונגען מיט דער פּאַרטיי, ווי דו שטעלסט דיר דאָס פאָר, אויף קיין פאַל נישט. נישט בלויז די אַנטלאָפענע פון בירקהאָלץ ווערן פאַרפייניקט אויף טויט, נאָר אויך יעדער איינער, וועלכער וויל אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי. אינעם רוב פאַלן באַדייט עס פשוט זעלבסטמאָרד.

דער באַוווסטזיין, אַז ער פאַרלירט דעם ברודער, האָט אים טיף ווייגעטאָן, וואָלפגאַנגס שנאה צו אים איז געווען פאַר אים אומדערטרעגלעך. וואָכנלאַנג האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק וועגן פאָרן קיין יאַקאָבסביל און פּרוּוון מיט אים שלום מאַכן. ער האָט אָבער גוט געקענט וואָלפגאַנגס טראָציקייט און געוווסט, אַז וואָלפגאַנג וועט אים אַפילו נישט וועלן אויסהערן.

יעדנפאַלס, איז זיין בלינדער גלויבן אין דער פּאַרטיי דערשיטערט געוואָרן אויף לאַנגע חדשים, און ער האָט ערשט ווידער צוריקגעפונען דעם פולן צוטרוי

צו איר, ווען די ארמיי איז נאָך קאַפּשווינדלערישע נצחונות שוין געשטאַנען ביי די ברעגן פון צפון־ים און קאַנאַל לאַ—מאַנש.

די פריידיקע אויפגעמונטערטקייט האָט אים געהאָלפן אוועקצוקוקן פון א סך זאַכן. יעדן אָוונט איז ער מיט זיינע פריינד געזעסן אין „שטערן“, אויך טאַובענ־האַוז און קריג זענען אָפּט געווען אָנוועזנד, און זיי האָבן דעבאַטירט וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט. די ארמיי איז געשטאַנען אין נאַרוועגיע און ביים קאַנאַל לאַ—מאַנש, גרייט צום שפּרונג אויף ענגלאַנד. די ענגלישע אימפּעריע האָט געפּלאַצט אויף אַלע נעט, אין דעם איז קיין ספק נישט געווען. עס האָט געהאַלטן שלעכט מיט ענגלאַנד, זייער שלעכט.

— מיר וועלן ענגלאַנד צעקלאַפּן, ווי פּוילן, אָבער נאָך האַסטיקער! — האָט נביאות געזאָגט דער לאַנדגעריכטס־ראַטגעבער פּעטערסמאַן. — און דעמלט, און דעמלט!

טאַובענהאַוז האָט אויפגעהויבן זיין כוס.

— פאר דאָס גרויסע דייטשלאַנד!

„ס'האָט זיך אָנגעהויבן דייטשלאַנדס טויט־משוגעת“ — האָט געשריבן „דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“ אין זיינע אַנאָנימע בריוו, אויף וועלכע ער האָט מיט אומפאַרשעמטער חוצפּה אָנגעשריבן דאָס קעפּל: „דייטשלאַנד, דערוואַך!“.

— מ'דאַרף דעם דאָזיקן ליץ אויפהענגען, ווי מ'וועט אים נאָר כאַפּן! — האָט פּאַביאַן געשריגן. אויסער זיך פון צאָרן. — דער דאָזיקער משוגענער פאַרסמט די גאַנצע שטאָט! ער וואַרפט פאָר דעם דייטשישן פאָלק די שולד פאַר דעם פאַר־גאָסענעם בלוט פון די דרייסיק טויזנט אומגעקומענע בירגער פון ראָטערדאַם, וועלכע זאָלן האָבן געפאַלן א קרבן פון די דייטשישע באָמבעס. האָט שוין ווער געזען עפּעס א גרעסערע צעמישונג פון באַגריפן? זינט עס עקזיסטירן מאָדערנע מלחמות, האָט דער זיגער שטענדיק אויפגעפאָדערט די שטאָט, וועלכע שטייט אים אין וועג, צו קאַפּיטולאַציע, און ווען זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם אולטימאַטום, האָט ער זי צעשטערט, און די גאַנצע וועלט האָט עס געהאַלטן פאַר נאָרמאַל.

„פּונקט ווי די ווילדע נעגער־שבטים רייסן זיך אריין אויף פרעמד לאַנד און צעראַבעווען די פי, אזוי רייסן זיך אריין די דייטשישע סאָלדאַטן איבער גרענעצן, נישט אָנערקענענדיק קיין שום מאָראַלישע געזעצן, און פירן זיך אויף ווי אונטער־ציגדער, רויבער און מערדער, און דאָס רופן זיי אָן „מלחמה“ — האָט געשריבן דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“.

פּאַביאַן האָט זיך אויסגעלאַכט פון די דאָזיקע אומפאַרשעמטע גוזמאות. ווייסט גאָרנישט דער דאָזיקער משוגענער קאָפּ וועגן רעכט אויף קריגסטראָפּייען? פּאַביאַן איז שטענדיק געווען אן אָנהענגער נאָר פון ריטערלעכער מלחמה און

שארף פאַראורטיילט אַלע פאַרגוואַלדיקונגען פוּנעם אינטערנאַציאָנאַלן קריגס־רעכט.

געוויס, ווען א „גרויס דייטשלאַנד“ וועט ווערן א פאַקט, דעמלט וועט אויך דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט“, א פאַרשעמטער, זיך צוריק אומקערן אין זיין ביוראָ, אין זיין אַמט־צימער, אָדער אין זיין דאָרף־שטיבל, אויב מ׳וועט אים פריער נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אויף וואָס פּאַביאַן האָפט מיטן גאַנצן האַרצן. דעמלט וועט אויך וואָלפגאַנג גענייגט זיין צו שלום מאַכן. ער וועט ענדלעך תופס זיין, אַז אַלץ איז געווען נויטווענדיק און דורכגעטראַכט, אָט ווי דאָס דאָזיקע בירקהאָלץ און אַנדערע לאַגערן. ער וועט פאַרשטיין, אַז דאָס „גרויסע דייטשלאַנד“ איז אוממעגלעך געווען צו דערגרייכן, נישט אָפּרוימענדיק פריער פון וועג אַלע שוועריקייטן און שטערונגען. און לסוף (דאָ האָט פּאַביאַן זיך צעשמייכלט) וועט ער איינזען, אַז זיי אַלע צוזאַמען — ריכטער, פּראָפעסאָרן, אָפיצירן, זענען נישט געווען קיין סתם לייכטגלויביקע נאַראָנים און געווויסנלאָזע עגאָיסטן, ווען זיי האָבן געגלייבט אין דייטשלאַנדס גרויסער מיסיע.

די אַרבעט אין פּאַביאַנס „אויפבוי־צענטראַלע“ האָט זיך לגמרי אָפּגעשטעלט. ס׳איז מער נישט געווען קיין אַרבעטס־כוחות אין שטאָט. אַלע מענער, וועלכע האָבן געקאָנט טראָגן געווער, זענען געווען אויפן פראָנט אָדער אין די קאַזאַרמעס, אויב זיי זענען נישט געווען באַשעפטיקט אין דער קריגס־אינדוסטריע. טאָג און נאַכט זענען צו די פראָנטן אָפּגעגאַנגען צוגן מיט נייע אָפטיילונגען. יעדן טאָג האָבן מאַרשירט רעקרוטן מיט זייערע קופערטלעך אין די קאַזאַרמעס. דייטשלאַנד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן מיליטערישן לאַגער.

אין שטאָט האָבן זיך אָפּטער אָנגעהויבן באַווייזן אין שוואַרצן פאַרשלייערטע פרויען. מ׳האָט אָנגעהויבן אָפט באַגעגענען פאַרווונדעטע און קאַליקעס, איינהענדיקע און איינפיסיקע. קאָלאָנעס מלחמה־געפאַנגענע פון פאַרשידענע פעלקער האָבן מאַרשירט דורך די גאַסן.

אין די דאָזיקע טעג האָט פּאַביאַן זיך אַנטשלאָסן איבערצוציען זיך אין קלאָטילדעס נייער וווינונג, וווּ ס׳זענען זינט חדשים געשטאַנען גרייט צו זיין דיספּאָזיציע צוויי שיינע צימערן. קלאָטילדע האָט געדולדיק געוואַרט, זי איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט געשען. דאָס איבערציען זיך איז געמאַכט געוואָרן ווי וויט מעגלעך אָן שוועריקייטן פאַר אים. ער האָט עס קוים געשפּירט. זיינע ביידע בחורים האָבן אַלץ באַזאָרגט. נאָר אין דער ערשטער נאַכט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

זיין אַדימסע אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זיינע בלאָנדזשעניש! האָבן זיך געענדיקט!

א קורצע צייט אין זיין לעבן איז ער באמת געווען גליקלעך. דאָס איז געווען דעמלט, ווען ער האָט ליב געהאט קריסטען. דעמלט איז ער באמת געווען אן אנ־דערער מענטש. זיין האַרץ האָט געבליט. ס'איז פול געווען מיט ליבע און מיט אַ סך גוטע פאַרלאַנגען צו טאָן גוטס. זיין גייסט איז געווען לעבעדיק און שעפעריש. ער וועט קריסטען קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דערנאָך האָט ער זיך געקוויקט מיט די קושן פון דער שיינער שאַרלאָטען, ער האָט זיך אָבער נישט געפילט גליקלעך, און אָט לעבט ער ווידער ביי קלאָטילדען, וועלכע ער האָט אַנומלט פאַרלאָזט מיט פאַראַכטונג.

קלאָטילדע האָט שוין מער נישט געהאט די אַמביציע אים צו דערציען לויט אירע ווונטשן, הגם זי איז נאָך געווען ווי פריער עגאָיסטיש, איינגעשפאַרט און הערשעריש. ער האָט פונדעסטוועגן געמוזט מודה זיין, אַז אין געוויסע זאַכן איז זי געוואָרן אַ סך פאַרשטענדיקער. „דער קליגערער גיט נאָך“, — פלעגט זי גע־ווײנלעך אָפט זאָגן, בעת ס'זענען געווען צווישן זיי חילוקי־דעות, און אויסגעמיטן יעדן סיכסוך. איבעריקנס האָבן זיי זיך אויך גייסטיק דערהענטערט, מחמת ביידע האָבן געשטרעבט צו אַ „גרויס דייטשלאַנד“, פאַר וועלכן קלאָטילדע איז גרייט געווען, ווי זי האָט געזאָגט, צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

דערצו האָט ער געהאַט זיינע צוויי זין, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאט. זיי אַנטוויקלען זיך פרעכטיק און זענען געזונט. וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש מער?

XIV

אין די לעצטע וואָכן האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אָנגריפן פון די ענגלישע לופט־עסקאַדרעס אויף דער שטאָט. זיי זענען געוואָרן האַרטנעקיקער און געפער־לעכער. אַ ריי הייזער זענען חרוב געוואָרן. אַ גאַנצער בלאָק הייזער ביי דער ביי־שאָף־בריק איז אַוועק מיטן פייער. זיי וואַרפן איצטער אויף דער שטאָט בענזין־באָנקעס און פאָספאָר־באָמבעס.

ס'זענען שוין לאַנג פאַרביי יענע צייטן, ווען זיי האָבן נאָר חרוב געמאַכט אַ קאָנזשעניע, און די מענטשן האָבן חוזק געמאַכט פון זייער אָנפאַל. ווי נאָר די סירענעס האָבן זיך צעשריגן, האָט זיך אַלץ געלאָזן אין גרעסטן געאייל צו די לופטשוץ־קעלערס, אין וועלכע ס'איז שוין געווען גוט קאַלט. מיט האַק און פּאַק, מיט קליינע קינדער און וויגלינגען, מיט קינדער־וויגעלעך, בעטגעוואַנט און קליינע קופערס, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע זאַכן, האָבן זיך גאַנצע פאַמיליעס געיאָגט דורך די פינצטערע גאַסן אין פּאַנישער שרעק און פאַר־שווונדן געוואָרן אין עפּעס אַ נישט קענטיקער לאָך, וואָס עס האָט נאָר געקאָנט

געפונען א באהאוונטער מענטש. ניין, מיט די ענגלענדער איז שוין נישט געווען צי שפאסן! ס׳איז גענוג געווען א טראכט צו טאָן, וואָס עס האָט געטראָפן קעלן, דיסעלדאָרף, ברעמען און אנדערע שטעט. זינט ס׳איז אין איין שעה פארברענט געוואָרן דער גרויסער הייזער=בלאָק ביי דער בישאָף=בריק, האָבן אפילו די מוטיקסטע זיך דערשראָקן ביים ערשטן פייף פון דער סירענע.

ראָבי האָט איבערגעלעבט דערהויבענע טעג. לכתחילה האָט מען אריינגעצויגן בלויז די עלטערע יאָרגענג פון דער היטלער=יוגנט. אויפן באפעל פון פולקאָווניק פאָן טינען, דעם שעף פון דער גאנצער שטאָטישער לופטשוץ, האָבן זיי אויסגעפירט הילפס=דינסט ביי די זעגיט=הארמאטן. דער פולקאָווניק האָט געהאלטן, אז מ׳דאַרף די יוגנט וואָס פריער צוגעוווינען צו פייער. די ייִנגערע בחורים אָבער, צו וועלכע ס׳האָט אויך געהערט ראָבי, האָבן נאָך אלץ נישט געהאט וואָס צו טאָן און געמוזט, ווי אלע אנדערע, זיצן ערגעצוו אין א לופטשוץ=קעלער, און דאָס איז געווען אומגעהויער לאנגווייליק און נאריש. דערווייל האָט דער פולקאָווניק געשאפן א נייע פאָרמאציע, וואָס ער האָט אָנגערופן „בירגער=שוץ“, אין וועלכער עס זענען אָנגענומען געוואָרן נאָר די קרעפטיקסטע בחורים, און ראָבי איז ווידעראמאָל אויסגעמיטן געוואָרן און ווייטער געמוזט זיצן בעת די לופט=אָנגריפן אינעם לאנגווייליקן קעלער מיט „קינדער און זויגלינגען“, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. די חברה אָבער פון „בירגער=שוץ“ האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָנדערציילן פון זייערע וווּנדערלעכע פאסירונגען. זיי האָבן נאָכגעשפּירט די לופט=שלאכטן, בעת וועלכע מ׳האָט געשאָסן מיט טראסירנדיקע קוילן, זיי האָבן געלאָשן שרפות, זיי האָבן דורך די פענצטער ארויסגעוואָרפן מעבל, בעת דער דאך האָט איבער זיי שוין געברענט, און וואָס נאָך זיי האָבן אלץ נישט איבערגעלעבט.

דאָס זענען געווען פאסירונגען לויט ראָבים געשמאק, און ער האָט באשווירן זיין מוטער, זי זאָל זיך פאר אים משתדל זיין ביים פולקאָווניק פאָן טינען. ער איז דאָך פונקט אזוי קרעפטיק, ווי די אנדערע. ענדלעך האָט מען אים פאררעכנט צו דער „בירגער=שוץ נומער דריי“, וואָס האָט קוואַרטירט אין שעלהאַמערס ביוראָ=הויז, דעם מאסיוון בנין פון שטאָט.

ראָבי האָט שוין מיטגעמאכט זעקס לופט=אָנגריפן! עס איז, פארשטייט זיך, געווען גאָר עפּעס אנדערש, ווי דאָס אומזיניק פארשטעקט זיין אין א קאלטן קעלער מיט שרייענדיקע קינדער. דריי מאָל האָט ער שוין געהאט גאסן=דינסט. דאָ האָט ער געהאט אָפּצופירן פארשפּעטיקטע דורכגייער צום נאָענטסטן לופטשוץ=קעלער, אָנווייזן די פייערלעשער דעם קורצסטן וועג צו א ברענענדיק הויז, ער האָט ארויסגערופן דעם קאָמענדאנט פון בלאָק פון קעלער, ווייל אויפן פערטן שטאָק פון זיין הויז האָט געברענט אַ ליכט. דערביי האָט ער געהערט דאָס דונערן פון די פיינטלעכע מאשינען הויך אין דער לופטן און ער האָט געזען די עקספּלאָזיעס

פון די זעניט־גראנאטן אין שווארצן הימל. אינעם בונקער גופא, וואָס זיי האָבן אָנגערופן זייער קוואַרטיר, האָט מען זיך נאָך א סך בעסער אונטערגעהאַלטן. יעדער לופט־אָנגריף איז געווען פאַר ראָבין א נייע סענסאַציע. אויסער דעם, האָט ער בכלל ליב געהאַט צו בלייבן אויף דער וואך וואָס לענגער אין דער נאכט.

פאביאן איז געווען העכסט צופרידן מיט דער פאַרענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט ראָבין. הארי האָט זיך געפונען אין אן איבונגס־לאגער אלס אָפיציר־אספיראנט, און יעדן שבת פלעגט ער קומען אהיים אין זיין געפּאַסטן אוניפאָרם. און אָט האָט ראָבי ענדלעך זיך באפרייט פון זיין עקשנותדיקן ווידערווילן צו אלץ, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט מיליטער.

ווי נאָר עס האָבן זיך געלאָזט הערן די סירענעס, האָט ראָבי מיט פריידיקער אייפעריקייט אָנגעטאָן זיין ברוינעם מונדיר, אָנגעהאָנגען די פעלד־פלאַש מיט שווארצע קאווע אויפן רימען און איז גלייך פארשוונדן. ער האָט זיך געטראָגן אין דער פינצטערניש און געשווינד דערקליבן זיך צום שעלהאמער־בונקער. דאָרט איז געווען אַ פרייליכער פונקט, מען האָט זיך אָנגעהערט אָן אַ שיעור מעשיות, נייעסן, קלאנגען, ס'איז געווען קאווע און ביר, איינער האָט אפילו אָפט געהאַט קאָניאַק אויך. עס איז געווען זייער פריילעך. ווען מ'האָט געעפנט די קעלער־טיר, האָט מען געזען די רעפלעקטאָרן נישטערן איבערן שווארצן חלל פון די הויפן. די שאָסן פון דער זעניט־ארטילעריע האָבן פארבלענדט, אויפבליצנדיק אויף די מויערן, ווי געשפענסטער. די אויפרייסן האָבן געדונערט, און אויבן אויפן דאך האָבן קורץ און שאַרף געשטעפט די שווערע מאשין־געווער, וועלכע האָבן, ווי מ'האָט געזאָגט, אַ סך טאָממים „פארטיק געמאכט". זיי האָבן אויך געהאַט אַ טעלעפאָן אין קעלער, ווייל זיי האָבן אונטערגעהאַלטן א כסדרדיקע פארבינדונג מיט דער „לופטשוץ־צענטראַלע".

אָפטמאָל איז געווען אינגאנצן רואיק, ס'זענען אָבער אויך געווען אזעלכע אָוונטן, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אָן איבעררייס און מ'האָט נישט געהאַט קיין רואיקע מינוט.

היינט האָט די לופטשוץ־צענטראַלע גאָר באזונדערס אַליאַרמירט.

„אכטונג! אכטונג! אַן עסקאַדרע פון הונדערט און צוואָנציק פירמאָטאָרדיקע באָמבאַרדירער דערנענטערט זיך צו דער שטאָט!".

„הונדערט און צוואָנציק פירמאָטאָרדיקע!" גאָט מיינער! ווו נעמען זיי די אַלע מאשינען?

„האַלט דעם שנאָבל, ראָבי!" — האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן.

די זעניט־אַרטילעריע האָט זיך תיכף מעכטיק צעפייערט, די מאשין־געווער אויפן דאך האָט געשטעפט. טעלעכע שווערע גאָענטע זעץ האָבן אויפגעטרייסלט דאָס הויז. שויבן האָבן זיך צעטראסקעט און צעבראָזגעט אויפן הויף. די בחורים

האָבן געיובלט. זיי זענען געווען צו יונג, זיי זאָלן זיך אָפּשרעקן, דערצו זענען זיי געווען זאַלבעצוואַנציק.

אינמיטן ליאַרעם איז אַראָפּגעקומען פונעם דאַך א סאָלדאַט, שוואַרץ פון סאַזשע, און געבעטן עטלעכע פלעשער ביר. ער האָט געוווסט, אז מ׳מוז די יונגערס, ווי זיי האָבן די חברה־לייט אָנגערופן, עפּעס מיטטיילן, זיי זאָלן וועלן געבן עטלעכע פלעשער, כאָטש די הילצערנע באַנק איז געווען פול אָנגעשטעלט מיט ביר.

— היינט איז דער טאַממי לחלוטין משוגע געוואָרן, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט, — משמעות, אז ער פלאַנירט עפּעס.

— האָט איר שוין עפּעס אַראָפּגעשאָסן?

דער סאָלדאַט האָט זיך צעלאַכט.

— איינער איז, זעט אויס, אַראָפּגעפאַלן. דער קאַפּיטאַן האָט געשריגן: „שיסט, וויפל די לופעס וועלן נאָר אויסהאַלטן. די לעצטע באַמבע האָבן זיי באַשטימט פאַר אונדז. די ענגלישע זעלנער, די טייוואָלים, האָבן זיך עם היינט פאַרמאָסטן אויף אונדזער בונקער! שנעל, שנעל, זיי קערן זיך אום!“

דער סאָלדאַט האָט באַקומען דריי פלעשער ביר, ווען ער האָט אָבער געוואָלט באַצאָלן, האָט מען אים אויסגעלאַכט:

— מיר זענען דאָך נישט קיין רעסטאָראַן!

און דער סאָלדאַט מיט די דריי פלעשער ביר איז פאַרשוווּנדן.

ס׳האָט זיך דערהערט א שאַרף קלינגען פון טעלעפאָן, און ראָבי, וועלכער האָט היינט געהאַט טעלעפאָן־דינסט, האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

— די עסקאַדרע פאַרקערעוועט זיך אויפן צפון, מ׳קען דערוואַרטן אין א ווייַלע אַרום אַן אָפּרוף פון אַליאַרם, — האָט ער אַראָפּגעשריגן אין קעלער.

דער סאָלדאַט מיט זיינע דריי פלעשער ביר האָט דערווייל ווייטער געקלעטערט צום דאַך, און גראַד ווען ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן דאַך־פענצטערל, האָבן אַזוי הילכיק א דונער געטאָן די מאַטאָרן איבער זיין אויער, ווי ס׳וואָלט דורכגעפליגן אַ פיינטלעכע מאַשין סאַמע איבערן דאַך. די דריי מאַשינען געווען ביים קוימען האָבן געשאָסן, אז סנאַפּעס פונקען האָבן געשפּריצט פון די לופעס. גלייכצייטיק זענען אַראָפּגעפאַלן דריי רויטע ליכט־קיילעכלעך פונעם טונקעלן הימל, דערצו אַן אומצאָליקער שלל פון קליינע פינקלדיקע שטערן. דער סאָלדאַט איז ענדלעך דורכגעקראָכן דורכן דאַך־פענצטערל און אין דער זעלבער רגע דערפילט א שטאַרקן לופט־צוג, וועלכער האָט ביי אים שיר נישט אַראָפּגעריסן די קורטקע, און עפּעס ווי א מעכטיקער שאָטן האָט געשפּענסטיק א שוועב געטאָן סאַמע איבערן דאַך. דער קוימען האָט זיך א בייג געטאָן אויף פאָרנט צו.

דעם טראַסק פון דער באָמבע האָט ער שוין נישט געהערט. דער דאַך מיט די זעקס שווערע מאַשין־געווער, דער טונקעלער, געזעמל סאָלדאַטן און דער קוי־

מען האָבן צוזאַמען זיך איינגעבראָכן, און ווי א דונערנדיקע לאַווינע איז דער פינפשטאָקיקער בנין פּאַרזונקען, געוואָרן אין דער טיפקייט.

מאָמענטאַל האָבן ארויסגעשלאָגן פלאַמען. דאָס העלע פייער האָט זיך אָבער גלייך פארוואנדלט אין א פלאַקערנדיקער רויטער בראנד! א זייל פון רויטן קאָפּ־טשענדיקן רויך האָט ארויסגעזעצט פון דער קופּע גרוז און געבליבן הענגען איבער דער שטאָט, ווי א פינצטערער מיט פונקען שפּריצנדיקער וואָלקן.

קורץ נאָך דעם האָט די „לופטשוץ־צענטראַלע" דערהאַלטן א מעלדונג, אז דער שעלהאַמער־בונקער איז פאַרניכטעט געוואָרן פון א לופט־מינע, און פּולקאָוו־ניק פאָן טינען, אן אומדערמידלעך טעטיקער, האָט תיכף ומיד ארויסגעגעבן זיינע באַפעלן. עטלעכע מינוט נאָכן אָפּרופן דעם אַליאַרם האָבן שוין סאָלדאַטן ביים שיין פון סמאָלע־פאַקעלן געקלעטערט אין די וואָלקנס פון קאָפּטשענדיקן רויך. עס זענען גלייך אָנגעקומען פייערלעשער־קאָמאַנדעס, אָבער יעדער האָט גלייך גע־זען, אז דאָ איז נישטאָ מער וואָס צו ראַטעווען.

די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט עטלעכע פּרוון אריינצודרינגען אין די בערג גרוז, זיי האָבן אָבער דאָס באַלד אויפגעגעבן. צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנ־טער ציגל — ס'איז נישט מעגלעך געווען עפּעס אויפצוטאָן. פּולקאָווניק פאָן טינען האָט זיך מיט זיין אויטאָ דורכגעשלאָגן א וועג צום בונקער דורך גאַסן פולע מיט גלאָזברוך, איינגעפאַלענע פאַסאַדן, צעשפּליטערטעביימער. א שווערער אָנפּלי, אָן שום ספק! די וועבערייען פון קאַספּאַרן, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט אַמוניציע, זענען געווען פאַרניכטעט, דריי קאַזאַרמעס פאַרניכטעט, צוויי אַלטע קירכעס, איין רעגירונגס־בנין. פון וואַנען האָבן די ענגלענדער געקאָנט וויסן פון די אַלע ערטער? שפּיאָנען, שפּיאָנען!

א האַלבע שעה צייט האָט פּולקאָווניק פאָן טינען געקלעטערט אויפן רויכיקן באַרג גרוז, ביז ער איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן פון סאַזשע. צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער ציגל, אייזערנע סלופּעס, בעלקעס, גלאָזברוך, דאַכלקעס, כאַפּט זיי דער טייוול, די טאָמטמים!

— קודם־כּל מוז מען פריי מאַכן דעם צוטריט צום קעלער! — האָט ער באַ־פוילן. — דאָ איז געווען איינגעקוואַרטירט דער „בירגער־שוץ נומער דריי", סאַמע יינגוואַרג. לאָמיר האָפן, אז א סך זענען נאָך געבליבן לעבן.

אונטערוועגס האָט ער טעלעפאָנירט צו פאַביאַנען. ער מוז אים לײַדער שטערן אינמיטן נאַכט. דער שעלהאַמער־בונקער איז דורך א לופט־מינע אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן.

— איז אייער ראַבי געווען היינט אין דינסט, הער רעגירונגס־ראַט? כ'בעט אייך נאָכאַמאָל האַרציק צו אַנטשולדיקן.

א קנאַפּע שעה שפּעטער איז שוין פּאַביאַן געווען אויפן באַרג חורבות. ס'האָט שוין געגרויט אויף טאָג.

סאָלדאַטן, פּייערלעשער און פּריוויליקע האָבן שוין אויסגעגראָבן א טונעל ביז צום קעלער. זיי האָבן געאַרבעט אין א וואָלקן פון קאָפּטשענדיקן רויך און שטויב, הגם ס'האָט געריזלט א לייכטער רעגן. פּאַביאַן האָט א וואָרף געטאָן זיין מאַנטל אויפן גרוז און אָנגעהויבן מיט זיי צוזאַמען פּיבערהאַפּט אָפּצוואַרפן אין א זייט ציגל און אָנגעקוילטע בעלקעס. זיינע הענטשקעס זענען זיך צעקראָכן אין צוויטן, זיינע הענט האָבן געבלוטיקט.

— כ'זוך מיין יינגל, — האָט ער שווער סאַפּנדיק געזאָגט.

— דאָ איז אפילו קיין מייזל נישט געבליבן ביים לעבן, — האָט טרוקן אָפּגעענטפערט א סאָלדאַט.

פּאַרטאָג האָבן זיי געהאַט אָפּגעגראָבן דעם ארייננאַנג צום קעלער און ארויסגעזעצט די טיר מיט א האַק. הינטער דער טיר איז אָבער געלעגן א נייער באַרג גרוז. צעגעכטע טויזנטער, הונדערטער טויזנטער ציגל, בעלקעס, אייזערנע סלופּעס.

ווען ס'איז שוין ווידער געוואָרן בין־השמשות, האָבן זיי אַרויסבאַקומען דעם ערשטן טויטן פונעם „בירגער־שוץ נומער דריי“, און אינמיטן נאַכט זענען שוין אַלע צוואָנציק בחורים געלעגן אונטערן טריפנדיקן רעגן אויפן טראָטואַר, שטייפע און בלייכע. דאָס זענען געווען זין פון אָנגעזעענע בירגער, כמעט אַלע גימנאַזיסטן. אויך ראָבי איז געלעגן צווישן זיי. מ'האָט אים געפונען אין א ווינקל ביים טעלעפאָן. פּולקאָווניק פאָן טיגען איז צוגעפּאָרן מיט זיין אויטאָ. ער איז א מיגוט געשטאַנען ערנסט, צולייגנדיק מיליטעריש די האַנט צום היטל, אָפּגעבנדיק כבוד די טויטע. דערנאָך איז ער ווידער אָפּגעפּאָרן. ער האָט געהאַט דינסט.

„נישט אויפן פראָנט איז ער געפאַלן, — האָט פּאַביאַן געטראַכט, — ער איז נאָך אפילו נישט געווען אין דינסט־עלטער, און אומגעקומען אין א באַשיצטער שטאָט“.

א פּייערלעשער האָט אים אוועקגעפירט אהיים, א פולשטענדיק דערשעפּטן און צעבראָכענעם.

פינפטער טייל

I

די סירענעס האָבן געוועוועט. לכתחילה איז דאָס געווען אַ הילכיק קרעכצן, וואָס האָט זיך ווי אַרויסגעריסן פֿון די טיפֿענישן פֿון דער ערד און דערנאָך אויסגעוואַקסן אין אַ באַטויבנדיקן געבריל פֿון אַ צאָרנדיקן, גיהנומדיקן אָקס, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט די לופֿט און געלעכערט די אויערן. דאָס הודזשען איז אָנגעוואַקסן שרעקלעך שטאַרק, דערנאָך אַלץ שוואַכער געוואָרן, ביז עס איז ענדלעך אָפּגעשטאָרבן מיט אַ יאָמער און פּייפֿערײַ.

דער פֿרוי בעאַטע האָט אַדורכגענומען אַ ציטער, און זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ טוך אויף די אַקסלען און אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע פֿון איר הויז. גלייך איז צו איר אַרויפֿגעקומען פֿונעם גאָרטן נעראָ. ער האָט געשפּרונגען אַרום איר קאַווייטשענדיק און בילנדיק, אַרויפֿגעלייגט די שווערע לאַפּעס אויף איר ברוסט, אויפֿגערעגט געסאַפּעט, בלאָזנדיק איר אין פּנים אַריין זיין פֿייכטן, הייסן אָטעם.

— וווּ ביסטו, מאמא? — האָט קריסטע אויפֿגערעגט געפֿרעגט אין דער טיר פֿון צימער.

— דאָ בין איך, קריסטע, האַרט ביי דער וואַנט! — האָט פֿרוי בעאַטע געענטפֿערט מיט אַ רויִקער שטימע. — נעראָ איז נעבן מיר. הערסט, ווי ער סאַפּעט? רויִק, נעראָ, רויִק!

פֿרוי בעאַטע האָט איבערגעלעבט יעדן לופֿט־אָנגריף מיט אַ סך שרעק און גרויל. זי האָט אָבער אויסגעצייכנט געקאָנט אַזוי זיך באַהערשן, אַז זי האָט אויסגעזען פֿולשטענדיק רויִק.

די רעפֿלעקטאָרן האָבן אויסגעשאָסן מיט זייערע שאַרפֿע ליכט־פֿייַלן אין דער פֿינצטערניש פֿון דער טונקעלער פֿרילינגס־נאַכט, צוערשט צוויי, דערנאָך דריי, לסוף אַ צענדליק און מער. זיי האָבן דערלאַנגט צו די פּאַראַיינצלטע גרויסע געשטערנס, פֿאָרזיכטיק צעקעמט די דיקע וואָלקן־שלייערס, וואָס זענען געהאָנגען דאָ און דאָרט צווישן די שטערן, ווי די צאַרטסטע פֿרויען־האָר. זיי זענען

נאָר פּלוצים פאַרשוואונדן, כדי תיכף ווידער אויפצוציקן און געשפּענסטיק נישטערן איבערן הימל.

נעראַ האָט זיך הילכיק צעבילט און צעקאַוויטשעט. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם געבּרום פון די מאָטאָרן פריער פאַר די פרויען.

תיכף האָבן זיך געלאָזט הערן די שאָסן פון די זעניט־הארמאטן אויף מע־רב־זייט פון דער שטאָט. די סנאַריאַרן האָבן סעקונדעוועייז באַלויכטן די הויז־וואַנט, און די עקספּלאָדירנדיקע גראַנאַטן האָבן זייער הויך געצוקט אויפן פאָן פון גרוי־בלויען נאַכטיקן הימל, ווי בליציקע מעסערס, ענלעך צו סנאָפּעס קורצע, פייערדיקע בליצן.

נעראַ האָט זיך משוגע צעבילט.

— זיי קומען אָן, איך הער זיי, מאַמאַ! — האָט קריסטע אויסגערופן מיט אַן אומזיכערער שטימע, ציטערנדיק פון קעלט, אויפרעגונג און שרעק. — קום אַריין אין שטוב, מאַמאַ, ס'ווערט קאַלט.

— גראָד איז היינטיקן אָוונט אַ הערלעכע לופט! — האָט פרוי בעאַטע גע־ענטפערט מיט דער זעלבער רואיקייט, אָבער צו קריסטעס פאַרוואונדערונג איז די שטים צו איר דערגאַנגען פון אַ גאַנץ אַנדער אָרט. — נעם אויף זיך דיין מאַנטל, קריסטע, וועסטו נישט פרירן.

ביים אויפבלענדן פון די שאָסן האָט קריסטע צו איר דערשטוינונג געזען שטיין די מוטער אינמיטן דער טעראַסע.

איצטער האָט מען דייטלעך געהערט דאָס ברומען פון די מאָטאָרן. די זע־ניט־הארמאטן האָבן געפייערט אין אַלע ריכטונגען, און אַרום דער פינצטערער שטאָט האָבן געבליצט אויפן הימל גלאַנציקע שפּילעטן. די מאָטאָרן האָבן גע־דונערט הויך אויבן אין דער לופט, זייער גערויש האָט זיך צעהודזשעט פון האָרי־זאָנט צו האָריזאָנט.

— זיי זענען היינט אַ סך, — האָט קריסטע געזאָגט מיט אַ פאַרצוקטער שטימע.

— אַוודאי עטלעכע הונדערט, — האָט פרוי בעאַטע געענטפערט, און קריס־טע האָט זיך אַריינגעטירט, אַז די מוטער האָט זיך צו איר אויסגעדרייט.

The are gentlemen in the air! — האָט זי צוגעגעבן, און איר שטימע האָט דייטלעך אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. זי האָט עפּעס ספּעציעל גערעדט אויף ענגליש, ווי שטענדיק, בעת די לופט־אַטאַקעס.

— איז עס נישט קיין חרפּה, — האָט זי ווייטער גערעדט אויף ענגליש, —

* דאָרט אין דער לופט זענען דזשענטלמענער.

אַזויפיל יונגע מענער מוזן טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון זייער היימלאַנד איינשטעלן זייער לעבן צוליב איין משוגענעם? אַ שאַנדע!

— רייד נישט אַזוי הויך, מאַמאַ, איך בעט דיך!

פרוי בעאַטע האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט גאָר נאָענט נעבן קריסטען.

— I dont care!* — האָט זי אָפּגעענטפערט. — מיינסטו נישט, אַז זיי וואָלטן ליבערשט געוואָלט זיצן ביי זייערע פריילינס אין לאָנדאָן? איך האָף, אַז זיי וועלן פון די אָרעמע יונגען קיינעם נישט טרעפן. נעם דאָך, ענדלער, דיין מאַנטל, איך הער דאָך, ווי דו ציטערסט פון קעלט.

זי האָט אָפּגעשטופּט דעם הונט.

— אַז דו וועסט זיך נישט גוט אויפפירן, וועסטו גיין אויף דער קייט! — האָט זי אויף נערוון אָנגעשריגן.

— גיב אַ קוק, מאַמאַ! — האָט קריסטע אויסגערופן און אָנגעוויזן אויפן הימל.

פאַר דעם געשטערן פון „גרויסן בער" האָבן זיך צוויי, דריי רעפלעקטאָרן געקרייצט און פאַרפאָלגט אַ לויכטנדיקן פונקט אויף צפון. דאָס קליינע שטערנדל האָט אין דער גרעסטער איילעניש ווי געוואָלט אַריינפליען צווישן די גרויסע שטערן. די זעניט-האַרמאַטן האָבן מיט די רעפלעקטאָרן ווידער געכאַפּט דעם פיינטלעכן אעראָפּלאַן, ווי ס'פלעגט זיך אָפט טרעפן.

— פאַרוואָס פליען זיי באַלויכטענע? — האָט קריסטע געוואָלט וויסן. איר שטימע האָט געקלונגען שטיל און ווייט.

ערשט נאָך אַ היפשער ווײַלע האָט אָפּגעענטפערט די טיפע שטימע פון איר מוטער, וועלכע האָט מיט האַרצקלאַפּעניש נאָכגעשפּירט אויפן הימל דעם קליינעם לויכטנדיקן פונקט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קראַנץ בליציקע מעסערס און פאַרצווייפלט געזוכט אַ וועג צו אַנטרינען.

— פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן, קינד? זיי דאַרפן, פאַרשטייט זיך, די באַלויכטונג אין דער קאַבינע, כדי צו קאָנען אַראָפּלייענען די צייכנס אויף די אַפּאַראַטן.

אַ לאַנגע צייט האָבן די פרויען נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

דאָס פליענדיקע שטערנדל איז פּלוצים פאַרשוואונדן. אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ נעפּל. די רעפלעקטאָרן האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען און זענען פאַרשוואונדן.

---

* דאָס איז מיין קלענסטע זאָרג.

— אנטרונען! אנטרונען! — האָט זיך שטיל אָפּגערופֿן פֿרוי בעאַטע מיט פֿרייד און האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קלאַפּנדיקן האַרץ.

— ער האָט זיך באַהאַלטן אין נעפּל, — האָט קריסטע מיט א פֿרייער שטימע, לאַכנדיק אויסגערופֿן.

צוויי רויטע און דריי גרינע ראַקעטן האָבן זיך באַוויזן אויפֿן טונקעלן הימל, און באַלד דערנאָך האָט מען געזען שוועבן איבער דער טונקעלער שטאָט א שימערירנדיקע פֿיגור פֿון בונטע קאָלירן, ענלעך צו א יאָלקע.

— אַכטונג! — האָט פֿרוי בעאַטע אויסגערופֿן און צוגעפֿאַלן נענטער צו דער וואַנט פֿון הויז. זי האָט געהערט א פֿאַרדעכטיקן קנאַל אין דער לופֿט, דערנאָך א רויש, א בייז סאָפּען, און עפּעס שווערס האָט דורכגעשניטן די לופֿט. דאָס רויש און סאָפּען איז אָנגעוואַקסן און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָט האָט מען עס שוין מער נישט געהערט, אָט איז עס ווידער צוריקגעקומען און געוואָרן דייטלעכער. לסוף האָט זיך עס געענדיקט מיט א געוואַלדיקן קראַך, און די ערד האָט אײַפֿגעציטערט.

— א באָמבע!

אַ ווײַלע שפּעטער האָט שוין געזעצט אַ פֿײַער־שײַן פֿון דער טונקעלער שטאָט.

— עס איז נעבן דער פֿאַבריק, — האָט פֿרוי בעאַטע געזאָגט, — מאָמענטנווײַז זעט מען אַרום דעם טורעם פֿון הייליקן מיכאַל.

דאָס איז געווען די באָמבע, וועלכע האָט באַגראָבן דעם קליינעם ראָבי.

דער געדונער פֿון די מאָטאָרן איז אָפּגעשטאָרבן אין דער ווײַטקייט. און פּונקט ווי די קרוינען פֿון די ביימער הייבן זיך ווידער אויף, ווי נאָר דער שטורעם איז פֿאַרבײַ, אַזוי האָט ווידער אַרויסגעקוואַלט אַן אומהיימלעכע שטילקייט פֿון דער ערד, פֿון דער שטאָט, פֿון די פֿעלדער. נאָר אָט האָט א נײַע עסקאַדרע אַעראָפּלאַנען אָנגעהויבן דונערן אין דער לופֿט. די זעניט־האַרמאַטן האָבן געפֿײַערט, וויפֿל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, די רעפֿלעקטאָרן האָבן ווידער געגנישטערט איבערן הימל, די קנאַלן פֿון די באָמבעס האָבן אויפֿגעציטערט די ערד.

אינעם בלוי־גרויען הימל האָט מען אין דער ווײַטקייט אויף א לענגערער ווײַלע אָנגעזען אַ גרוי־רויטן שטריך, ווי ס׳וואָלט װער מיט רויטלעכע שמינקע א וויש געטאָן אויף טונקעלן סאַמעט. אַן אַעראָפּלאַן איז א ברענענדיקער אַראָפּגעזונקען אין דער טיף. צי איז דאָס געווען א דײַטשישער, צי א פֿײַנטלעכער, האָט קיינער נישט געוווּסט.

אינעם הויז האָט מען געהערט שאַרקענדיקע טריט און א געטומל פֿון אַן אומגעפֿאַלענער שטול. א פֿרישע מיידל־שטימע האָט גערופֿן פֿון דער טונקלקייט:

— דער בלאָק־קאָמענדאַנט האָט מיך אַרויפֿגעשיקט, די דאַמען זאָלן אַראָפּקומען אין קעלער.

II

פרוי בעאַטע האָט דעם בלאָק־קאָמענדאַנט געשאָלטן פון גאַנצן האַרץ.

— דער טייוול אַליין האָט אונדז אַראָפּגעשיקט אויפן קאַרק דעם אומדערטרעגלעכן בלאָק־קאָמענדאַנט!

ער האָט געהייסן קרעבס, געווען אַ פאַנאַטישער פּאַרטיי־מיטגליד און אַ סטרוזש אינעם שכנותדיקן הויז. דער פרוי זיינער, וועלכע האָט געהאַלטן ביים געבוירן אַ קינד, האָט פרוי בעאַטע צוגעשיקט אַ פּאַק אַלטע קינדער־וועש, אָבער קרעבסן האָט מען נישט געקאָנט אונטערקויפן.

— פליכט איז פליכט, איך באַדויער זייער! — האָט ער געזאָגט.

פרוי בעאַטע האָט ווינטער־צייט געליטן אויף אַ שאַרפן בראָנכיט־קאַטאַר און נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם קאַלטן קעלער. זי האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ צייגעניש פון דאָקטער, און מען האָט זי אַ געוויסע צייט געלאָזן צורו. קוים אָבער האָט זי אויפגעהערט צו הוסטן, איז קרעבס ווידער באַשטאַנען אויף איר פליכט אַראָפּצוגיין אין שוצקעלער בעת די אָנפליען.

פרוי בעאַטע אָבער האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט פרישע לופט. איר נייגעריקייט, געמישט מיט גרויל, האָט זי פאַרעקשנט געטריבן צו אָבסערווירן פון איר טעראַסע אַלע לופט־אָנגריפן.

קריסטע האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיין נעבן איר, ס'איז געווען קלאָר, אַז ביי יעדן לופט־אָנגריף איז מען אוממיטלבאַר אין אַ טויט־געפאַר. פון צייט צו צייט האָט פרוי בעאַטע אַריינגעשלייכט זיך אין דער פאַרטונקלטער שטוב, כדי צו שטאַרקן זיך מיט אַ גלעזל קאָניאַק.

ביי איינציקע לופט־אָנגריפן איז קוים געווען עפּעס וואָס צו אָבסערווירן. עטלעכע ראַקעטן און די בליצנדיקע מעסערס פון די זעניט־גראַנאַטן אויפן הימל — און דאָס איז געווען אַלץ. טיילמאָל האָבן זיי אויך אָבסערווירט אַ קאַמף פון יעגער־אַעראָפּלאַנען ביינאַכט, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אויף אַ קאָפּשווינדלערישער הייך, כמעט נישט צו באַמערקן, צווישן אַ ווייטער געקנאַלעריי און געשאָסן מיט ליכטנדיקע קוילן. ליכטנדיקע פערל האָבן געצייכנט אויפן טונקעלן הימל העלע ווייראַזשן. איינמאָל האָבן זיי געזען אַ ברענענדיקן אַעראָפּלאַן, אַן אונטערגעשאָסענער איבער דער שטאָט, דער רויט־פינקלענדיקער מאַשין־סקעלעט האָט זיך געטראָגן אין אַ פייערדיקן קרייז אויף זייער הויז, אַזוי האַסטיק און סכנותדיק, אַז פרוי בעאַטע האָט אויס אַ געשריי געטאָן און אַריינגעכאַפּט זיך מיט קריסטען אין שטוב.

וואָסאַמאָל זענען אָבער אירע פרייהייטן געוואָרן אַלץ מער באַגרענעצט דער בלאָק־קאָמענדאַנט האָט געדראָט, אַז ער וועט וועגן איר מעלדן, און סוף־כל־

סוף האָט פּרוי בעאַטע דערהאַלטן פון קאָמאַנדיר פון דער לופּטשוץ, פּאָלקאָווניק פאָן טינען, אַ שאַרפע וואָרענונג.

דער אַלטער שעלהאַמער האָט געוווסט, ווי צו בויען, ווייל אַלס שלאָסער האָט ער געהאַט אַ סך מיט דעם צו טאָן. פאַר זיינע קאַרטאָפל, פאַר זיינע ווייגען און זיינע קוילן האָט ער אויסגעבויט אַ מאַסיוון גערוימען קעלער, מיט אַ געוועלבונג, ווי אין אַ שלאָס, אַזוי אַז היינט איז ער זייער צונוצגעקומען.

ווי נאָר די סירענעס האָבן אויפגעהויבן זייער שוידערלעך רעווען, האָבן שוין געאײַלט אַהער די מענטשן פון די שכנותדיקע הייזער. זיי זענען אָנגעקומען פון אַלע זייטן, געלאָפן אין רעגנס, שנייען און אייזיקע קעלטן. אָפט איז זייער צאָל דערגאַנגען ביז זעכציק. זיי האָבן זיך געטוליעט/געטוויטשעט אינעם פינצטערן, קאַלטן קעלער במשך פון עטלעכע שעה צייט, טיילמאָל פון פיר ביז זעקס שעה, טיילמאָל אַ גאַנצע נאַכט. א סך האָבן מיטגעבראַכט זייערע קינדער, איינגעהילט אין מאַנטלען, די זויגלינגען איינגעוויקלט אין קאָצן. דער רוב האָט נאָך מיטגעשלעפּט וואַליזעס, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן די נויטווענדיקסטע זאַכן און אַ ביסל פּראָוויאַנט, מחמת מ'האָט דאָך נישט געוווסט, צי נאָכן אָנגריף וועלן די וווינונגען נאָך בלייבן גאַנץ, און צי מ'וועט נישט פאַרשיט ווערן אינעם קעלער. מ'האָט שוין געהערט פון אַזעלכע זאַכן! ציטערנדיק פון פחד, זענען זיי געזעסן אויף קאַסטנס און אויף פּרימיטיווע בענק, אויף קופּעם קאָקס. אייניקע האָבן אויך מיטגעברענגט וויג־שטולן, אַנדערע אַפילו בעטן.

דער קעלער איז געווען באַלויכטן מיט אַ שוואַכן שיין פון אַן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט בלוי פּאַפּיר, וואָרעם די קלענסטע שיין האָט נישט געטאָרט אַרויסדרינגען, בעת מ'האָט געעפנט די קעלער־טיר. אויף דער ווינטער־צייט האָט פּרוי בעאַטע אַריינגעשטעלט אַ קליין אייזערן אייוועלע, אָבער די אַלטע ווייבער האָבן שטאַרק געהוסט און מורא געהאַט פאַר אַ פאַרטשאַדונג, אַזוי אַז זי האָט דאָס אייוועלע מער נישט געהייצט. ס'איז אויך צו קנאַפּ געווען דער צוגעטיילטער הייצמאַטעריאַל.

אויף די קעלער־טרעפּ איז געזעסן און באַוואַכט דעם אַריינגאַנג דער בלאָקקאָמענדאַנט קרעבס, וועלכן די פּרוי בעאַטע האָט אַזוי פאַרשאָלטן. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסקריכן אין דרויסן.

— אַ שלעכט וועטער אין דרויסן, — האָט ער געזאָגט נאָכן אומקערן זיך.

— זיי קומען ווידער צוריק. צוויי הערלעכע יאָלקעס הענגען איבער דער שטאָט.

אָדער ער פלעגט אַ זאָג טאָן מיט אַ מרושעדיק געלעכטער:

— היינט וועלן זיי מאַכן שלעכטע געשעפטן. אונדזערע נאַכט־יעגער האָבן זיי אויפן אויג. אָקאָרשט האָבן זיי איינעם אַראָפּגעשאָסן. ער האָט געמאַכט אַ קאָזשעליק ווי אַ קראָליקל.

— ברענגט אונדז ווייטער גוטע ידיעות, קרעבס, — האָט אים צוגעגעבן חשק די באַראָנעסע פאָן טינעז, וועלכע האָט אָפּט, ווען זי איז געווען פריי פון דינסט, אויסבאַהאַלטן זיך אין פרוי בעאַטעס קעלער, — אַזעלכע ידיעות גיבן צו מוט די שוואַכמוטיקע, וועלכע מיינען, אַז אַ מלחמה קאָן מען געווינען אין משך פון צוויי וואָכן.

— אַ נייע עסקאַדרע איז איבער דער שטאָט, באַראָנעסע.

— זאָל זי נאָר קומען! אונדזערע נאַכט־יעגער וועלן זיי גיך אָפּרוימען.

די באַראָנעסע פאָן טינעז, אין איר עפּעקטפולן קראַנקן־שוועסטער־קאָסטיום, האָט זיך איינגעהילט אין אירע קאָצן און געבעטן אַ שלוק וואַסער.

אַ שלוק וואַסער האָט מען נאָך געקאָנט שטענדיק באַקומען, אָבער אַ שלוק קאַווע האָט געקאָנט באַקומען נאָר דער, וועלכער איז געפאַלן אין חלשות, וואָס ס'האָט זיך איצטער אָפּט געטראָפן. די פרוי בעאַטע האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך, בעת יעדן לופט־אָנגריף, אַ טערמאָס מיט קאַווע. זי איז אַ רואיקע און אַ שמייכלענדיקע געזעסן שטענדיק אויפן זעלבן קאַסטן אונטערן לעמפּל, עטוואָס שטייפלעך, אויסגעגלייכט, לאַכנדיק רואיק, ווי זי וואָלט זיך נישט געשראָקן אויף אַ האָר.

קריסטע איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אויף אַ באַנק צווישן אַ ריי קינדער, וועלכע זי האָט באַרואיקט, ווען ס'איז נייטיק געווען. זי איז געזעסן שטיל און געדולדיק, מיט אַ האַרץ פול מיט אַנגסט, אָבער איר חנעוודיקער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון איר פּנים, אפילו ווען זי האָט געשוויגן. ווי האָט דאָס אמאָל פּאַביאַן געזאָגט, זייענדיק אין אַ פּאָעטישער שטימונג? „ווי עס שוועבט דער הערלעכער אַראָמאַט אַרום אַ רויז, אַזוי שוועבט דער חנעוודיקער שמייכל אויף איר פּנים". ער איז לחלוטין נישט אומגערעכט געווען.

אינעם פינצטערן קעלער האָט אויף אַ מינוט נישט געהערשט קיין רו. אַ סך האָבן מתפּלל געווען, בעת זיי האָבן דערהערט דאָס הודזשען פון די מאָטאָרן איבערן קאָפּ. דער קעלער האָט זיך צעברומט ווי די סטרונעס פון אַ קאָנטראַבאַס. ביי יעדן קנאַל פון אַ באָמבע האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און יאָמערן.

— רואיק! — האָט קרעבס מיט אַ טיפער באַס־שטימע אַראָפּבאַפוילן פון זיינע קעלער־טרעפּ.

די קינדער האָבן געוויינט און די זויגלינגען האָבן געכניקעט. זיי האָבן ווי געפילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג און אַז מ'שטערט זיי אין שלאָף.

איינמאָל האָט געטראָפן אַ באָמבע גאַנץ נאָענט אינעם הויפגאָרטן. דער קעלער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים איינזינקען. דאָס לעמפּל האָט זיך אויסגעלאָשן. אינעם הויז האָט זיך געהערט דער געבראַזג פון די פענצטער־שויבן און דאָס גלאָזברוך איז געדיכט געפאַלן אויף דער ערד ביי

די קעלער=טרעפּ. ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק. אַלע זענען אויפגעשטאַנען מיט אַ געשריי, די קינדער האָבן ווילד געריטשעט און געוויינט, זוכנדיק זייערע מוטערס.

— כ'בעט, ס'זאָל זיין רואיק! — האָט פון דער טונקלקייט אַרויסגעדונערט די שטימע פונעם בלאָק=קאָמענדאַנט קרעבס.

— מיר, דייטשן, מוזן זיך אויסלערנען שטאַרבן פאַר אַ גרויסער אידעע! — האָט דער באַראָנעסעס שטימע דייטלעך און קלאָר זיך געלאָזט הערן דורכן טומל.

אייִדער נאָך קרעבס האָט באַוויזן אָנצוצינדן זיין רעזערוו=לעמפּל, האָט זיך נאָך נענטער געלאָזט הערן אַ צווייטער קנאַל. די מענטשן זענען אומגעפאַלן אויף דער ערד און זיך צוזאַמענגעקנוילט. מ'האָט געהערט בלויז געשרייען און יאָמערן. ענדלעך איז אָנגעצונדן געוואָרן אַ ליכט. אַ סך האָבן אָפּגעווישט די טרערן פון פנים און אָפּגערייניקט דעם שמוץ פון די קליידער, מחמת דער קאַלך און שטויביקער שפּינוועבס האָט זיך אַראָפּגעשיט פון בעליק. די באַראָנעסע פאָן טינען איז געלעגן אונטער אַ קנויל שרייענדיקע קינדער, וועלכע האָבן געריסן זיך צו זייערע מוטערס. מיט איר אויסגעלענקטער האַנט האָט זי זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצובאַקומען פון אונטער די קינדער און געבעטן קרעבסן, ער זאָל איר דערלויבן אַהיימגיין, ווייל זי האָט מורא, אַז זי זאָל נישט האָבן צעבראָכן די האַנט.

— פליכט איז פליכט! איך באַדויער זייער, אָבער איר מוזט בלייבן דאָ! — האָט קרעבס געפּסקנט. — קיינער קאָן איצט נישט אַרויסגיין אין דרויסן. זיי זענען מיט זייערע באָמבעס האַרט איבער אונדז.

ביידע באָמבעס האָבן געצילט אין בונקער פונעם האַלב=פּאַרטיקן געמיינדע=הויז, וועלכער האָט אַריינגענומען איבער טויזנט מענטשן. ערשט נאָך דעם דאָזיקן אָנגריף האָט פּאַביאַן תּופס געווען, פאַרוואָס די מינכענער אַרכיטעקטן און דער גאַולייטער האָבן אַזוי עקשנותדיק באַשטאַנען אויף די געוועלבטע קעלערס.

פון וואַנען האָבן די ענגלענדער געהאַט די אַלע אינפאָרמאַציעס? פון זינט דער שטאַרקער שעלהאַמער=בונקער איז צעשמעטערט געוואָרן, אין וועלכן די צוואָנציק יונגע שילער פון „בירגער=שוץ נומער 3“ האָבן פאַרלוירן זייער לעבן, האָבן די שטאָט=איינוווינער געלעבט אין אַן אויסערגעוויינלעכער דענערווירונג. אויף די פּנימער פון אַלע מענטשן אין פרוי בעאַטעס קעלער האָט זיך שטענדיק געזען די שרעק פאַרן אומקומען פון אַ באָמבע.

III

אין רואיקערע שעהן האָבן די ווייבער נאָכאַנאַנד געפּלוידערט פון כלערליי משוגהדיקע זאַכן, פון אומגליקס־פאַלן, פון אַרעסטן, פון די קאָלייקעס אויף די שפּיין־צוטיילונגען אויף די קאַרטן, וואָס ווערן כסדר פאַרקלענערט. די מענער ווידער, כּדי צו פאַרטרייבן די צייט, האָבן גערעדט פון פּאָליטיק. עס איז געווען אַ קנאַפּער פאַרגעניגן צוצוהערן זיך צו אָט די אַלע פּלוידערייען.

— אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר האָבן גלייך נישט אַ קלאַפּ געטאָן אויף ענג־לאַנד, — האָט געזאָגט אַ נידעריקער, אַ ביסל געלאָמטער באַאַמטער, — ווי מיינט איר, מיר וועלן נאָך הײַ־יאָר פאַרנעמען ענגלאַנד?

— אָן ספק! — האָט אים געענטפערט אַ דיקער ווייַנהענדלער, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין מער בר־דעת פון אַנדערע, — דער פירער האָט אינעם רייכס־טאַג געזאָגט: „מיר וועלן שוין דאָרט זיין!“, און אַז דער פירער האָט געזאָגט — וועט שוין אַזוי זיין! זיי מעגן זיך שוין אַ מיתה אָנטאָן. וואָס אָן אמת, האָבן מיר גלייך נישט קיין קלאַפּ געטאָן אויף ענגלאַנד. איר האָט אָבער נישט פאַר־שטאַנען דעם טיפן שכל דערפון. מיר האָבן בעסער געוואָלט צוװאַרטן, ביז די ענגלענדער וועלן זיך באַוואָפּענען, כּדי דערמלט אָוועקצונעמען ביי זיי זייער וואָפן. אָט דאָס איז טאַקע געווען דער טיפער זין פונעם אָפּוואַרטן. איר האָט פאַר־שטאַנען?

— איר האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט, מחמת די ענגלענדער מוזן באַקומען די אמתע שטראָף שוין בלויז פאַר די בורן. און זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס קומט עס פאַר אין אַפריקע און אויפן אינדזל קריט? כ'שעם מיך פשוט מודה צו זיין, אַז איך פאַרשטיי עס נישט. ס'מוז דאָך אָבער עפּעס זיין אַ זין אין דעם.

— אַ זין? — דער דיקער ווייַנהענדלער האָט אַ צופרידענער געלאַכט, — אַלץ, וואָס דער פירער טוט, האָט אַ זין, מיין טייערער. איר פאַרשטייט, מיר פּלאַנעווען צו שאַפן אַזעלכע מיני קלעשטשעס. די איטאַליענער רוקן זיך אין דער ריכטונג פון ניל, און מיר גייען פון צפון.

— האַ־האַ, קלעשטשעס! איך פאַרשטיי.

— יאָ, קלעשטשעס. היות טערקיי דאַרפן מיר האָבן אַלס ליפעראַנט פון פאַרשידענע מעטאַלן, זענען מיר נישט געגאַנגען דורך טערקיי, נאָר דורך גריכנ־לאַנד און קריט. פון דאָרטן וועלן מיר גיין אויף פּאַלעסטינע. דאָס איז דער צפונדיקער אָרעם פון די קלעשטשעס. דער איטאַליענישער אָרעם וועט אָנקומען אַנטקעגן, און איידער מ'וועט זיך אַרומקוקן, וועט שוין דער סועץ־קאַנאַל זיין אין אונדזערע הענט. פון דאַנען איז שוין נאָר אַ שפּרונג קיין אַביסיניע.

— אַהאַ, דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט! ס'בלייבט נאָך אָבער איבער דער גיבראַלטאַר, וועלכן די ענגלענדער וועלן אַוודאי אַזוי לייכט פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן?

— גיבראַלטאַר? — האָט דער ווייגהענדלער זיך צעלאַכט. ער האָט אָבער פּלוצים אָפּגעהאַקט. — שאַ! איר הערט דאָס קנאַלן? וואַרשיינלעך איז דאָ נאָענט אַראָפּגעפאַלן אַן אַעראָפּלאַן. איר האָט געהערט אַ קראַכן? קרעבס גייט שוין אַרויס אין דרויסן. גיבראַלטאַר, מיין השובער הער? נאָכן סועץ=קאַנאַל וועט קומען די ריי אויפן גיבראַלטאַר. דאָס איז אַזוי זיכער, ווי אָמן זאָגן אין דער קירכע. הגם דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט" האָט געשריבן אין איינעם פון זיינע לעצערלעכע שמירגעס: „צונעמען ביים ענגלענדער דעם גיבראַלטאַר וועט פּונקט אַזוי שווער זיין, ווי אַרויסרייסן די שטוים=ציינער ביי אַ העלפאַנט!" האַ=האַ=האַ! וועט ער זיך דאָס פאַרחידושן, דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", ווען אָט וועלן די שטוים=ציינער זיין אַרויסגעריסן, ווי מילכציינדלעך פון אַ פּיריעריק קינד.

די באַראָנעסע פאָן טיגען האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— ס'איז אַ מחיה אייך צו הערן, הער באַרנעוואַל. אַזעלכע מענער דאַרפן מיר האָבן וואָס מער אין דייטשלאַנד!

שעהן לאַנג זענען די מענער געווען פאַרטאָן מיט פּאָליטישע פאַנטאַזיעס, און דער הער באַרנעוואַל איז שטענדיק געווען דער טאָנגעבער. אַפילו די ווייבער האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט צו פּלוידערן און זיך צוגעהאָרכט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען אויך געווען שוייגער, וועלכע האָבן זיך נישט גערן אַריינגעמישט אין געשפּרעך, און זענען גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, ווען הער באַרנעוואַל האָט געוואָלט אַריינלאָזן זיך מיט זיי אין אַ דיסקוסיע.

דער הער באַרנעוואַל האָט פריער געפירט אַ ביר=קלייטל אין אַ קליינעם קעלער, אָבער אין אָנהייב פון דער מלחמה האָט ער זיך צוגעאייגנט סאָלאָמאָנס הורט=געשעפט פון וויין און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ גרוים פאַרמעגן פון האַנדל מיטן אָנגעראַבעוועטן פראַנצויזישן וויין. פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן האָט ער אָפט געשריבן קליינע אַרטיקלען אין „בעאָבאַכטער", לעצטנס האָבן געהאַט גרוים דערפאָלג זיינע „שטימונגס=בילדער פון די לופטשוץ=קעלערס". היות ער איז געווען אַן אינטימער פריינד פון געסטאַפּאָ=שעף שילינג, האָבן אַ סך מענטשן זיך באַמיט אויסצומיידן צו האָבן מיט אים אַ מגע ומשא.

ביי יעדן לופט=אָנגריף איז אין פרוי בעאַטעס קעלער אויך אָנוועזנד געווען אַ קליינער, שוואַרצער פאַרשוין, וועלכן מ'האָט גערופן „דער לוויה=באַגלייטער". דעם אמת געזאָגט, איז דאָס געווען אַ מוסטערהאַפטער „לוויה=באַגלייטער". ער האָט זיך שטענדיק באַוויזן אין זיין יום=טובדיקן שוואַרצן ראָק, מיט אַ קליינעם שוואַרצן שניפּס, מיט אַ גאַנץ לייטיש פאַרהעמדל, ווי צו אַ פייערלעכקייט. קליין

און שטשופּלע, ווי אַ שילער, איז ער שוין געווען אינגאַנצן ווייס, מיט זייער קורצע געקרייזלטע לאָקן, ווי ביי אַ נעגער. ער פּלעגט שטענדיק קומען אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי, וועלכע איז אויך געווען אַזאַ קליינע, שטשופּלע, מיט ווייסע האָר. זי האָט נישט געטראָגן קיין לאָקן, נאָר געווען צוגעקעמט אויף גלאַט, אין ווייסע פּאַסמעס מיט אַ שרונט. זי איז אויך געווען שטענדיק יום־טובדיק אָנגעטאָן, ווי איר מאַן. זי האָט געטראָגן אַן אַלט, שוואַרץ זיידן קלייד, וואָס איז אויף אַ טייל ערטער געווען אָפּגענוצט, משמעות, אַז דאָס איז געווען איר התונה־קלייד. זי איז שטענדיק געזעסן אויפן זעלביקן אָרט, האָט נאָך מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און שטענדיק געווען פאַרטיפט אין אַ שוואַרץ תפילה־ספרל מיט אָפּגעבליאַקעווטע ראַנדן.

דער „לוויה־באַגלייטער“ האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָנגערירט, און מ׳האָט אים כמעט נישט באַמערקט. ער זאָל האָבן פריער געווען אַ קאָמאָרניק. ער האָט שוין לאַנג געקאָנט ארומשפּאַנען הין און צוריק, אויף וויפל ס׳איז נאָר געווען פלאַץ, דריי שריט פאָרויס, דריי צוריק; אַז ס׳איז געווען ענג, האָט ער געטאָפּטשעט אין א קרייז ארום זיך מיט זיינע צונויפגעפלאָכטענע דינע הענט און געשאָקלט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט תפילה טאָן. און ווען ס׳האָט אין דער נאָענט אויפגעריסן א באָמבע, און א הויז איז איינגעפאַלן מיט א מוראדיקן קראַך, האָט ער גלייך, ווען דאָס געשריי איז נאָר פאַרשטומט געוואָרן, א זאָג געטאָן:

— דאָס איז דער לעצטער יום־הדין!

דערביי האָט ער אַ שמייכל געטאָן, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום שרעק.

— מאַכט אייך נישט לעכערלעך! — האָט אויסגערופן דער וויינהענדלער באַרנעוואָל. — דאָס איז געווען א באָמבע, מער גאָרנישט.

— דאָס איז דער לעצטער יום־הדין! — האָט איבערגעחזרט דאָס מענטשל מיט די גרויע לאָקן, — אנדערש קאָן איך מיר דעם לעצטן משפּט נישט פאָרשטעלן. אין דער עוואַנגעליע שטייט דאָך געשריבן: „פייער וועט פון הימל פאַלן, און א היילן און א ציין־קריצעניש וועט צווישן די מענטשן זיין“.

— ער איז גאָרנישט אזוי אומגערעכט, — האָט זיך די פרוי בעאַטע אריינגעמישט.

— איר דאַרפט נישט אָנזאָגן אזא פּחד אויף אייערע מיטבירגער, — האָט געזאָגט צו אים די פרוי פון א קנעפּלעך־פאַבריקאַנט, וועלכער האָט שוין בעת דער דאָזיקער מלחמה פאַרדינט אַ האַלבן מיליאָן.

— חשובע דאַמע! — דער ווייסהאָריקער מאַן האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַר דער פרוי פונעם קנעפּלעך־פאַבריקאַנט. — דער לעצטער משפּט דויערט איצטער שוין אַ סך חדשים און קאָן זיך נאָך ציען יאָרן, ביז מיר אַלע וועלן נישט

באַשטראָפט ווערן. אין דער הייליקער שריפט שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז ס'וועט געדויערן בלויז איין טאָג.

— איר וועט שוין אפשר אויפהערן! — האָט אויסגערופן דער ווײַנהענדלער און אויפגעבראַכטער און זיך אויפגעהויבן. — ס'וואָלט גלײַכער געווען, ווען איר זאָלט נישט כסדר אַרומפּליען אין אײַער שוואַרצן ראָק און אונדז קאַליע מאַכן די שטימונג.

דער שוואַרצער קלײנער פּאַרשוין מיט די שניי־ווײַסע לאָקן האָט געהאַט אַ בלײַך געזיכט. איצט אָבער איז זײַן פּנים געוואָרן טונקל־רויט.

— דערלויבט, מײַן חשובער הער, — האָט ער געענטפערט אינגאַנצן רואיק, — מײַן ווײַב און איך זענען דערצויגן געוואָרן אַלס גוטע קריסטן. דער רבונו־של־עולם קאָן אונדז צו יעדער שעה אַוועקנעמען, און מיר ווילן זײַן צו דעם צוגעגרייט. כדי אָבער מיר זאָלן זיך קאָנען שטעלן פאַר אים, האָבן מיר אָנגעטאָן אונדזערע בעסטע קליידער.

דער הער באָרנעוואָל האָט אָפּגעדרוקט אין „בעאָבאַכטער" אַ וויציקן פּעליעטאָן וועגן דעם דאָזיקן פּאָרפאַל, אָבער אָן שום דערפאָלג. דאַקעגן איז געפעלן געוואָרן זײַן נאָטיץ: „דאָס נײַגעבוירענע היטלער־ייִנגל אינעם לופטשוץ־קעלער", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער.

אין פרוי בעאַטעס קעלער איז ווירקלעך געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. אַזוי פיל מענטשן שטאַרבן אַוועק אין די לופטשוץ־קעלערס, הלמאַי זאָל אויך נישט אַמאָל אײנער געבוירן ווערן אין קעלער? די פרוי פונעם בלאָק־קאָמענדאַנט קרעבס האָט געטפּלט. פרוי קרעבס איז געווען אַ דיקע, גוטמוטיקע פּערזאָן מיט צו שוואַכע נערוון פאַר דער דאָזיקער צײַט. יעדע נאַכט איז זי געזעסן אַ צונויפגעקאָרטשעטע נעבן איר מאַן בײַ די טרעפּ פון קעלער. לעצטנס האָט זי געבראַנגט מיט זיך אַ שמאָלן מאַטראַץ, ווײַל זי האָט זיך שוין געפילט נישט מיט אַלעמען. זי איז געווען אין זיבעטן חודש. בײַ יעדן אויפרייס פון אַ באָמבע האָט זי געמאַכט אַ יעלה. עס האָבן נישט אויסגעהאַלטן אירע שוואַכע נערוון, און קרעבס האָט זי אָפּט געמוזט באַרויִקן.

— עלווירא! — האָט ער אויסגערופן, — דער עיקר איז באַהערשן זיך!

פון דעמלט אָן האָט מען געוווּסט, אַז זי הייסט עלווירא.

אָבער אין אַ געוויסער זונטיק־נאַכט, בעת אַ פירשעהדיקן לופט־אָנגריף, איז זי געווען אויסערגעווײנלעך אויפגערעגט, זי האָט זיך געוואָרפן אויפן מאַטראַץ און נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט, געקרעכצט און געקלאָגט זיך, אַז עס פעלט איר לופט.

— נעם זיך אין די הענט אַרײַן, עלווירא! — האָט קרעבס אויף איר געשריגן. העפלעכקייט איז נישט געווען אין זײַן טבע. עלווירא האָט אַלץ געטאָן, כדי „צו

געמען זיך אין די הענט אריין", אָבער ווען אין דער גאַנצן האָט זיך דערהערט די בראַזגעריי פון גלאָז, האָט זיך איר געשריי אויסגעטיילט פון אַלגעמיינעם טומל, מיט די הענט האָט זי זיך איינגעשטשעמעט אין מאַטראַץ, און איז געוואָרן טויט-בלאַס.

— מ'מוז די פרוי קרעבס תיכּף אָפּפירן אין שפּיטאָל, — האָט אויסגערופן אַן עלטער דאָקטער. ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט.

— האַנטשעכער, מיידלעך, גיכער! בעטגעוואַנט, קישנס! — האָט פרוי בעאַטע געשריגן צו איר "שטובמיידלעך". — שטייט נישט אַרום ווי די גולמס! ס'איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. גייט און שיקט זענען אויך אַזוי געקומען אויף דער וועלט. היים וואַסער! ברענג וואַטע, קריסטע! גיין, וואַרט, איך מוז אַליין גיין.

זי איז געלאָפן איבער די קעלער-טרעפּ אויפן הויף אַרויס. איבער דער טונקעלער שטאָט האָבן געשוועבט צוויי מוראַדיקע רויטע לאַמפּן, און תיכּף האָט זיך געלאָזט הערן אַ דומפּער קנאַל.

— איר וואָלט על-כּל-פּנים צוגעוואַרט, ביז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן! — האָט זי אַרויפגעשריגן צום הימל, אַז קריסטע האָט זיך נישט ווילנדיק צעלאַכט.

— נישטאָ וואָס צו לאַכן! — האָט פרוי בעאַטע בייז אַ געשריי געטאָן.

אַ שעה שפּעטער איז שוין געווען נאָך אַלעם. די פייַנטלעכע עראָפּלאַנען זענען אַוועקגעפלויגן, און די מוטער מיטן קינד האָט מען איבערגעפירט אין שפּיטאָל פון לערכע-שעלהאַמער, וועלכן פרוי בעאַטע האָט געגרינדעט בעתן קריג.

צוויי וואָכן שפּעטער איז די פרוי בעאַטע אַרעסטירט געוואָרן.

IV

ווען עס איז צוגעפאַלן דער בין-השמשות, איז צו לערכע-שעלהאַמערס הויז צוגעפאָרן אַן אויטאָ, און צוויי מענער האָבן אָן שהיות אויפגעפאָדערט די פרוי בעאַטע, זי זאָל זיך אָנטאָן און מיט זיי מיטפאָרן. זי האָט קוים באַוויזן צו זאָגן עטלעכע ווערטער דעם צעטומלטן שטוב-מיידל.

בעת זי האָט זיך שוין געטראָגן אין אויטאָ, האָט זי מער פון אַלץ געפּייניקט דער געדאַנק וועגן קריסטען. ווי זי וועט זיך עס איבערשרעקן, ווען זי וועט קומען אַהיים! אַזוי איז זי געווען אינגאַנצן רואיק און באַהערשט. זעט אויס אַ מסירה, — האָט זי געטראַכט, — אָדער אַ געמיינע רכילות, וואָס וועט זיך גלייך אויפקלערן. זי איז געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז מ'קאָן זי אין קיין זאַך נישט באַשולדיקן. עטלעכע אומאָנגענעמע טעג. יאָ, פאַרשטייט זיך, זי דאַרף

זיך ריכטן אויף עטלעכע אומאָנגענעמע טעג, זיי וועלן אָבער פאַרבייגיין. אָרעמע קריסטע!

קריסטע איז נישט געווען אין דער היים. זי איז געווען אין יאַקאָבסביל ביי וואָלפגאַנג פּאַביאַן, ביי וועמען זי האָט זינט חדשים גענומען לעקציעס. זי האָט אין קיין פאַל נישט געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ סקולפּטאָרין, מחמת זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט נישט דערצו קיין טאַלאַנט. זי האָט אָבער געהאַט אַ ליידנשאַפטלעכן אינטערעס פאַר קליין־פּלאַסטיק, צעראַמיק, פאָרן אויסברענען און גלאַזירן סטאַטועטקעס, געפעסן און שאָלן, — צו די מינים קונסט־אויסאַרבעטונגען, וועלכע וואָלפגאַנג האָט דערפירט צו מייסטערשאַפט. מיט דער אַרכיטעקטור איז ווי פון זיך אַליין לעת־עתה געשאַפן געוואָרן אַן איבעררייס. און זי איז אַזוי יעדן מיטוואָך און שבת, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, געווען באַשעפטיקט אין אַטעליע און ביים טיגל־אויוון, אַלס געהילף, אַלס לערן־ייִנגל, אַלס שילערין — קיין נפקא מינה נישט, ווי מען וועט עס אָנרופן.

אַ הויקער האָט געפירט דעם אויטאָ, מיט וועלכן פרוי בעאַטע איז געפאָרן דורך דער שטאָט. הויקערס האָבן איר שטענדיק געבראַנגט גליק. זי האָט זיך בכן געפילט מוטיק.

פרוי בעאַטע איז אָפּגעפירט געוואָרן אין דער פרויען־תפיסה, אין געווענעם פרויען־מאָנאַסטיר, וואָס האָט זיך געפונען אינעם וועבער־קוואַרטאַל. מ'האָט דעם קוואַרטאַל אַזוי אָנגערופן, ווייל דאָרט זענען געווען אַ סך וועבערייען.

אין תפיסה האָבן זי אויפגענומען צוויי יונגע חברה־לייט פון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג, וועלכע זענען קוים צוואַנציק יאָר אַלט געווען. זיי האָבן זיך געוויילט, דערציילנדיק איינס דאָס אַנדערע פאַרשידענע וויצן, און ווייניק אַכט געלייגט אויף דער געבראַכטער פרוי בעאַטע און געלאָזט זי וואַרטן אַ פערטל שעה, ביז זיי האָבן זיך גענוג אָנגעלאַכט.

— אַסעסאָר מילער האָט באַשטימט דעם נומער זיבעצן! — האָט איינער פון די יונגע חברה־לייט אַ זאָג געטאָן מיט אַן אָראַגאַנטער גלייכגילטיקייט און אָנגעהויבן דערציילן אַ נייעם וויץ.

אַ פאַרכמורעטע וועכטערין אין אַ צו ברייטער זעלנערישער מאַרינאַרקע, משמעות דעם מאַנס, האָט זי אַוועקגעפירט אויפן דריטן שטאָק, איבער שמאָלע, שוואַך באַלויכטענע געדרייטע טרעפּ, וועלכע זענען אויסגעלייגט געווען מיט אויסגעטראָטענע פליטעס פון העל־גרויען זאַמדשטיין. פרוי בעאַטע איז איר נאָכגעגאַנגען אינגאַנצן אַפּאַטיש. זיי זענען אַריין אין אַ ברייטן קאָרידאָר, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט די זעלבע העל־גרויע פליטעס פון ווייכע זאַמדשטיינער. די טריט פון דער וועכטערין מיט די באַטשוועקלטע שטיוול האָבן אָפּגעהילכט. ביי דער טיר נומער זיבעצן האָט די דאַרע וועכטערין אַ קלונג געטאָ־

מיט די שליסלען, עפענענדיק א טיר, אויפגעשטופט די פרוי בעאטע מיט א גישט פריינדלעכן ברום אין א צעלע און גלייך פארשלאָסן נאָך איר די טיר.

פרוי בעאטע איז געווען א בליקלעכע, וואָס זי איז נישט געזידלט און נישט געשלאָגן געוואָרן, אויף וואָס זי האָט מיט מורא זיך געריכט. איר הארץ האָט שטארק געקלאפט. ערשט איצט האָט זי באנומען, אז זי געפינט זיך אין תפיסה.

אויף איר האָבן זיך אָנגעשטעלט אומרואיקע בליקן, פארשנדיקע, פול מיט פיין, אָבער איר שרעק איז שנעל פארשוואונדן און ס'איז געבליבן בלויז אן אומ־פארבאָרגענער נייגער. די פינצטערע צעלע האָט אויסגעזען צו זיין פול מיט פרויען, אין דער ווירקלעכקייט זענען אָבער דאָרט געווען בלויז דריי. צוויי פון זיי זענען געזעסן אויף דער פאָדלאָגע צוגעטוליעט צו אנאנדער. גלייכצייטיק האָט זי דער־זען אויפן איינציקן בעטל א דיקע פרוי מיט א רויט פנים, וועלכע האָט זיך ראפּ־טעם א הייב געטאָן און געקוקט אויף איר מיט שווארצע אויגן. די דיקע פרוי אין העלן באלאט האָט גוטמוטיק זיך צעלאכט און מיט נייגעריקייט א בייג געטאָן זיך פאָרויס.

— קומט געגמער! — האָט זי הויך אויסגערופן מיט א פרישער, באלעבאטער שטימע, — מער קוראזש! איר זענט אריינגעפאלן אין א פייגער געזעלשאפט. איך היים לוקאש, פרידע לוקאש. די אנדערע וועלן זיך מיט אייך אויך תיכף באַ־קענען, ווי ס'איז אָנגענומען, און ס'וועט אייך ביי אונדז זיכער געפעלן. מיר אלע וועלן געשטעלט ווערן פארן פאלקס־געריכט. מיין טערמין איז מאָרגן, און איך ריכט מיך אויף דריי ביז פינף יאָר תפיסה. פאר מיר אָבער איז עס שוין איצט אלציינס. צו אלץ קאָן מען זיך צוגעווינען. נאָר נישט זיין ביי זיך געפאלן, מיין דאמע, פאר אונדז דארפט איר נישט האָבן קיין שום פחד, מיר זענען אלע ליי־טישע מענטשן. בימע, זעצט אייך דאָ אנידער.

זי האָט אראָפּגעלאָזט די פיס און אָנגעוויזן אויפן עק בעט.

פרוי בעאטעס אויגן האָבן הילפלאָז געבלאָנדזשעט איבער דער צעלע, זי האָט אָבער נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט.

— וואָס האָט אייך דאָ אהער געבראַכט, מיין דאמע? — האָט די פרוי אויפן בעט, נאָך א קורצער פויזע, ווייטער געפרעגט די שווייגנדיקע פרוי בעאטע מיט דער זעלבער לעבעדיקייט. איר אָנגענעמע שטימע און איר פריינדלעכער טאָן האָבן ביי דער פרוי בעאטע דערוועקט צוטרוי.

— פאר אנטימלוכהשע איבערצייגונגען, סאבאָטאזש, ניהיליזם? און אפשר האָט איר געהערט אויסלענדישע אוידיציעס, און אייער דינסטמיידל האָט אייך געמסרט?

די דיקע פרוי האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט, און אירע אויגן האָבן מילד גע־קוקט אויף דער פרוי בעאטע.

פרוי בעאטע האָט ענדלעך דערפילט, אז זי איז שוין בכוח צו רעדן.

— כ'ווייס נישט, פארוואָס איך בין דאָ, — האָט זי געזאָגט נאָך עטוואָס צעמישט און אומזיכער.

די פרוי אויפן בעט האָט זיך צעלאכט.

— איר ווייסט נישט? די געסטאפּאָ וועט שוין וויסן, איר מעגט זיך פארלאָזן.

— לייקנט אלץ אָפּ! — האָט מיט א ביסל א הייזעריקער שטימע געשעפּשעט איינע פון די פרויען אויף דער פּאָדלאָגע. — לייקנט שטענדיק, אפילו ווען מ'וועט אייך פייניקן. לייקנט, לייקנט! ווען מען איז זיך צו עפּעס מודה, איז מען פארלוירן.

ערשט איצט האָט פרוי בעאטע געקאָנט ארומקוקן זיך אין דער צעלע, וועלכע האָט געהאלטן איבער צוויי מעטער די לענג און פיל ווייניק די זעלבע ברייט. צווישן בעט און וואנט איז געבליבן בלויז א שמאָלער דורכגאנג. אין איין עק איז געווען א שמאָל פארקראטעוועט פענצטער מיט צעבראָכענע שויבן, דורך וועלכע ס'האָט כסדר ארייגעדרונגען די קילע אָוונט־לופט. נעבן בעט איז אויף א נידעריקער טאבורעטקע געזעסן צונויפגעקאָרטשעט א קליינע פרוי, אָרעם, אָבער זייער זויבער אָנגעטאָן, מיט גרויע האָר, מיט גרויסע צעציטערטע טרויעריקע אויגן, וועלכע האָבן ממש געשריגן נאָך הילף. נעבן איר איז אויף דער פּאָדלאָגע געזעסן א פרוי מיט א מיידלש אויסזען, אין א געל טיכל אויפן קאָפּ, מיט א בלאַס אינטערעסאַנט פּנים און משונהדיק־שמייכלענדיקע אויגן. דאָס איז געווען די פרוי, וואָס האָט איר געגעבן די עצה, זי זאָל אלץ אָפּלייקענען. וואָס פאר א מאָדנע אויגן זי האָט, — האָט פרוי בעאַטע געטראַכט, — ווי עפּעס א דולע. די יונגע פרוי מיט די מאָדנע אויגן האָט זיך צו איר צוגעבויגן און צוגעוווּנקען צושמייכלענדיק.

— איר זענט א גוטע פרוי! — האָט זי געזאָגט מיט א הייזעריקער שטימע

— איך דערקען גלייך א גוטן מענטשן, און איר זענט א גוטע פרוי.

ערשט איצט האָט פרוי בעאַטע באַמערקט, אַז די יונגע פרוי טראָגט אַ בלוי־ווייס סיצן קליידל, ווי ס'טראָגן געוויינלעך קעכינס, צו וועלכן עס האָט נישט געקליידט דאָס געלע קאָפּ־טיכל.

זי האָט זיך געפילט הילפלאָז, און פון פארלעגנהייט געענטפערט, נאָר כדי עפּעס צו זאָגן.

— ווייס איך, וואָס איר זאָגט. איך פאַרשטיי אייך נישט.

אָבער די יונגע פרוי מיט די פּיפּיקע אויגן האָט איר איבערגעריסן:

— יאָ, איך ווייס, וואָס איך זאָג. גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט דער פעיקייט צו דערקענען אַ מענטש פון ערשטן בליק, צי ער איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער

פונדעסטוועגן וועל איך אַפילו אייך זיין פאַמיליע־נאָמען נישט זאָגן, זעט איר! — זי האָט זיך משוגעדיק צעלאַכט.

— וועמענס פאַמיליע־נאָמען? — האָט פרוי בעאַטע געפרעגט.

— נו, זיין פאַמיליע־נאָמען, די פאַמיליע פון דעם מענטש, וועלכער האָט אויף מיר געבראַכט דאָס גאַנצע אומגליק, — האָט אָפגעענטפערט די פרוי מיט די פּיפּיקע אויגן און זיך צעלאַכט.

די דיקע פרוי אויפן בעט האָט זי גאַנץ גראָב אָפּגעשטופּט מיטן פוס.

— הער אויף מיט דיינע נאַרישקייטן, קאַטיע, — האָט זי אָנגעשריגן אויף דער יונגער פרוי. — מיינסט, אַז יעדן אינטערעסירט דיינע שטותים?

די פּיפּיקע אויגן האָבן זיך תיכף אָנגעפילט מיט טרערן.

— קאַטיע איז נישט קיין שלעכטער מענטש, — האָט די דיקע פרוי געווענדט זיך צו דער פרוי בעאַטע, — דאָס איז קאַטיע אליקס פון רעסטאָראַן „אונטערן קאַרפּ" אין איינשטעטען, וווּ מ'פלעגט קריגן געשמאַקע קאַרפּן. זי איז עטלעכע יאָר געווען אַ קעכין אין פרויען־לאַגער אין ווערסדינגען, וווּ מ'האָט זי געפּייניקט אויף טויט. איצט איז זי דאָ און דאַרף שטיין פאַרן פאָלקס־געריכט. אָבער זעצט זיך דאָך שוין אַנידער, ליבע פרוי. איך זע דאָך, אַז עס ווערט אייך שוואַרץ פאַר די אויגן, איר זענט צוגעווינט צו עפּעס אַנדערש.

פרוי בעאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט נעבן דער דיקער פרוי. זי האָט באמת געהאַלטן ביים חלשן.

— און דאָס איז די פרוי רידיגער, — האָט די באַרעדעוודיקע דיקע פרוי מיטן פאַרוויטלטן פּנים פאָרגעזעצט און אָנגעוויזן אויף דער פרוי מיט די גרויע האָר, וועלכע איז געזעסן אויף דער טאַבורעטקע. — זי איז אַן אלמנה נאָך אַ שטיי־ער־באַאַמטן און האָט געוואַלדיק מורא, מ'זאָל איר נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

די אָרעם, אָבער זייער זויבער געקליידעטע עלטערע פרוי רידיגער האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן.

— ווי גראָב איר רעדט, פרוי לוקאַש! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ גע־בראָכענער שטימע פון שרעק. — ווי האַרצלאָז! איך האָב מורא, אַז איך וועל שוין מער נישט זען מיין איינציקן זון, איר ווייסט דאָס זייער גוט. איר ווייסט אויך, אַז איך מוז אים נאָך איין מאָל זען פאַר מיין טויט. כ'מוז, כ'מוז! ס'איז אמת, אַז כ'האָב מורא, אַז מ'וועט מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ, איידער כ'וועל האָבן געזען מיין זון, — האָט זי צוגעגעבן, קוקנדיק מיט טרויעריקע אויגן אויף דער פרוי בעאַטע. — ווי מיינט איר, ליבע פרוי? דער אַדוואָקאַט האָט מיר געזאָגט: „מיר וועלן פרווון ראַטעווען אייער קאָפּ, פרוי רידיגער, און דעמלט וועט איר זיך קאָנען ווידער זען מיט אייער זון". ווי מיינט איר, ליבע פרוי?

— דער אַדוואָקאַט! — האָט געלאַכט די דיקע פרוי אינעם העלן כאָלאָט. —

ווייסט איר דען נישט, אַז אַלע אַדוואָקאַטן מיטן טריבונאַל פֿון פּאָלקס־געריכט זענען אַלע איינס? ס'איז אַלץ אָפּנאַרעריי און שווינדל. איך וועל זיין צופֿרידן, אַז כ'וועל אָפּקומען מיט דריי יאָר תּפֿיסה. האָרכט! — האָט זי פּלוצים אָפּגעהאַקט און אויפֿגעהויבן דעם פֿליישיקן פֿינגער אין דער הייך. — האָרכט!

פֿון איבערן סופֿיט האָבן זיך דערטראָגן שווידערלעכע קולות, וועלכע האָבן דער פֿרוי בעסטע דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ ווי מיט מעסערס. דאָס זענען געווען לאַנגדויערנדיקע שווידערלעכע געשרייען, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען אין אַ יללה און אַ ריטשעריי. צומאָל האָט מען אויך געהערט אַ היסטעריש געלעכטער, אַז ס'האָט דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט און דאָס בלוט איז פֿאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן.

— האַלט זיך שטאַרק! — האָט די דיקע פֿרוי געשריגן, — האַלט זיך שטאַרק! איר וועט זיך סיידי נאָרנישט דערוויסן. דאָס איז אונדזער טאָגטעגלעכע נאַכט־מוזיק, ליבע פֿרוי. זיי האָבן די קליינע אייבענשיץ ווידער גענומען אין דער אַרבעט. אָבער די קליינע אייבענשיץ וועט קיין וואָרט נישט רעדן. איך קען זי. ערשט היינט אין דער פֿרי האָב איך מיט איר גערעדט. ס'איז ביי זיי דאָרט, אין דער אַראָפּלאָן־פֿאַבריק „פּרימוס“, עפּעס אָפּגעטאָן געוואָרן, אַ סאַבאָטאַזש, וואָס איז דורכגעפֿאַלן. זיבעצן מאַן האָט מען אויפֿן אָרט דערשאָסן, ביי דער סאַמע פֿאַבריק. און איצטער וויל מען, די קליינע אייבענשיץ זאָל אויסגעבן די איבעריקע. אָבער די קליינע אייבענשיץ קאָנען זיי אַפֿילו דערהרגענען, וועט זי קיינעם נישט פֿאַרראַטן. זי איז אַן אָנשטענדיקער מענטש, כאָטש זי האָט צוויי אומגעזעצלעכע קינדער און איז שוין פֿיר מאָל באַשטראָפֿט געוואָרן.

V

בעת קריסטע איז יענעם אָוונט צוריקגעקומען פֿון יאַקאָבסביל, איז זי אין ערשטן מאָמענט ווי געליימט געוואָרן פֿון דער שרעקלעכער ידיעה. נאָר די האָפֿענונג אויף דעם, אַז דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַטאַלע מיספֿאַרשטענדעניש, אַ שווערער טעות, וואָס וועט זיך בקרובֿ מוזן אויפֿקלערן, האָט זי נאָך דערהאַלטן ביי די כּוחות.

ס'איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז ביי זיי געשעען די אומגלויבלעכסטע טעותים און די גרעבסטע פֿעלערן, — האָט זי געפּרוּווט זיך טרייסטן, — ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם טעות מיטן מעדיציניש ראַטגעבער פֿאַלע, וועלכן זיי האָבן אַפֿילו קיין בירקהאָלץ פֿאַרשלעפּט.

צען אַזייגער האָט זי נאָך געהאַט אַ פֿונק האָפֿענונג, עלף אַזייגער איז שוין אָבער אַפֿילו דער לעצטער שוואַכער פֿונק פֿון האָפֿענונג פֿאַרלאָשן געוואָרן, און זי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ תּהום פֿון יאוש. איר גאַנצער קערפּער האָט געברענט ווי

פייער. אויף איר פּנים און אויף איר האַלדז האָבן זיך באַוויזן גרויסע רויטע פלעקן, אירע פאַרשטאַרטע אויגן זענען איבערגעפּולט געוואָרן מיט גרויל. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט איבער אַנטוועכץ און דורכגעמאַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, אַ צעפייניקטע פון שווידערלעכע בילדער. אַז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך ווידער פאַרגנבעט אין איר האַרץ אַן אילוזאָרישער שימער פון האָפענונג, אָבער זי האָט אים תּיכּף אָפּגעשטויסן פון זיך. — צו וואָס זיך אַליין אָפּנאַרן?

— מ'מוז דאָך עפּעס טאָן! — האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט.

זי האָט זיך אויף גיך איבערגעטאָן, צעפייניקט פון אומרו און זאָרג. יעדער אויטאָ, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָט איר געקאָנט ברענגען דערלייזונג, נאָך וועלכער איר האַרץ האָט אַזוי געלעכצט. אַלע אויטאָס זענען אָבער פאַרבייגעפאָרן. ס'וואָלט געווען אַ קינדעריי צו פאַרלאָזן זיך אויף וואָסערע נישט איז נאַרישע האָפענונגען. זי האָט נאָך אַ לענגערע צייט געזעסן דורכן טעלעפאָן מיט וואָלפגאַנגען און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען. בלויז איין מענטש איז געווען אין שטאָט — וואָלפגאַנג איז אויך געווען אין דער זעלבער מיינונג — דער איינציקער מענטש. וועלכער וואָלט געקאָנט איר העלפן אין דער איצטיקער שרעקלעכער לאַגע, — פאַביאַן.

אין זיין פּריוואַטן ביוראָ האָט מען איר געזאָגט, אַז דאָקטאָר פאַביאַן באַווייזט זיך קיינמאָל נישט פריער ווי אַרום עלף, צוועלף אַזייגער, און מ'האָט איר געראַטן פאָרן צו דער „אויפבוי=צענטראַלע". זי איז גלייך געפאָרן אַהין און געבעטן די סעקרעטאַרין אָנצומעלדן.

— כ'בעט איבערגעבן, אַז עס גייט אין אַן אויסערגעוויינלעך דרינגענדיקן ענין! — האָט זי דער סעקרעטאַרין נאָכגערופן.

פאַביאַן האָט גראָד געהאַט אַ באַראַטונג מיט אַ יונגן אַרכיטעקט. ווען ער איז, אין סך=הכל פון אַ לענגערן באַהאַנדלען, ענדגילטיק געקומען צום אויספיר אָפּצוואַרפן יענעמס פּראָיעקט, האָט מען אים געמאָלדן, אַז עס איז געקומען עפּעס אַ פריילין קריסטע לערכע=שעלהאַמער.

— פריילין קריסטע לערכע=שעלהאַמער? — האָט ער געפרעגט שטאַמלענדיק, נישט גלויבנדיק די אייגענע אויערן, אויפהייבנדיק זיך זייער לאַנגזאַם און פייערלעך פון זיין שטול. ער איז מיטאַמאָל אַזוי בלאַס געוואָרן, אַז די סעקרעטאַרין האָט עס באַמערקט. זי האָט אָבער דערויף נישט געלייגט ספּעציעל קיין אַכט. ווייל נאָכן טויט פון זיין זון פלעגט מיטן דאָקטאָר פאַביאַן אָפט טרעפן ענלעכע נערוועזע דערשיינונגען.

— די דאַמע האָט געבעטן זאָגן, אַז עס איז אַן אויסערגעוויינלעך דרינגענדיקער ענין, — האָט די סעקרעטאַרין בחפזון צוגעגעבן.

פאַביאַן האָט געמוזט שטאַרק אָנהאַלטן זיך ביים שרייבטיש, ער זאָל נישט אַנידערפאַלן, אַזוי שוואַך איז אים מיטאַמאָל געוואָרן.

— אין א מינוט ארום וועל איך זיין צו איר דיספּאָזיציע! — האָט ער לעבעדיק א זאָג געטאָן דער סעקרעטאַרין, און זיין שטימע, אזא מידע און אפּאַטישע שוין זינט לאַנגע וואָכן, האָט איצט א קלונג געטאָן פריידיק און פריש.

דער ארכיטעקט האָט אים אצינד זייער געשטערט. באַגריגדן איצטער זיין אָפּזאָג, וואָלט אוודאי צו לאַנג געדויערט. דער בעסטער אויסוועג פון אים פּטור צו ווערן וואָלט געווען, ווען ער זאָל פּשוט אָננעמען זיין פּראָיעקט.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום יונגן ארכיטעקט, — אייערע ארגומענטן האָבן מיך לסוף איבערצייגט. פירט דורך די ענדערונגען, ווי ס'איז באַרעדט געוואָרן, און אין א וואָך ארום בעט איך אייך ווידער אריינקומען צו מיר.

דער ארכיטעקט, וועלכער האָט שוין פארלוירן יעדע האָפענונג, האָט אים נעדאַנקט און א צופרידענער אָפּגעזעגנט זיך און גלייך אוועקגעגאַנגען.

פאביאַן האָט געהאט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך שטארק געאיילט, אליין נישט ווייסנדיק פארוואָס. ער האָט געוואָרפן א בליק אויפן שרייבטיש און צוגעגאַנגען צום שפּיגל א קוק צו טאָן, ווי ער זעט אויס. אין דעם מאָמענט האָט ער דערהערט קריסטעס לייכטע טריט אויפן קאָרידאָר, דאָס אָנקלאַפּן האָט ער נישט דערהערט, און שוין איז זי געשטאַנען אין דער טיר. מיט איין קוק האָט ער ארומגענומען איר גאַנצע געשטאַלט, און א וואַרעמקייט האָט איבערגעפולט זיין הארץ. יאָ, דאָס איז געווען קריסטע, ווי ער האָט זי נאָך פון צייט צו צייט געזען אין זיינע חלומות! ער האָט קוים באוויזן צו מאכן איין טראָט איר אנטקעגן, ווי זי איז שוין צו אים צוגעלאָפן מיט טרערן אין די אויגן און ארויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אקסלען.

— איר מוזט העלפן דער מאמא! — האָט זי אויסגערופן און צוגעפאלן מיטן פּנים צו זיין ברוסט.

אלץ איז אזוי האסטיק צוגעגאַנגען, אז ער האָט אפילו נישט באוויזן א טראכט צו טאָן, ס'איז געווען ווי אין א חלום, ער האָט בלויז געפילט, אז ער איז גליקלעך. ס'האָט אים עפּעס גאָרנישט אויסגעזען אויסטערליש, וואָס זי האָט ארויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אקסלען און געשלוכצט אויף זיין ברוסט. עס האָט באַר אים אויסגעזען אלץ אזוי נאטירלעך, ווי זיי וואָלטן זיך אויף קיין איין טאָג נישט צעשיידט. „קריסטע איז ביי דיר“, — האָט ער געטראכט.

קריסטע האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט אָפּגעגעבן זיך קיין רעכענונג, וואָס זי טוט.

איבער צוויי יאָר האָט ער זי נישט געזען, הגם זיי האָבן געוווינט אין דער זעלבער שטאָט. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער באַמערקן איר קליינעם געלן אויטאָ, און איינמאָל האָט ער געזען, ווי זי איז ארויס פון ניקאָלאַיס מאגאזין, ניט צוגעגאַנגען צו איר אויטאָ, און ווי איר קליין פיסל איז פארשוואונדן געוואָרן.

נאָך היינט זעט ער בולט דאָס בילד. זי האָט דעמלט געטראָגן טונקל־גרויע פאַנטאָפל. ס'האָט אויסגעזען, ווי די אַלע יאָרן און חדשים וואָלטן ווי דורך א כישוף אָפּגעווישט געוואָרן.

ער האָט זי צוגעפירט צו זיין קליינער סאָפע און געבעטן, זי זאָל זיך באַרואיקן.

— דערציילט מיר, וואָס ס'איז געשען, קריסטע, — האָט ער צו איר גע־יאָגט אַזוי מילד, ווי מען רעדט צו א קראַנקן, — איך פאַרשטיי דאָך גאָרנישט, איך ווייס דאָך נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

קריסטע האָט אויפגעהויבן צו אים אירע צאַרטע ברוינע אויגן, פאַרגאָסענע מיט טרערן.

— איר ווייסט פון גאָרנישט? — האָט זי אים געפרעגט א דערשטוינטע. זי האָט זיך אָבער גלייך באַדענקט און דערציילט אים וועגן אַלץ, וואָס ס'איז גייטיק געווען.

פאַביאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— א פאַטאַלע געשעעניש, — ס'טוט מיר זייער לייד פאַר אייער מוטער. איך בעט אייך אָבער זיך באַרואיקן. אַלס אייער פריינד זאָג איך אייך צו צו טאָן אַלץ, וואָס ליגט אין מיינע מעגלעכקייטן.

— כ'דאַנק אייך, — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

און אָט האָט ער ווידער געהאַלטן אין זיין האַנט איר צאַרטע מיידלשע האַנט, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט.

— לאָמיר זיך גוט באַדענקען, קריסטע! — האָט ער מיט זאָרג אויסגערופן און צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייבטיש.

— איך האָב געוווּסט, אַז איר זענט א גוטער מענטש, פאַביאַן, — האָט קריסטע שטיל געזאָגט, זיצנדיק אויף דער סאָפע, און איר לייב האָט אים אָנגעפילט מיט גליק.

— ווען דער גאַליימער וואָלט געווען אין שטאָט, — האָט פאַביאַן מיט באַדויערן צוגעגעבן, — וואָלט אייער מוטער נאָך היינט פריי געווען. איך וואָלט צו אים תיכף צוגעפאָרן.

— ער איז נישטאָ הי? — האָט קריסטע אויסגערופן, צונויפפלעכטנדיק געראָווען די פינגער.

זי האָט מיט שרעק א קוק געטאָן אויף פאַביאַנען, און ס'האָט איר אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים ערשט אַצינד דערזען. „ווי אָפּגעצערט און אויסגעמאַטערט ער זעט אויס“, — האָט זי א טראַכט געטאָן. ער איז, זעט אויס, אויף א סך גראָער געוואָרן.

פאַביאַן האָט פאַרדאַגהט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ער איז לײדער נישטאָ, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — אָבער איך ווײס, אַז ער ווערט דערוואַרט אַ ליאַרע טאָג. אָט װעלן מיר זיך באַלד דערװיסן.

ער האָט זיך גלײך פאַרבונדן מיטן גאַליטערס ביוראָ און געפירט אַ לעגנערן שמועס מיטן גאַלײטערס פאַרטרעטער, רײכסמײסטער מעין.

— ס'האַנדלט זיך װעגן אַ דאַמע, װאָס האָט צו מיר פערזענלעך אַ נאָענטע שײכות, — האָט קריסטע געהערט אים זאָגן.

— דער גאַלײטער, — האָט ער קריסטען איבערגעגעבן, — איז געװען אין בעלגראַד, און װערט הײנט דערװאַרט אין מינכען. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן װעט ער װידער זײַן דאָ. עס לײגט זיך צונױף אױסגעצײכנט, — האָט ער פריידיק צוגעגעבן.

קריסטע איז אָבער נישט געװען בײַ דער מײנונג.

— מאָרגן אָדער איבערמאָרגן? — האָט זי אַן אַנטױשטע אױסגערופן, — און דער שטעלפאַרטרעטער אַלײן קען גאָרנישט טאָן?

— ער קען, פאַרשטײט זיך, אַ סך טאָן, אָבער אין ספּעציעלע פאַלן מוז ער האָבן דעם גאַלײטערס הסכמה. ער װעט אָבער מיר תיכף אָנקלינגען, װי נאָר ער װעט געװױרע װערן זיך דערװיסן. קודם-כל באַרױיקט זיך, קריסטע! ס'װעט אַלץ געמאַכט װערן, װאָס אַ מענטש איז נאָר בכוח אױפצוטאָן.

זי האָט אים געדאַנקט מיט איר צאַרטן שמײכל, װאָס האָט „געשװעבט אױף איר פּנים, װי דער אַראָמאַט אַרום אַ רױז".

װען ער האָט זי אָבער געבעטן בלײַבן בײַ אים נאָך עטלעכע מינוט, האָט זי אַ שטאַרק צעטרודערטע אָפּגעזאָגט.

— איך קען נישט! — האָט זי געזאָגט. — עס האַלט דערבײַ, איך זאָל אַראָפּ פון זינען. — און זי איז אַװעקגעגאַנגען.

פאַביאַן איז װידער געבליבן אַלײן. ער האָט זיך געמוזט אײַנרעדעװען, אַזױ איז ער דערשעפּט געװען פון עם דאָזיקן קורצן שמועס. אָט דער שמײכל! ערשט איצט האָט ער געװוּסט, װאָס ער האָט פאַרלױרן...

קריסטע האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קײן אָרט, און זונדיק עפּעס אַ טרײסט, איז זי אַװעקגעפאָרן קײן יאַקאָבסביל. זי האָט געטראָפן װאָלפגאַנגען באַשעפטיקט בײַם אַרױסענדיקן אַ לײַכטער אין דער פאָרם פון אַ פּאַפּוגײַ. װאָלפגאַנג איז אױך געװען אין דער מײנונג, אַז זײַן ברודער האָט זיך צו איר באַצױגן װי אַן אמתער פרײַנד, און מ'קען זיך אױף אים פאַרלאָזן.

— ער איז שטענדיק געװען אַ גוטער חברהמאַן און איז שטענדיק גרײט געװען אַלעמען צו העלפן, — האָט ער געזאָגט, — אַ שאָד נאָר, אַ גרױסער שאָד, װאָס ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון די דאָזיקע פאַרברעכערישע האַקנשטאַפּלער.

וואָלפגאַנג האָט זי אויך געבעטן פאַרהאַלטן זיך רויִק און זיך אָנגעמען מיט געדולד.

געדולד, געדולד! אַלע פאַרלאַנגען פון איר געדולד, דאָס שווערסטע, וואָס מ'קאָן פון איר פאָדערן!

וואָלפגאַנג, וועלכער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט ביי זיין פאָ־פּוניי־לייכטער, האָט זי איינגעלאַדן אויף מיטאָג, זי האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, און צען מינוט אַרום איז זי שוין אוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט.

קריסטע איז געזעסן ביים טעלעפאָן שעהן לאַנג, יאָ, שעהן לאַנג, און פאַביאַן האָט מאַקע איינאָונט אָנגעקלונגען: דער רייטמייסטער מעין האָט נאָר וואָס גע־רעדט טעלעפאָניש מיט מינכען. דער גאָולייטער קומט מאָרגן.

— א דאַנק, א דאַנק!

א שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף איר פּנים, כאָטש די טרערן זענען ביי איר גערונען פון די אויגן. א מידע און א צעבראָכענע נאָך אַגידערצופאַלן, האָט זי זיך געמוזט צולייגן אויף א פּאָר שעה. א שטובמיידל האָט באַקומען די אויפגאַבע צו וואַכן ביים טעלעפאָן. דער גאָולייטער איז צוריקגעקומען אויף צומאָרגנס ניין אַזייגער אין אָוונט. און פאַביאַן האָט געבעטן מעלדן זיין וויזיט ביי אים אויפן קומענדיקן טאָג פאַרמיטאָג. רומף האָט אים אָבער פאַרבעטן תיכף צום אָוונט־ברויט. ער איז געווען זייער מיד און געהאַט חשק מיט אים אויסצוטרינקען א פלאַש ווין און דערנאָך במנוחה שפּילן מיט אים א פּאַרטיע ביליאַרד.

בעתן אָוונטברויט האָט פאַביאַן אים פאָרגעשטעלט זיין ענין.

— שעלהאַמער? — האָט דער גאָולייטער געפרעגט. — צי איז עס נישט אַמאָל פון די באַקאַנטע שעלהאַמערס?

— יאָ, די שוועסטער פון די צוויי ברידער שעלהאַמער.

רומף האָט זיך צעלאַכט.

— זי האָט אוודאי צופיל געפּלאַפּלט, ווי? — רומף האָט אויף א ווייל־פאַרקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט, דערנאָך באַפוילן דעם רייטמייסטער מעין תיכף נאָכן אָוונטברויט דעם ענין צו דערליידיקן.

מער איז וועגן דעם נישט גערעדט געוואָרן.

דער גאָולייטער האָט מיט אַפּעטיט געגעסן זיין סאַרנע־בראָטן און בעת־מעשה דערציילט מיט גרויס בראַוואָר פון בעלגראַד, אַז די דייטשישע באָמבאַר־דירער האָבן דעם גרעסטן טייל שטאָט פאַרוואַנדלט אין א באַרג גרוז און אַש.

VI

די ערשטע נאכט אין דער צעלע האָט פרוי בעאטע נישט צוגעמאכט קיין אויג. איינגעהילט אין איר מאנטל, האָט זי זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע נעבן דער פרוי מיטן מיידלשן אויסזען, וועלכע מ'האָט גערופן אליקס. די באַרעדעוודיקע פרוי לוקאש איז געלעגן אויפן בעט צוזאמען מיט דער פארחושכטער אלמנה נאָכן באאמטן, וועלכע האָט נאָך איין מאָל געוואָלט זען איר זון. דורך דער צעבראָכענער שויב פונעם פארקראטעוועטן פענצטער האָט אריינגעבלאָזן א קאלטע נאכטיקע לופט, וואָס האָט זיך געגעבן גוט צו פילן.

ניין אזייגער האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל, און די נאכט האָט זיך אָנגערוקט אויף דער צעלע, ווי א שווארצע פלאכטע, און נאָר א טריבע שיין האָט שימערירט ביים עק פענצטער, אויף וועלכן עס האָבן זיך אויסגעטיילט די טונקעלע קראטעס. די פרויען האָבן אָבער געשמועסט ביז אין דער שפּעטער נאכט אריין.

די דיקע פרוי לוקאש מיט די רויטע באקן איז געווען די טאָנגעבערין. היות זי האָט געדארפט מאָרגן שטעלן זיך פארן פאָלקס=געריכט, האָט זי היינט געהאַט די פּריווילעגיע צו ליגן אויפן בעט, און געהאט דאָס רעכט צו רעדן, וויפל איר הארץ גלוסט.

זינט וואָכן האָבן אירע מיטאסורים געהאלטן אין איין הערן פון איר די זעלבע געשיכטע, וועלכע זיי האָבן מיט אלע פרטים שוין פון לאנג געקענט אויף אויסנווייניק. פונדעסטוועגן אָבער האָבן זיי דאָס אלץ געמוזט נאָכאמאָל אויסהערן, מחמת ס'איז היינט צוגעקומען די פרוי בעאטע, וועלכע האָט נאָך אירע געשיכטעס נישט געקענט. פרוי לוקאש האָט אויך געהאַלטן פאר צוועקמעסיק נאָכאמאָל אויפצופרישן די געשיכטעס אין איר זכרון צום מאָרגנדיקן טאָג אין געריכט.

— איר וואָלט געמעגט הערן, מיין דאַמע, — האָט פרוי לוקאַש אין דער פינצטער אָנגעהויבן, — וויאזוי ס'האָט געהאַנדלט מיין פלימעניצע, עמא, און איר וועט דערשטוינט ווערן, אז עפּעס אזעלכעס זאָל בכלל מעגלעך זיין. די דאָזיקע עמא, מיין פלימעניצע, איז אָנגעקומען צו מיר אן אויסגעהונגערטע. זי האָט דעמאלט בסך=הכל געווויגן אכט און נייַנציק פונט, אָבער אין צוויי יאָר ארום האָט זי שוין געווויגן הונדערט און דרייסיק פונט. זי האָט מיר געהאָלפן אין דער באַלעבאָטישקייט, ווייל צו אן אנדערער ארבעט איז זי געווען צו שוואך. ווען זי איז אָבער געקומען צו די כוחות, האָב איך זי אראָפּגענומען צו זיך אין געוועלב אריין. מיר האָבן דעמאלט געהאט א רווחדיקע גארמאזשעריע — וואלטער און איך. דער דאָזיקער וואלטער איז געווען מיין געזעלן, ער האָט אָבער געוווינט ביי מיר. עמא איז דעמאלט געווען א גאנץ גוטע עקספּעדיענטין אין געוועלב, און דער=

ביי ערלעך ווי געלד, דאָס מוז איך מודה זיין. דער הערינג־סאַלאַט און אַלע אַנדערע מינים סאַלאַטן, וועלכע זי האָט געמאַכט, זענען באַרימט געווען איבעם גאַנצן קוואַרטאַל. נו, וואָס? עמאַ איז געווען יונג און פריש און געשאָסן מיט די אויגן אויף אַלע זייטן, ווי דאָס טוען איבעריקנס אַלע יונגע מיידלעך, אמת? זי האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ סך פאַרערער, דאָס מוז דאָך טאַקע האָבן יעדעס מיידל, כדי צו קאָנען אויסקלויבן איר באַשערטן. מיטאַמאָל אָבער האָט זי אויך אָנגעהויבן וואַרפן בליקן אויף וואַלטערן, מער האָב איך נישט באַדאַרפט. איר דאַרפט וויסן, מיין דאַמע, אַז ס'איז גענוג בלויז איין בליק, איך זאָל שוין וויסן, ווי עס האַלט אין דער וועלט! באַשירלעך, אַז איך האָב זיי נאָכגעקוקט, און אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זיי ביידן געפּאַקט. איך האָב עמען, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען, אַרויסגעוואָרפן פון מיין וווינונג. זי איז דעמאָלט געבליבן שטיין אויף די טרעפּ אין העמד און אין די מייטקעס, און גראָד האָבן זיך דעמאָלט מענטשן אומגעקערט אַהיים, און זענען צעפּלאַצט געוואָרן פון געלעכטער. דאָס גאַנצע הויז האָט געלאַכט.

פרוי לוקאַש האָט זיך הויך צעלאַכט אין דער פענצטער, און אַלע האָבן מיטגעלאַכט. אַפילו די פאַראומערטע אַלמנה האָט אויך כיכיקעט. פרוי לוקאַש האָט דאָ געמאַכט אַ קליינע אָפּווייכונג און דערציילט פון דער מוטער פון איר פּלימעניצע, וועלכע איז אייגנטלעך לחלוטין נישט געווען איר פּלימעניצע, נאָר גאָר אַ ווייטע קרובה. די האָזיקע מוטער איז געווען אַזוי דין און מאָגער, אַז זי האָט זיך געמוזט אַרומבינדן מיט אַ שטריקל ביי דער טאַליע, כדי נישט צו פאַרלירן די ספּודניצע. די אָרעמע פרוי, וועלכע איז געווען אַ מאַנטל־שניידערין, האָט זי אויך אַזוי אויסגעפּאַשעט, אַז די ספּודניצע איז ביי איר שוין מער נישט אַראָפּגעפאַלן. מאָרגן וועט טאַקע די שניידערקע באַווייזן זיך אין געריכט אַלס עדות פון דער פאַרטיידיקונג. דער אַדוואָקאַט האָט געפאָדערט, מ'זאָל זי אויסהערן.

— מיט וואַלטערן, מיין דאַמע, האָב איך מיך ווידער איבערגעבעטן, — האָט פרוי לוקאַש פאָרגעזעצט, — מחמת דאָס איז געווען אַ מאַנצפּאַרשוין, וועלכן מ'האָט נאָכן ערשטן גלעזל געמוזט ליב קריגן, צי מ'וויל יאָ, צי מ'וויל נישט. נאָכן צווייטן גלעזל איז ער שוין געווען אַ טייוול, וועלכער וואָלט געקאָנט זיין אייגענע מאַמע דערהרגענען.

און מיט עמען האָט זי זיך אויך סוף־כל־סוף איבערגעבעטן. זי האָט דאָך אויף איר נישט געקאָנט פאַריבל האָבן דערפאַר, וואָס זי האָט זיך פאַרליבט אין וואַלטערן. עמאַ האָט דעמאָלט געהאַט אַ חתן, אַ סטודענט, וועלכער האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ גלח. ער האָט געהייסן עדוואַרד, און געווען אַזאַ חלוש, אַז ס'איז אַ רחמנות געווען אויף אים אַ קוק צו טאָן. אויך אים האָט זי אין יענע שווערע צייטן אויסגעפּאַשעט, ביז ער האָט אויסגעזען מיט מענטשן צוגלייך.

פרוי לוקאַש האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— און אָט איז עס געשען! — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ. נאָך אַ פּויזע האָט זי פאָרגעזעצט:

— און אָט זענען אָנגעקומען די דאָזיקע שלעכטע צייטן, אין וועלכע מיר לעבן היינט, און דערויף האָט עמאַ נאָר געוואַרט. מיר האָבן יעדן אָוונט צוזאַמען געהערט דורכן ראַדיאָ די אויסלענדישע אווידיציעס, און וואַלטער איז געווען זייער נעשיקט ביים אָנשטעלן אויף די אויסלענדישע סטאַציעס. „זיי טשאַקען אונדז, וויפל נאָר ס'לאָזט זיך", פלעגט ער זאָגן, און עמאַ האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנהערן און אַלץ נאָך געדרייט ביים אַפּאַראַט, ווען ס'איז שוין אפילו נישט געווען וואָס צו הערן. אַזוי האָבן מיר געטאָן אַ גאַנץ יאָר, יעדן אָוונט צען אַזייגער. איינמאָל אָבער, האַלב צען אַזייגער, האָט דער לומפּ עדוואַרד דורכן טעלעפאָן אַרויסגערופן וואַלטערן צו זיך. וואַלטער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פּינקטלעך צען אַזייגער זיין צוריק. ער איז אָבער נישט געקומען, און איך האָב אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף ענגלאַנד און געהערט די אווידיציע. אין דעם האָב איך דערהערט טריט אינעם קאָרידאָר, און אַז עס גייט ווער אַריין אין צימער. כ'בין געווען זיכער, אַז דאָס איז וואַלטער. „נאָר וואָס האָט טשערטשיל וווּנדערבאַר גערעדט, — האָב איך געזאָגט, — אַ שאָד, וואָס דו האָסט אים נישט געהערט, וואַלטער!" „אַ שאָד, אַ שאָד!" — ענטפערט הינטער מיר אַ פרעמדע שטימע, און עמעצער האָט מיך פעסט אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. דאָס איז געווען עדוואַרד, דער סטודענט, וואָס האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ גלח. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו דער געסטאַפּאָ. עמאַ האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ נאָכשליסל, און זיי האָבן מיך געפּאַקט.

פרוי לוקאַש האָט געמאַכט אַ לאַנגע הפסקה, דערנאָך האָט זי גענומען רעדן, וויאַזוי זי וועט מאָרגן טענהן פאַרן געריכט.

— צי איז דאָס גערעכטיק און יושרדיק, מיינע הערן, — וועט זי טענהן, — צי איז דערלויבט, אַז אַ מענטש, וואָס האָט געוויגן קוים אַכט און נײַנציק פונט, און מ'האָט אים דערפירט צו הונדערט און דרייסיק פונט, צי איז דאָס דערלויבט, אַז אַזאַ מענטש זאָל אָפּטאָן זיין ווילטעטער אַזאַ חזירײַ? אין וועלכער וועלט לעבן מיר, מיינע הערן ריכטער?

פרוי לוקאַש האָט נאָך לאַנג גערעדט דערפון, וואָס זי וועט אַלץ מאָרגן טענהן פאַר די ריכטער. „איך שווער ביי גאָט, אַז ס'וועט ביי זיי אָפּגענומען ווערן דער חשק צו לאַכן".

לסוף איז זי אַנטשוויגן געוואָרן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַנטשלאָפן געוואָרן.

ס'איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל אין דער צעלע. מ'האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט אַ דעמפן אָפּקלאַנג פון די סיגנאַלן פון די אויטאָס און דאָס שלאָגן

פון די טורעם־זייגערס אין שטאָט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די קולות קומען פון גאַנץ ווייט, פּונקט ווי פון אַן אַנדערער שטאָט.

פּלוצים האָט די שטילקייט איבערגעריסן אַ שטיל קול, אַ נישט דרייסט און אָפּגעהאַקטס, ווי עס וואָלט געקומען פון ערגעץ און דער הייך. דאָס איז געווען דאָס קול פון פרוי רידיגער, פון דער פאַראומערטער אַלמנה, וואָס האָט אין דער פינצטער געריידט צו זיך אַליין. זי האָט מיט תחנונים שטיל געזאָגט.

— קאַרל, קאַרל, דער איינציקער, וואָס דו ביסט מיר געבליבן. איך וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען, קאַרל!

די אַלמנה האָט זיך מן־הסתם אויפגעזעצט אין בעט, ווייל ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די שטימע גייט פון סופיט.

דאָס בעט האָט אָבער באַלד אַ סקריפּע געטאָן. פרוי רידיגער האָט גערעדט שטיל און נישט דרייסט, אָבער געענטפערט האָט איר אַ הויכע און גראָבע שטימע, דער פרוי לוקאַשס שטימע, וואָס איז געווען אַזוי האַרט און שטרענג, אַז די ציטערדיקע שטימע איז תיכף פאַרשטומט געוואָרן, און מ׳האָט זי שוין די גאַנצע נאַכט מער נישט געהערט.

— לאָזט אונדז שוין ענדלעך צורו מיט אייער קאַרלען! — האָט אָן שום איינזען די פרוי לוקאַש אויסגערופן. — די פראַנצויזן האָבן אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט, און ער איז אין אַפריקע, ווו די מיידלעך זענען שוואַרצע. איר וועט אים נאָך אוודאי זען. איצט אָבער מוזט איר אויפהערן קלאָגן. איך האָב מאָרגן ביין אַזייגער מיין געריכטס־פאַרהאַנדלונג, און איך מוז זיין אויסגעשלאָפן.

ס׳איז ווידער איינגאַנצן שטיל געוואָרן, און מ׳האָט בלויז נאָך געהערט דאָס אָטעמען פון אַ שלאָפנדיקער פרוי, וועלכע האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעשריגן אומפאַרשטענדלעכע אייַנצלנע ווערטער. פרוי לוקאַש האָט אָנגעהויבן שנאָרכן.

פרוי בעאַטע איז געלעגן אָן באַוועגונג, מיט אָפענע אויגן. זי איז געווען טויט־מיד, און דאָך נישט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג. „קריסטע קאָן איצט אוודאי, פּונקט ווי איך, נישט איינשלאָפן, — האָט זי געטראַכט, — מאָרגן וועט זי דעם גאַנצן טאָג אַרומפאָרן מיטן אויטאָ, און מאָרגן נאָכמיטאָג וועט קומען דער אַדוואָקאַט, וועלכן זי האָט פאַר מיר גענומען. אפשר וועט ער ברענגען אַ קליין בריוול פון איר, אַ צעטעלע מיט עטלעכע ווערטער“. מער האָט די פרוי בעאַטע די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט טראַכטן. זי האָט זיך געדרייט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע, פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז דער גרויער שימער פונעם פאַר־קראַטעוועטן פענצטער איז ליכטיקער געוואָרן.

פּלוצים האָט זי דערהערט נעבן זיך אַ שטיל כיכיקען.

— איר קאָנט אויך מער נישט שלאָפן? — האָט געפּליסטערט די פרוי

אליקס מיט די דולע אויגן, — איך כאַפּ זיך אויף, ווי נאָר ס'הייבט אָן גרויען אויף טאָג. אין ווערעסדיגען האָב איך שוין פינף אזייגער געמוזט זיין אין קיך.

דערנאָך האָט זי געפּליסטערט און געשעפּטשעט כמעט אומפאַרשטענדלעך פון פאַרשידענע זאכן, צונויפגעמישט איינס אין אנדערן, און אויך האָט זי געפּליסטערט פון עפּעס א הער, וועלכן זי האָט אָנגערופן — מיערדער. מען האָט געפּאָדערט, זי זאָל אומבאדינגט אָנרופן זיין נאָמען, און מ'האָט איר צוגעזאָגט, אז ווי נאָר זי וואָלט אָנגערופן זיין נאָמען, וואָלט זי תיכף באפרייט געוואָרן. אָבער זי גלייבט זיי נישט קיין איין וואָרט, ווייל ווען זי וואָלט איינמאָל דערמאָנט זיין נאָמען, וואָלט מען איר גאַנץ פּשוט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

— דער דאָזיקער הער, פון וועלכן איך רעד, — האָט פרוי אליקס געשעפּטשעט, צורוקנדיק זיך נענטער, — איז געווען אן אָנגעזעענער מאַן, מיט א פּרעכטיקן מונדיר, און געהאט א סך אויטאָס. צוערשט האָט ער ביי מיר צוגענומען דעם רעסטאָראַן און דעם גאָרטן און אריינגעוואָרפן מיין מאַן אין תפיסה. איר דאַרפט וויסן, אז ער האָט זיך פאַרליבט אין די בוק־ביימער פאַר מיין הויז און געוואָלט זיי אומבאַדינגט האָבן. וואָרעם אזעלכע הערלעכע בוק־ביימער האָט ער אין ערגעץ נישט געזען, הגם ער האָט א סך גערייזט איבער דער וועלט. דאָרט איז געווען א האָן מיט לאַנגע פעדערן און א מכשפה מיט א קויש אויפן רוקן, א ווילדער חזיר מיט לאַנגע רייסציינער. אך, וואָס ס'איז דאָרט אלץ נישט געווען!

— פרוי אליקס האָט א לענגערע צייט געכיכיקעט און דערנאָך אין אויפגערעגטע באָרגעזעצט דאָס פּליסטערן: — דאָרט איז געווען א גרין פערד, אויף וועלכ ס'איז געזעסן א שטאָלצער רייטער מיט לאַנגע וואָנצעס, ס'איז געווען א גראָבער סאָלדאַט מיט א קרומער שאַבלע, א קעמל, פיר מעטער די הייך, ס'זענען אויך געווען צוויי העלפאַנטן מיט קליינע העלפאַנטלעך, וועלכע זענען אזוי הויך געווען, אז מ'האָט געקאָנט ארויפזעצן אויף זיי די קינדער רייטנדיק, ווען די געסט פלעגן קומען אין רעסטאָראַן אויף קאַרפן. הינטערן הויז זענען געשטאַנען דריי קודלאַטע הינט, גרויס ווי די בערן. איינער האָט געהאט א ווידל, ווי א פוקס. מיר האָבן אים גערופן איסעגרים.

און פרוי אליקס האָט נישט אויפגעהערט צישען און שעפּטשען און אויפגערעגט כיכיקען.

פרוי בעאַטע האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן. אן אייזיקע קעלט האָט זי פּלוצים דורכגעשוידערט. צי איז זי אריינגעפאַלן אין א משוגעים־הויז, אָדער די מענטשן זענען דאָ פון די אלע אומגליקן אראָפּ פון זינען?

זי האָט א ציטער געטאָן, און א פּאָר גרויסע טרערן האָבן זיך אראָפּגעקייקלט איבער אירע ברייטע באַקן, הגם זי איז בטבע געווען א מוטיקע פרוי.

ענדלער האָבן זיך פון קאָרידאָר דערטראָגן צוזאמענגעמישטע שטימען און הילכיקע טריט און מ'האָט דערהערט דעם געקלאַנג פון די שליסלען פון דער וועכטערין, וועלכע האָט אויפגעשלאָסן די צעלן.

VII

פאר פרוי בעאטע זענען דאָס געווען ביטערע טעג.

אין דער פרי האָט די קליינע פרוי אליקס געבראכט פאר איר פון תפיסהקיך א בלעכן טעפּל ברוינע יושקע און א שטיק ברויט. די ברוינע יושקע האָט זי געעקלט, זי האָט דאָס באנוצט אויף דורכצושווענקען דאָס מויל, דאָס ברויט האָט זי געוואָרגן. אין אָפּטריט האָט זי געבראָכן פון געשטאַנק און אָנגעהזירטקייט.

פאַרמיטאָג האָט מען זי געפירט אין דער שניידעריי, ווו זי האָט זיך געפילט א ביסל בעסער, ווייל ס'איז דאָרט געווען פארבאָטן צו פירן הויכע געשפּרעכן. אויף מיטאָג האָט זי זיך געברענגט א פולן בלעכענעם טעלער שיטערע אַרבעס=זופּ, וואָס זי האָט איינגאַנצן אויפגעגעסן, כדי צו שטילן דעם הונגער. קיין שום אדוואָקאט האָט זיך נישט באוויזן, און זי האָט מיט דער אויסערלעכער וועלט נישט געהאט קיין שום פארבינדונג. זי האָט זיך געפילט האָפנונגסלאָז אָפּגעשניטן פון לעבן. וואָס טוט קריסטע? איר גוטע טאָכטער מוז ארומלויפן אין גרויסער פארצווייפלונג פון אמט צו אמט, און דאָס אַלץ פאַרגעט דאָך צייט. ווו זענען אהינגעקומען אירע פריינד און באקאנטע? א טייל זענען יידן, וואָס נייטיקן זיך אליין אין הילף, די אנדערע האָבן שוין דורכגעמאכט ביטערקהאָלץ און זענען פון די שטארק פארדעכטיקע. מיט די מייסטע באקאנטע האָט זי און קריסטע איבערגעריסן אלע באציונגען, ווייל זיי האָבן געהערט צו דער נאצי=פּאַרטיי אָדער געהאַלטן ביים אריינטרעטן אין איר. צו די האָט מען באמת נישט געקאָנט האָבן קיין שום צוטרוי. מיט גרויל האָט פרוי בעאטע זיך געמוזט קלאָר מאַכן, אז זי איז איינגאנצן פאראיינזאמט.

אין דער שניידעריי האָט מען זיך מיט איר גראָב באַגאַנגען ביים געבן אָנווייזונגען, און איידער זי האָט באַוויזן צו פאַרריכטן אַ צעריסענעם פאַרטעך, איז שוין דער וואַרשטאַט פארמאַכט געוואָרן, און זי האָט שוין געמוזט אומקערן זיך ווידער אין דער צעלע. פרוי לוקאַש איז געזעסן אויפן בעט און געבאָמבלט מיט די פיס. די זאָקן האָבן זיך ביי איר צעקנוידערטע אַראָפּגעלאָזט ביז די אונטערשטע שלאָס=ביינדלעך.

— מיין ספּראַווע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף צוויי טעג, — האָט זי

אַ מרוקע געטאָן. זי איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, — די פרויען אַליקם און רידיגער זענען געבליבן אין דער תפיסה־קיך.

פרוי בעאַטע האָט אינגאַנצן נישט געפילט זייער ביידנס אַפּוועזנהייט. זי איז געווען אויף טויט אויסגעשעפּט, און ווי אַ חיה האָט זי זיך אָנגעוועקט אויף דער פּאָרלאָגע שלאָפן. ווי אַ האַלב־באַטויבטע האָט זי איבערגעלעבט דעם מאָרגנדיקן און איבערמאָרגנדיקן טאָג, כסדר געפייניקט פון די זעלביקע רעיונות. זי האָט שוין פון קיין זאַך נישט געטראַכט, שוין פון קיין זאַך מער נישט געוואָלט טראַכטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט פרוי לוקאַש, אָנגעקומען אין געריכט, זיך געזעגנט מיט אַ מבול פון כפול־שמונהדיקע ווערטער. פרוי בעאַטע איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן אין דער שניידעריי. זי איז שוין געווען אינגאַנצן אַפּאַטיש, און זי האָט ווידער אויפגעוואַכט, ווען פרוי לוקאַש איז צוריקגעקומען פון געריכט מיט אַ האַרמידער און ס'איז געוואָרן אין דער צעלע אַ גרויסער טומל.

פרוי לוקאַש איז געווען אין אַ זייער גוטער שטימונג. פון זינט שוין אַ לאַנגער צייט האָט זי ערשט היינט ווידער געזען נייע מענטשן און צוגעטראָפן זיך מיטן לעבן. דערצו האָט זי לאַכנדיק געמאַכט דעם געריכטס־טריבונאַל, וואָס ס'איז פאַר איר געווען ממש אַ דערקוויקונג. ווען זי האָט דערציילט, ווי זי האָט די ביידע, וואַלטערן און עמען, געפּאַקט אין איר ווינקל, און ווי זי האָט עמען אַרויסגעוואָרפן אויף די טרעפּ, און יענע איז געבליבן שטיין אין העמד און מייטקעס, האָט דער הויכער געריכטס־טריבונאַל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און דאָס פובליקום האָט ממש געטשעט. איז דאָס נישט קיין דערפאָלג!

— עמאַ איז אָבער געזעסן אויף דער עדות־באַנק און איז געוואָרן רויט ווי אַ צוויק. יעדער האָט אויף איר געקוקט, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף די טרעפּ אינעם העמד און מייטקעס, און דאָ זיצט זי גאָר אַן אויסגעשמיקטע, ווי אַ באַר־דאַמע, אין אַ הויכן הוט מיט אַ מעווע־פליגל.

פרוי לוקאַש האָט געקוואָלן פון נצחון. דאָס איז נישט געווען דער איינציקער נצחון אינעם דאָזיקן טאָג. אויף דער עדות־באַנק איז נאָך געווען עמאַס מוטער, וועלכע דער אַדוואָקאַט האָט געלאָזט רופן אלס עדות פון דער פאַרטיידיקונג. די דאָזיקע נעבעכדיקע מאַנטל־שניידערין, וועלכע האָט פריער געמוזט זיך אַרומבינדן מיט אַ שטריקל, נישט צו פאַרלירן די ספּודניצע, האָט געגוי דערציילט, וויאַזוי די פרוי לוקאַש האָט זי אָפּגעקאָרמעט. זי האָט זיך וועגן אַלץ דערמאָנט: פון יעדן רייפּטעלע ווורשט, יעדן קאָטלעט, יעדער געשמאַקער זופּ, יעדן שטיק חזיר. פרוי לוקאַש איז אַליין געווען נשתומם. און דער ריכטער האָט אַפילו געמוזט דער אַלטער פרוי איבעררייסן, ווייל ס'וואָלט קיין סוף נישט גענומען. דאָס פובליקום איז געווען צופרידן און געמורמלט מיט אָנערקענונג.

דאָס איז געווען פרוי לוקאַשס צווייטער נצחון. אָבער בעת מ'האָט אויסגעהערט וואַלטערן אַלס עדות, איז זי באַגאַנגען אַ שווערן פעלער. זי האָט אויסגערופן:

— הלמאַי, הערן ריכטער, אַרעסטירט איר נישט דעם דאָזיקן מאַן, וועלבער איז דאָך צענפאַך שולדיקער, ווי איך? ער האָט אַ גאַנץ יאָר מיט מיר צוזאַמען געהערט די אווידיציעס!

וואַלטער האָט זיך הילכיק צעלאַכט און געזאָגט:

— ס'איז נאָר צום לאַכן. דער דאָזיקער פרוי פעלט אַ קלעפקע אין קאָפּ.

דער ריכטער אָבער איז אין כעס געוואָרן און געזאָגט:

— דאָס וועט איר שוין, זייט מוחל, איבערלאָזן פאַר אונדז, ווען מיר זאָלן אַרעסטירן אָדער נישט.

— יאָ, ער איז אויף אַן אמת אין כעס געווען, — האָט פרוי לוקאַש פאַרענדיקט.

אָבער בכלל איז פרוי לוקאַש מיט דעם דאָזיקן טאָג געווען זייער צופרידן און איינגעלאַדן אַלע פרויען פון דער צעלע צו אַ ספּעציעלער סעודה, ווען זיי וועלן שוין אַרויס פון דער תפיסה. זי האָט אויך פאַרבעטן די פרעמדע דאַמע, וועלכע איז ערשט נעכטן געקומען. אַלע וועלן קאָנען עסן, וואָס זייער האַרץ נאָר גלוסט: געפרעגלטן וווּרשט, געבראָטן חזיר־פלייש, בעפשטיקס, — אַזוי פיל, אַז מ'וועט קאָנען צעפּלאַצט ווערן. דאָס איז באמת געווען אַן איינלאַדונג מיט גרויס פאַרגעניגן, אַזוי אַז אַלע האָבן זיך שוין פון פאָרויס געקאָנט פרייען.

די טרויעריקע אלמנה האָט זי אָבער אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר, הייסט עס, אויף אַן אמת געוואָרן באַפרייט, פרוי לוקאַש?

פרוי לוקאַש האָט זיך לוסטיק צעלאַכט. אין צעלע איז איצטער שוין טונקל געוואָרן.

— באַפרייט? — וואָס פאַלט אייך איין? דאָס פאַלקס־געריכט באַפרייט נישט קיינעם, ווען ער האָט איינמאָל אַרייַנגעפאַקט אין זיינע נעגל. אָבער איך האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן — מיט דריי יאָר תפיסה, און כ'האָב זיך געריכט אויף פינף. דאָס איז דערפאַר, ווייל כ'האָב דעם גאַנצן טריבונאַל לאַכנדיק געמאַכט.

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל. דריי יאָר תפיסה איז בכלל נישט קיין קלייניקייט! פרוי לוקאַש האָט אַליין דערפילט, אַז זי מוז באַרואיקן אירע צוהערער:

— דריי יאָר, ווייס איך וואָס! — האָט זי אויסגערופן. — וואָס איז דריי יאָר? איידער מ'קוקט זיך נאָר אַרום, און זיי זענען שוין פאַריבער.

און פרוי לוקאַש האָט נאָך אַלץ גערעדט, ווען ס'איז שוין אפילו אין צעלע צוגעפאַלן די נאַכט. זי וואָלט נאָך געקאָנט שעהן לאַנג דערציילן וועגן דעם הייַנטיקן געריכט. זי האָט אָנגעהויבן פאַנטאַזירן, וואָס זי וועט טאָן, ווען די דריי יאָר וועלן

אריבער. איצטער האָט זי זיך שוין אַלץ אויספּלאַנירט ביז צו די קלענסטע פּרטים. זי וועט זיך איבערבעטן, לפנים פאַרשטייט זיך, מיט וואַלטערן און עמען. זי וועט זאָגן, אַז די עמלט זענען געווען אַזעלכע שטורמישע צייטן. זי וועט זיי ביידע פאַרבעטן אויף מיטאָג און וועט זיי מכבד זיין מיט גוטן וויין. אינעם שכנותדיקן צימער אָבער וועט זי האָבן צוגעגרייט אַ צעגליט קאַרביר=שערל און גאַנץ אומגעריכט וועט זי עמען אָפּבריען די נאָז, און וואַלטערן וועט זי אַ זעץ טאָן מיטן צעגליטן שערל אין די אויגן אַריין. „אָט האָסטו דיר פאַר דער קלעפּסע, וואָס ס'פעלט מיר אין קאָפּ!" און ווען זיי וועלן משוגע ווערן פון ווייטיק, וועט שוין זיין צוגעגרייט אַ מעסער און זי וועט זיי איינפאַך איבערשניידן די העלדזער. איינס, צוויי, דריי — און אַ סוף!

אין דער האָזיקער רגע האָבן זיך צעקלימפּערט די שליסלען אין דער טיר פון דער צעלע, און אַלע האָבן זיך דערשראָקענע אויפגעזעצט: ביידע פרויען אויפן בעט, די קליינע פרוי אַליקס און פרוי בעאַטע אויף דער פּאָדלאָגע.

די וועכטערין האָט געבלענדט מיט איר עלעקטריש לעמפּל.

— פרוי בעאַטע לערכע=שעלהאַמער! — האָט זי אויסגעשריגן. — מאַכט אייך פאַרטיק צום פאַרהער!

— אַזוי שנעל? — האָט אַ שעפּטשע געטאָן די פרוי אַליקס. — געווייגלעך דויערט עס צוויי וואָכן.

— קיין גוט אויג זאָל זי נישט פאַרשאַטן! — האָט פרוי לוקאַש צעבראָסמעט נאָכגעשריגן הינטער דער פרוי בעאַטע, ווען יענע האָט פאַרלאָזט די צעלע.

VIII

אונטערן פּורערס אייל=בילד, וואָס האָט געגלאַנצט פון לאַקיר, איז געזעסן אומבאַוועגלעך ביי אַ גרויסן שרייבטיש, איינגעבויגן איבער אַקטן, אַ שווייגנדיקער יונגערמאַן. ער האָט געטראָגן אַ העל=גרויען אָנצוג פון נייסטן שניט, געהאַט נאָר אַ יונג פּנים, אָן אַ סימן פון אַ באָרד. זיין גאַנצער קאָפּ איז, ווייזט אויס, געווען אָפּגעראַזירט, און ס'האָבן זיך קוים אָנגעזען זיינע העל=בלאָנדע, דינע ברעמען. אויף דער שמאָלער נאָז זענען געווען אַרויפגעזעצט פּענסנע, אָן ראַמלער. ער איינגאַנצן האָט אויף דער פרוי בעאַטע געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז און פולשטענדיק דורכזיכטיק.

בעת די כמורנע תפיסה איז געווען פול מיט אומרואיקייט און טרויער, האָט ער מיט זיך פאַרקערפּערט די רואיקייט און זאָרגלאָזיקייט אַליין. דער בנין איז געווען שמוציק און פאַרנאַכלעסיקט, ער אָבער איז געווען דער אויסדרוק

פון אויסערגעוויינלעכער עלעגאַנטקייט. דאָס איז געווען דער אַסעסאָר מילער II. זיין נאָמען איז געווען אויפגעשריבן אויף דער טיר.

ענדלעך האָט ער עפּעס אַ ריר געטאָן מיט די פּענסנע און אַ קוק געטאָן אויף פרוי בעאַטע, וועלכע איז געשטאַנען נעבן דער טיר. מיט אַ קוים קענטיקער באַוועגונג פון ווייז־פינגער האָט ער איר געגעבן אַ צייכן, זי זאָל צוקומען נענטער צום שרייבטיש.

— זעט אויס, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ביי אייך קיין באַזונדערע סימפּאַטיע נישט געוווּנען? — האָט ער אָנגעהויבן גאַנץ שטיל.

— כ'מוז אָפן מודה זיין, — האָט פרוי בעאַטע געענטפערט מיט אַ ביסל אַ צוגעדעמפטער שטים, — אַז איך האָב זיך קיינמאָל נענטער מיט דער פּאַרטיי נישט פאַרנומען.

פון די שמועסן אין דער צעלע האָט זי געוווּסט, אַז אַסעסאָר מילער איז באַקאַנט אַלס פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער נאַצי־פּאַרטיי.

— אַלץ ערגער פאַר אייך! —האָט געזאָגט דער עלעגאַנטער אַסעסאָר און מיט אַן אויסדרוק פון נישט צופרידנקייט אַ הייב געטאָן מיט די דינע ברעמען. — איר קאָנט צו יעדער צייט געפינען זיך אין אַזאַ פיינלעכער לאַגע צו מוזן אָנזאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע. אַלס באַווייז פון אייער אָפענער פיינטלעכקייט צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קאָן דינען דער פאַקט, וואָס איר האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ סקולפּטור ביים סקולפּטאָר וואָלפגאַנג פאַביאַן, דעם באַוווּסטן קעגנער פון דער פּאַרטיי און יידן־פריינד.

— דעם ביוסט האָב איך באַשטעלט נאָך מיט צוויי יאָר צוריק, — האָט פרוי בעאַטע אָפּגעענטפערט און געווען צופרידן, וואָס איר שטימע איז שוין מער נישט געווען צוגעדעמפט, נאָר געקלונגען לחלוטין ריין. זאָל ער נישט מיינען, דער דאָזיקער גלאַטיקער אַסעסאָר, אַז ס'וועט אים געלונגען זי איבער־צושרעקן.

דער אַסעסאָר האָט זי רואיק אָבסערווירט דורך זיינע געשליפענע גלעזער און פאַרגעזעצט:

— אין אַזאַ צוזאַמענהאַנג איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס איר ווייזט אַרויס אייער בפירושע סימפּאַטיע צו אונדזערע שונאים. איר פאַרשטייט מיך נישט? ווי קומט עס, וואָס איר, אַ דייטשישע פרוי, רופט אָן דזשענטלמענער די ענגלישע אונטערצינדער, וועלכע פאַרוואַנדלען אונדזערע קירכעס און שפּיטעלער אין אַש?

פרוי בעאַטע האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ביי וואָסער געלעגנהייט זי זאָל עס האָבן געטאָן.

דער יונגער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט סאַרקאַסטיש געשמייכלט און אַריינגעקוקט אין באַשולדיקונגס־אַקט.

— איר האָט געזאָגט צו אייער טאָכטער בעת אַן אָנפֿלי There are gentlemen in the air — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, — איר האָט גערעדט אויף ענגליש.

— איך דערמאָן מיך ניט, — האָט פֿרוי בעאַטע געענטפֿערט, צוקנדיק מיט די אַקסלען, — אָבער ס'קאָן מעגלעך זיין. איך רעד אַמאָל ענגליש מיט מיין טאָכטער. איך בין דערצויגן געוואָרן אין ענגלאַנד. איך פֿאַרשטיי אָבער ניט, מיט וואָס עס קאָן אייך אינטערעסירן אַזאַ באַמערקונג, וואָס האָט ניט קיין שום באַדייטונג.

דער ריכטער האָט זיך ווידער סאַרקאַסטיש צעשמייכלט.

— אין לעבן איז קיין זאַך ניט אָן אַ באַדייטונג, — האָט ער געזאָגט, — מיר זענען וועגן אַלץ אינפֿאָרמירט, און מיר ווייסן אויך, ווען עמעץ האָט גערעדט אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך. דאָס דייטשישע פֿאָלק איז אַזוי גוט געבילדעט, אַז יעדער צווייטער מענטש פֿאַרשטייט ענגליש. דאָס דאַרפֿט איר זיך סוף־כּל־סוף פֿאַרגעדענקען. איר פֿרעגט, מיט וואָס אינטערעסירט אונדז אַזאַ באַמערקונג, וואָס האָט ניט קיין שום באַדייטונג, ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט? עס איז אַבסאָלוט ניט אייער זאַך צו אַנטשיידן, וואָס עס האָט פֿאַר אונדז אַ באַדייטונג און וואָס ניט, און איך וואַרף קאַטעגאָריש אָפּ אייער חוצפּהדיקע, ניט פּאַסיקע פֿראַגע. האָט איר מיך פֿאַרשטאַנען? — האָט ער נאָך אַ ביסל שאַרפֿער פֿאַרענדיקט.

דאָס בלוט האָט דער פֿרוי בעאַטע אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, און זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירן קעגן זיין טאָן, אָבער אין דער זעלבער רגע האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן. דער יונגער אַסעסאָר האָט גענומען דאָס טרייבל און געפֿירט אַ גאַנץ לאַנגן, פֿאַרטרוילעכן שמועס, ניט לייגנדיק די מינדסטע אַכט אויף פֿרוי בעאַטע.

— אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין אין „גלאָבוס", ליבער פֿריינד! — האָט ער געזאָגט. — יאָ, מען האָט מיך אַרויסגערופֿן צוליב אַ ספּעציעלן ענין און טאַקע דערפֿאַר פֿריער ניט געקאָנט קומען. איר פֿאַרשטייט? איר זייט גערעכט, מ'קריכט פֿון דער הויט, כּדי דאָס צעלאָזענע פֿאָלק ווידער צוגעוווינען צו אָרדענונג, און דאָ שטערט מען אייך נאָך. וואָס זאָגט איר? יאָ, כּסדר מישן זיך אַריין פֿאַרשידענע אַנדערע פֿאַקטאָרן אין אונדזער אומדאַנקבאַרער אַרבעט און מאַכן קאַליע די גאַנצע זאַך. אָבער איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז מ'מוז זיין געהאָרכזאַם, ווי שווער ס'זאָל אייך טיילמאָל ניט זיין. אויסגעצייכנט! בערך אין אַ שעה אַרום בין איך ביי אייך!

שמייכלענדיק האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און פֿאַרטיפֿט זיך אַ היפּשע ווײַלע אינעם באַשולדיקונגס־אַקט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין דער פֿרוי בעאַטע. ער האָט אַפֿילו אונטערגעשטראָכן עטלעכע ווערטער מיטן בלײַשטיפֿט, און זײַן בלאַס־רויטע שפּיץ צונג האָט זיך דערבײַ באַוויזן צווישן די ראָזיקע ליפּן.

ענדלעך האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

פֿרוי בעאַטע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿריערדיקע פֿראַגן זענען געווען נישט מער, ווי אַ מין טאַפּן דעם דופק, און אַז ערשט איצט וועט ער צוטרעטן צו די וויכטיקערע פּונקטן פֿון דער אָנקלאַגע קעגן איר. זײַן פּנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פֿון וויכטיקייט און ערנסט.

— פֿרוי לערכע־שעלהאַמער, — האָט ער אָנגעהויבן, באַמיענדיק זיך צו רעדן זייער קלאָר, — איר האָט צו אַן עדות, אין וועמענס באַגלויבטקייט ס׳קאָן קיין ספֿק נישט זײַן, געמאַכט פֿאָלגנדיקע באַמערקונג: „ס׳איז די העכסטע מאָס פֿון געווויסנלאָזיקייט און נאָר אַ משוגענער קאָן צוואָנציק יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה אָנהויבן אַ צווייטע מלחמה ביי די זעלבע, ניין, ביי נאָך אַ סך אומגינס־טיקערע באַדינגונגען“. שטימט עס? דאָס איז געווען די פֿאַקטישע סיבה פֿון אײַער אַרעסט. איך וועל מן־הסתם נישט האָבן קיין טעות, אָננעמענדיק, אַז איר וועט וועלן דאָס פֿאַרלייקענען. — דער יונגער ריכטער האָט כיטרעוואַטע צונגע־שמייכלט.

זײַן שמייכל האָט פֿרוי בעאַטען באַליידיקט. דאָס בלוט האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, זי האָט זיך אויסגעגלײַכט און אָפּגעענטפֿערט מיט אַ הויך קול, העכער ווי זי האָט עס געוואָלט:

— איך לייקן קיין זאַך נישט, הער אַסעסאָר! איך לייקן קיינמאָל נישט, איר הערט, איך לייקן נישט אין וואָסערע סיטואַציעס ס׳זאָל נישט זײַן, אַפֿילו ווען איר זאָלט מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ!

זי האָט אָפּגעאָטעמט, אַ צופֿרידענע מיט דעם, וואָס זי האָט געגעבן אַ גוטע אָנלערנונג דעם דאָזיקן פֿאַרריסענעם פֿאַרשוינדל. אין תוך גענומען האָט ערשט איצטער דערוואַכט אין איר די אַנטשלאָסנקייט צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן יעדער, אַפֿילו קלענסטער באַליידיקונג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זאָלן מיט איר שפּעטער נישט טאָן.

דער אַסעסאָר האָט זי פֿאַרחידושט אָנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַפֿילו עטוואָס אַ שמייכל געטאָן.

— מן־הסתם וועט עס צו דעם נישט דערגיין, — האָט ער געזאָגט, — איר זענט זיך אַלזאָ מודה, אַז איר האָט די באַמערקונג געמאַכט?

— יאָ! — האָט פֿרוי בעאַטע אויסגערופֿן. — כ׳בין מודה, אַז איך האָב

געמאַכט די ראַזיקע באַמערקונג אין אַזאַ אָדער ענלעכער פאָרם, הגם אין דער רגע דערמאָן איך זיך אַבסאָלוט נישט, צו וועמען איך זאָל דאָס האָבן געזאָגט. די האַזיקע אַרויסזאָגונג פאַלט זיך אָבער צונויף מיט מיין מיינונג.

דער יונגער ריכטער האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט פאַרגאַפט געעפנט דאָס מויל, אַז מ'האָט געזען אַ שורה ציינדלעך, באמת קינדערישע ציינדלעך.

— צי גיט איר זיך אָפּ קלאָר אַ רעכענונג, וואָס איר האָט אָקאָרשט געזאָגט? — האָט ער געפרעגט מיט דערשטוינונג.

— פולשטענדיק! — האָט פרוי בעאַטע געענטפערט און צונעמאַקעוועט מיטן קאָפּ.

דער אַסעסאָר האָט אָנגעהויבן אויספירלעך פאַרשרייבן איר ענטפער אין די אַקטן. אין דער זעלבער רגע האָט ווידער אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן, און דער אַסעסאָר האָט ווידעראַמאָל גענומען דאָס טרייבל, אומצופרידן, וואָס מ'האָט אים אין דער מיגוט איבערגעריסן. ער האָט אַפילו צונויפגעקניטשט דעם שטערן, אָנגעבנדיק אין טעלעפאָן זיין נאָמען. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך געביטן זיין אומצופרידענע מינע, ער האָט זיך שטייף אויסגעגלייכט און אַפילו זיך אַ ביסל פאַרנייגט פאַרן אַפּאַראַט.

— יאַוואָל, הער רייטמייסטער! — האָט ער געזאָגט מיט אַ זייער העפלעכן טאָן, — יאַוואָל, געוויס! מ'דאַרף בלויז דערליידיקן נאָך עטלעכע פאָרמאַליטעטן און דאָס איז אַלץ. נאָך היינט אין אָוונט? שפּעטסטנס ביז צען אַזייגער? פאַרשטייט זיך! אין עטלעכע מינוטן וועט אַלץ זיין געמאַכט. ווי, ביטע? יאָ, איך גאַראַנטיר דערפאַר, אַסעסאָר מילער II. שפּעטסטנס אין צען מינוט אַרום, הער רייטמייסטער!

ער האָט פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. דער קורצער געשפרעך האָט משמעות געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איבערגעגאַנגען זיך עטלעכע מאָל נערוועז איבערן צימער אויף און אָפּ, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער פרוי בעאַטע. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און מיט אומווילן פאַרמאַכט דעם באַשולדיקונגסאַקט. אָנלענענדיק זיך אַהינטער אויפן וועגטל פון דער שטול, האָט ער ווידער אַ קוק געטאָן דורך די שאַרפע גלעזער אויף בעאַטען.

— איר דאַרפט וויסן, אַז מיר האָבן אייער דערקלערונג אין די אַקטן. פאַרגעסט נישט וועגן דעם! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שפּאָטישן טאָן. אַ צווייט מאָל וועלן שוין אייערע פריינד נישט קאָנען אייך מער העלפן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר און צוגעוואָרפן מיט אַ חוזק־שמייכל:

— דערווייל קאָנט איר גיין!

פרוי בעטי האָט תיכּף פאַרלאָזט דאָס צימער, אַ דערשטוינטע, וואָס דער אַסעסאָר האָט אַזוי פּלוצלונג איבערגעריסן דעם פאַרהער. און דער צעלע האָט מען זי פון אַלע זייטן באַוואָרפן מיט פראַגן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרע תשובות, ווייל זי האָט אַליין אויך נישט באַנומען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען בעתן פאַרהער.

— דאָס איז געווען דער אַסעסאָר מילער? — האָט פרוי לוקאַש אויסגערופן. דאָס איז אַ קליינע, בייזע בעסטיע, איך קען אים זייער גוט. ער איז אַרויסגעפלויגן פון געריכטס-וועזן, ווייל ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שיינע ייִנגלעך. איר פאַרשטייט, האַ-האַ-האַ!

ס'האָבן אַ קלומפּל געטאָן שליסלען, און די מאָגערע וועכטערין האָט ווידעראַמאָל געבלענדט מיט איר לעמפּל.

— איר זענט נאָך אַלץ נישט פאַרטיק? — האָט זי געשריגן מיט כּעס אויף דער פרוי בעטי. אַסעסאָר מילער איז מלא רציחה, וואָס איר* זענט נאָך דאָ. ער האָט דאָך אייך געזאָגט, אַז איר קאָנט גיין!

די פרוי בעטי האָט קוים געקאָנט נאָכיאָגן די וועכטערין, אַזוי שנעל איז יענע אַראָפּגעלאָפן פון די געדרייטע טרעפּ. דער פאָרטיער איז שוין געשטאַנען ביים טויער, גרייט פאַר איר אויפצושליסן.

— אײַלט אייך צו! — האָט ער אויסגערופן. — עס איז פאַר אַן אַליאַרם!

פרוי בעטי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פינצטערניש אַריין.

IX

ווי נאָר דער טויער האָט זיך הינטער איר פאַרמאַכט, איז פרוי בעטי געבליבן שטיין. אַרום איר איז געווען אַ טיפע פינצטערניש, וואָס איז איר קיינמאָל נאָך אין אַזאַ נישט אויסגעקומען צו זיין. די גאַס איז געווען שוואַרץ, און אויך דער הימל איבער איר איז געווען שטאָק-פינצטער. זי האָט זיך נישט גערירט און לאַנג אַריינגעאָטעמט די קילע נאַכט-לופט.

פריי! זי איז געווען פאַרשיכּורט פון גליק. שוין קום איך צו דיר, קריסטע! ס'האָט פון איר אַרויסגעשריגן די פרייד, און ערשט איצט האָט זי אַ טראַכט געטאָן, וויאַזוי וועט זי עס געפינען דעם וועג אַהיים. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זיי זענען געפאָרן אַהער מיטן אויטאָ פון דער זייט פון טייך, און טאַפּנדיק אין דער פינצטער שריט נאָך שריט, איז זי געגאַנגען אַראָפּ מיטן שמאָלן געסל, וואָס האָט געפירט צום טייך. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַזאַ טיפע נאַכט, אַז זי האָט נאָר פון צייט צו צייט געקאָנט דערקענען די קאָנטורן פון אַ הויז אָדער אַ דאַך. אַפילו די אָפּגעווייסטע קאַנטן פון די בנינים און טרעפּ ביי די אַריינ-

גאַנגען האָט מען געקאָנט ערשט באַמערקן, ווען מ'איז שוין געשטאַנען האַרט נעבן זיי. פון שפּאַרעס פון איינצלנע לאָדנס האָט זיך דורכגעריסן אַ שוואַכע שיין. די דירות זענען געווען באַוווינט.

די קריידיקע פּאַסן ביי די ראַנדן פון שמאָלן טראָטואַר זענען געווען קוים קענטיק. דאָרט, וווּ זיי האָבן זיך געענדיקט, האָט די גאַס זיך פאַרקערעוועט צו דער אַלייע ביים ברעג טייך. פרוי בעאַטע האָט געפילט אונטער די טריט די שפּיציקע שטיינער פון ברוק, און אַריינשלייכנדיק זיך אונטער דעם טונקעלן געוועלב פון די צוזאַמענגעפלאָכטענע ביימער=קרוינען, האָט זי דערהערט, ווי עס סקריפּעט אונטער אירע טריט דער זשוויר פון דער סטעזשקע אין דער אַלייע. זי האָט געוווּסט, אַז די שפּאַציר=אַלייע ביים טייך איז אָפּגעצוימט מיט גראָבע, פירקאַנטיקע, אייזערנע שטאַכעטן. אָבער ערשט נאָך גרויסער מי און אַ לאַנגן טאַפּן אין דער פינצטער האָט זיך איר איינגעגעבן אָנצוכאַפּן זיך פאַר איינע פון די גראָבע שטאַכעטן. ערשט איצט האָט זי פריי אָפּגעאָטעמט! זי דאַרף זיך נאָר האַלטן ביי די דאָזיקע שטאַכעטן, און זי וועט דערגיין צו דער בישאָפּ=בריק, פון וואַנען זי וועט שוין מער נישט דאַרפן בלאָנדזשען.

ביים טייך איז געווען קילער און אַפילו גאָר קאַלט. זי האָט זיך פעסטער איינגעטוליעט אין איר מאַנטל. די וואַסערפלאַך האָט מען נישט געקאָנט דערזען. מ'האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט אַ ריזלען און אַ פּליעסקען פון וואַסער און טיילמאָל האָט אויך אַ שוים פון אַ כוואַליע אָפּגעשלאָגן זיך ביים ברעג. דער טייך איז געווען אַזוי שוואַרץ, ווי די ערד, נאָר זיין שוואַרצקייט איז נישט געווען אַזוי ווייסט און אָפּגעשטאָרבן.

„אין צוויי שעה אַרום וועל איך זיין אין דער היים, און קריסטע וועט די אייגענע אויגן נישט גלויבן“! — האָט זי מיט פרייד אַ טראַכט געטאָן. פּאַמעליעך, טראָט נאָך טראָט, האָט זי זיך ווייטער געשאַרט דורך דער טונקלקייט, מיט דער שרעק נישט אָפּצוטרעטן פון די שטאַכעטן מער ווי אויף עטלעכע טריט. זי האָט קיין רגע נישט געצווייפלט אין דעם, אַז אויב זי וועט נאָר נישט פאַרלירן דאָס געדולד, וועט זי געפינען אין דער פינצטערניש דעם וועג צו זיך אַהיים.

אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מ'האָט נישט געהערט קיין שום אָפּקלאַנג פון טריט אָדער אַ סקריפּ פון אַ וואָגן.

— זעסטו, ס'רוקט זיך דאָך פאָרויס! — האָט זי צו זיך אַליין אויסגערופן, ווען נאָכן דורכמאַכן אַן אָנגעשטרענגט שטיקל וועג האָבן זיך די שטאַכעטן פאַרקערעוועט אין אַ זייט. אין דער קווער איבערן טייך האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע מאַסע. דאָס איז געווען די בישאָפּן=בריק. די יאַוואָרן=אַלייע האָט דאָ זיך געענדיקט. פון דער בריק האָט געפירט אַ טראַמוויי גלייך צום ראָטהויז. פונדעסטוועגן האָט פרוי בעאַטע מורא געהאַט אָפּצוטרעטן פון די זיכערע שטאַ=

כעמן און אַריבערגיין די גאַס, ווו זי וואָלט צוגעקומען צו די טראַמוויי־ליניעס.

„כ'וועל בעסער אַזוי קריכן“, — האָט זי געטראַכט.

אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך צערעוועט די סירענע אויף אַן אַליאַרם. דאָס געהייל האָט זיך דאָ געהערט שטאַרקער און הילכיקער, ווי אין פּאַלאַצגאָרטן. גלייכצייטיק האָט אַ ביסל ווייטער, אויפן אַנדערן ברעג טייך, געלאָזט זיך הערן אַ צווייטע סירענע. תיכף האָבן אַ שפּיל געטאָן די רעפלעקטאָרן, און פרוי בעאַטע האָט דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג, עפּעס ווי יובל האָט זי באַהערשט. זי האָט דערזען די טונקעלע וואָלקנס אויפן הימל, די געדיכטע ביימער־קרוינען, די קאָנטורן פון הויכע הייזער און שטילע דעכער. ס'האָט גענומען אַ סוף צו דער שרעקלעכער פינצטערניש. ס'האָט זיך איר געוואָרפן אין אויג אַ בלויע שיין, וואָס איז געקראָכן לענגויס אויף דער ערד. דאָס איז געווען אַ פּאַרקערעוונג פון די טראַמוויי־רעלסן. זי האָט אויף גיך אַ לויף געטאָן אין דער ריכטונג און האָט באַלד דערפילט די רעלסן אונטער די פיס.

— איך בין אין וועג, קריסטע! פריי זיך, מיין מיידל, און אַ שעה אַרום וועל איך זיין מיט דיר.

אַ מיליטערישער אויטאָ מיט פאַרטונקלטע לאָמפּן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן נעבן איר, און אויף אַ ווײלע האָט זיך פאַר איר בליק דייטלעך באַוויזן אַ לאַנגע שטרעקע פון דער טראַמוויי־ליניע. איצט האָט זי שוין געקאָנט גיין גיכער.

הויך אין הימל האָבן געדונערט די מאָטאָרן. ס'האָט זיך ראַפּטעם אין דער הייך באַוויזן אַ רויטע ליכט־קויל, און די זעניט־אַרטילעריע אַרום דער שטאָט האָט געשאָסן פון אַלע לופעס. אויף דער גאַס האָבן אָנגעהויבן פאַלן פאַראיינצלטע שפּליטערס, און פרוי בעאַטע האָט געמוזט באַהאַלטן זיך אין אַ טויער.

„גאָט, פאַרלאָז מיך נישט!“ — האָט זי אין זיך אַ זאָג געטאָן. — איצט זיצן די דריי פרויען אונטער דער פאַרשלאָסענער טיר פון נומער זיבעצן, שוצלאָזע, אויסגעשטעלט אויף די באָמבעס. ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ גרויליקער קנאַל אין וועבער־קוואַרטאַל, פון וואַנען זי איז אָקאָרשט געקומען, האָט זי דייטלעך געזען די טרויעריקע אויגן פון דער אומגליקלעכער אלמנה, וועמענס איינציקער ווונטש איז געווען צו זען נאָך איין מאָל איר זון. די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי האָט געשריבן צו איר זון אויפן פראָנט: „שיס דיר אַדורך די האַנט, וועט מען דיך באַפרייען פון מיליטער, מען וועט דיך איבערפירן אין שפּיטאָל, און איך וועל צו דיר קומען יעדן טאָג“.

אין דער שניידעריי האָט מען געהאַלטן, אַז אַזאַ בריוו באַטייט טויט, נישט עפּעס אַנדערש — נאָר טויט. זיי האָבן שוין קיין גראָשן נישט געגעבן פאַרן לעבן פון דער טרויעריקער אַלמנה.

מיט אַ הילכיקן, דורכדרינגענדיקן, טייוואַלישן סוויסטש, אַזאַ, וואָס פרוי בעאַטע האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, האָט זיך דורכגעטראָגן אַ באָמבע אין דער לופט, און אויסגעריסן נעבן אַ הויז אַזוי נאָענט, אַז פרוי בעאַטע האָט הויך אַ געשריי געטאָן. אַ מינוט שפּעטער האָט אַ העלע פייער־שיין אַרויסגע־זעצט מיט אירע פלאַמען פון דער פינצטערניש, באַלויכטנדיק די שפּיצן פון די ביימער און די דעכער. די שוואַרצע נאַכט פון גאַס איז איבערגעגאַנגען אין אַ מוטנעם בין־השמשות. פרוי בעאַטע האָט פאַרלאָזט דעם טויער און געלאָפן צום ראַטהויז־פּלאַץ אַזוי גיך, אויף וויפל ס'האָט איר דערלויבט איר מאַסיווער קערפּער. פייערלעשער־מאַשינען האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן נעבן איר, און זי איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט ווידער געקאָנט הערן אַ טומל און מענטשלעכע קולות.

גראָד אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט צוויי שווערע קנאַלן, און גאָר נאָענט האָבן געפּלאַצט פענצטער־שויבן און צעקנאַקט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך, און אַ מאַסע דאַכלקעס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער גאַס. פרוי בעאַטע איז אַריין אין אַ ברייטן טויער, אינגאַנצן דערשעפּט פונעם לאַנגן לויפן.

דאָ איז זי געבליבן אַ לענגערע צייט.

די זייגערס האָבן אויסגעשלאָגן האַלבע נאַכט. די קאַפּליצע פון הייליקן יאָהאַן האָט אָנגעהויבן הילכיק און האַסטיק קלינגען, דערנאָך האָט זיך פייערלעך געלאָזט הערן די קאַטעדרע, נאָך איר האָבן זיך צעקלונגען אַלע אַנדערע: דער קלויסטער פון הייליקן סעבאַסטיאַן, די קאַפּליצע פון הייליקן פראַנציסק, הייליקן באַרטלאָמיי און הייליקן מיכאַל, און לסוף האָבן געקלונגען אַלע דורכאַנאַנד. ווען זיי האָבן געענדיקט, און דער קלאַנג פון די גלאָקן האָט נאָך אָנגעפילט די לופט, האָט דער קלויסטער פון דער הייליקער מאַגדאַלענע אָנגעהויבן קלינגען רואיק און געדולדיק, ווי ער וואָלט פאַרשלאָפן די צייט. די זעניט־אַרטילעריע האָט נאָך בסדר געשאָסן.

דאָס פייער איז דערווייל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער גערויש פון די מאָ־טאָרן אין דער לופט איז פאַרשטומט געוואָרן, און פרוי בעאַטע האָט זיך אַנט־שלאָסן אַרויסצוגיין ווידער אויף דער גאַס. זי איז שוין געגאַנגען צוויי שעה. אויף דער ווילהעלם־גאַס איז אָבער ווידער געווען אַזוי טונקל, אַז זי האָט גע־מוזט זיך שאַרן לענגאויס די ווענט פון די הייזער. צוויי מענער אין שווערע שטיוול זענען פאַרבייגעגאַנגען האַרט נעבן איר און זי נישט באַמערקט, כאָטש זי האָט זיך מיט זיי כמעט ווי צונויפגעשטויסן. זיי האָבן געמיטלעך געשמועסט פון דער מלחמה, ווי זיי וואָלטן שפּאַצירט אינמיטן העלן טאָג.

— אויפֿן אינדזל קרוט, — האָט אײנער געזאָגט, — האָבן זײ פֿון אַעראָפּלאַנען פּשוט אַראָפּגעוואָרפֿן אָפּטײלונגען אין טאַמע פֿײער פֿון די ענגלישע פּולעמיאָטן.

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָט מיט אַ טיפֿן באַס געענטפֿערט דער אַנדערער. — אָן דיסציפּלין קאָן מען נישט פֿירן קײן מלחמה.

די טריט פֿון די שווערע שטיוול האָבן זיך דערווײטערט.

איבערן פּלאַץ פֿון בישאָפֿן=פּלאַץ האָט פֿרוי בעאַטע קוים זיך געשלעפּט מיט גרויסער אָנשטרענגונג. זי איז איצט געווען טויט=מיד פֿון וועג. ס'האָט זיך איצט געלאָזט הערן דער אָפּרוף פֿון אַליאַרם.

„פֿון וואַנען האָט דער עקלהאַפֿטער אַסעסאָר געקאָנט וויסן, אַז איך האָב גערעדט מיט קריסטען ענגליש?“ — איז איר דורכגעגאַנגען אין רעיון...

— The are gentlemen in the air! — זי האָט זיך צעלאַכט. נאַטירלעך זענען פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס פֿאַרשטײען ענגליש. די געסטאַפּאָ האָט אָבער אומעטום אירע אויערן. מ'דאַרף זיך געוואַלדיק היטן. און צו ווען, צו אַלדי רוחות, האָט זי עס געקאָנט זאָגן, אַז נאָר אַ משוגענער קאָן צוואַנציק יאָר נאָך דער וועלט=מלחמה ווידער אָנהײבן אַ נײע מלחמה? זי האָט לאַנג נאָכגעטראַכט, שלעפּנדיק זיך ווײטער טראָט נאָך טראָט. לסוף האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אײנמאָל די דאָזיקע באַמערקונג געמאַכט אין אַ געשפּרעך מיט דער באַראָנעסע טינען. אָבער באַראָנעסע טינען שטאַמט פֿון אַלטן אַדל, אַ דאַמע מיט אַזאַ סאָלידער בילדונג, וואָס פֿאַלט דיר אײן? אַזוי פֿאַנאַטיש וועט דאָך קײנער נישט זײן, ער זאָל פֿאַרגעסן זײן גוטע דערציונג?

יעדנפֿאַלס האָט זי זיך פֿאָרגענומען אויף להבא צו זײן פֿאָרזיכטיק אין דער קעגנוואַרט פֿון דער באַראָנעסע.

ענדלעך האָט זי זיך דערקליבן צו די הויכע לינדן=בײמער. זי וואָלט זײ דערקענט אַפֿילו אין דער טונקלסטער נאַכט, מחמת זי פֿלעגט אָפֿט דאָרט לאָזן שטײן איר אויטאָ.

זי האָט פֿאַרקערעוועט אויף איר גאַס. אָבער אויך דאָ, ווו זי האָט געקענט יעדעס הויז, יעדן טויער, יעדן פּאַרקן, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַלץ פֿרעמד און פֿאַרענדערט. זי האָט זיך גערוקט פּאָרויס, בײ די פּאַרקאַנעס, און האָט מיט אַ פֿײף אַ רוף געטאָן דעם הונט. נעראָ האָט גלײך אָנגעהויבן בילן, און נישט אויפֿגעהערט בילן און וואָיען פֿון פֿרײד, ביז זי האָט געעפֿנט די טיר.

מאָמענטאַל האָט זיך דאָס שוואַרצע און טויטע הויז אָנגעפֿילט מיט אַ טומל, קולות און ליכטיקײט.

— אָט בין איך, קריסטע! — האָט זי אויסגערופֿן צו קריסטען, וועלכע האָט זיך צו איר געוואָרפֿן מיט אַ געשרײ. — פֿרעג נישט קײן זאַך, קינד מײנס,

באַלד וועל איך דיר אַלץ דערציילן. היים מאַכן אַ שטאַרקן גראָג און גיב מיר אַ ציגאַר.

די פרוי בעאַטע איז געלעגן אין פאָטעל, גערויכערט דעם שוואַרצן ציגאַר און געטרונקען דעם הייסן גראָג. זי האָט זיך אַביסל געשעמט פאַר קריסטען און פאַר זיך אַליין, וואָס זי האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אַזוי מוטיק, ווי עס האָט געדאַרפט צו זיין. אַזוי ווייניקסטנס האָט זי געמיינט. צוויי מאָל האָט קריסטע נאָך געמוזט איר ברענגען הייסן גראָג. ער האָט איר אויסגעזען צו זיין נישט גענוג שטאַרק.

X

— אין זעקס וואָכן!

— ווי, הער פּולקאָווניק?

אין זעקס וואָכן! — האָט איבערגעחזרט מיט אַ שמייכל פּולקאָווניק פאָן טינען.

— איך בין אַזוי דערשטוינט, אַז איך געפין נישט קיין ווערטער, — האָט זאַביאַן אויסגערופן, אויפשפרינגענדיק פון אָרט, — איך האָב גראָד געזען אין דער קאַמפּאַניע קעגן רוסלאַנד גרויסע שוועריקייטן.

פּולקאָווניק פאָן טינען האָט איראָניש געלאַכט. ער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אויסערגעוויינלעכע אַנטשלאָסנקייט.

— שוועריקייטן? —האָט ער געלאַכט. — דאָס וועט זיין אַזאַ בליץ־מאַרש, פּונקט ווי אויף פּוילן און פראַנקרייך. די געשיכטע האָט נישט קיין ענלעכע ביי־שפּילן. אונדזערע טאַנקן־קאָרפּוסן רוקן זיך אָן אָפּהאַלט פאָרויס און געלאָזט שוין הינטער זיך סמאָלענסק. אין אונדזערע הענט זענען אַריינגעפאַלן מיליאָנען צעטומלטע געפאַנגענע סאָלדאַטן!

— סמאָלענסק?

— יאָ, סמאָלענסק!

און דער פּולקאָווניק האָט געמאַכט ווייטערדיקע אויספירן, אַז גיגאַנטישע אַרמייען פאַרפלייצן רוסלאַנד פון פינלאַנד אויף צפון — ביז פון רומעניע אויף דרום, כדי זי צו צעשמעטערן במשך פון עטלעכע וואָכן.

— דעם 15־טן אויגוסט וועלן אונדזערע אַרמייען אַריינמאַרשירן קיין מאָסקווע, דעם 30־טן אויגוסט קיין פּעטערסבורג! — האָט ער צוגעגעבן מיט גרויס באַגייסטערונג, און זיינע העלע אויגן האָבן געפינקלט. — דער גאַולייטער האָט דאָס מיר מיטגעטיילט מיט אַ שעה צוריק.

— יאָ, דאָס מאָל גייען מיר מיט דער גאַנצער פּאַרע! — האָט פּאַביאַן אַ צעפּלאַמטער און באַרוישטער אויסגערופן, גרייט צו האַלדזן זיך מיטן פּאָלקאָווניק פאָן טיגען.

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אויפגעהויבן און, פעסט איינציענדיק דעם לעדערנעם פּאַס, טריומפירנדיק אויסגערופן:

— און דעמלט וועט דאָס שלעכט אָנגעפירטע רוסלאַנד פאַנאַנדערפאַלן, ווי אַ ביידל, און די מלחמה וועט זיין פאַרענדיקט!

— ביז היינט זענען אַלע אייערע נביאות מקוים געוואָרן, הער פּאָלקאָווניק! — האָט פּאַביאַן געזאָגט און אָנגעגאָסן ליקער אין די גלעזלעך. נאָך אַ גלעזל פאַרן נצחון!

— אויף איין גלעזל האָבן מיר נאָך צייט, — האָט דער פּאָלקאָווניק אָפּגעענטפערט, — איך בין איצט באַשעפטיקט מיטן בויען אַ נייעם קאָמאַנדע־פּונקט. טאָממי האָט מיר היינטיקע נאַכט דעם אַלטן פּונקט איינגאַנצן צעשטערט.

ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט אין דער הייך.

— פאַרן גרויסן קריגס־פירער פון אַלע צייטן! — האָט ער אויסגערופן און אויפגעהויבן דאָס גלעזל.

ער האָט ווידער אַ זעץ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און, פאַרנייגנדיק זיך עטלעכע מאָל, פאַרלאָזט פּאַביאַנס אַרבעטס־צימער.

פּאַביאַן איז געווען אין אַ געהויבענער פייערלעכער שטימונג. ער האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן אומגעדולדיקייט און קליינמוטיקייט. פון דער אַוואַנטוריסטישער אַקציע אין אַפריקע און אויפן אינדזל קריט האָט ער נישט געהאַלטן. ס'האָט געקאָסט צופיל בלוט. און דאָס פאַרבינדן זיך מיליטעריש מיט איטאַליע איז אים פון לכתחילה אָן נישט געווען צום האַרצן. אָבער אַ סאָלדאַט מוז האָבן געדולד און זיין געהאָרכזאַם — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. היינט זעט ער איין, אַז ער איז נישט געווען גערעכט. נאָך עטלעכע חדשים, און די מלחמה וועט זיין פאַרענדיקט! יאָ, אָבער אָן אים, ליידער, וועלן זיי אָן אים אויפבויען דאָס גרעסערע דייטשלאַנד, — האָט ער געטראַכט, שפּאַנענדיק אַהין און צוריק אין זיין נייעם קאַבינעט. ער האָט געגאַרט אָנצושליסן זיך אין דער אָנגרייפנדיקער אַרמיי. דער גורל האָט אָבער נישט דערלאָזט, עס זאָל דערפילט ווערן זיין הייסער ווונטש. אַ סך טעג האָט ער זיך געווערט קעגן זיין גורל און געלאָפן פון איין גדול צו אַ צווייטן. פאַרוואָס האָט מען אים אויסגעמיטן? איז ער דען נישט בכוח צו באַדינען האַרמאַטן? צי האָט ער דען נישט אָנגעפירט מיט אַ באַטעריע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און געוואָרן אויסגעצייכנט? מ'האָט באמת

געקאָנט אַרײַנפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג! דער מאַובענהאַוז האָט ענדגילטיק צונישט געמאַכט אַלע זײַנע פּלענער. נאָך דעמלט, ווען ס'זענען פֿאָרגעקומען די קאַמפֿן פֿאַר דעראָבערן סמאָלענסק, האָט ער זיך באַוויזן אין „שטערן“ אין אַ הערלעכער שפּאָגל־נײַער מיליטערישער קליידונג און זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס שטאָט־קאָמענדאַנט פֿון סמאָלענסק. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַרויסרוקן אים אויף דעם פּאָסטן האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן פֿרײַנד רומפֿן.

— בעת מײַן אָפּוועזנהייט, ליבער רעגירונגס־ראַט, — האָט ער געזאָגט צו פֿאַביאַנען, — וועט איר איבערנעמען די פֿאַרוואַלטונג פֿון אונדזער שטאָט!

און ער האָט נאָך געמיינט, אַז ער האָט פֿאַביאַנען מיט דעם געטאָן אַ גרויסע טובה.

פֿאַביאַן האָט געמוזט זיך אונטערוואַרפֿן, ווי שווער עס איז אים נישט געווען. מיט ווייטיק אין האַרצן האָט ער זיך איבערגעטראָגן אינעם פּרעכטיקן קאַבינעט פֿונעם בירגערמײַסטער מיטן גרויסן שרײַבטיש, בײַ וועלכן עס זאָל האָבן נאַפּאָלעאָן געשריבן אַ בריוו. ס'זענען צערונען געוואָרן זײַנע אַלע טרוימען וועגן מיליטערישן רום און כּבֿוד.

יעדער, וואָס האָט נאָר געקאָנט טראָגן אַן אָפֿיציר־מונדיר, איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, אַזוי מוראדיק גרויס זענען געווען די פֿאַרלוסטן פֿון אָפֿיצירן אין דער אַנגרײַפֿנדיקער אַרמיי. הונדערטער אָפֿיצירן פֿון רעזערוו זענען אָפּגעפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט, נאָר אין אים האָט מען פֿאַרגעסן! דער עגאָיסטישער פֿאַרלאַנג פֿון מאַובענהאַוזן אויסצוצייכענען זיך האָט אים פֿאַרמשפּט צו בלײַבן אין דער דאָזיקער שטאָט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו דערגרייכן וועלכע נישט איז אויסצייכענונגען. ערשט די טרייסט־ווערטער פֿון קלאָטילדען, וואָס האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז זײַן פּאָסטן איז נישט ווייניקער וויכטיק, ווי זײַן אַן אַרטילעריע־אָפֿיציר, האָבן אים אַ ביסל געהאָלפֿן שלום צו מאַכן מיטן גורל. דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך געלאַנגווײַליקט אין זײַן פּאָמפּאַסטישן קאַבינעט. דעם גרעסטן טייל פֿון דער אַרבעטס־צײַט האָט ער פֿאַרבראַכט שטייענדיק אײַנגעבויגן איבער דער מאַפּע, מאַכנדיק רויטע און בלויע סימנים. די פֿאַרוואַלטונגס־ענינים זענען געוואָרן אַלץ ווייניקער, יעדער עלטערער ראַטמאַן וואָלט זיי געקאָנט דערלײדיקן מיטן זעלבן דערפֿאָלג, דערצו האָט נאָך די „אויפֿבוי־צענטראַלע“ כּמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די אַרבעט. אַפֿילו דער בויראַטנגעבער קריג האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף זיך אַוועקלאָזן אויף מזרח נאָך לאָרבער־קרענץ. מ'האָט אים איבערגעגעבן צו בויען האָטעלן אין די פּוילישע שטעט, און אויך די בוי־אַרבעטן אין סמאָלענסק און אין קיעוו, כאָטש די שטאָט איז נאָך נישט געווען פֿאַרנומען. קריג איז שוין אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ שטאַב פֿון צוואַנציק צייכענער און אַרכיטעקטן.

די שטאָט איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון מענער. אַלע, וואָס האָבן געקאָנט טראָגן געווער, זענען אַוועק אויפן פראָנט אָדער אין די קאַזאַרמעס אויף מיליטערישער שולונג. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן די לערער, די באַאַמטע אין די מיניסטעריומס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, מויערער, טעסלער, האַנטווערקער, שאָפערן — אַלע זענען פאַרשוווּנדן, און זייער אָרט האָבן פאַרנומען פרויען.

אין א געווויסן טאָג איז צו וואָלפגאַנגען אַראָפּגעקומען גלייבען — אויף צו געזעגענען זיך. אַפילו אים, מיט די גרויע האָר, האָט מען נישט אויסגעמיטן.

— מ'האָט מיך מאָביליזירט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אײַנגאַנצן רואיק, אָבער זײַנע אָנגעכמורעטע אויגן האָבן געגליט אין דער טיף, ווי שטענדיק בעת ער איז געווען אויפגערעגט.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד! גראָד איצט זענען מיר פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט אַ דרינגענדיקער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט. מאָרגן אָוונט גייט אָפּ מיין צוג. איך בין אַן אויסגעשולטער פּיעבאָטינייעץ, איר ווייסט אפשר גאָרנישט דערפון. איך האָב עס שוין אויך לאַנג פאַרגעסן.

— און אײַער קראַנקע פרוי? — האָט וואָלפגאַנג געפרעגט.

גלייבען האָט אַ שמייכל געטאָן.

— זי האָט עס, נאָט צו דאַנקען, אויפגענומען מיט גרויס רואיקייט, — האָט ער געענטפערט, — זי ווייסט דאָך, אין וואָס עס גייט! אַ פּלימעניצע איז געקומען איר צוצוהעלפן און באַדינען, און דערצו בלייבט מיט איר דאָס יינגל.

— זאָרגט אייך נישט, גלייבען, — האָט וואָלפגאַנג געזאָגט, — איך וועל פון צייט צו צייט אַכטונג געבן אויף זיי, איך קום דאָך אָפט צו פאַלען קיין אַמזעלוויז. און אייך, ליבער פריינד, בעט איך קומען צו מיר מאָרגן אויף מיטאָג. מיר וועלן על כל פנים ווי געהעריק אָפּמערקן די געזעגענונג. אין אָוונט וועל איך אייך באַגלייטן צו דער באַן.

גלייבען האָט געדאַנקט און געדריקט וואָלפגאַנגען די האַנט.

— איצטער וועט אפשר די מלחמה זיך פאַרענדיקן פריער, ווי מיר אַלע מיינען, — האָט ער געזאָגט. — אײַער ברודער, דער נייער בירגערמייסטער, האָט דערציילט איינעם אַ קאָלעגע, וועלכער איז אויך מאָביליזירט געוואָרן, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן ביז האַרבסט. רוסלאַנד פאַלט זיך פאַנאַנדער ווי אַ ביידל. אָבער מיר ווייסן דאָך, וואָס ס'איז ווערט די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם מין.

וואָלפגאַנג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— מיין ברודער איז שוין שטענדיק אַזאַ נאַר, וועלכער גלויבט אין אַלץ, וואָס ער ווינטשט זיך, — אָבער וואָס זאָגט איר, גלייבען, וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

גלייכן האָט שטאַרק פאַרטראַכט אַ קוק געטאָן פאַר זיך. ער האָט שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אייער ברודער איז אַ רעזערוו־אָפיציר, און די דאָזיקע זענען נאָך ערגער פון די פון אקטיוון דינסט, — האָט ער געענטפערט, — און מיר האָבן דאָך אָפט וועגן דעם גערעדט, אַז דאָס דייטשישע פאָלק איז האָפנונגסלאָז אָנגעשטעקט מיטן מיליטאַריזם! פאַרוואָס זאָל גראָד ער זיין ווייניקער עמפינדלעך לגבי דעם מאַסנפּסיכאָז? איר פרעגט, וואָס איז מיין מיינונג? — ער האָט פריידיק אַ שמייכל געטאָן, און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ זעלטענער גלאַנץ. — איך האָב איצט ווידער די פולע האָפענונג, — האָט ער אויסגערופן, — און איך בין איצט שטאַרקער ווי ווען נישט איז איבערצייגט, אַז רוסלאַנד באַטייט דער סוף פונעם טויזנטיעריקן רייך. די רוסישע אַרמייען האָבן אין די לעצטע טעג אָפּגעשטעלט דאָס אָפּטרעטן און הייבן אָן ווייזן זייערע ציין!

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טאָן פון זיכערקייט.

ס'איז געווען שוין טיפער ווינטער, ווען האַרי איז געקומען אויף דריי טעג אורלויב, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט. האַרי איז געוואָרן אַ שטאַלטנער יונגערמאַן, און זיין נייער אָפיצירן־אוניפאָרם איז אויף אים געלעגן, ווי ער וואָלט אין אים געבוירן געוואָרן. ער איז קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, און קלאָטילדע האָט ליב געהאַט צו באַווייזן זיך מיט אים אין די געשעפטן אויף דער ווילהעלם־גאַס.

פאַביאַן האָט געמוזט אַקעגנקומען איר בקשה און אָנטאָן זיין מונדיר פון אַ קאַפּיטאַן. זי האָט געוואָלט, אַז פאָטער און זון זאָלן זיך פאָטאָגראַפירן אין די אוניפאָרמען. די פאָטאָגראַפיע האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן, און קלאָטילדע איז דערפון געווען זייער שטאָלץ. דאָס בילד האָט זיך אַפילו באַוויזן אין דער זונטיק־ביילאַגע פון „בעאָבאַכטער“ מיט דער אונטערשריפט — „די גאַראַנטיע פון נצחון!“.

אין אַ ווינטיקן אָוונט האָט פאַביאַן באַגלייט האַרין צום וואָקזאַל. דער צוג איז איבערפולט געווען מיט אָפיצירן און סאָלדאַטן.

— זיי געזונט, פאַפּאַ! — האָט האַרי אַרויסגעשריגן פונעם פענצטער, ווען דער צוג האָט גערירט. — איצטער בין איך גליקלעך!

XI

מאַריאָן האָט צוריק באַקומען איר אַמאָליקן שמייכל און איר אַמאָליקע פריידיקייט. זי איז געגאַנגען איבער די גאַסן זאָרגלאָז, מיט אַ פריי געמיט. זי האָט געוווּסט, אַז מ'האָט יידן אָפט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט, זי האָט אָבער געטראַכט, אַז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען ס'וועט נעמען אַ סוף צו דער מוראדיקער

מלחמה און אַלץ וועט זיך איינשטעלן ווי פֿריער. זי האָט יעדן טאָג געאַרבעט עטלעכע שעה אין דער שול, נאָכמיטאָג האָט זי געגעבן ייִדישע קינדער לעקציעס פֿון פֿרעמדע שפּראַכן און זייער פֿיל געלייענט. וואָס זי האָט עס אין דער צייט אַלץ איבערגעלייענט!

אַזוי איז געגאַנגען טאָג נאָך טאָג, און מען איז נישט באַהערשט געוואָרן פֿון יאוש. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרואיקט, און אַדאַנק איר צוגאַנג צו זאַכן מיט אייגזין און באַדענקונג איז געמילדערט געוואָרן איר שנאה און פֿאַר־אַכטונג צו אַ סך דערשיינונגען.

פֿריער איז זי געווען איבער זיך און פֿאַרגאָסן טרערן, ווען אירע באַקאַנטע און פֿריינד האָבן זיך מיטאַמאָל דערווייטערט, ווען אירע פֿאַרערער, וויל־דער־צוויגעגע, געבילדעטע יונגעלייט, וועלכע זענען געווען גרייט אַלץ צו טאָן פֿאַר אירם אַ בליק, האָבן זי פּלוצלונג אָנגעהויבן אויסצומיידן אויף דער גאַס. דאָס פּנים האָט ביי איר געפֿלאַמט פֿון בושה. וואָסערע כאַראַקטערלאָזע, געבעכדיקע יונגען! זי האָט איבערגעלעבט וואָכן, ווען זי איז אויסגעגאַנגען פֿון ווייטיק. ווי שווידערלעך דאָס איז צו זיין געצוווּנגען צו לעבן אָן פֿריינד און אָן חברים?

זי וואָלט זיך אַנטוישט אין דייטשישן פֿאָלק, ווען ס'וואָלטן נישט געווען אַ סך מענטשן, אָ, גאָר נישט ווייניק, וועלכע האָבן זיך אין זייער מהות אויף דאָס מינדסטע נישט געענדערט. זי איז געווען גליקלעך, וואָס די פֿרוי לערכע־שעלהאַמער און קריסטע זענען געקומען צו זיי קיין אַמזעלוויז, פּונקט ווי אין די פֿריערדיקע צייטן. יעדע וואָך פֿלעגט נאָך איר קריסטע קומען מיטן אויטאָ אין שול דורכצופֿאָרן זיך מיט איר לאַנגע שעהן — „זי זאָל אַ ביסל זיין אויף דער פֿרישער לופֿט און נישט אַריינפֿאַלן אין אַ מרה שחורה“. פּראָפֿעסאָר וואָלפֿגאַנג פֿאַביאַן פֿלעגט, ווי פֿריער, באַווייזן זיך אין אַמזעלוויז. דערצו איז שפּעטער דער לערער גלייכען געוואָרן אַ שטענדיקער גאַסט. ער פֿלעגט קומען שפּילן מיטן פֿאָטער אין שאַך. האָט אויך זי אויסגעלערנט שפּילן אין שאַך, און ס'איז געווען פֿאַר איר אַ גליק צו זען, ווי דער דאָזיקער שווייגנדיקער, פֿאַר־כמורעטער מאַן איז ביסלעכווייז געוואָרן אינגאַנצן פֿריי און לסוף באַקומען צו איר דעם פֿולן צוטרוי. אָך, ער האָט איר דערציילט אַזויפֿיל זאַכן, פֿון וועלכע זי האָט אַליין קיינמאָל נישט געקאָנט זיך דערוויסן. ווי וואָלט זי געקאָנט האָבן אַפֿילו אַ אַנונג פֿון די אומגעהויערע קאָרופּציעס אין דער פּאַרטיי גופֿא, פֿון זייער אומפֿאַרשעמטער בלאָפֿעריי? ווי וואָלט זי געקאָנט עפּעס וויסן פֿון די קאָלאָסאַלע כוחות, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן דייטשלאַנד, פֿון די ריזיקע ים־פֿלאָטן און לופֿט־עסקאַדרעס, פֿון די אַרמייען? גלייכען האָט אַלץ געוווּסט און ווען דעם אַלעם איר דערציילט. זיין קראַנקע פֿרוי איז געלעגן צו בעט און טאָג און נאַכט געהערט די אויסלענדישע אודיציעס. מאַריאָן איז

געווען איבערראַשט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז מיליאָנען דייטשן פֿאַראַכטן די פּאַרטיי, ווי אַ פּעסט. גלייכן אַליין האָט טיף געהאַסט די ברוינע באַנדע ביז פֿאַנאַטיזם, נאָך פֿיל שטאַרקער ווי מאַריאַן.

— מוט און געדולד, געדולד און מוט, פֿריילין מאַריאַן! — האָט ער געזאָגט. — איר וועט זען, אַז די גאַנצע וועלט וועט זיך אַנטקעגנשטעלן דער ראַזיקער קליקע האַכשטאַפּלער!

עס זענען, הייסט עס, אויך דאָ אַזעלכע דייטשן! מאַריאַן איז געווען גליקלעך, וואָס עס זענען געווען אויך אַזעלכע דייטשן. אָבער איצט איז זי געווען טיף אומגליקלעך, וואָס גלייכן מוז גיין אויפֿן פֿראָנט, נישט געקוקט אויף זיינע גרויע האָר. יעדע וואָך האָט זי באַזוכט זיין קראַנקע פֿרוי, און זיי האָבן זיך פֿרעכטיק פֿאַרשטאַנען.

ניין, עס האָט נאָך נישט געהאַלטן אַזוי שלעכט! די גערטנער און דאָרפֿסלייט אין אַמזעלוויז זענען געווען נישט ווייניקער פֿריינדלעך און העלפֿער ווי פֿריער. מאַריאַן האָט זיך וואָסאַמאָל מער איבערצייגט, אַז נאָר אַ געוויסער שיכט פֿון פֿאָלק, און קודם־כל די אומגערעהעצטע יוגנט, ווי גלייכן האָט געזאָגט: „דער המון און די אויסדרעסירטע היטלער־יוגנט" — ווייזט אַרויס אַ שטאַרקן האַס צו יידן. אָט די דערקענטעניש האָט מאַריאַן צוגעגעבן מוט און האָפֿענונג.

ס'פֿלעגן זיך אַפֿילו טרעפֿן אומגעריכטע פֿריידיקע איבעררעשונגען. איר געוועזענער פֿאַרערער, דער יונגער וואָלף טיגען, דער מיטן ריטער־קרייץ, האָט זיך אויף דער ווילהעלם־גאַס מיט איר זייער האַרציק באַגריסט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן און באַגלייט אַהיים דורך דער גאַנצער שטאָט. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ קאַפּיטאַן מיט אַ ריטער־קרייץ קאָן טאָן, וואָס אים געפֿעלט, אָבער דאָס איז שוין פֿאָרט געווען עפּעס, און מאַריאַן האָט זיך אין דעם טאָג געפֿילט גליקלעך.

די מונטערע שטימונג, וואָס האָט זיך לעצטנס געלאָזט מערקן ביי מאַריאַן, האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערע, טיפֿערע סיבה, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט. א שווערע משא איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון האַרצן: דער גאַולייטער האָט זי פֿאַרגעסן! ער האָט משמעות נישט געטראַכט מער וועגן איר, און מאַריאַן האָט פֿריי אָפּגעאָטעמט. לויט ווי זי האָט זיך דערוווּסט, איז ער צוערשט געווען אין רוסלאַנד, דערנאָך מיט אַ פּאָליטישער מיסיע אין בוקאַרעשט און לסוף אַ סך חדשים אַן איבעררייס אין רוים. אין שטאָט פֿלעגט ער אַראָפּקומען זייער זעלטן, און דאָס בלויז אויף עטלעכע טעג. איינמאָל האָט ער איר געשיקט אַ גרוס דורכן רייטמייסטער מיין, אַ צווייט מאָל האָט ער איר געשיקט אַפֿילו אַ בוקעט הערלעכע רויטע רויזן, וועלכע די מאַמושקאַ האָט גלייך אַרויסגעוואָרפֿן אין מיסטקאַסטן, ווי זיי וואָלטן געווען מיט סם. אַחוץ דעם, האָט זי פֿון אים מער נישט געהערט, און זי האָט פֿאַר דעם געדאַנקט דעם אייבערשטן אין הימל.

ערשט נישט לאַנג איז אין זאַלצבורג פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע גאַולייטערס פֿון רייך, וועגן וואָס עס האָט אויך אָנגעגעבן דער ענגלישער ראַדיאָ, זי פֿרוי גלייכען האָט דערציילט. זינט דעמאָלט איז אין שטאָט אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז רומף איז ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין אומחסד, און מער פֿון אַלעמען האָט זיך מאַריאָן געפֿרייט מיט דער ידיעה. מ'האָט אַפֿילו דערציילט, אַז ער וועט שוין מער אין שטאָט נישט צוריקקומען, און מ'האָט אַפֿילו גערעדט, אַז אויף זיין אָרט וועט קומען דער גאַולייטער פֿון טירינגען.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג, ס'איז געווען סוף ווינטער, האָט אומגעריכט ווידער אָנגעקלונגען דער טעלעפֿאָן אין שול. דער הער גאַולייטער האָט בדעה צו באַגייען די לעקציעס פֿון איטאַליעניש. ער בעט אָבער, אַז מאַריאָן זאָל זיך מיט אים פֿריער טעלעפֿאָניש פֿאַרשטענדיקן. מאַריאָן איז פֿאַרשטשעמעט געוואָרן דאָס האַרץ פֿאַר שרעק.

אַלע קלאַנגען זענען, הייסט עס, אויסגעוויגן פֿון פֿינגער, און ס'איז שוין נישט קיין שום ספק, אַז דער גאַולייטער געפֿינט זיך ווידער אין שטאָט. מאַריאָן האָט זיך טעלעפֿאָניש דערוווּסט, אַז ער וועט בלייבן אַ לענגערע צייט אין שטאָט אָפּצורוען. ער האָט זי פֿאַרבעטן אויף מאָרגן צום אָוונטברויט. ער דערוואַרט נישט קיין שום אַנדערע געסט, זיי וועלן אַלזאָ האָבן דאָס פֿאַרגעניגן עטלעכע שעה צייט צו קאָנען זיך אונטערהאַלטן אײַנגאַנצן אַליין. דאָס גראָד איז איר נישט געווען צום האַרצן. דער רייטמייסטער מעין האָט איר אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז דער גאַולייטער פֿילט זיך איצטער נישט איבעריק גוט. „פֿאַרפֿאַלן, — האָט זי געטראַכט, — די עטלעכע שעה וועלן אויך אַריבערגיין. מ'דאַרף האָפֿן, אַז ער האָט אין פֿוילן קיין אַנדער פֿאַלאַץ נישט אַנטדעקט".

זי האָט זיך אײַנגעשטעלט צו אויפֿפֿירן זיך בײַ אים אויף איר אָנגענומענעם שטייגער: ליבנסווירדיק, לפֿנים האַלטן זיך גאַנץ נאַטירלעך און דאָך זיין אויף דער וואַך... די מאַמושקאַ האָט זי אַרויסבאַגלייט מיט טויזנטער וואָרענונגען צו זיין פֿאָרזיכטיק. מאַריאָן האָט געלאַכט. פֿאַר אַכט אַזייגער איז זי אַרויס פֿון הויז. די לבנה האָט טריב געלויכטן, ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט.

איבערגענומען האָט זי, ווי אַלע מאָל, דער רייטמייסטער מעין. אין דער גאָר־דעראָבע האָט זי אָבער נישט באַדינט קיין געוויינלעכער לאָקיי, נאָר רומפֿס אַל־טער פֿערזענלעכער קאָמערדינער, וועלכער האָט אַמאָל געדינט בײַ אַ קעניג. אינעם זעלבן מאָמענט איז אויך דער גאַולייטער, אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, אַראָפּ־געגאַנגען פֿון די טרעפּ איר אַנטקעגן.

—איך פֿריי מיך זייער, וואָס איך זע אייך ווידער נאָך אַזאַ לאַנגער צייט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף איטאַליעניש, נאָך נייענדיק אויף די טרעפּ, און אין

אייליק צו איר צוגעגאַנגען און קרעפּטיק איר געדריקט די האַנט. — איך האָף, אַז איר פילט זיך גוט.

— אַ גרויסן דאַנק, הער גאַוליימער! — האָט מאַריאַן פריילעך געענטפערט און געלאַכט מיט איר האַרציק געלעכטער, ווי שטענדיק.

— קומט, ביטע, אַריין! — האָט רומף זי אַריינגעבעטן. — היינט מוזט איר פאַר ליב נעמען צו זיין גאַנץ אַליין מיט מיר.

ערשט אין עסצימער האָט מאַריאַן באַמערקט, ווי ווייט ער האָט זיך פאַרענדערט. ער האָט אויסגעזען מאָגערער, און זיין פּנים איז געווען געל און פאַרוועלקט. זיינע האָר זענען געווען אַ ביסל לענגער ווי געוויינלעך, נאָר זאָרגפעלטיק פאַרקעמט מיט אַ שריגט, ווי אַמאָל. די רויטלעכע באַקנבערד זענען געווען אַ ביסל נאַכלעסיקער צוגעקעמט. ער האָט אויסגעזען אַ ביסל אָפּגעלאָזן. מער האָט איר זיך געוואָרפן אין די אויגן זיין האַלטונג, וואָס איז געווען עפּעס נישט אַזוי אָנגעצויגן און מיליטעריש. קאָן זיין, אַז דאָס מאַכט ער אַזאַ איינדרוק צוליב דעם העלן ציווילן אָנצוג.

— איר פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען? האָט מאַריאַן געפרעגט.

— ניין, דאָס קאָן איך גראָד נישט זאָגן, — האָט רומף געענטפערט, און זיין שטימע האָט געקלונגען עטוואָס הייזעריקלעך, אָן דעם אַמאָליקן מעטאַלישן קלאַנג, — איך בין נאָר אַ ביסל איבערגעמאַטערט. איך בעט אייך אָבער אַוועקזעצן זיך און פילן זיך פריי. איך האָף, אַז איר זענט צופרידן מיט מיינע פאַרשריטן פון איטאַליעניש, וואָס איך האָב געמאַכט אין רוים.

— איך בין באמת געוואַלדיק איבערראַשט! — האָט מאַריאַן געזאָגט מיט אָנערקענונג. מען האָט באמת געקאָנט באַוווּנדערן זיין גוטע אויסשפּראַך.

דער אַלטער קאַמערדינער מיט די שניייווייסע האָר האָט זיי באַדינט ביים טיש און פאַרהאַלטן זיך איך צימער נישט לענגער, ווי ס'האָבן געפאָדערט זיינע פליכטן.

XII

— אויפריכטיק גערעדט, — האָט רומף, בעת זיי זענען געבליבן אליין, אָנגעהויבן שוין אויף דייטש, — בין איך קראַנק. די רוסישע קאַמפּאַניע האָט מיך קראַנק געמאַכט.

— ס'קומען דאָך אָבער כסדר אָן באַריכטן וועגן נצחונות, איינער נאָכן אַנדערן? — האָט מאַריאַן זיך געחידושט.

— יאָ! — האָט רומף לאַכנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעגאָסן די גלעזער, — יאָ, אַזוי זעט עס אויס, גאָט צו דאַנקען, על־כּל־פּנים, ביז איצט. איך

בין שטענדיק געווען קעגן אַ מלחמה מיט רוסלאַנד, און איצט בין איך אויך ביי דער זעלבער מיינונג. לויט מיר נאָך האָבן מיר צופיל גענומען אויף זיך. און דאָס האָב איך אויך אָפן געזאָגט די העכערע אינסטאַנצן. אָבער די העכערע אינסטאַנצן ווייסן אַלץ בעסער און רעכענען זיך נישט מיט דער מיינונג פון אַ פשוטן בשר־ודם. רומף האָט זיך שפּאָטיש צעלאַכט און זיינע מונקל־בלויע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז צו מאַריאַן. — אָבער לאָמיר דערפון נישט רעדן! — ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַלע ערטער, וווּ ער האָט זיך אויפגעהאַלטן פאַר די לאַנגע חדשים פון זיין אָפּוועזנהייט. ער האָט דערציילט פון בודאַפּעשט, בוקאַרעשט, סטאַמבול און באַזונדערס געגוייער פון רוים.

— יאָ, און אַצינד דערציילט עפּעס וועגן זיך, מאַריאַן! — האָט ער פּלוצים איבערגעריסן זיין דערציילן. — קודם־כל זאָגט מיר, וויאַזוי גייט עס אייך איין צו זיין שטענדיק אַזאַ פריילעכע. כ׳וואָלט געוואָלט נעמען ביי אייך אַ לעקציע לאַכן.

— אַ לעקציע לאַכן?

מאַריאַן האָט דאָס אויסגעזען זייער אַמוזאַנט, און זי האָט זיך צעלאַכט מיט איר האַרציקן געלעכטער, קעגן וועלכן קיינער איז נישט געווען בכוח ביישטיין.

— כ׳וועל מיט פאַרגעניגן אייך געבן לעקציעס פון לאַכן, הער גאַולייטער, — האָט זי געענטפערט.

— יאָ, דאָס איז אַ קונסט גאָרנישט אָפּצושאַצן, אַ טאַלאַנט, וואָס איך בין אייך מקנא. — האָט רומף צוגעגעבן, אַרויפלייגנדיק אויף איר טעלער עטלעכע שטיקלעך געבראָטנס. — אייך איז אַוודאי קיינמאָל נישט לאַנגווייליק? ווי איז עס מעגלעך?

— לאַנגווייליק? — האָט מאַריאַן פאַרחידושט געזאָגט. — ניין, מיר איז באמת קיינמאָל נישט לאַנגווייליק.

— אויך פון דער גרויסער קונסט מוזט איר מיר געבן אַ לעקציע, — האָט רומף געזאָגט, — איר ווייסט דאָך, אַז לאַנגווייליקייט איז מיין געפערלעכסטער שונא.

— אַזוי האָט איר מיר על־כל־פנים אַפּט געזאָגט, — האָט מאַריאַן אָפּגעענטפערט, — איך האָב דאָך מיין שול און מיין אַרבעט. דאָס איז פאַר מיר גענוג.

רומף האָט זיך לוסטיק צעלאַכט.

— און דאָס לאַנגווייליקט אייך נישט?

ער האָט אויסגעלייריקט זיין גלעזל און ווידער אָנגעגאָסן פון דער קאַראַפקע. מאַריאַן האָט באַמערקט, אַז ער האָט היינט געטרונקען מער און האַסטיקער ווי געוויינלעך. ס'האָט אים, ווייזט אויס, באַהערשט אַ מאָדנע אומרואיקייט.

זי האָט אַ טרייסל געטאָן לעבעדיק מיטן קאָפּ, אַז אירע שוואַרצע לאָקן האָבן זיך צעפּאָכעט.

— ניין! — האָט זי געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג.

— איך האָב דאָך אויך מיין אַרבעט, — האָט רומף געזאָגט, — איך קאָן אייך אָבער נישט איבערגעבן, ווי שטאַרק מיין אַרבעט לאַנגוויליקט מיך. זי לאַנגוויליקט מיך נישט אויסצוהאַלטן.

פאַר מאַריאַן איז דאָס געווען נישט פאַרשטענדלעך.

— אייער שול און אייערע לעקציעס דויערן דאָך נישט דעם גאַנצן טאָג, — האָט רומף פאַרגעזעצט, — וואָס טוט איר אָבער דערנאָך?

— דערנאָך? דערנאָך שרייב איך, למשל, בריוו.

רומף האָט ווידער זיך צעלאַכט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צוגעגעבן לאַכנדיק:

— ניין, איר זענט פאַר מיר אַ רעטעניש. אָט איך, למשל, האָב נישט דעם מינדסטן חשק צו שרייבן בריוו. איך ווייס אַפילו נישט, צו וועמען איך זאָל שרייבן! אָבער דערנאָך, אַז איר האָט שוין אַלע אייערע בריוו אָנגעשריבן? — האָט ער געצויגן ווייטער.

— דערנאָך, אויב ס'פאַרבלייבט מיר נאָך צייט, לייען איך, — האָט מאַריאַן אָפּגעענטפערט. — איך האָב די לעצטע יאָרן זייער אַ סך ביכער איבערגעלייענט.

דער גאַלייטער האָט געשמייכלט, און מאַריאַן האָט ווידער באַמערקט די געלע פלעקן אויף זיינע באַקן.

— צי ווייסט איר, וויפל ביכער איך האָב אין מיין לעבן איבערגעלייענט? — האָט ער געפרעגט. — אָדער, ווען איך האָב איבערהויפּט לעצטנס גענומען אַ בוך אין האַנט אַריין? איך מיין, ווען איך האָב אויף אַן אמת עפּעס איבערגעלייענט? דעם אמת געזאָגט, איז מיר פון ביכער אויך לאַנגוויליק.

— איך קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי מ'קאָן לעבן אָן ביכער, — האָט מאַריאַן אַ פאַרחידושטע געזאָגט.

רומף האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פאָרשנדיקן בליק. אירע ערנסטע אויגן זענען אים געפעלן געוואָרן.

— איך וואָלט געוואָלט מאַכן אַ פּרוּוו לייענען אַ בוך מיט אייך צוזאַמען, — האָט ער געזאָגט, — איך מיין, אַז כ'וואָלט געקאָנט לאַנג, לאַנג זיך צוהערן, ווען איר וואָלט געוואָלט מיר פאָרלייענען אַ בוך.

מאַריאַן האָט א שמייכל געטאָן. זי האָט אָבער דערפילט, אז זי ווערט רויט. דעם געוליימערס בליק האָט זי אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. רומף האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט מיט איר אזוי פאַרטרויליך, און זיין שטימע האָט זיך איר אויך אויסגעוויזן ווי פאַרענדערט. באַזונדערס מערקווירדיק איז פאַר איר געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך היינט אזוי ווייניק געוויצלט. ער פלעגט געוויינלעך ליב האָבן אַריינצופלעכטן אין שמועס שפּאַסיקע מאָמענטן, וויצן, גוטע און שלעכטע. אזוי ערנסט, ווי היינט, האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געזען.

א ווײַלע האָט ער געשוויגן, עסנדיק דעם געמישטן קאָמפּאָט. ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז רויטוויין, דערנאָך אָנגעקלונגען צום דינער און פאַרזאָגט צו ברענגען שאַמפּאַניער.

— איר ווייסט, וואָסער סאָרט איך באַנוץ לעצטנס?

— פרײַלין מאַריאַן, — האָט ער אויפסניי זיך צו איר געווענדט, — איך זע, אז איר זענט באמת א פּרעכטיקער לערער קעגן לאַנגווייליקייט, אזא זעלטענער לערער, ווי איך זוך טאַקע. איר זענט מער ווי דאָס. איר זענט א לעבנס־קינסטלער, בעת איך בין אין דער הינזיכט פולשטענדיק טעמפּ. איך וועל מוזן נעמען ביי אייך אַ קורס פון לעבנס־קונסט! — האָט ער פאַרענדיקט לאַכנדיק, אָבער גלייכצייטיק זייער ערנסט.

זיין פאַרטרויליכער, כמעט חברישער טאָן האָט מאַריאַן באַאומרויִקט. זי האָט געשמייכלט, און נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט זי פון פאַרלעגנהייט א זאָג געטאָן:

— אָבער איר זענט דאָך פאַרטאָן מיט ענינים מער, ווי מיר אלע.

דער געוליימער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיין בליק אָבער האָט דייטלעך אונטערגעזאָגט, אז מאַריאַנס תשובה האָט אים נישט באַפרידיקט.

— מעגלעך, אז ס'איז אזוי, — האָט ער געענטפערט מיט פאַרכמורעטע אויגן, — אָבער איך וויל פאַר אייך אין עפּעס מודה זיין זיך, מאַריאַן. איך האָב א קנאַפּן אינטערעס פאַר די דאָזיקע ענינים, ווי איך האָב עס אייך שוין געזאָגט. לכתחילה האָב איך געגלייבט, אז די פּאָליטיק וועט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּן. ס'איז אָבער געווען א טעות, ווי א סך אַנדערע טעותים אין מיין לעבן. אזא פּאָליטיק, אין וועלכער איך האָב כמעט נישט די מינדעסטע דעה, קאָן מיך נישט באַפרידיקן. אינדעראמתן האָב איך נישט קיין אינטערעס פאַר קיין שום זאַך, איך האָב נישט, ווי איר זעט, קיין שום אמתן פריינד. איך האָב בלויז פאַרטנערן צום שפּילן און זויפן. איך האָב אויך קיינעם נישט, וועמען איך זאָל באמת ליב האָבן. קיין עלטערן, קיינע קרובים. איך האָב נישט קיין אידעאַלן, פאַר וועלכע איך זאָל זיך קאָנען באַגייסטערן. איך האָב נישט קיין גלויבן און קיין גאָט. איך האָב גאָרנישט. קאָן מען אזוי לעבן?

מאַריאָן איז געוואָרן דערשיטערט פון אזא אָפענעם ווידוי, וואָס איז נאָך פארטיפערט געוואָרן אין זיין אַנטבלויזטקייט דורך דעם אַפּאַטישן טאָן, אין וועלכן ער האָט עס געמאַכט, און זי האָט געזאָגט:

— אויב ס'איז מיר דערלויבט צו זאָגן, איז אייך באמת נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, הער גאָלייטער, הגם אַלע זענען אייך שטאַרק מקנא.

רומף האָט געשמייכלט.

— איר מעגט זאָגן אַלץ, וואָס איר ווילט, — האָט ער געזאָגט, — איך בעט אייך אַפילו, איר זאָלט מיר זאָגן אַזעלכע אמתן, וואָס וועלן אפשר זיין פאַר מיר פריקרע. איר קאָנט אייך נישט פאָרשטעלן, ווי זעלטן איך הער, עמעצער זאָל מיר זאָגן דעם אמת. זעט איר, — האָט ער צוגעגעבן מיט אן אָפגעהאַקט געלעכ־טערל, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, — איך האָב אַפילו נישט קיין איין מענטש, וועלכער זאָל מיר זאָגן דעם אמת.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין ווינקל ביים קליינעם רונדן טישל, אויף וועלכן דער דינער האָט אוועקגעשטעלט שאַמפּאַניער, און געבעטן מאַריאָן, זי זאָל זיך אהין צוזעצן. ער האָט פאררויכערט א ציגאַר און פאָרגעזעצט:

— איר זענט אוודאי פארחידושט, וואָס איר געפינט מיך היינט אין אזא ערנסטער שטימונג! איך וויל אייך אָפן מודה זיין, יאז אין די לעצטע חדשים האָב איך א סך נאָכגעטראַכט, און איך האָב איינגעפונען, אַז אַזאַ לעבן, ווי איך לעב, איז אינגאַנצן אָן א זין און אָן א ציל. ס'איז אויף קיין פאַל נישט אזוי דורכגע־טראַכט און אזוי באַזיגיקט, ווי אייער לעבן, אַבסאָלוט נישט. בקיצור, איך האָב באַשלאָסן דאָס לעבן צו ענדערן אין סאמע תוך. איר פארשטייט? פון סאמע גרונט אויס אָן!

— איך פארשטיי, — האָט מאַריאָן געענטפערט מיט א צוגעדריקטער שטימע.

צוליב וואָס זאָגט ער עס איר דאָס אַלץ? זי האָט חשק געהאַט צו פארויכערן א פּאַפּיראָס, האָט אָבער גלייך רעזיגנירט דערפון, ווייל זי האָט געפילט, ווי ס'צי־טערן ביי איר די הענט.

רומף האָט אָבער קיין זאַך נישט באַמערקט. ער האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז שאַמפּאַניער און האָט זיך אראָפּגעזעצט אין נידעריקן פאָטעל.

— איך וועל אייך עפּעס זאָגן, — האָט ער פאָרגעזעצט מיט א ביסל א צו־געדעמפטער שטימע, — עפּעס אַזעלכעס, וואָס קיינער ווייסט נישט, און וואָס קיינער דאַרף נישט וויסן. איר פאַרשטייט מיך, מאַריאָן? איך טראָג זיך גאַנץ ערנסט ארום מיטן געדאַנק אינגאַנצן זיך צוריקצוציען פון פּאָליטיק.

מאַריאָן האָט נישט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט. זי איז געזעסן מיט אן אָפן מויל.

רומף האָט אָפּגעהאַקט אַ לאַך געטאָן.

— איך זע, אַז איר זענט דערשטוינט. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערצו מיינע וואָגיקע סיבות. אַ מענטש, וואָס פֿאַרמאָגט נאָך אַ ביסל אַכטונג צו זיך אַליין, קאָן זיך לענגער נישט צוקוקן צו דער דאָזיקער קאָמעדיע, — אַנדערש קאָן איך דאָס נישט אָנרופֿן. איך וועל אייך אפֿשר ווען נישט איז קאָנען מער דערציילן. פֿון איינצלהייטן, פֿון טויזנטער אויסטערלישע פּרטים, — האָט ער צוגעגעבן, און זיין פּנים האָט זיך דערביי אָנגעצונדן אויף צונטער־רויט. דערנאָך האָט ער מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל פֿאָרגעזעצט: — נאָכמער וועט איך פֿאַרחידושן דאָס, וואָס איך וועל אייך איצטער זאָגן. איך טראַכט ערנסט וועגן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד! און ווייסט איר, ווהין איך וויל פֿאָרן? קיין טערקיי! דאָס דאָזיקע לאַנד האָט מיך פֿאַרכישופֿט. איך בין געווען עטלעכע וואָכן אין סטאַמבול און בין דאָרט אויסגעווען אין פֿיל ערטער. זיי האָבן דאָרט גוטן טאַבאַק און אויסגעצייכנטע ווייַנען! די מענטשן זענען פּשוטע און באַשיידענע, אַזוי אַז מ'קאָן מיט זיי גוט אויסקומען. דאָרט טאַקע וואָלט איך געוואָלט אויפֿשלאָגן מיין געצעלט!

ער האָט געטרונקען צו מאַריאָן.

— איך בין באמת געוואַלדיק דערשטוינט! — האָט מאַריאָן אויסגערופֿן, באַהערשט פֿון אַן אומקלאָרער אַנגסט. — מיינט איר דאָס טאַקע אויף ערנסט?

— יאָ, אויף ערנסט! — האָט דער גאַלייטער פֿאַרזיכערט און פֿאַרקוקט זיך אויף מאַריאָנס דערשטוינט אויסזען. — איך האָב דאָרט געקויפֿט אַ שטיקל ערד און וויל עס באַאַרבעטן. איר פֿאַרשטייט זיך אַ ביסל אויף גערטנעריי און לאַנדווירטשאַפֿט?

מאַריאָן האָט געדרייט מיטן קאָפּ, און ס'האָט זי באַהערשט אַ שלעכט פֿאָרגעפֿיל.

— זייער ווייניק, — האָט זי געענטפֿערט גאָר שטיל.

רומף האָט זיך צעלאַכט.

— דאָך מער פֿאַר מיר! — האָט ער געזאָגט. — ס'איז אָבער נישטאָ פֿאַר וואָס מורא צו האָבן. אַלץ קאָן מען זיך אויסלערנען. דאָרט וויל איך טאַקע וווינען און פֿירן אַ פּשוט לעבן צווישן פּשוטע מענטשן. דעמלט וועל איך ענדלעך האָבן גענוג צייט און די נייטיקע רואיקייט צו קאָנען לייענען. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ביכער קאָנען אויסערגעוויינלעך באַרייכערן דאָס לעבן, און, ווי איר האָט עס געזאָגט, קאָנען אַ סך מענטשן גאָרנישט פֿאָרשטעלן זיך, מ'זאָל קאָנען לעבן אָן ביכער. פֿאַר מיר איז גענוג בלויז אויף אייך אַ קוק צו טאָן! איך וועל פֿאַרמאָגן די הערלעכסטע ביבליאָטעק אין דער וועלט.

אַראַנק אַ גליקלעכן צופֿאַל האָב איך געפֿונען אַ פּרעכטיקן ווינקל ביי די ברעגן פֿון מאַרמאָרנעם ים. אָליוון־וועלדלער, בערגלעך מיט וויינשטאָקן, פּרעכטיקע

גערטנער ציען זיך אַראָפּצו אין טעראַסן צום בלויען ים, ווי אַ טרוים. די ווילע, אין וועלכער ס׳וואָלטן געקאָנט וווינען דריי פאַמיליעס, האָט געהערט צו אַ געוועזענעם ענגלישן מיניסטער, וועלכער איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן. זיינע הריי טעכטער, וועלכע וווינען נאָך דאָרט, קלויבן זיך צוריקצופאָרן קיין לאָנדאָן. וואָס מ׳זאָל נישט זאָגן וועגן די ענגלענדער, אָבער ווי איינצואָרדענען אַ הויז מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַרשטייען זיי זיך. ס׳האָט זיך אַלץ זייער גוט צוגעפּאַסט, און איך האָב די קניה אויף גיך אָפּגעשלאָסן. דער אויסבליק אויפן ים האָט מיך ממש באַרוישט, און קיין סטאַמבול איז גאָרנישט ווייט. דאָרטן זענען פאַראַן טעאַטערס, קאָנצערטן, קינאָס, האָטעלן — און מ׳איז נישט אָפּגעריסן פון דער וועלט. האָב איך אייך דען שטענדיק נישט געזאָגט, מאַריאָן, אַז איך וועל זיך באַמיען צו געפינען עפּעס בעסערס, ווי דאָס קליינע, צעפּרעסענע פון מיין פּאַלאַצל אין פּוילן? און דאָרט אַהין וויל איך איצטער מיטנעמען עמעצן, וועלכער איז קלוג און געבילדעט, יעדנפאַלס געבילדעטער פון מיר. און ווייסט איר ווער?

מאַריאָן האָט אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ, זי איז געוואָרן בלאַס, און הילפלאָז אָנגעקוקט רומפן.

— אייך, מאַריאָן! — האָט ער געזאָגט און אָנגענומען איר האַנט, וועלכע איז געבליבן אַזוי אין זיינער, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין קראַפט זי צוריקציען.

— מיך? — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, באַמיענדיק זיך צו פאַרבאָרגן איר צעטומלטקייט.

— יאָ, אייך! — האָט רומף איבערגעחזרט און זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט פריי זיך צעלאַכט, ווי אַ ייִנגל, און אַרויסגעצויגן פון דער הויזקעשענע אַ טאַבאַק-קיסעט און מיט אַ לייכטן, הפקרדיקן זשעסט אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש.

— איר דאַרפט וויסן, אַז איר פאָרט נישט קיין טערקיי מיט עפּעס אַ בראָדיאַגע! גיט אַ קוק אַהער! ער האָט זיך ווידער פריי צעלאַכט און לויז געמאַכט דאָס שנירל פון קיסעט.

עס האָט זיך אַרויסגעשאָטן אַ בערגעלע טייערע שטיינדלעך, טייל גרויסע ווי אַרבעס, טייל נאָך גרעסערע. דער גאָלייטער האָט אַרויפגעלייגט אויף דער האַנט עטלעכע שטיינדלעך.

— איך האָב נאָך אַ סך מער, ווי איר זעט דאָ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ הפקרדיקן און באַרימערישן זשעסט, — זיי שטאַמען פון אונדזערע טראָפּייען אין אַנטווערפּן. איר ווייסט דאָך, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין זיגרייכע מלחמות אָן טראָפּייען. דאָס זענען בריליאַנטן פון די אַמסטערדאַמער שלייפעריען. איר זעט,

טעלעכע זענען שוין אָפּגעשליפֿענע! די דאָזיקע שטייגער האָט מען מיר געשענקט. אחוץ דעם, האָב איך נאָך רינגען, בראַסלעטן, קייטעלעך און גאָלדענע מטבעות א פֿולן קאַסטן. ווי איר זעט, מאַריאָן, אויף קיין גוטס זענען מיר שוין נישט אויסגעשטעלט, אין קיין פֿאַל נישט.

מאַריאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק מיט אירע גלאַנציקע קאַרשן־אויגן אויפֿן גאַליטער, און אויף אירע ליפּן האָט זיך צעשפּילט א שמייכל, פֿול מיט צעטראָגנקייט. זי איז געווען אזוי צערודערט, אז זי האָט קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. מיט גרויס מי האָט זיך איר איינגעגעבן צו באַהערשן זיך. „נעם זיך אין די הענט אריין, — האָט זי צו זיך אליין געזאָגט, — איצטער, אין דער לעצטער רגע, טאָרסטו נישט מאַכן קיין שום נישט געשיקטן טריט!“. מיט עקל, אָבער אויך מיט כּלומרשטער פֿאַראינטערעסירטקייט האָט זי באַטראַכט די קליינע שטיינדלעך אינעם זעקעלע און געשפּילט זיך מיט זיי.

— קלויבט אייך פֿון זיי אויס, וויפֿל איר ווילט! — האָט דער גאַליטער א זאָג געטאָן לאַכנדיק. צום ערשטן מאָל האָט ער אויסגעוויזן צו זיין לייכט בגילופֿין. — פֿאַרוואָס עפּעס דאָס קלענסטע?

מאַריאָן האָט אויסגעקליבן א קליין, אָבער אויף האַלב אָפּגעשליפֿן שטיינדל, די גרייס פֿון א לינדז.

— ווייל דאָס איז שוין געשליפֿן, — האָט זי געענטפֿערט.

רומף האָט געלאַכט. ס'איז אים געפֿעלן איר באַשיידנקייט.

— אין טערקיי לעבן א סך ייִדן, מאַריאָן! — האָט ער פֿונדאָסניי אָנגעהויבן. דאָרט וועט קיינער אויף אייך נישט קוקן קרום. די מענטשן זענען פּשוטע, אויפֿריכטיקע און האַרציקע. איר וועט זיך מיט זיי גוט פֿילן. דאָ דערוואַרט אָבער די ייִדן גאָר איינגיכן א פֿולשטענדיקער סוף. אַממייסטן אָבער וועט אייך געפֿעלן דער ים. ער איז ממש געטלעך.

— און אציגד אָבער, לאָמיר מער נישט רעדן פֿונעם מאַרמאָרנעם ים, — האָט ער א זאָג געטאָן מיט א פֿאַרענדערטן טאָן, — איך האָב אייך אָפֿן פֿאָרגעשטעלט מיינע פּלענער און דאָס, וואָס איך האָב בדעה צו טאָן, און כ'וואָלט אייך גאָר געוואָלט בעטן מיר מיטצוטיילן, במשך פֿון דריי, פֿיר טעג, אייער באַשלוס. כ'ווייס, אז דאָס וועט פֿאַר אייך נישט זיין אזוי פּשוט, אויף קיין פֿאַל נישט. כ'מיין אָבער, אז אין משך פֿון א פּאָר טעג וועט איר באַוויזן זיך צו באַקלערן, אמת? אפֿשר וועט איר דאַן קומען צו מיר אין פּאַלאַץ, וואָס ס'וואָלט פֿאַר מיר געווען צום ליבסטן.

XIII

א צעמישטע און באַטריבטע האָט מאַריאַן פאַרלאָזט דעם „פּאַלאַץ". זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פון דעם איינדרוק, ווי פּראָסטאַצקע נאַיוו און גראָבהויטיק רומפּ איז תּופס די וועלט, דאָס לעבן און זי אַליין אויך.

פון „פּאַלאַץ" ביז צום אַריינפאָר־טויער האָט געפירט אַ ברייטע, צוגעקערטע סטעזשקע. ביים טויער האָט געוואַרט דער רייטמייסטער מעין מיטן אויטאָ. ס'האָט געדרייט אַ שניי־זאַווייערוכע. דער ווינט האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזן, אַז זיי האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן קוים געקענט זיך פאָרויס. אָט איז זיי אויסגעקומען דורכצושלאָגן זיך דורך אַ שניי־אָנשיט, און אָט איז די גאַס געווען איינגאַנצן ווי אויסגעקערט.

— אַ מערב־ווינט! — האָט רייטמייסטער מעין מיט פרייד אויסגערופן. — דאַכט מיר, אַז דער שרעקלעכער פראָסט האָט ענדלעך געפּלאַצט.

— וואָס פאַר אַ שווערער ווינטער! — האָט מאַריאַן אַ זאָג געטאָן.

— אַ שרעקלעכער ווינטער! מ'קאָן זיך גאַרנישט פאָרשטעלן, וואָסערע ליידן אונדזערע אַרמייען קומט אויס איבערצוטראָגן אין רוסלאַנד.

שוין נאָענט צום הויז זענען זיי ווידער טיף אַריינגעפאַרן אין אַ שניי־אָנשיט. און מאַריאַן איז עטלעכע מאָל פאַרזונקען געוואָרן טיף אין שניי, איידער זי האָט זיך דערקליבן צו דער אַריינגאַנגס־טיר. מעין האָט איר באַלויכטן דעם וועג מיט זיין עלעקטריש טאַשנלעמפּל.

— כ'בין שוין אין דער היים, אַ גרויסן דאַנק! — האָט מאַריאַן צו אים געשריגן פונדערווייטנס, און איר שטימע האָט געקלונגען פרייליך און מונטער. אָבער באַלד זענען איר אַנטפאַלן אַלע אירע כּוחות.

זי האָט דורכגעמאַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט און צום ערשטן מאָל פאַרשפּעטיקט אין שול. ס'האָט זי געוואָרפן אין היץ און אין קעלט.

— אָט האָסטו אַ באַצאָלונג! — האָט די מאַמושקאַ אויסגערופן. — ווייבן האָסטו געדאַרפט פון די דאָזיקע אויסוווּרפן! — מער האָט זי גאַרנישט נישט געזאָגט.

מאַריאַן האָט אַליין געוווּסט, אַז זי האָט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט אַ שווערע שולד. פאַרמיטאָג האָט זי זיך אַ ביסל צונויפגענומען מיט די כּוחות און געגאַנגען צו קריסטען, פרעגן ביי איר אַן עצה. פּונקט ווי מאַריאַן, איז קריסטע אויך געוואָרן דערשטוינט פון רומפּס ממש נישט באַגרייפלעכער נאַיווקייט און רויקייט, זי האָט אָבער נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין שום שכלדיקן אויסוועג. קיינער האָט איר נישט געקאָנט געבן ראַטן, ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָסער שווערע שולד זי איז אים באַגאַנגען.

ס'האָט געקאָנט זיין נאָר איין מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך, און די דאָזיקע איינציקע מעגלעכקייט איז געווען פאַר איר נישט אָנצונעמען צוליב טויזנטער סיבות.

זי האָט געקאָנט גיין צום גאַולייטער, מודה זיין זיך אין איר שולד, און בעטן אים, ער זאָל איר מוחל זיין. דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך. דאָס ערשטע מאָל איז זי צו אים געגאַנגען, כדי אים צו געפעלן. דאָס איז געווען דעמלט, בעת זי האָט געדאַרפט האָבן די צימערן פאַר דער שול. זי איז טאַקע אים געפעלן געוואָרן. און פון דעם מאָמענט הייבט זיך אָן איר שולד. ווען ער האָט איר פאָרגעלייגט, זי זאָל אים לערנען איטאַליעניש, האָט זי אומבאַדינגט געדאַרפט אָפּזאָגן, און זי האָט דאָס נישט געטאָן. וואָס אַן אמת, האָט זי אין קיין פאַל נישט באַמיט זיך, אַז רומפּס סימפּאַטיע צו איר זאָל וואַקסן, זי האָט אָבער גאָרנישט געטאָן, אַז רומפּס באַציונג צו איר זאָל זיך אָפּקילן, ער זאָל ווערן צו איר גלייכגילטיק. זי האָט זיך באַמיט צו ווייזן זיך פאַר אים אַ מונטערע און פריילעכע, ווייל ער האָט דאָס ליב געהאַט; זי האָט געלאַכט, ווייל איר געלעכטער איז אים געפעלן. זי האָט זיך געמאַכט שיין, כדי אים צו באַצויבערן. זי האָט אפילו אויסגעלערנט זיך שפּילן אין ביליאַרד, ווייל דאָס איז געווען זיין באַליבטע שפּיל, און דעם אמת געזאָגט, איז זי זיך אַליין געפעלן אין די שיינע פּאָזעס, וואָס שאַפן זיך ביים שפּילן. זי האָט גענאָסן פון זיינע ווייגען, ליקערן, פון זיינע מאכלים און פון זיין שוץ! אָט די אַלע טויזנטער זאַכן האָבן זיך צונויפגעלייגט אויף איר שולדיקייט, זיי האָבן זיך אָנגעהויפט איינע אויף דער אַנדערער, וואָסאַמאָל אַלץ מער און מער. עטלעכע יאָר האָט זי אים אַזוי כסדר פאַרפירט אין אַ טעות!

ס'איז פאַר איר געווען אוממעגלעך גיין צו אים און זאָגן, אַז זי האָט אים יאָרן לאַנג פאַרפירט אין אַ טעות, ניין, דאָס האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט טאָן! קיינער האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין.

אויפן דריטן טאָג האָט זי צום גאַולייטער אָנגעשריבן אַ בריוו, און אויף צומאָרגנס אים אָפּגעגעבן אין „פּאַלאַץ“.

פון דעם טאָג אָן האָט זי זיך געריכט אויף עפּעס, זי האָט געוווסט, אַז ס'איז געקומען די צייט פון באַצאָלונג פאַר איר שולדיקייט.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז פאַרנאַכט צו זייער שטוב צוגעפאָרן אַן אויטאָ, און מאַריאַן און די מאַמושקאַ זענען ביידע אַרעסטירט געוואָרן.

איינער פון די ביידע באַאַמטע, וואָס האָבן זיי פאַרנומען, איז געווען דער שעף פון דער אָרטיקער געסטאַפּאָ, דער לאַנגער שילינג, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן זייער שטרענג און אַמטלעך אָפיציעל.

— איך בעט מיר דערלויבן געזעגענען זיך מיט מיין פאַטער! — האָט אים מאַריאַן געבעטן. ער האָט עס איר אָבער שאַרף אָפּגעזאָגט.

ביידע פרויען זענען צוגעשטעלט געוואָרן אין ערעסט אויף דער גאַס פון הייליקן גייסט, ווו ס'האָבן זיך שוין געפונען אַ גרעסערע צאָל מענטשן, וועלכע עס האָט געטראָפן דער זעלבער גורל. ס'זענען דאָרט געזעסן עטלעכע באַיאָרטע פרויען און מענער, איינגעגנצן צעבראָכענע און אַפּאַטישע, און אַן עלטערע דאַמע מיט שניי־ווייסע לאָקן, וועלכע זענען איר אַראָפּגעפאַלן ביז די אַקסלען. מיט איר זענען געווען צוויי פּראַכטפולע מיידעלעך, אין עלטער פון אַ יאָר אַכט, אויסערגעוויינלעך שיינע און גוט אַנטוויקלטע. מאַריאַן האָט זיי געקענט. דאָס זענען געווען טעכטערלעך פון אַ דאָקטאָר, וועלכער איז געזעסן אין בירקהאַלץ. די שנייווייסע פרוי איז געווען זייער גוווערנערין, זי האָט געהייסן רעבעקאַ. די קינדער האָבן זי גערופן מומע. זייער מוטער איז געשטאָרבן שוין מיט יאָרן צוריק.

ביידע שוואַרצלאָקיקע מיידעלעך, מעטאַ און ראָזאַ, האָבן מאַריאַן באַגריסט מיט גרויס פרייד.

— ווי גוט ס'איז, וואָס דו ביסט אויך דאָ מיט אונדז, מאַריאָן! — האָבן זיי אויסגערופן, — איצט וועלן מיר שוין מער נישט זיין אַזוי אַליין.

מאַריאַן האָט זיך מיט זיי פאַרנומען ביזן שפּעטן אָוונט, און זי האָט זיך מינוטנווייז לחלוטין פאַרגעסן אין איר מוראדיקער לאַגע. ווען ס'פלעגט צופאַלן די נאַכט, האָט זי זיי דערציילט פאַנטאַסטישע מעשהלעך אַזוי לאַנג, ביז ביידע זענען איינגעשלאָפן אויף רעבעקאַס און אויף איר שויס.

— טראָפן נאָך טראָפן, ביז דער כוס וועט איבערגעפולט ווערן! — האָט אַן אַלטער ייד געקלאָגט מיט אַ מוראדיקער, טיפער באַס־שטימע. — דערבאַרעם זיך, רבונו־של־עולם!

דער ייד מיט דער טיפער באַס־שטימע האָט געהייסן סימאָן, און אַלע אין שטאָט האָבן אים געקענט. ער האָט פריער געהאַט אויף דער ווילהעלם־גאַס אַ גרויס געשעפט מיט דרום־פרוכטן און געשמט אַלס רייכער מאַן. ווען מ'האָט צוגענומען זיין געשעפט און אָפּגענעבן אַ נאַצי, האָט ער זיך גענומען צו הויזהאַנדל. די מאַמושקאַ האָט ביי אים אָפט געקויפט. זיין ווייב האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם צער צוליבן פאַרלוסט פונעם געשעפט און גענומען זיך דאָס לעבן. דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר איין מענטשן. זינט דעמאָלט איז סימאָן געוואָרן אַ ביסל משוגעהדיק. זיין פּנים איז געווען רויט, זיינע הענט — רויטע, גראָבע, ער האָט געהאַט אַ גרויסע ברייטע באָרד און געטראָגן אַן אַלטן, שטייפן קאַפּעליוש, וואָס איז אים אַראָפּגעזונקען ביז איבער די אויערן. דער קאַפּעליוש איז אָפּגעקראָכן געוואָרן פון וועטער און באַקומען אַ רויטלעכן קאָליר.

— באַלד וועט דער כוס איבערגעפולט ווערן, רבונו־של־עולם! — האָט זיך געלאָזט הערן אין דער שטילקייט.

— גאָט האָט אונדז געשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון, סימאָן, און מיר מוזן אַלץ געדולדיק איבערטראָגן, — האָט זיך פון דער פינצטערניש דערטראָגן דער מאַמעשקאַס שטימע. זי איז געווען שטאַרק רעליגיעז.

מאַריאָן איז איר דאַנקבאַר געווען פון טיפן האַרצן, וואָס זי האָט איר מער ניט געמאַכט דעם לייכטסטן פאָרוואורף. בלויז אַן איינאונאיינציק מאָל האָט זי צו איר געזאָגט: איצט זעסטו אַליין, מאַריאָן, וואָס עס קומט אַרויס, ווען מען האָט צו טאָן מיט אויסוואורפן! אָט האָסטו שוין דיין שטראָף, און איך מיט דיר, פאַר וואָס איך האָב דיך ניט אָפּגעהאַלטן.

די תפיסה־קאַמער איז ניט געוואָרן געהייצט, און ביינאַכט איז דאָרט געווען אייזיק קאַלט, דער שרעקלעכער ווינטער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן. אויפן אַנדערן טאָג האָט מען זיי אַרייַנגעגעבן אַן עמער שיטערע ברויט־זופּ מיט אַן איינציקן הילצערנעם לעפל פאַר אַלעמען. אָוונט צו האָט מען זיי אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל און אַרייַנגעפּאַקט אין אַ צוג, וועלכער האָט זיי ביינאַכט צוגעפירט צו אַ סטאַציע פאַר אַ גרויסער שטאָט. אַ סך האָבן זיך משער געווען, אַז די שטאָט מוז זיין דרעזדען.

דאָ האָט מען זיי אַרייַנגעפירט אין אַ קליינעם וואַרטע־זאַל, וועלכער איז איבערפולט געווען פון מענטשן. די לופט איז געווען געדיכט פון רויך און פאַסקודנע ריחות. פרויען און קינדער, אַלטע און יונגע מענער האָבן זיך געוואַלגערט צווישן בערג קופערטס, זעק, שאַכטלען און כלערליי באַגאַזשן און אָנגעפילט דעם זאַל מיט אַן אומגעהויערן טומל. ווען דער טומל איז שוין געוואָרן זייער שטאַרק, האָט אַ יונגער סאָלדאַט פון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג געגעבן אַ באַפעל אויף אַ הויכן קול: „רוע!“ און ס'איז אויף עטלעכע מינוט שטיל געוואָרן. דער סאָלדאַט אין אַ מאַנטל און הויכע שטיוול איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון וואַרטע־זאַל, וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט געפרוירענע מענטשן, אז די פאַרע האָט ביי זיי געזעצט פון מויל. דאָס זענען געווען יידן פון פראַנקפורט און אַנדערע מקומות, וועלכע מען האָט אַהער צוזאַמענגעבראַכט צו איין זאַמל־טראַנספּאָרט.

מאַריאָן, אין פוטער־מאַנטל, ווי אַ דאַמע, האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט איר יוגנטלעכקייט און דרומדיקער שיינקייט. די בילד־שיינע מיידעלעך, מעטאַ און ראָזאַ, האָבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג, און יעדער האָט געוואָלט זיי אַרויסווייזן צערטלעכקייט.

צווישן עולם האָבן זיך געפונען שוואַנגערע פרויען, שוין אין די הויכע חדשים, איינגעהילטע אין מאַנטלען, צוגעקנעפּלטע אויף די בייכער; אַנדערע האָבן מיט דער ברוסט געקאָרמעט זייערע זויגלינגען; אַנדערע האָבן זיך צורעכט געמאַכט, געקעמט זיך, אָפּגערייניקט די מלבושים, געפריזירט די האָר. טייל

מענער זענען געלעגן אויף בענק און שטולן, א סך זענען געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע.

מאַריאַן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געקאָלערט אהין און צוריק א פּולע פרוי, געקלאַפּט מיט די הענט און פיס ווי א צעהוּשטע און געשריגן אויף קולי־קולות:

— איך וויל נישט מער לעבן. צי איז טאַקע קיינער נישטאָ, וואָס זאָל מיך דערהרגענען? איר זענט אלע פּחדנים, א הארצלאָזע כאַפּטע!

— רוּיק! — האָט א געשריי געטאָן דער סאָלדאַט פון ווינקל.

— געכטן האָט מען דערשאָסן איר מאַן, — האָט א יונגערמאַן איינגערוימט מאַריאַן אויפן אויער. דער יונגערמאַן איז מן־הסתם געווען אן עקספּעדיענט פון א מאָדע־סאַלאָן. ער האָט געהאַט ברוינע לאָקן און געטראָגן א העל־בלויען קראַוואַט. ער איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פון מאַריאַן אויף קיין טראָט. — מ'זאָגט, אז ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, — האָט ער ווייטער געשעפּטשעט, — אָבער זער, כ'בעט אייך, וועט עס גלייבן? ער האָט זיך דערוווּסט פון צוג קוים אויף צען טריט. כ'האָב אליין געזען, ווי ער איז אומגעפאַלן.

פלוצים איז געוואָרן עפּעס א באַוועגונג און ס'האָט זיך דערהערט א געשריי: „ס'איז אָנגעקומען דער טראַנספּאָרט־צוג!" די גאַנצע מחנה האָט זיך א וואָרף געטאָן מיט די קופערטס און קעסטלעך צו דער טיר. אָבער דער סאָלדאַט האָט זיי צוריקגעיאָגט און ארויסגעלאָזט אויפן פּעראָן בלויז א טייל.

— צום ערשטן וואַגאָן! — האָט ער באַפוילן.

דער צוג איז באַשטאַנען פון איין פּאַסאַזשיר־וואַגאָן און פינף פי־וואַגאָנען. דער פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, ביים לאָקאָמאָטיוו, איז געווען באַשטימט פאַר דער וואַך, פאַר די יונגע סאָלדאַטן פון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן פּעראָן, געדרויכערט פּאַפּיראָסן, אָפּגעלאַכט, געוויצלט זיך איבער דער מחנה מענטשן, וואָס האָט מיט געשרייען געריסן זיך אין ערשטן פי־וואַגאָן.

— פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, מיינע הערשאַפטן! — האָט אויסגערופן דער וואַך־סאָלדאַט. — אלע וועלן ארייגגיין. די פענצטער־פלעצער זענען שוין באַזעצט. רוקט זיך נאָר גוט צונויף, צען שטיק קאָנען נאָך ארייגגיין!

ענדלעך איז דער ערשטער פי־וואַגאָן שוין געווען אזוי אָנגעשטאָפּט, אז ס'האָט קיינער מער נישט געקאָנט אריין, ס'האָט שוין אפילו נישט געהאָלפן די קאָלבע פון סאָלדאַט. די פאַררוק־טיר האָט מען צוגעמאַכט און פאַרשפּאַרט אין דער קוואָר מיט אן אייזערנעם שטאַנג.

ס'האָט געדויערט איבער א שעה, ביז דער גאַנצער וואַרטע־זאַל איז מיט האַק און פּאַק פאַרלאָדן געוואָרן. מאַריאַן איז אריינגעפאַלן אין לעצטן פי־וואַגאָן.

ווייל זי האָט נישט געקענט די מלאכה פון שטופן זיך פאָרויס. די מאַמושקאַ, די גוווערנערין רעבעקאַ מיט די ביידע שיינע מיידעלעך האָבן זיך פון איר נישט געלאָזט אָפּשיידן. דער באַריידעוודיקער יונגער עקספּעדיענט מיטן בלויען קראַוואַט האָט איר צוגעהאָלפן ביים איינשטייגן. צום סאַמע סוף איז סימאָן מיטן רויטן פּנים און שטייפן קאַפּעליוש ביז איבער די אויערן אריינגעשטופּט געוואָרן אין וואַגאָן מיט דער קאָלבע.

בעת די טיר איז פאַרמאַכט געוואָרן, איז געווען שוין כמעט טונקל אין וואַגאָן. א ווײַלע זענען אַלע געווען איינגאַנצן שטיל, באַלד אָבער האָבן די קינדער אַלע פאַראַמאָל אָנגעהויבן שרייען פון מורא. ס'איז אָבער געלונגען זיי שנעל צו באַרואיקן, ווייל מאַריאַן האָט געהאַט א פולן האַנט־בייטל מיט שאָקאָלאַד. דער צוג האָט תיכף געריהרט.

— געבענטשיקער גאָט! — האָט געקלאָגט אַן אַלטע פרוי מיט א הייזעריקער שטימע. — וווהין וועלן זיי אונדז פירן?

— אויף מזרח! מיר פאָרן אַלע אין געטאָ.

— געבענטשיקער גאָט! עקזיסטירט נאָך עפּעס אומלעמס אויף דער וועלט?

פּלוצים האָט פון דער טיר זיך געלאָזט הערן סימאָנס באַס־שטימע. ער האָט אַזוי הויך און דראָענדיק געשריגן, אַז אַלע געשפּרעכן זענען פאַרשטומט געוואָרן.

— און ס'וועט נאָך אַראָפּשיקן אויף אייערע הייזער שוועבל און פייער און איר וועט פאַרברענט ווערן.

אין וואַגאָן איז געווען א לופט צום דערשטיקט ווערן. און שוין האָט זיך דערטראָגן פון א ווינקל אַן אומדערטרעגלעכער געשטאַנק. דאָרטן האָבן די מענער איינגעאָרדנט א פּרימיטיוון אָפּטריט. אַז ס'האָט ווער געוואָלט דערקלייבן זיך צו דעם ווינקל, האָט ער געמוזט קלעטערן איבער קאַסטנס און זעק און דורכשטופּן זיך צווישן די צוזאַמענגעפּרעסטע מענטשן. דער צוג איז געפאָרן אויף מזרח, און דורך די שפּאַלטן פון דער פאַרהאַק־טיר האָט מען געזען שניי אויף די פעלדער. צומאָל האָבן פאַר די שפּאַלטן פאַרביגעשוועבט פאַרשנייטע וועלדער און פּויערישע הייפלעך, מען האָט אויך צומאָל געזען שניי־פּלאַטערלעך, וואָס האָבן געווירבלט אין דער לופטן. אין וואַגאָן איז געוואָרן אייזיק קאַלט, און וואָס מער ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַלץ שאַרפער איז געוואָרן די קעלט. די פיס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין די דינע שיך.

א שמאָלער שאָטן האָט זיך דורכגעשטופּט צו מאַריאַן. דאָס איז געווען דער יונגער עקספּעדיענט מיט די ברוינע לאָקן. הגם ס'איז שוין גוט טונקל געווען, האָט זי באַמערקט, אַז ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט.

— איך זע, אז איר ליידט, גנעדיקע פרײלין! — האָט ער העפלעך געזאָגט.

— צי וואָלט איך נישט געקאָנט עפּעס טאָן פאַר אײַך?

מאַריאַן איז געווען טויט-מיד און אײַזיק פאַרגליווערט פון קעלט. זי האָט געפּרוווט א שמייכל טאָן מיט די אײַז-קאַלטע ליפּן.

— איך דאַנק אײַך, — האָט זי אָפּגעענטפערט, — מיר ליידן דאָך דאָ אַלע.

— וואָלט איר נישט געוואָלט זיך איבערזעצן אויף מיין קופערט? ער איז, רוקט מיר, א באַקוועמערער ווי אייערער. כ'וועל זיך פילן גליקלעך צו קאָנען אײַך מיט עפּעס צו דינען.

— אין וועלכן געטאָ פירט מען עס אונדז? — האָט געפרעגט די הייזעריקע פרויען-שטימע.

— אָדער אין קראָקע, אָדער אין וואַרשע. זיי האָבן איצטער אומעטום געשאַפן געטאָס.

די הייזעריקע שטימע האָט געלאַכט.

— יאָ, ביז מיר וועלן אהינקומען, וועלן מיר אַלע אומקומען. צי איז עפּעס אַזעלכעס געהערט געוואָרן אויף דער וועלט?

סימאָן האָט א זאָג געטאָן ביי דער טיר מיט זיין טיפן באַס:

— דאָס געבעט פון אייערע ווייבער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין שטיינער שוין אין דער מוטערלייב, און אייערע קינדער וועלן בלינדע שלעפּן זיך מיט שטעקנס איבער די גאַסן!

די ווערטער האָבן געקלונגען ווי א גרויליקע קללה.

ביסלעכווייז איז איינגאַנצן פינצטער געוואָרן, און די שפּאַלטן אין טיר זענען געווען שוואַרץ. עמעצער האָט ערגעץ אָנגעצונדן א ליכט.

— כ'האָב נאָך געפונען א קליין שניצל!

איינעם טריבן שיין פון ליכטל האָט מען געזען בלאַסע, פאַרשטאַרטע פּנימער, פאַרטערטע אויגן, רויטע פון פראָסט, פאַרצויטע, אָנגעפילטע מיט גרויל. די געשפּרעכן האָבן ווידער אויפגעלעבט און אַלע האָבן געווענדט זייערע בליקן אויף דער בלאַסער ליכטשיין, ווי אויף עפּעס א וווּנדער, וואָס זאָגט עפּעס צו, וואָס גיט עפּעס א קליינע האָפענונג. באַלד איז דאָס ליכטל פאַמעלעך אויסגעגאַנגען, און די געשפּרעכן זענען ווידער אָפּגעהאַקט געוואָרן.

אין וואַגאָן איז געוואָרן שטיל. די מענטשן זענען געשלאָפן אויף קאַסטנס און זעק, אויף מענטשן-לייבער, אויף דער פּאָדלאָגע. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט א שנאָרכן. די אייזיקע קעלט איז אָבער אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַרעס פון דער טיר.

— וואָלטן מיר כאָטש שוין געקומען אין געטאָ, — האָט געפּליסטערט די גוווערנערין מיט די לאַנגע ווייסע האָר, וועלכע האָט געהאַלטן ראָזאַן אויף איר

שוים. מאריאָן האָט געהאַלטן אויף איר קני די קליינע מעטא, איינגעהילט אין איר מאַנטל.

פונעם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן ביים לאָקאָמאָטיוו האָט זיך דערטראָגן א ריטשעדיק געזאַנג און געלעכטערס.

XIV

אויפצומאָרגנס אין דער פרי איז דער שניי געפאלן אזוי געדיכט פארביי די שפּאַרעס, אז שנייעלעך זענען אריינגעדרונגען אין וואגאָן און זענען פּאַמעלעך צעגאַנגען געוואָרן אויף די בלוי־געפרוירענע פנימער און פראָסטיק־רויטע הענט. אויף מאַנטלען, קופערטעס, קאַסטנס, זעק זענען זיי געבליבן ליגן, און דער וואַגאָן האָט אויסגעזען ווי פארשנייט. סימאָנס הארטער קאפעליוש איז באדעקט געוואָרן מיט שניי, און זיין ברייטע באָרד איז געווען שטייף ווי א ברעט. דער טראָפּן אונטער זיין בלויער נאָז איז געוואָרן געפרוירן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן אייז־ליכטעלע.

האָט מען פארגעסן אין דעם טראַנספּאָרט? נישט קיין שטיקל ברויט, נישט קיין לעפל זופּ, נישט קיין שלוק וואַסער! די דיקע פרוי, די פולברוסטיקע, איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע א דערשעפּטע און שווער געסאָפּעט, די גראָבע פיס אויסגעשטרעקט, דעם רוקן אָנגעלענט אויף דער וואַנט פון וואגאָן. זי האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כוח צו האַלטן זיך אויף די פיס.

בעת דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א סטאַציע, האָט דער יונגער עקספּעדיענט מיט די ברוינע לאָקן געווענדעט זיך צום סאָלדאַט, וועלכער איז ביי יעדן אָפּשטעל געגאַנגען אויף קאָנטראָל לענגאויס דעם צוג:

— סאָלדאַט, מיר האָבן א קראַנקע אין וואַגאָן! — האָט ער געשריגן דורך דער שפּאַרע.

— נאָר רואיק! זי וועט שוין געזונט ווערן! — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט לאַכנדיק. די רייזע וועט נאָך לאַנג געדויערן.

— פון גיהנום זענען זיי ארויסגעקומען, און אין גיהנום וועט גאָט דער האַר זיי אריינשליידערן! — האָט סימאָן געשריגן דורך דער שפּאַרע מיט זיין טיפן באַס און צאָרנדיק זיך צעלאַכט, אז דער שניי איז אַזש אראָפּגעפאלן פון זיין האַרטן קאַפּעליוש.

הונגער, דורשט, קעלט... ס'איז געווען איבער אלע מענטשלעכע כוחות. מ'האָט דורכגענישטערט די קופערטעס און זעק, אָבער מ'האָט גאָרנישט געפונען, גאָרנישט, גאָרנישט... די לעצטע רעזערוון זענען שוין געווען פון לאַנג אויסגע־

שעפּט. ס'איז געווען אַ שווידערלעכע לאַגע. דער צוג האָט אויפסניי זיך אָפּגעשטעלט, און מ'האָט צו דעם שפּאַלט אין טיר צוגערוקט ביידע קליינע שוואַרצלאַקיקע מיידעלעך, מעטאַ און ראָזאַ, און זיי האָבן אַרויסגעשריגן מיט זייערע פיינע שטימעלעך אין דרויסן אין דער זאַוויערוכע אַריין:

— וואַסער, הער סאָלדאַט, וואַסער, מיר בעטן וואַסער!

די גוווערנערין רעבעקאַ מיט די שניי־ווייסע לאָקן האָט געשריגן אַריבער טימאָגס האַרטן קאַפּעליוש אַזוי הויך, ווי זי האָט נאָר געקאָנט:

— ברויט, אַ שטיקל ברויט, סאָלדאַט!

אין פּי־וואַגאָן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אמתער בונט. מענער און פרויען האָבן געשאָטן מיט זידלערייען און קללות.

— צי זאָלן מיר דאָ קראַפּירן? שעמט אייך, איר אויסגעפּאַשעטע אויסוורפן! איר לאָזט פרויען און קינדער אויסגיין פון הונגער! אַ חרפּה און אַ שאַנדע! מפּו זאָלט איר ווערן!

סימאָן האָט מיט זיין טיפן באַס אַרויסגעשריגן דורך דער שפּאַרע:

— פון גיהנום זענען זיי אַרויסגעקומען, און גיהנום וועלן זיי אַריינגעשליידערט ווערן.

דער סאָלדאַט איז זיך געגאַנגען ווייטער, נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף די געשרייען פון וואַגאָן. פון אַלע פינף פּי־וואַגאָנען האָבן זיך געטראָגן קולות און מוראדיקע געשרייען.

אויף אַ גרעסערע סטאַציע, וווּ דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ לענגערער צייט, האָט מאַריאַן געפּרוווט איר מזל, און אַלעמענס אויגן זענען מיט אַ סך האָפענונג אויף איר געווענדט געווען. זי האָט דערזען אַ יונגע שיינע שוועסטער פון רויטן קרייץ, וועלכע איז געשטאַנען אויפן פּעראָן און געטריבערט אַ פּאַפּיראָס.

— האָט מיטלייד, שוועסטער! — האָט זי זיך געווענדט צו דער יונגער פלעגערין. — דערלאַנגט אונדז אַ קענדל וואַסער! דער ברוגעם איז גלייך הינטער אייך.

די שיינע שוועסטער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַפּיראָס פון מויל און האָט זי אָנגעקוקט. דאַן האָט זי אַ שפּיי געטאָן מיט פאַראַכטונג און גלייך זיך האַסטיק אָפּגעטראָגן. די פאַרשפּאַרטע האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּאַנישע שרעק. זיי האָבן געשריגן און גערופן, קלאַפּנדיק מיט די פיס און שטעקנס אין די ווענט פונעם וואַגאָן. אַזאַ פּאַניש געהייל און קלאַפּעריי האָט זיך איבערגעחזרט אויף יעדער סטאַציע און האָט זיך געטראָגן פון אַלע פּי־וואַגאָנען.

ענדלעך איז צום וואַגאָן צוגעקומען צוזאַמען מיטן סאָלדאַט אַן אָפיציר פון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג, גראָד ווען דאָס קלאַפּעריי און דער געשריי

האָט פאַרהילכט די לופט מיט צו ווערן. דאָס איז געווען א יונגער, העל־בלאָנדער בחור, פון קוים א יאָר צוואַנציק. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער שפּאַרע, צונויפגעקנייטשט זיין ייִנגלשן שטערן און אויסגערופן מיט א הויכער שטימע:

— אויב דער טאַראַראַם וועט גלייך נישט אויפהערן, וועל איך הייסן אלע פון וואַגאָן אָן שום שהיות צעשיסן! פאַרשטאַנען?

אין וואַגאָן איז געוואָרן שטיל. פאַרן דערשיסן האָבן אלע מורא געהאַט, ווייל ס'האָט זיך נאָך געדענקט, אז דאָס איז ערגער פון הונגער און געפרוירן ווערן.

די דיקע פרוי איז געשטאָרבן. זי האָט זיך שטיל אַראָפּגערוקט אויף א זייט און געלעגן א פאַרגליווערטע. קיינער האָט נישט געוואָגט זי אָנצורירן. די קינדער האָבן געשריגן און געוויינט. ענדלעך האָבן צוויי מענער זיך א כאַפּ געטאָן, אָפּגערוקט זי אין א זייט און צוגעדעקט מיט א זאַק.

— מיר האָבן א טויטע אין וואַגאָן! האָט אויף דער ווייטערדיקער סטאַציע געשריגן דער עקספּעדיענט מיטן קאָפּ ברוינע לאָקן צום פּאַטרולירנדיקן סאָלדאַט.

— זאָל זי ליגן, טויטע אַנטלויפן נישט, — האָט זיך געלאָזט הערן פון דער פינצטער.

ענדלעך האָט דער צוג פאַרהאַלטן זיך אין גערליץ, וווּ ער איז געבליבן שטיין א פולע שעה. כמעט גלייכצייטיק איז אָנגעפאָרן א צוג פון בערלין מיט יאָמערנדיקע און שרייענדיקע פּאַסאַזשירן אין אכט פּי־וואַגאָנען, און ביידע טראַנספּאָרטן זענען צוזאַמען פאַראייניקט געוואָרן אין איין צוג. די גאַנצע צייט זענען די טירן געבליבן פאַרשלאָסן, און די טויטע פרוי איז נאָך אלץ געלעגן צוגעדעקט מיטן זאַק.

אז ס'איז שוין אינגאַנצן טונקל געוואָרן, איז דער לאַנגער צוג אָפּגעפאָרן אין דער נאַכט, פּראָסט און שניי. די מערסטע אסורים פון מאַריאָנס וואַגאָן זענען אזוי דערשעפּט געווען פון הונגער און קעלט, אז זיי זענען איינגעשלאָפן. א טייל זענען געשלאָפן שטייענדיקערהייט, מיטן רוקן אָנגעלענט אין דער וואַנט, און בלויז איינציקע האָבן נאָך אין דער פינצטערניש שטייענדיקערהייט איבערגעשטעלט א פוס נאָך א פוס. אפילו סימאָן מיט דער טיפער באַס־שטימע איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. די קינדער האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו יאָמערן און שרייען. בעת דער צוג איז אינמיטן נאַכט פאַרפאָרן אויף א סטאַציע פאַר וראָצלאַוו, האָבן בלויז עטלעכע געעפנט זייערע געשוואָלענע, רויטלעכע אויגן, געבלענדט פון דער שאַרפער לאָמפּן־שיין, וואָס איז אַריינגעפאַלן דורכן שפּאַלט.

אויף דער דאָזיקער סטאַציע, וואָס איז געווען האַלב פאַרגראָבן אין שניי, איז מאַריאָן געלונגען צו באַקומען פון אן עלטערער קראַנקנשוועסטער א גרויס שטיק ברויט. די שוועסטער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון מאַריאָנס שיינקייט און האָט איר דערלאַנגט דאָס ברויט בגנבה:

— נעמט עס שנעל צו! — האָט זי געזאָגט. — דאָס איז אונדז ווי אָמשטרענגסטן פאַרבאָטן!

דער יונגער עקספּעדיענט, וואָס האָט זיך כּסדר געהאַלטן נאָענט פון מאַריאַן, האָט זי באַגריסט מיטן דערפאָלג.

— איך בעט ביי גאָט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך זאָל אַריינפאַלן צוזאַמען מיט אייך אין זעלבן געטאָ, גנעדיקע פריילין!

ווען ס'האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָט זיך געביטן די וואַך פון טראַנספּאָרט. דאָס ערשטע מאָל זענען אויפגערוקט געוואָרן די טירן, און אַ סאָלדאַט מיט אַ טונקעלער לאַמטערן האָט אויסגערופן די מענטשן לויט אַ ליסטע. ס'האָט שוין כּמעט קיינער נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— די ייִדן וועלן פאַרפעסטן די גאַנצע געגנט! — האָט ער פאַרהוסטנדיק זיך געשריגן צו אַ צווייטן סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען נעבן אים. ס'איז דאָ ערגער, ווי אין אַ חזיר־שטאַל. מ'מוז דעם וואַגאָן אויסרייניקן.

דער צווייטער סאָלדאַט האָט אויפגעהויבן דעם עמער וואַסער, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַנט, אַ גאָס געטאָן אויף די שלאָפנדיקע און זיך הויך צעלאַכט.

— אין פוילן וועלן זיי האָבן גענוג צייט צו שלאָפן! — האָט ער געלאַכט. דערנאָך זענען די טירן ווידער פאַררוקט געוואָרן, און דער צוג איז געפאָרן ווייטער. דאָס לעצטע, וואָס מאַריאַן האָט געזען אין האַלבן דרימל, איז געווען די פייער־שיין פון די הויטע־אויוונס.

אין וואַגאָן איז איצט געווען אינגאַנצן שטיל. מ'האָט נישט געהערט מער קיין שום געשפּרעכן, קיין הוסטן, קיין קרעכצן, קיין שום קלאַנג. טויט־שטיל האָט זיך דער טראַנספּאָרט באַוועגט דורך דער פאַרשנייטער געגנט. דער פראָסט איז אין דער נאַכט דערגאַנגען ביז פופצן גראַד אונטערן נול.

ביי דער פּוילישער גרענעץ איז געווען אַ לענגערער אָפּשטעל. מ'האָט כּסדר געהערט אַ קלאַפּן פון האַמערס, דאָס אויסמאַנעוורירן וואַגאָנען און געשרייען. מאַריאַנס וואַגאָן איז געוואָרן אָפּגעטשעפּעט און איבערגעפירט אויף אַ זייטיקער ליניע. ס'איז געווען אַ דעפּעקט אין די אַקסן.

ווען די באַן־אַרבעטער האָבן עטלעכע שעה שפּעטער, אַרום מיטאָג־צייט, אויפגעעפנט די פאַרהוק־טיר פון וואַגאָן, זענען זיי אויף טויט דערשראָקן געוואָרן. אויף זיי זענען אַרויסגעפאַלן צוויי אַלטע דערפרוירענע ייִדן מיט לאַנגע פּאַראַייזיקטע בערד. ביי איינעם האָט זיך פון ליסן קאָפּ אַראָפּגעקאָלערט אַ האַרטער קאַפעליוש. און באַלד איז אַראָפּגעפאַלן אַ געשפּענסט מיט גלעזערנע אויגן און מיט שניי־ווייסע לאָקן. די אַרבעטער האָבן זיך אין גרויס שרעק צוריקגעצויגן. דאָס געשפּענסט האָט געהאַלטן אין די אָרעמס, איינגעהילט אין קאָצן, צוויי שוואַרצלאָקיקע מיידעלעך, אויך פאַרפרוירענע, מיט אויסגעגלאָצטע גלעזערנע אויגן.

א שוידער האָט אַרומגעכאַפּט די באַן־אַרבעטער. ס'איז אָבער געווען מלחמה־צייט און זיי האָבן זיך שוין אָנגעזען אַ סך שרעקלעכע זאַכן. נאָר נישט פאַרלירן דעם מוט! זיי האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּנעמען די פאַרפרוירענע פּונעם פּיאַנאָ, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'וועט צו דעם קיין סוף נישט נעמען. זיי האָבן זיי אויסגעלייגט אויפן שניי בעבנאַנאַנדער, אַזוי ווי זיי זענען אַרייַנגעפאַלן אין די הענט אַריין. איבערציילן זיי האָבן זיי געלאָזן אויף שפּעטער. אַ סך פון די פאַרפרוירענע, איינגעוויקלטע אין מאַנטלען און טיכער, זענען געווען אינגאַנצן צונויפגעקנוילט, ווי געבונדענע פּעקלעך, באַזונדערס די פרויען. איינער, אַ רעליגיעזער אַרבעטער, האָט זיי צוגעמאַכט די אויגן.

די באַן־אַרבעטער האָבן אַרויסגעהויבן פון אַ ווינקל פון וואַגאָן אַן עלטערע פרוי מיט גרויע לאָקן, און נעבן איר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שיין, יונג מיידל אין אַ טייערן פוטערנעם מאַנטל. דאָס מיידל האָט זיך זיי שטאַרק אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן.

— סאַראַ שיין מיידל! ווי קומט דאָ אַהער אַן איטאַליענערין? — האָבן זיי זיך געחידושט. זיי האָבן שוין געוואָלט זי צולייגן צו די אַנדערע אויפן שניי, האָט זי אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט אַ זיפץ געטאָן און פּאַמעלעך אויפגעעפנט די שוואַרצע אויגן.

— זי לעבט נאָך! — האָבן זיי דערשטוינטע אויסגערופן, און צוויי אַרבעטער האָבן מאַריאַן אָוועקגעטראָגן צום נאָענטסטן וועכטער־שטיבל. דער נאָענטסטער טראַנספּאָרט וועט זי קאָנען מיטנעמען.

דאָ, אין דעם וואַרעמען צימער פון וועכטערס שטיבל, איז מאַריאַן ביסלעכווייז געקומען צו זיך. אַן אַלטע, דיקע פרוי האָט איר דערלאַנגט הייסע מילך מיט איינגעווייקטן ברויט.

— וואָס האָט איר עס דען אַזעלכעס געטאָן, מיין ליבע פרײַלין? — האָט די אַלטע געפרעגט און צעוויינט זיך.

— איך ווייס נישט, — האָט מאַריאַן, קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן, געפּליסטערט.

אָוונט צו האָט זי זיך אויף אַזויפיל געפילט געשטאַרקטער, אַז זי האָט געקאָנט שוין צונויפנעמען די געדאַנקען. אויף איר ביטע האָט די אַלטע פרוי איר געגעבן אַ צעטל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער. זי האָט פּאַמעלעך און מיט גרויס אָנשטרענגונג אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער צו איר פאָטער: „זאָרג דיך נישט, כ'גיי אונדז ביידע גוט! — האָט זי געשריבן. — דו וועסט אינגיכן דערהאַלטן אַ לאַנגן בריוו".

די אַלטע האָט געהאַט אַ זון, אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט צוגעאָרגנט געדאַרפט פאָרן אין דער קאַזאַרמע קיין ווראָצלאַוו.

— ער וועט קאָנען אַרייַנוואַרפן דעם בריוו אין וורַאָצלאַוו, — האָט די אַלטע אַרייַנגעשעפּטשעט מאַריאַן אין אויער, — קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

מאַריאַן האָט איר באַדאַנקט. ווען זי האָט איר אָבער דערלאַנגט פאַרן זון הונדערט מאַרק, האָט די אַלטע אָפּגעשטויסן איר האַנט.

— פון אומגליקלעכע נעמען מיר נישט קיין געלט, פרייַלין! גאָט זאָל אייַך אויסהיטן!

ווען זי האָט אַזוי געזוכט אין איר האַנטבייטל, האָט מאַריאַן צו איר דערשטוינונג אַנטדעקט אַ פלאַכן בריליאַנט, די גרייס פון אַ ליַנדז. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, פון וואַנען קומט צו איר דער האָזיקער שטיין. אפשר האָט זי אַמאָל געוואָלט מאַכן פון אים אַ פינגערל?

— נעמט, כ'בעט אייך, דעם בריליאַנט צום אָנדענק! — האָט זי געזאָגט צו דער אַלטער. — איר קאָנט דאָס עמעצן אָוועקשענקען. אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ פּראָסט גלעזל.

די אַלטע האָט דאָס שטיינדל גענומען אויף אַן אָנדענק. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ פּשוט גלעזל. זי האָט געשטאַמט פון דער גאַבלאָנצער געגנט.

צומאָרגנס איז פון בערלין אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט פון פּופּציק פּי־וואַנאָנעס, און צווייַ סאָלדאַטן האָבן מאַריאַן צוגענומען.

זעקסטער טייל

I

שוין לאַנג איז פּאַביאַן געגאַנגען אויף און אָפּ אין זיין פּאָמפּעז־אויסגעפּוצטן קאַבינעט. דער פּאָדערצימער האָט געפּוסטעוועט. פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבן שטיין פאר דער גרויסער מאַפּע, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן באַדעקט דעם גרויסן שרייבטיש, און פלעגט זיך פאַרטיפן אין די רויטע און בלויע ליניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון צפונדיקן אייז־אָקעאַן ביזן שוואַרצן ים, איבער די אומגעהויערע שטחים פון רוסלאַנד. ער איז געווען פאַרטראַכט, מ׳קאָן זאָגן, אפילו פאַרדאַגהט.

דער ווינטער האָט גורם געווען דער אַרמיי אומגעהויערע פאַרלוסטן. וואָס האָט זי געקאָנט אויפטאָן אָן א דאך איבערן קאָפּ, אָן וואַרעמע מלבושים, אָן פעסטע שטיוול, אָן גענוגנדיקער דערנערונג! מ׳האָט דאָך אויסגערעכנט די מלחמה בלויז אויף זעקס וואָכן!

„זעקס וואָכן, הער פּולקאָווניק פאָן מינען! מאָסקווע, פּעטערסבורג, — ס׳האָבן א צוק געטאָן ביי פּאַביאַנען די ווינקלען פון מויל, — נישט בלויז א פּולקאָווניק קאָן א טעות האָבן, נאָר אפילו א גענעראַל!“ — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

נעכטן האָט ער אין „גלאָבוס“ געשמועסט מיט אַן עלטערן שטאַבס־דאָקטאָר, וועלכער האָט באַקומען אורלויב, ווייל ער איז געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט. ער איז געווען א מענטש א ריז, היינט איז ער אָבער געבליבן אזוי אינגאַנצן אָן כוחות, אז ער האָט קוים געקאָנט האַלטן דאָס גלעזל ווין אין האַנט. טאָג און נאַכט — גאַנצע וואָכן און חדשים האָבן זיי דאָרט געהאַלטן און איין אַמפּוטירן, ביז זיי זענען נישט געפאַלן פון איבערמידונג. זיי האָבן אַמפּוטירט גאַנצע קאָמפּאַניעס, גאַנצע באַטאַליאָנען! אַן אַרמיי פון איינפיסיקע געשפּענסטער טראָגט זיך איצט איבער דייטשלאַנד, עס שווייגן נאָר די טויטע.

צום גליק האָט קלאָטילדע דעם יונגן האַרין באַזאָרגט מיט גראָבע העמטשקעס, וואַרעמע שקאַרפּעטקעס און וואָלענע וועש, אזוי אז מ׳האָט זיך וועגן דעם

נישט געהאט וואָס צו זאָרגן. אין אַלע בריוו האָט ער בלויז געבעטן הילף פאַר זיינע קאָלעגן און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מער מורא געהאט פאַר די פרעסט, ווי פאַרן טויט.

ס'איז שוין צייט געווען, אַז דער העכסטער קריגס־אָנפירער זאָל לאָזן הערן זיין שטימע און אויפהייבן דעם מוט ביים פאָלק. ער האָט דאָך דערקלערט קלאָר און דייטלעך, אַז די רוסישע אַרמיי איז פאַרניכטעט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, און וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קענען אויפשטעלן! זי איז פאַרניכטעט געוואָרן ביזן גרונט מיטן גאַנצן אינווענטאַר! איז עס אפשר נישט גענוג?

דער פרעסע־שעף פון רייך האָט דאָס זעלביקע דערקלערט מיט אַ פּאָר טעג שפעטער. פאַרניכטעט, פאַרניכטעט, פאַרניכטעט!

פאַביאַנס אויגן האָבן ווידער אַ גלאַנץ געטאָן מיט גלויבן. וואָס זאָל מען אָבער טראַכטן וועגן די מעלדונגען פון „אָומבאַקאַנטן סאָלדאַט", וועלכער שרייבט, אַז די דייטשישע אַרמיי האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן הינטער מאָסקווע, און געווען געצוווּנגען צוריקצוציען זיך? דאָס איז מער נישט ווי שקר וכזב! פאָל־קאָווניק פאָן טיגען האָט אים אפילו אָנגעקלונגען און צו וויסן געטאָן, אַז דער שטילשטאַנד, וואָס דער ווינטער האָט גורם געווען, איז איבערגעבראָכן געוואָרן, און די דייטשישע אַרמיי רוקט זיך ווידער פאָרויס.

— כ'גיב מיין קאָפּ, אַז אין פיר וואָכן אַרום זענען מיר אין מאָסקווע! — האָט ער אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן.

די ראַדיאָ־הילכערס האָבן מודיע געווען וועגן גרויסע נצחונות אויף אוקראַ־אינע. אין פאַביאַנס אויערן האָט געהילכט דער ליאַרעם פון שלאַכטן און נצחון־געשרייען. ס'זענען געווען טעג, ווען עס איז אים שווער געווען צו פאַרטראָגן זיין בידנע אַרבעט אין ביוראָ. ער האָט זיך געזען גאַלאָפּירן אויפן רייטפערד נעבן זיין באַטעריע, איבער פעלדער, האַרמאַטן האָבן געקראַכט, און שוואַרצע גרודעס ערד זענען געפלויגן אינדערהייך. זייענדיק אין אַזאַ שטימונג, האָט ער זיך גראָד דערוווּסט אַ נייעס, וואָס האָט ווידער דערוועקט אין זיין האַרץ אַ נייע האָפענונג. מ'האָט אים געזאָגט, אַז טאַובענהאַוז איז געקומען אין שטאָט.

טאַובענהאַוז! אפשר איז ער געקומען איבערצונעמען ווידער זיין אַמט אַלס בירגערמייסטער, און דעמלט, פאַביאַן, ביסטו פריי, און דו ווייסט וווּ דו האָסט צו גיין!

גלייך איז טאַקע טאַובענהאַוז געקומען אין ראָטהויז. דאָס ערשטע האָט זיך פאַביאַנען געוואָרפן אין די אויגן, אַז טאַובענהאַוז איז שוין אַ מאַיאָר. ער האָט אויסגעזען פאַרברוינט פונעם וועטער, אַן אַ סימן פון זיין פריערדיקער בלאַסקייט. זיינע האָר, וואָס האָבן פריער געשטאַרצט ווי שטשעטשינעס, זענען איצט געווען

קורץ געשווירן. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ היפּשע באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַן אַנטשלאָסענעם אויסזען פון אַ פּראָנטאָוויק.

טאובענהאוז האָט שוין נישט בלויז גערעדט הויך, נאָר געשריגן, טאַקע קאָמאַנדעוועט, אַלץ אַרום אים האָט זיך געטראָגן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס איז געווען דער טאָן, וואָס ער האָט געבראַכט פון דאָרטן.

ער האָט מיט גרויס פּאָמפּע איינגעלאַדן פּאַביאַנען אין „שטערן“ אויף ניין אַזייגער אין אָוונט אויף אַ פלאַש וויין. ס'וועט אויך זיין דער גאַולייטער.

מאַיאָר טאובענהאוז, ווי אַלע, וועלכע זענען געקומען פון פראָנט, האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ סך צו דערציילן. ער איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי קאָמענדאַנט פון דער שטאָט סמאָלענסק. וואָס, אַ שטאָט? ניין, שוין נישט קיין שטאָט, נאָר איין גרויסער בארג גרוז. די דייטשישע אַרטילעריע און די דייטשישע טאַנקען האָבן אָפּגעטאָן נישט קיין שלעכטע שטיקל אַרבעט. ער האָט אויפגעבויט אַ רעגירונגס־געביידע, און איצט בויט מען אַ קאַסינאָ, וואָס וועט זיין די פּראַכטפולסטע געביידע אויף דער שטרעקע צווישן בערלין און מאָסקווע. מיט די בוי־אַרבעטן פירט אָן דער היגער בויראַטגעבער קריג. ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין סמאָלענסק, דאָרט וועט ער נישט דאַרפן קאַרגן, ווי דאָ, וווּ ער האָט צוליב טרעפּ פאַר דרייסיק טויזנט מאַרק געמאַכט אַ געוואַלד! איז דאָס געווען אַ סצענע, ווען קריג האָט זיך דאָרט ווידער געטראָפן מיט זיין טאָכטער הערמינע, איינער פונעם צווילינג! טאובענהאוז האָט די קליינע מיטגענומען קיין סמאָלענסק, וווּ זי איז באַשעפטיקט אַלס זיין הויז־ווירטין און אַלס שעף פון סעקרעטאַריאַט. זיי האָבן אויך אַ קוכער, אַן ערשטקלאַסיקן ממש, ער האָט פריער געאַרבעט אין בערלין אין „האָטעל עדען“, נישט קיין קוכער, נאָר באמת אַ וואונדער! וואָס שייך דער פּראָוויאַנטירונג קאָנען זיי זיך באמת נישט באַקלאָגן. יאָ, מ'קאָן אַפילו זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן די מענטשן אין היימלאַנד אַ הונגער־לעבן. דאַרפן זיי האָבן אַן אָקס, ווערט ער גלייך צוגעשטעלט. דאַרפן זיי האָבן פופציק האָזן, ליגן זיי שוין אויפן צווייטן טאָג אין דער קיך. און וואָסערע ווינען, וואָסערע ווינען? בראָנפן און ליקערן! ווילסט שאַמפּאַניער, וויסקי, טאָקאַיער, מאַלאַגאַ? גלייך איז עס דאָ!

ליידער איז אים געבליבן דאָ צו זיין נאָר דריי טעג. ער איז אַהער געקומען צו מאַכן איינקויפונגען. ער האָט איינגעקויפט זאַכן פאַר זיין סמאָלענסקער וווינונג, פולע גרויסע קאַסטנס און פעק: לאָמפּן, עלעקטרישע אויוונס, פאַרהאַנגען, טרעטערס, טעפּיכער, שטויבזויגער, פאַרפומען, ביוסטהאַלטער פאַר די דאַמען — אַן אָנגעפּאַקטן וואַגאָן.

טאובענהאוז איז אַוועקגעפאָרן, און אין שטאָט האָט ווידער געהערשט אַ לאַנגווייליקייט, ווי פריער, ביז ס'פלעגט ווער קומען פון פראָנט מיט נייע ידיעות.

א סך אָוונטן איז אפילו אין „שטערן“ געווען איינגאַנצן פוסט. ס'איז געוואָרן וואָסאַמאָל ווייניקער מענער אין שטאָט. ס'האָט שוין לאַנג אויפגעהערט דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון מענטשן, דאָס צונויפקומען זיך צוגאַסט איינער צום צווייטן. אין אַלע משפחות האָט געהערשט א שטימונג פון גרויסער זאָרג און טרויער. ס'איז געבליבן גאַנץ ווייניק פאַמיליעס אין שטאָט, וואָס האָבן נישט גע־האַט צו באַקלאָגן א טויטן. די רעפּעראַטן אין קלאָטילדעס סאַלאָן זענען געוואָרן זעלטענער, און, דעם אמת זאָגנדיק, האָבן זיי פאַביאַנען געגרייזט.

לכתחילה האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ס'וועט זיך לאָזן ווידער באַנייען זיינע באַציונגען מיט די דאַמען לערכע־שעלהאַמער, וואָס ס'וואָלט פאַר אים געווען א גרויס גליק, אָבער די דאָזיקע האָפענונג איז גלייך ווידער צערונען געוואָרן.

פרוי בעאַטע האָט אים עטלעכע מאָל פאַרבעטן אויף אָוונטברויט, אלס דאַנק פאַרן ארויסהעלפן איר אין יענער צייט פון ארעסט, ביי איינער אזא באַגעגעניש האָט זי אים דערלאַנגט א פּאַפּקע מיט טייערע קופּערשטיכן, א ירושה פון איר פאָטער.

מ'האָט געגעסן גוטע שפּייזן, געטרונקען וויין, מ'האָט פאַרבראַכט עטלעכע שעה גאַנץ גוט, פיין, אָבער די האַרציקע שטימונג, וואָס איז געווען אמאָל, האָט זיך שוין נישט געשאַפן. אָפט האָט זיך דאָס געשפּרעך אָפּגעהאַקט, נאָך אָפטער אָבער איז דער שמועס צווישן זיי געפירט געוואָרן אין קאָנווענציאָנעלע פאָרמען, וואָס איז געווען פּיינלעך פאַר אַלע דריי מיטשמועסער.

פרוי בעאַטע איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט אויפגעהיט איר הומאָר, ווי פריער, רויִקערנדיק ווי אמאָל אירע שטאַרקע פּאַפּיראָסן.

— איך פאַרמאָג באמת א נביאישן אָדער, — האָט זי געשפּאַסט, — האָב איך דען נישט פאָרויסגעזאָגט, אז מיינע ביידע שוועגערינס וועלן מיט זייערע קינדער זיצן אין זייער מאַיאָנטעק אין דער שוויץ, אויב ס'וועט אויסברעכן אַ מלחמה? צי דערמאָנט איר זיך דאָס נישט, דאָקטאָר?

זי האָט דאָס באמת נישט איינמאָל געזאָגט. פאַביאַן האָט באַמערקט, אז זי האָט לעצטנס א סך מער קאָניאַק געטרונקען, ווי פריער.

קריסטע דאַקעגן האָט זיך דערליבט אויף א געוויסער נישט טאַקטישקייט. בעת די געשפּרעכן האָט זי געמאַכט צייכענונגען און אָנגעוואָרפן שקיצן, ווי זי וואָלט געווען מער פאַרטאָן מיט אירע געדאַנקען, איידער מיטן שמועס. זי האָט אָפט געשוויגן א לאַנגע צייט, האָט אויסגעזען צעשטריימט, ווי זי וואָלט איינגאַנצן נישט ביי געווען. ווי פריער, האָט א שמייכל געשוועבט אויף איר פּנים. טיילמאָל פלעגט זיך אפילו אויסדאַכטן, אז ס'דערוועקט זיך ווידער אין איר די אמאָליקע סימפּאַטיע צו אים, אָבער דאָך האָט ער גלייכצייטיק דייטלעך געפילט, אז זי מיידט אויס ארויסצוברענגען אן איינציק וואָרט. איצטער האָט זי זיך שוין נישט

גערוויטלט, ווען ער פֿלעגט אויף איר א קוק טאָן. אַמאָל, ווען זי האָט אים נאָר בלויז אָנגעקוקט א מעפעלע קאַווע, פֿלעגט א צעטומלטער שמייכל שפּילן אויף אירע ליפּן, הײַנט איז דאָס אָבער געווען בלויז א שמייכל פֿון העפֿלעכקייט, נישט עפּעס אַנדערש.

— ס'דאַכט מיר, אַז די דאַמען זענען געוואָרן א סך שווייגעוודיקער? — האָט זיך בײַ פּאַביאַנען אײַנגעמאָל אַרויסגעריסן פֿון מויל.

— שווייגעוודיקער? — האָט פֿרוי בעאַטע איבערגעחזרט און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און צושמייכלענדיק האָט זי פֿאָרגעזעצט, — גאַנץ מעגלעך, אַז ס'איז אַזוי. וואָס מער מ'האָט צו זאָגן, אַלץ מער שווייגט מען.

— זייער טרעפֿלעך געזאָגט, — האָט פּאַביאַן אונטערגעכאַפּט, — איר האָט זיך אָבער גלײַכצײַטיק פֿאַרראַטן, אַז איר האָט א סך וואָס צו זאָגן. פֿאַרוואָס זשע זאָלט איר אין מײַן אָנוועזנהייט נישט קאָנען וועגן אַלץ זיך אַרויסזאָגן פּונקט ווי פֿריער?

פֿרוי בעאַטע האָט זיך צעלאַכט.

— ווי פֿריער! — האָט זי אויסגערופֿן. — אָך, ווי הערלעך וואָלט עס געהעט! ס'איז שוין אָבער נישטאָ מער קיין „פֿריער“. די וועלט אַרום אונדז האָט זיך געענדערט, און מיר האָבן זיך אויך צוזאַמען מיט איר געענדערט. מיר זענען נישט מער אימשטאַנד צו רעדן ווי פֿריער, קיינער איז דאָס נישט בכוח, די השגות האָבן זיך געענדערט, און די ווערטער האָבן באַקומען אַן אַנדער באַדײַטונג, מ'האָט צופֿיל זיך אָנגעהערט, שקר און אמת, אַלץ מיטאַנאַנדער, און מ'קאָן קוים אונטערשיידן פֿון שקר ביז אמת. מיר זענען אַלע פֿאַרסמט פֿון חשד און צעפֿרעסן פֿון אומצוטרוי. מיר האָבן אַלע מורא, אַז היינטער דער וואַנט קאָן עמעצער שטיין און אונטערהערן. מיר האָבן צופֿיל געהערט דאָס וואָרט דענונציאַנט, וואָס מיר האָבן דאָס פֿריער כמעט נישט באַנוצט. און אַלע פֿעלט אונדז די פֿרייקייט, נאַטירלעכקייט, מיר זאָלן נאָך קאָנען רעדן אײַנפֿאַך, קלאָר און אמתדיק.

— ווען דאָס אַלץ זאָל אמת זײַן, וואָס איר זאָגט, — האָט פּאַביאַן א צעמישטער געזאָגט נאָכדענקענדיק, — וואָלט דאָס געווען זייער טרויעריק.

פֿרוי בעאַטע האָט גענומען א נײַעם ציגאַר.

— לײַדער איז עס אַזוי, — האָט זי געענטפֿערט, — און ס'איז נישט נאָר טרויעריק, נאָר אויפֿן העכסטן גראַד טראַגיש, וואָס ס'איז דערצו דערגאַנגען.

א באַטריבטער און טיף נידערגעשלאָגן איז פּאַביאַן דעם אָוונט דורכן הויפֿגאָרטן געגאַנגען אַהיים און נאָכגעטראַכט, צי זאָל עס טאַקע אמת זײַן, וואָס פֿרוי בעאַטע זאָגט?

II

נאָכן ארעסט פון מאריאָן און פון דער מאמושקא האָט פאביאן גלייך באזוכט דעם מעדיצינישן ראטגעבער פאלע, הגם דאָס אָנהאלטן וואָסער נישט איז פארבינדונג מיט א יידן איז נישט געווען אָן א געפאר. זינט דעם דאָזיקן באזוך האָט ער אגב וועגן מעדיצינישן ראטגעבער מער זיך נישט געדאגהט, און איז דעריבער זייער איבערראשט געוואָרן, ווען פאלע איז אין א געוויסן טאָג געקומען צו אים אין ראָטהויז בעת זיינע אויפנעם־שעהן.

זיין סעקרעטארין האָט אים נישט דרייסט אָנגעפרעגט, צי ער וועט אויפנעמען אן אלטן מאן מיט א מגן דויד. זינט ער האָט פארטראָטן טאובענהאוזן, איז עס פאקטיש געווען דאָס ערשטע מאָל, אז א ייד זאָל צו אים קומען.

— זעלבסטפארשטענדלעך! — האָט פאביאן אָן שום ישוב־הדעת דעצידירט. פאביאן האָט ליב געהאט צו אונטערשטרייכן זיין אומאָפּהענגיקע שטעלונג אין דער יידן־פראגע.

— מיין אומט אלס בירגערמייסטער ליגט ארויף אויף מיר א חוב אויפצונעמען יעדן בירגער פון שטאָט.

ווען ס'איז אָבער אריינגעקומען דער מעדיצינישער ראטגעבער פאלע, האָט ער נישט ווילנדיק צוריקגעצויגן זיך אויף א טראָט. אין טיר איז געשטאנען א סקעלעט. פון פאלעס דורכזיכטיק־בלאס פנים האָבן פון אונטער גרויע געדיכטע ברעמען ארויסגעפינקלט גרויסע, שווארצע, ברענענדיקע אויגן, זיין באָרד איז געווען שנייווייס און איז באשטאנען בלויז פון שיטערע דינע האָר, ווי אויף כינעזישע מאסקעס, וואָס פאביאנען איז אויסגעקומען ווען נישט איז צו זען. אָבער נישט בלויז פאלעס אויסזען האָט אויף פאביאנען אָנגעוואָרפן א שרעק, ס'האָט אים נאָך מער איבערגעשראָקן דער געלער מגן דוד, וואָס דער מעדיצינישער ראטגעבער האָט געטראָגן אויף זיין ברייטן מאנטל.

„גאָט מיינער! איינער פון די וועלט־באַרימטע געלערנטע, מיטגליד פון א סך אויסלענדישע אקאדעמיעס טראָגט דעם דאָזיקן שאנד־צייכן!“ — פאביאן האָט געפרווט פארבאָרגן זיין געפיל פון חרפה מיט זיין אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט, וועלכע ער האָט ארויסגעוויזן פאלען, אויפנעמענדיק אים און צופירנדיק אים צו א שטול.

— איך קאָן נישט פארטראָגן דעם דאָזיקן „שטערן“ אויף אייך, הער מעדיצינישער ראַטגעבער, — האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן פון מויל, ווען ער האָט זיך מיט פאלען באגריסט. איך וועל גלייך אָנקלינגען צום גאולייטער און אויספועלן פאר אייך א דערלויבעניש נישט צו דארפן טראָגן דעם צייכן.

דער מעדיציניש ער ראטגעבער פאלע האט אבער געגעבן צו פילן, אז ער איז קעגן דעם, פאביאן זאל מאכן באמיונגען.

— איך קאן איצט נישט איינגיין אויף קיינע פריווילעגיעס, — האט ער גאנץ רואיק געזאגט און די פאראייבצלטע האר פון זיין באָרד האבן בעתן רעדן געציטערט. דאס איז א „שטערן" פון דער נאצי־פארטיי, וועלכן מען האט פון חוזק וועגן געגעבן די פארם פון אן אָרדן. אפן געזאגט, שעם איך זיך אויף קיין פאל נישט אים צו טראגן, ווייל יעדער מענטש קאן גלייך דערקענען, אז איך געהער נישט צו דער נאציע, וועלכע פארגעטט זיך מיט מאכן פאגראמען.

ער האט געקערט קלאר, אז יעדן מין אייבזעעניש. פאביאן איז בשתומם געווען פון זיין זיכערן טאן אין פון דער פעסטקייט, וואס דער זקן האט ארויסגעוויזן אין זיין האלטונג.

— איר קענט דאך מיין שטאנדפונקט אין די פראגן, האט מעדיציניש ער ראטגעבער, — האט ער געזאגט, כדי פערזענליך זיך רייבצוואשן.

פאלע האט געשאקלט מיטן קאפ און איראניש געשמייכלט. דורך די דינע שטאל־בלויע ליפן האבן זיך ארויסגעוויזן זיינע קליינע ציין.

— געוויס קען איך אייער שטאנדפונקט! — האט ער געזאגט. — ווי מיר איז באקאנט, איז עס דער שטאנדפונקט פון א סך מענטשן. דערפאר איז נאך מער דערשטוינט צו ווערן, וואס קיינער רירט נישט מיט קיין פינגער עפעס צו טאן, אויסשליסנדיק דערביי אייער ברוהדער וואלפגאנג. דאס מוזט איר מודה זיין. זייט מיר מוחל מיין אויפריכטיקייט. ס'איז דאס איינציקע, וואס מ'האט אונדז יידן איבערגעלאזט.

פאביאן האט זיך פארריכט פון פאלעס פארווורפן, און כדי אפצולענקען דאס געשפרעך פון דער פיינלעכער טעמע, האט ער אים געפרעגט, צי ער האט עפעס א ידיעה פון מאריאן?

גלייך האט זיך פאלעס בלאס פנים פארענדערט. זיינע טונקעלע אויגן האבן זיך פייערדיק צעפלאמט און אויף ביידע זייטן פון זיין קרייד־ווייסער נאז האבן זיך באוויזן פייערדיק־רויטע שטרייפן.

— פון מאריאן? — האט ער א זאג געטאן מיט אויפלעבונג. — יא, ס'האט זיך איר איינגעגעבן מיר צוצושיקן א קליין צעטעלע פון דער פוילישער גרענעץ. ס'איז אנגעגעבן געווארן אין ווראצלאוו און געשריבן געווארן אין אייליקיש און שטארקער אויפרעגונג. פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף די געציילטע ווערטער, האט דאס צעטעלע מיר פארשאפט גליק אן א מאס. ווייל איך האף, אז איך וועל נאך זען מיין קינד געזונטערהייט. מאריאן איז די אייציקע טרייסט פאר מיין אלט הארץ!

דער מעדיצינישער ראַטגעבער פאַלע איז אָבער געקומען צו פאַביאַנען אין אַ ספּעציעלן ענין, אין זייער אַ דרינגענדיקן און וויכטיקן ענין, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט געוואָלט אים פאַרקויפן זיין גוט אין אַמזעלוויז.

— אַמזעל ווילט איר פאַרקויפן? — האָט פאַביאַן אַ שטאַרק פאַרחידושטער געפרעגט און האָט זיך צעלאַכט. — איר ווייסט דאָך אָבער, אַז איך בין נישט קיין מיליאָנער? — האָט ער אין אַ שפּאַסיקן טאָן צוגעגעבן.

פאַלע איז אָבער געבליבן ערנסט.

— מ'צווינגט מיך דערצו, ליבער פריינד! — האָט ער געזאָגט אינגאַנצן רואיק.

פאַביאַן האָט זיך ווידער פאַרחידושט איבער זיין באַהערשטקייט.

ס'איז בעצם געווען גשתומם צו ווערן מיט וואָסער רואיקייט און ווירדע דער מעדיצינישער ראַטגעבער פאַלע האָט ביי זיין זיבעציקיעריקן עלטער איבערגעטראָגן רדיפות, דראָונגען, שיקאַנעס, קאָנפיסקאַציעס שוין היפּשע עטלעכע יאָר. ער האָט, וואָס אַן אמת, באַקומען אַ נערוון־קראַנקהייט, אָבער קיינער האָט דאָס אויפן ערשטן אויגנבליק נישט באַמערקט. ער האָט אָפט געהאַט אָנפאַלן פון היסטערישן געוויין, וואָס פלעגט אויסברעכן נישט צוליב דער דערדריקנדיקער סיטואַציע און די שווערע קלעפּ פון גורל, נאָר צוליב אַזעלכע זאַכן, וואָס פריער וואָלטן זיי אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען.

ווען ער האָט געהערט, אַז עמעצער איז צוריקגעקומען פון פּראָגע אויף אורלויב און ער האָט שוין נישט צוריקגעפונען זיין הויז, האָט ער געמוזט אויסברעכן אין אַ געוויין, הגם ער האָט אויך געוווסט, אַז יענעמס ווייב און קינדער געפינען זיך ביי די שכנים אין בעסטן געזונט. האָט ער געלייענט, אַז מיזנטער אונטערטאַנען זענען אַמאָל פאַרקויפט געוואָרן פון זייער פירשט צו פרעמדע פאַר סאָלדאַטן, האָט דאָס אים גערירט ביז טרערן, הגם ער האָט וועגן דעם פאַקט געווסט שוין פון יאָרן לאַנג. ס'איז גענוג געווען, ער זאָל זיך דערמאָנען וועגן אַ געשעניש, אַז אַ הונט האָט פאַרלוירן זיין באַלעבאָס, ער זאָל זיך גלייך צעוויינען. די שטאַרקע עמפּינדלעכקייט איז געקומען פון זיין נערוון־קראַנקהייט. ער האָט דאָס גוט געוווסט, און נישט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיאונגען, איז נישט געקומען קיין פאַרבעסערונג.

אין יענעם אָוונט, ווען מ'האָט מאַריאַן און די מאַמושקאַ אַוועקגעפירט, און ער האָט געטראָפן אַ פוסטע הויז, האָט ער געחלשט. אַן ענערגישע פרוי פון אַ גערטנער האָט זיך מיט אים פאַרנומען, און איצטער פירט זי זיין ווירטשאַפט.

פונדעסטוועגן איז ער גלייך געקומען צו זיינע קלאָרע געדאַנקען. ער האָט געוווסט, אַז זיין לעבן דערנענטערט זיך צום סוף און האָט שלום געמאַכט מיטן גורל. ער האָט געלעבט בלויז מיט דער האָפענונג צו זען זיך ווידער מיט מאַריאַן.

צו אַלע אַנדערע זאַכן איז ער געווען אײַנגעאַנצן גלײַכגילטיק. זיי האָבן שוין פֿאַר אים נישט געהאַט מער קיין שום זין.

אײַנגעאַנצן קאַלטבלוטיק, באַגלייט נאָר פֿון צײַט צו צײַט מיט אַ ליכטן אי־ראָנישן שפּאָטישן שמייכל, האָט ער פֿאַביאַנען דערציילט פֿון די נגישות, וואָס ער מוז אויסשטיין פֿונעם שעף פֿון דער היגער געסטאַפּאָ — אַ געוויסן העד שילינג, וועלכער האָט בײַ אים מיט פֿאַרשידענע דראָונגען אַרויסגעשלעפּט צו צען און צוואַנציק טויזנט מאַרק, אַרום און אַרום בײַ אַן אַכציק טויזנט מאַרק.

— אָט איז מיט צוויי וואָכן צוריק ווידער געקומען צו מיר דער דאָזיקער העד שילינג, — האָט פֿאַלע פֿאָרגעזעצט זײַן דערציילן, — און געזאָגט: איך פֿאָדער איך באמת אַזוי שטאַרק, הער מעדיציניש ער ראַטגעבער, אַז איך בין עס נאָרנישט בכוח דאָס אײַך איבערצוגעבן און ווערטער. אויב איר קאָנט מיר שענ־קען דרײַסיק טויזנט מאַרק, וועל איך אײַך צו וויסן טאָן, ווען איר וועט זיך דאַרפֿן אויסבאַהאַלטן. היות ס'איז מיר שוין גאָרנישט געבליבן, האָב איך אים געגעבן צוויי טײַערע זייגערס.

דער מעדיציניש ער ראַטגעבער האָט אַ שמייכל געטאָן, דערנאָך ווײַטער דער־ציילט:

— נעכטן אָבער איז הער שילינג ווידער געקומען און געזאָגט: „ס'איז די העכסטע צײַט! פּאַקט צונויף אײַערע קופֿערטס, אין דרײַ טעג אַרום דאַרפֿט איר דאָ שוין נישט זײַן, איך קאָן אײַער אַרעסט שוין לענגער נישט אָפּשלעפּן. כ'וועל אײַך געבן אַן אַדרעס אין בערלין, ס'איז אַ געהיימער פּונקט פֿון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג, דאָרט וועט איר דערהאַלטן אַ פּאַס פֿון דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט"* און ווײַטערע אָנווײַזונגען. דער פּאַס וועט קאָסטן דרײַ טויזנט מאַרק, לע־בנסמיטל־קאַרטן קאָסטן מאָנאַטלעך דרײַ הונדערט מאַרק. אײַער באַנק־קאָנטאָ איז בלאָקירט. קיין געלט האָט איר נישט מער. אָבער כדי איר זאָלט נישט לײַדן קיין נויט, ווײַל איך בײַ אײַך אָפּקויפֿן אַמזעל, הגם איך ווייס נישט, וואָס איך וועל דערמיט טאָן. איך גיב אײַך הונדערט און פֿופֿציק טויזנט מאַרק מזומנים. ס'וואָלט פֿיל בעסער געווען, ווען איר געפֿינט אַן אַנדערן קונה! איר האָט דאָך זיכער פֿרײַנד אין שטאָט. אָבער דאָס מוז שנעל דערלייזט ווערן. אין דרײַ טעג אַרום וועט סײַווי־סײַ אַלץ בײַ אײַך פֿאַרלוירן גיין.

פֿאַביאַן האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף אַן אויפֿגעבראַכטער, אַן אָנגעצונדע־נער פֿון צאָרן.

— זאָגט מיר, איז דאָס אַלץ אמת? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, צוגייענדיק צו פֿאַלען.

פֿאַלע האָט זיך איצט אויף אַן אמת צעלאַכט. עס איז געווען דאָס ערשטע

* פֿאַשיסטישע מיליטערישע בוי־אָרגאַניזאַציע.

מאָל, וואָס ער האָט באמת געלאַכט, און פון צווישן זיינע בלויע ליפּן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלע זיינע קליינע ציין. — פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אמת, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פול מיט שפּאַס, — אפשר וועט איר איצט שוין גלייבן, אַז אין דהיימן רייך ווערט אפילו שאַנטאַזש דורכגעפירט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן?

— איין מאָמענט, — האָט פאַביאַן אַ זאָג געטאָן און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק נאָכדענקענדיק.

„דאָס איינציק ריכטיקסטע וואָלט געווען, — האָט ער געטראַכט, — פאָרן צום גאַלייטער און אים עפענען די אויגן אויף שילינגס נידערטרעכטיקע מעשים. אַזעלכע עלעמענטן ווי שילינג, וועלכע שעדיקן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי, דאַרפן דערשאָסן ווערן!“ אָבער ער האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט. — דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. שילינג האָט אַוודאי געהיימען פאַלען נאָכשפּירן, און ער ווייסט געגוי, אַז איצט איז ער ביי מיר. מיין טעלעפאָן איז אויך זיכער אויפן אויג. ער וועט אונדז בייזן, מיך מיט פאַלען, הייסן אַרעסטירן, ווי מיר וועלן נאָר אַרויס פון ראָטהויז. דערמיט וועל איך אָבער האָבן פאַלען געטאָן אַ בערישע טובה, און די הונגעריקסטע אויפגאַבע באַשטייט דאָך סוף כל סוף אין דעם, איך זאָל פאַלען העלפן. געדולד, איך וועל שוין געפינען אַן אויסוועג. די הונדערט און פופציק טויזנט מאַרק פאַר אַמזעל איז דאָך אַ לעכערלעכע סומע. בלויז דאָס מעבל און די טעפּיכער זענען מער ווערט. געדולד, נאָך אַ ביסעלע געדולד.

פאַלע האָט כסדר מיט זיינע שוואַרצע אויגן נאָכגעפאָלגט פאַביאַנען אין זיין שפּאַנען אַהין און צוריק.

— ס'גייט מיר, פאַרשטייט זיך, אויך אין דעם, — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ ווײַלע אַרום זייער רואיק און שטיל, כדי נישט צו שטערן פאַביאַנען אין זיינע געדאַנקען, — אַז אַמזעל זאָל אַריינפאַלן אין גוטע הענט, אַז עמעצער זאָל נעמען אויף זיך די ערבות פאַר מיין ביבליאָטעק. הונדערט און פופציק טויזנט מאַרק איז דאָך אַ זייער קליינער פּרייז פאַר אַמזעל, און מאַריאָן וועט שטענדיק קאָנען וויסן מיך צו געפינען, ווו איך זאָל נישט זיין.

פאַביאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַמזעל איז פאַר אַ מיליאָן אויך האַלב בחינם“, — האָט ער געטראַכט. — די ערבות פאַר דער ביבליאָטעק קאָן ער נאָמירלעך לייכט נעמען אויף זיך, און שאַפן הונדערט און פופציק טויזנט מאַרק שטעלט פאַר אים נישט פאָר קיין שום שוועריקייט.

ס'איז אים איצט גלייך איינגעפאַלן, וויאַזוי ער וועט קאָנען העלפן פאַלען, נישט אויסגעצנדיק זיין שווערע לאַגע אויף אַ נישט אָנשטענדיקן אופן.

— מיין חשובער הער מעדיצינישער ראַטגעבער! — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק. — איר מעגט זיין איינגאַנצן רואיק. אייערע פריינד וועלן אייך אויף קיין

פֿאַל נישט לאָזן אויף הפקר. איך וועל אַמזעל קויפֿן, און נאָך היינט אין אָוונט וועל איך מיטן יוסטיצראַטגעבער שוואַבאַך צוגרייטן דעם אָפּמאַך. מאָרגן עלף אַזייגער וועט איר קאָנען באַקומען דאָס געלט, און נאָכמיטאָג פֿאַרלאָזן די שטאָט. איך פֿאָדער אָבער אומבאַדינגט אַרייַנשטעלן איין תנאי, נעמלעך, אַז צו יעדער צייט זאָלט איר האָבן דאָס רעכט אָפּצוקויפֿן צוריק אַמזעל פֿאַרן זעלבן פּרייז.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן ביידע פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט. פֿאַביאַן האָט פֿאַלען באַגלייט דורכן פֿאָדערצימער ביז אויפֿן קאָרידאָר אַרויס. די סעקרעטאַרין אין פֿאָדערצימער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל, ווען זי האָט דערזען, אַז פֿאַביאַן באַגלייט אַרויס אַ מענטשן מיט אַ מגן דוד און פֿאַרשווינדט מיט אים אין קאָרידאָר.

III

וואָלפֿגאַנג האָט נאָר וואָס אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין זײַן שלאָפֿצימער, און פּלוצים האָט ער דערהערט אַ פּויקן אין פֿענצטער, דרײַ מאָל. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און אײַנגעהאָרכט זיך. ווידער האָט געפּויקט אין פֿענצטער, ווי ס'וואָלט עמעצער מיטן נאָגל געקלאַפּט אויף דער שויב. ער איז אַראָפּ פֿון בעט און צוגעגאַנגען נענטער.

— ווער איז? — האָט ער הויך געפֿרעגט.

פֿון דרויסן האָט געשעפּטשעט אַ שטילע שטימע:

— דאָס בין איך, גלייכען, עפֿנט דאָס פֿענצטער, פּראָפֿעסאָר!

— וואָס? — האָט וואָלפֿגאַנג אַ פֿאַרחידושטער אויסגערופֿן און צעלאַכט זיך, — גייט צו דער הויז־טיר, גלייכען.

— די לבנה שײַנט צו העל. עפֿנט דאָס פֿענצטער, אָבער מאַכט נישט ליכטיק. איך האָב דערצו אַ וויכטיקע סיבה, — האָט אָפּגעענטפֿערט גלייכענס שטימע.

וואָלפֿגאַנג האָט געעפֿנט דאָס פֿענצטער און תיכּף האָט זיך אויפֿן פֿענצטער־פֿאַראַפּעט אַרויפֿגערוקט אַ פֿאַרשטויבטער טאָרניסטער, דערנאָך האָט מיט מי אַרײַנגעקלעטערט דורכן פֿענצטער אין צימער אַרײַן אַ סאָלדאַט מיט אַן אַלט מיליטעריש היטל אויפֿן קאָפּ.

— גאָט צו דאַנקען, וואָס איר זענט אין דער היים, פּראָפֿעסאָר! — האָט גלייכען געזאָגט אַ פֿאַרסאָפּעטער. ער האָט זיך אײַנגעהאָרכט צום דרויסן אין גאָרטן און פֿאַררוקט די פֿאָרהאַנגען. אַצינד קאָנען מיר מאַכן ליכטיק.

גלייכען האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן. זײַן פּנים איז געווען דיק באַדעקט מיט שטויב. ער האָט אויסגעזען אַ סך גרויער, כּמעט אַזוי גרוי, ווי זײַנע אויגן, אין וועלכע ס'האָט געפֿינקלט דער אַלטער

פארצויגענער גלי. די שלייפן זענען אָבער געווען איינגעצאָגן ווייס. זיין פּנים איז געווען אָפּגעצערט און פאַרהאַרטעוועט, זיין פאַרשטויבטער אויספאָרם אָפּגעריסן און פאַרפּאַטשקעט.

— צו וואָס אָט די סודותדיקייט, גלייבען? — האָט וואָלפגאַנג געפרעגט, נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך פון דער ערשטער איבעראַשונג. — איר זענט געקומען אויף אורלויב?

גלייבען האָט געלאַכט און אַ טרייסל געטאָן מיטן גרויען קאָפּ.

— אויף אַן אַנטערמיניקן אורלויב, זאָלט איר וויסן, פּראָפעסאָר! — האָט ער רואיק געענטפערט און אַ דערשעפּטער אַראָפּגעלאָזט זיך אין אַ פאָטעל, — איך האָב דעזערטירט!

— דעזערטירט?

גלייבען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט שוין געוואָלט אָנהויבן געגנווער דערקלערן, אָבער וואָלפגאַנג האָט אים איבערגעריסן.

— שפּעטער, גלייבען! — האָט ער געזאָגט. — קודם־כל מוזט איר עפּעס נע־מען אין מויל אַריין און אויסשווענקען דעם האַלדז פון שטויב. אייערע ליפּן זענען דאָך איינגעצאָגן גרוי. גייט אַריין אין אַטעליע. די לאָדן זענען דאָרט פאַרמאַכט, און קיינער קאָן נישט אַריינקוקן. איך וועל אויפוועקן רעטען, זי זאָל צוגרייטן עפּעס צו עסן. דערציילן וועט איר שפּעטער.

וואָלפגאַנג האָט זיך תיכף אָריענטירט אין וואָסער מצב גלייבען געפינט זיך. האָט ער דעזערטירט, איז אוודאי געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. ער האָט אויפ־געוועקט רעטען און געגעבן דער האַלב־פאַרשלאָפענער אָנווייזונגען.

— גלייבען איז אומגעריכט געקומען אויף אורלויב, רעטאַ, — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ צוגעדעמפטער שטימע, — ער וועט לעת־עתה בלייבן ביי אונדז. קיינער דאַרף אָבער נישט וויסן, אַז ער געפינט זיך דאָ. איר הערט, רעטאַ, קיין לעבעדיק נפש!

אַן אויפגעריסענע פון שלאָף, מיטן הולד, וואָס זי האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך, מיט די צעשויבערטע גרויע פאַסמעס האָר, האָט רעטאַ מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ גראָטעסק־בילד פון העסלעכקייט.

— פון מיר וועט קיינער גאָרנישט דערוויסן זיך, — האָט זי אַ וואָרטשע גע־טאָן, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ, — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז הער גלייבען וועט אַנטלויפן. זיין אין מיליטער איז שוין נישט פאַר אים קיין ענין.

גלייבען האָט גיריק געשלונגען זיין מאָלצייט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט לאַנגע טעג גאָרנישט געגעסן. דעם ווייַן האָט ער געטרונקען ווי וואַסער.

וואָלפגאַנג איז געזעסן איינגעהילט אין אַן אַלטן שלאָפראָק, און אַ שווינדלי־קער געדרויבערט זיין „ווירגיני“.

ענדלער האָט גלייכען איינגעשטילט זיין הונגער און דורשט, ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעהינקען צו א פּאָטעל און האָט זיך אין אים אראָפּגעלאָזט.

— איך זע, אז איר הינקט, גלייכען? — האָט וואָלפגאַנג געפרעגט.

גלייכען האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— נישט געפערלעך, — האָט ער געזאָגט, — בעתן אַנטלויפן בין איך אומגעפאַלן. עטלעכע טעג אָפּרו, און די קני וועט ווידער זיין אין אָרדענונג.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק שטאַר פאַר זיך. דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיין דערציילן, וואָס וואָלפגאַנג האָט געהאַט פריער איבערגעריסן.

— איך האָב שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן! — האָט ער אָנגעהויבן. — אוודאי האָב איך געוווסט, אַז די מלחמה איז נישט קיין שפּילעכל פאַר דאַמען און קינדער, אָבער דאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אויפן פראָנט, קאָן מען שוין נישט אָנרופן מלחמה. דאָס איז געווען אַ בלוטבאָד און אַ מאָרדערײַ.

ער האָט באַלאַנגט צו אַ פאָרמאַציע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנער אין דער פּעטערבורגער געגנט. דאָס איז אויסגעפאַלן בעיקר אויף אַ רעגימענט פון דער שוואַרצער פּאַרטיי־אָפּטיילונג.

— פּראָפעסאָר! — האָט ער אויסגעשריגן. — וואָס האָבן זיי געמאַכט פון אונדזער יוגנט אין זייערע אַרבעטס־לאַגערן, אין זייערע מיליטערישע שולן? פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן פון גאָט! זיי האָבן פון זיי אויסדרעסירט ווילדע חיות, זיי האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין ווילדע בעסטיעס.

ניין, ניין, ער איז שוין נישט אימשטאַנד געווען קיין איין טאָג לענגער דערצו זיך צוצוקוקן! ברענענדיקע דערפער, ברענענדיקע שייערן, ברענענדיקע פרויען און קינדער, געהאָנגענע, דערשאָסענע, געשלאָגענע ביז טויט, פאַרפּייניקטע, פאַרהונגערטע; רייען יידן, רייען פּאַרטיזאַנער — צעשאָסענע בײַ די גריבער, וועלכע זיי האָבן אליין געמוזט אויסגראָבן! ניין, ניין, ניין! קיין איין טאָג לענגער האָט ער בײַ דעם נישט געקאָנט בייזיין. ער וויל אויך נישט רעדן מער דערפון, ער וויל דאָס מער נישט!

— פּראָפעסאָר! — האָט ער געשריגן. — איך וויל ליבערשט לעבן ווי אַ חיה אין אַ נאָרע אונטער דער ערד, איידער לענגער זיך צוקוקן צו די דאָזיקע רציחות. זאָלן זיי מיך ליבערשט הענגען, קעפן אָדער צערייסן אויף שטיקער!

אַ דערשעפטער, איז גלייכען שטיל געבליבן.

— נידערטרעכטיקע! — האָט וואָלפגאַנג נאָך אַ ווײַלע אויסגעשריגן.

דערנאָך האָבן ביידע אַ לאַנגע צייט געשוויגן. גליכען איז ווידער געזעסן נישט אַ ריר צו טאָן זיך און שטאַר געקוקט פאַר זיך. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געטראָגן פינצטערע בילדער.

לסוף האָט זיך וואָלפגאַנג אויפגעהויבן, כדי צו נעמען אַ נייעם ציגאַר.

— און וואָס האָט איר בדעה צו טאָן, גליכען? — האָט ער געפרעגט. — וואָס פאַר אַ פּלענער האָט איר?

— וואָס פאַר אַ פּלענער? — גליכען האָט זיך פאַמעלעך אויסגעגליכט. — קודם־כל וועל איך גיין קיין אַמזעלוויז און צוריקן צו מיין הארץ מיין פרוי און מיין יינגל. דערנאָך זען זיך אין שטאָט מיט מיינע אידעישע חברים, און דעמלט...

— און דעמלט?

— דעמלט? — האָט גליכען אָנגעהויבן, באַקומענדיק ביסלעכווייז מער זיכערקייט און מוטערקייט. — דעמלט וועל איך פאָרן קיין בערלין, וווּ ס'געפינט זיך אַ שטאַרקע, ענערגישע קאַמפּס־גרופּע. זיי האָבן מיר צו וויסן געטאָן אויפן פראָנט, אַז זיי דאַרפן מיך האָבן. זיי האָבן שוין אפילו אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע. די מלחמה, ליבער פריינד, — האָט ער שוין אין אַ רואיקן טאָן פאָרגעזעצט, — די מלחמה וועט שוין נישט אַזוי לאַנג דויערן. די רוסן האָבן געוואָרפן קעגן אונדזער פראָנט ריזיקע אַרמייען, אָן אַן ערך בעסער באַוואָפנטע פון אונדזער מיליטער מיט ערשטקלאַסיקע טאַנקען־אָפּטיילונגען, לגבי וועלכע די גרעסטע מחבלים וועלן זיך קיין עצה נישט געבן. אינעם הינטערלאַנד פון פראָנט קעמפן מחנות פּאַרטיזאַנער, גאַנצע אַרמייען. זיי נישטערן אויס באַן־טראַנספּאָרטן, פאַרניכטן לאָקאָמאָטיוון און רייסן אויף די באַן־ליניעס אויף אַ סך קילאָמעטערס.

— קוקט אַדורך דעם נייעם „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט“, גליכען, — האָט אים וואָלפגאַנג איבערגעריסן, — ער האָט פון אייך אַ סך געלערנט.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בלאַט פון אַ שטייס פּאַפּירן און דערלאַנגט גליכענען. גליכען האָט עס גיריק און פריידיק אַ כאַפּ געטאָן.

— מאָרגן וועל איך אים זען! — האָט ער אויסגערופן. — דאָס איז דער זקן מיט דער צוויי דאַקסן. איך פאַרהאַק, אַז ער טוט זיין אַרבעט אויסגעצייכנט.

Mene, mene, tekel upharsin * — איז געווען דאָס קעפּל פון פּראָפּאַגאַנדע־בריוו.

---

* „געציילט, געוווגן און צעטיילט“. לויט דער לעגענדע זענען די אַראַמעישע ווערטער געווען אויפגעשריבן פון אַ פייערדיקער האַנט אויף דער וואַנט אין פּאַלאַץ פון קיסר בלשצר בעת אַ פייערלעכער סעודה, און זיי האָבן פאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון זיין מלוכה.

„ס'האָט זיך אָנגעהויבן א נייער קער אין דער מלחמה. אין רוסלאנד, אפריקע, אויפן ים און אין דער לופט, — אומעטום זעען די דייטשישע ארמייען געצוואונגען געוואָרן אריבערצוגיין אין א פּאָזיציע פון דעפּענסיווע. די ענגלישע און אמעריקאנער דעסאנטן אין אלזשיר — דאָס איז א טשוואָק אין דער טרומנע פון דער דייטשישער ארמיי. טויזנטער דייטשן פארלירן יעדן טאָג זייער לעבן, און אין די טעג פון גרויסע שלאכטן קומען אום צו פינף און צו צוואנציק טויזנט סאָלדאטן. דייטשלאנד גייט אָפּ אין בלוט, ווי א מענטש, וועלכן מ'האָט אויפגעשניטן די אָדערן! צערייסט די קייטן!“.

גלייכען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט צופרידנקייט און געשמייכלט.

— צי וועלן איצט ביים דייטשישן פאָלק נאָך אלץ נישט פארשווינדן די בעלמעס פון די אויגן!

— אייערע פלענער, גלייכען, — האָט וואָלפגאנג פּונסניי אָנגעהויבן, — שיינען מיר צו זיין גאנץ שכלדיקע, אָבער דערווייל וועל איך אייך פון דאנען נישט לאָזן אוועקגיין, זאָלט איר מאַקע ווייסן זיין! איר זעט אויס אויסגעשעפּט פון הונגער, און איר מוזט במשך פון עטלעכע וואָכן אָנזאַמלען א ביסל כוח. פארגעסט נישט, אז אין בערלין וועט איר דארפן האָבן געזונטע נערוון, אויך אייער קני דארף זיך אינגאנצן אויסהיילן. איר קאָנט דאָך נישט אזוי גיין הינקענדיק.

גלייכען האָט דאָס אלץ פארשטאנען און פּאָטאקעוועט מיטן קאָפּ.

— פריער פון אלץ גייט עס אין דעם, אז מיין קני זאָל ווידער געזונט ווערן!

— האָט ער אויסגערופן. — איר זענט, פארשטייט זיך, גערעכט. און דאָס, אז אין בערלין איז נייטיק, איך זאָל זיין ביי די כוחות, איז אויך א זיכערע זאך. איך האַלט אָבער, וואָלפגאנג, פאר נייטיק צו מאכן אייך אויפמערקזאם אויף דער סכנה, אויף וועלכער איר שטעלט אויס זיך אליין. איר קאָנט זיין זיכער, אז די געסטאַפּאָ וועט אין א געוויסן טאָג, פריער אָדער שפּעטער, קומען אהער, און דעמלט וועט מען אונדז ביידן אויפהענגען.

וואָלפגאנג האָט אומרואיק א וויג געטאָן מיט די פיס, ווי ס'איז געווען זיין טבע, בעת ער האָט זיך פאַרגעשטעלט עפּעס אומאָנגענעמס.

— אוודאי וואָלט עס געווען אויסערגעוויינלעך אומאָנגענעם, — האָט ער געענטפערט, — בפרט נאָך ווען פאר קיין זאך האָב איך נישט אזוי מורא, ווי פאר דער תליה. דעם אמת געזאָגט, בין איך א צו גרויסער פּחדן, אז איך זאָל קאָנען אליין אויף וואָסער נישט איז אופן ערגעץ אקטיוו זיך באטייליקן. כ'האָב נישט אזוי מורא פארן טויט, ווי פאר דער תפיסה און גראָבער באַהאַנדלונג. אָבער וואָס קאָן מען טאָן. אין אזעלכע צייטן ווי איצטער מוז מען דאָך סוף-כל-סוף מיט עפּעס ריזיקירן. איר גיט מיר די געלעגנהייט עפּעס צו טאָן פאר אונדזער זאך דורך דעם, וואָס איר וועט זיין ביי מיר עטלעכע וואָכן און פארריכטן דאָס געזונט.

גלייכען איז אין דער דאָזיקער נאַכט געשלאָפן אין אַטעליע ווי א טויטער, און אויפגעכאַפּט זיך צומאָרגנס אַ דערפרישטער און אַן אויפגעמונטערטער. קודם-כל האָט ער באַגראָבן דעם אוניפאָרם, דאָס היטל און מאָרגיסטער אין דער ערד אויף א מעטער די טיף. ער האָט דאָס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז רעטאַ אַליין וואָלט דאָס אָרט נישט געקאָנט געפינען. דערנאָך האָט ער גלייך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זייער אַלעמענס זיכערקייט. א באַהאַוונטער אין טעכנישע ענינים, האָט ער אינסטאַלירט אַן עלעקטריש גלעקל פון דער גאָרטן-פורטקע ביז צום הויז. א צווייט גלעקל האָט ער אינסטאַלירט ביי דער הויז-טיר, און א שפּיגעלע ביים קיך-פענצטער. אומגעריכט איבערפאַלן זיי האָט מען שוין נישט געקאָנט.

ער האָט געוווינט אינעם קליינעם עסצימער, פון וועלכן מ'האָט געקאָנט אויך גיך אַנטרונען ווערן דורכן פענצטער אין גאָרטן ארויס. אין גאָרטן ווידער האָט ער סודותפול געאַרבעט א גאַנצע וואָך. לעבן הויז, צווישן די בעז-קוסטעס, האָט ער אויסגעגראָבן א גרויסע גרוב, געניג ברייט און טיף, מ'זאָל זיך קאָנען דאָרט אוועקזעצן. ביינאַכט האָט ער הינקעדיקערהייט געשלעפּט זיך מיט א זאַק אויף די פּלייצעס און צעשאָטן די אויסגעגראָבענע ערד איבערן פעלד. ער האָט געהאַלטן, אַז ער מוז האָבן א באַהעלטעניש, ווו ער זאָל זיך קאָנען אהינטאָן עטלעכע שעה, ווען ס'וועט נייטיק זיין. דעם שמאָלן אריינגאַנג אין זיין אונטערערדישער נאָרע האָט פאַרשטעלט אַן אַלט ספּעקטן-פענצטער מיט האַלב-צעבראָכענע בלומען-טעפּלעך.

גלייכעס פאָרזאָרגונגען, אַז די געסטאַפּאָ וועט אין א געוויסן טאָג באַווייזן זיך אין וואָלפגאַנגס הויז, זענען מקוים געוואָרן, נאָר דאָס איז נישט געווען פאַר זיי אומגעריכט.

די שפּיצלעס האָבן דורכגעפירט א רעוויזיע אין גאַנצן הויז, אין קעלער און אויפן בוידעם, אָבער גאָרנישט געפונען. זיי האָבן דורכגענישטערט אַלע שענק און בעטן, דורכגעקוקט דעם פאַרוואָרלאָזטן קליינעם גאָרטן, דורכגעזוכט דעם אַטעליע-קאַמער און דעם צימער פון טיגל-אויוון, איבערגעוואָרפן דעם גאַנצן קאָקס. גלייכען האָט געהערט זייערע טריט לעבן זיין אונטערערדישער באַהעלטעניש. דערנאָך זענען זיי אוועק.

פיר שעה צייט איז גלייכען געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער אין זיין נאָרע, און געוואַגט ארויסצוגיין ערשט דאַן, ווען מען האָט שוין קיינעם נישט באַמערקט ברייט און ווייט ארום.

— מיר האָבן נאָכאַמאָל גליקלעך אויסגעמיטן די תליה, פּראָפעסאָר, — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט, נאָך אַלץ א בלאַסער פון אויפרעגונג.

רעטאַ האָט זיך אָבער געמוזט גלייך אריינלייגן אין בעט אריין, אַזוי שטאַרק האָט זי זיך איבערגעשראָקן.

פֿולע אַכט וואָכן האָט גלייכע געלעבט ביי וואָלפֿגאַנגען, און קיינער האָט זיך אַפֿילו ניט געקאָנט דערטראַכטן. אַפֿילו קריכטע, וועלכע איז געווען אין יאַקאָבסביל צוויי מאָל אַ וואָך נאָכמיטאָג, האָט דערפֿון ניט געוווּסט. ער איז געקומען צו די כּוחות און זיין צעקאַליעטשעטע קני האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרהיילט. איצט אָבער האָט אים שוין קיין שום מאַכט אין דער וועלט ניט געקאָנט מער פֿאַרהאַלטן.

עטלעכע אָוונטן האָט ער פֿאַרבראַכט אין שטאָט ביי זיינע אידעישע חבֿרים, און ענדלעך האָט ער געקאָנט, אָנווענדנדיק די גרעסטע פֿאָרזיכטיקייט, ריזיקירן צו באַזוכן זיין פֿאַמיליע אין אַמזעלוויז.

היות ער האָט ניט געקאָנט פֿאָרן מיט קיין טראַמוויי אָדער אָמניבוס, איז אים אויסגעקומען צו פֿאַרלירן דריי שעה צייט אויפֿן וועג, און ביי זיין פֿרוי און יינגל האָט ער געקאָנט זיין בלויז אַ קנאַפּע שעה.

צו זיין גרויסער פֿרייד האָט ער זיין פֿרוי געטראָפֿן אין אַ פֿאַרבעסערטן געזונט־צושטאַנד. ווי אַלעמאָל, איז זי געווען רואיק און באַהערשט. זי האָט זיך נאָר צעוויינט, ווען ער האָט שוין געמוזט אַוועקגיין.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ לאַנד, — האָט זי אויסגערופֿן, — וווּ מ'מוז זיך אויסבאַהאַלטן, ווי אַ פֿאַרברעכער, נאָר דערפֿאַר, וואָס מ'וויל ניט טאָן קיין שלעכטס!

— דו ווייסט, אַז מיר קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט און אַ בעסערער צוקונפֿט! — האָט ער זי דערמוטיקט.

זיין יינגל האָט ער דערלויבט ביינאַכט באַגלייטן אים ביז יאַקאָבסביל.

אויפֿצומאָרגנס האָט אים אַ פֿויער געבראַכט צו פֿירן אין אַ וואָגן היי אין דער נאָענטסטער גרעסערער שטאָט, וווּ ער איז פֿאַרשווּנדן. פֿון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן וועג קיין בערלין.

IV

פֿון גאָולייטער רומף האָט זיך גאָרניט געלאָזט הערן. דער קלאַנג, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַן אומגנאָד, האָט זיך אין אַ געווּיסער מאָס באַשטעטיקט. מ'האָט אָפּגים אין אים פֿאַרגעסן. עס זענען ניט געקומען מער קיין טעלעפֿאָנען פֿון מינכען, קיין קורירן און קיין ספּעציעלע אַעראָפּלאַנען. רומף איז געווען אַן אַרויסגעשטויסענער.

נאָכדעם ווי די „שיינע יידישקע“ האָט אויפֿגעהערט צו קומען אין „פּאַלאַץ“, האָט אים אָפֿט באַזוכט אַן אַקטריסע פֿונעם שטאָט־טעאַטער. זי פֿלעגט

קומען מיט איר אייגענעם אויטאָ. דאָס האָט זיך גיך געענדיקט. דערנאָך איז די וויציקע מאַיאָרין זילבערשמיד געווען ביי אים צוגאַסט עטלעכע וואָכן, און דער קליינער ווילי געבן „פּאַלאַץ". ס'האָבן זיך אין פּאַלאַץ ווידער אָנגעהויבן אַ סך אויפנאַמעס און סעודות, ווי שטענדיק, ווען דער גאָולייטער האָט זיך געלאַנגווייליקט. האַלבע נעכט האָט ער מיט פּאַביאַנען געשפּילט אין ביליאַרד און דערביי אויסגעטרונקען אַ צוויי־דריי פלאַש פון זיין באַליבטן רויטוויין.

אין האַרבסט איז ער באַזונדערס אומרואיק געוואָרן. ער האָט דערציילט דעם רייטמייסטער מעין, אַז ער וועט זיך בקרוב איבערטראָגן קיין טערקיי. אָנהייב ווינטער איז ער אָבער אומגעריכט אוועקגעפאָרן קיין קיעוו. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער דאָרטן זיך פאַרנומען מיט יאַגד און איינגעאָרדנט אָן אַ שיעור הוליאַנקעס און איז צוריקגעקומען ערשט אָנהייב פרילינג. ער האָט אויסגעזען גוט אויסגעפּאַשעט און געזונט און אַרויסגעשטעלט זיך פאַר אַלעמען מיט אַ טריומפירנדיקער מינע. דער רייטמייסטער מעין, ווען ער האָט, באַגריסנדיק זיך, דערזען אים אַזאַ, האָט ער געמיינט, אַז דער גאָולייטער איז געקומען מיט אויסגעצייכנטע ידיעות פון רוסישן פראָנט. אין די לעצטע חדשים זענען די ידיעות פון מזרח־פראָנט געווען קנאַפּ דערפרייענדיקע.

אָבער רייטמייסטער מעין האָט אַ טעות געהאַט. נישט דערפאַר האָט רומף געהאַט אַזאַ טריומפירנדיקע מינע, ווייל די לאַגע פון די דייטשישע אַרמייען האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט, נאָר דערפאַר, וואָס עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַז ער איז געווען גערעכט, האַלטנדיק, אַז די מלחמה מיט רוסלאַנד איז פון ערשטן טאָג אָן געווען אַ פאַרמשפּטע.

— איך בין געווען גערעכט, מעין! — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז נאָר אַרויס פון אויטאָ. — די סיטואַציע אין רוסלאַנד איז אַ פּאַסקודנע. פרעגט גאָרנישט, וואָס סעוואַסטאָפּאָל און קרים האָבן אונדז אָפּגעקאָסט. איך וואָג גאָרנישט אָנצוגעבן אייך די ציפערן! איצטער פרוון אונדזערע אַרמייען, דערשעפּטע און אַנטמוטיקטע, אויפסניי דורכשלאָגן זיך צום דאָן. אָבער וואָס, איך האָב אים בסדר געוואָרנט, איר ווייסט עס דאָך. אָבער דער „ליבלינג פון דער השגחה" לאָזט זיך גאָרנישט זאָגן, ער ווייסט שטענדיק אַלץ בעסער!

דער רייטמייסטער מעין האָט זיך פאַרנייגט, ווי ער וואָלט מסכים געווען מיט רומפן, אָבער זיין שמייכל איז נישט געווען קיין איבערצייגנדיקער.

— דאָס איז אמת, איר האָט שטענדיק געראָטן נישט אָנצוהייבן די רוסישע קאַמפּאַניע, — האָט ער געזאָגט.

במשך פון דריי טעג האָט רומף נישט שלעכט פאַרברענגט אין שטאָט. ער האָט דערציילט פון זיינע יאַגדן, באַזוכט באַקאַנטע, איינגעאָרדנט אָפיציעלע אויפנאַמעס אין „שטערן". אָבער אינגיכן האָט אים שוין ווידער אָנגעהויבן פייניקן

די לאַנגווײַליקייט, ווי פריער. אומגעריכט איז געשען עפּעס א וווּנדער! איינמיטן נאַכט האָט מען אים טעלעפאָניש ארויסגערופן אין דער הויפּט־קוואַרטיר אָפּצוגעבן א באריכט. צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין זיין אעראָפּלאַן.

אין פיר טעג ארום איז ער צוריקגעקומען מיט א צעשטראַלט פּנים פון נייעם זוניקן גנאָד. ער האָט זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט און האָט זיך אפילו אויף דריי טעג פארשלאָסן אין זיין קאבינעט אין „פּאַלאַץ“.

— דריי טעג נעם איך קיינעם נישט אויף. קיינעם נישט! — האָט ער פּאַראָרדנט. — דער רייטמייסטער מעין וועט מיך פארטרעטן.

עטלעכע טעג האָט ער געארבעט אָן איבעררייס. ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט ארויסווייזן אן אויסערגעוויינלעכע אויסהאלטעוודיקייט. דערביי האָט ער יעדן טאָג אויסגעטרונקען דריי פלעשער פון זיין באליבטן רויטוויין און אויסגערויכערט עטלעכע צענדליק אימפּאָרטירטע שטאַרקע ציגאַרן. טאָג און נאַכט האָט פּאָגעלסבערגער געקלאַפּט אויף דער שרייבמאשין, מחמת דער ענין איז געווען אזוי געהיימער, אז אפילו די געשוווירענע סעקרעטאַרין האָט נישט געטאָרט האָבן צו די פּאַפּירן קיין צוטריט. יעדע נאַכט האָט ער געפירט לאַנגע געשפּרעכן מיט דער הויפּט־קוואַרטיר. ענדלעך איז ער פארטיק געוואָרן און ארויסגערופן צו זיך דעם רייטמייסטער מעין.

— הערט, מעין, — האָט ער געזאָגט, — די פּאַפּירן זענען אזוי וויכטיק, אז קיינער טאָר זיי אפילו נישט זען. איך גיב אייך דעם אויפטראַג איבערצוגעבן זיי פערזענלעך דעם שטאטהאלטער אין ווין. מאַכט אייך שנעל גרייט צום אָפּפאָרן.

רומף האָט באמת אויסגעזען דערשעפּט. ער האָט זעקס און דרייסיק שעה נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג.

דער רייטמייסטער מעין האָט א קלונג געטאָן מיט די שפּאָרן.

— צום באפעל!

— וואַרט צו, מעין! — האָט אים רומף צוריקגערופן. — ס'איז מיר איינגעפאַלן נאָך עפּעס. אז איר וועט קומען קיין ווין, וועט אייך נישט שווער זיין צו געפינען די „מיס עסטרייך“. איר דערמאָנט זיך זי? וואָס אן אמת, האָבן מיר פאר איר אָפּפאָרן א ביסל גראָבלעך מיט איר זיך באגאנגען, אָבער זי וועט מן־הסתם נישט האָבן אזוי לאַנג קיין פאראיבל אויף אונדז, זי איז נישט אזא עמפּינדלעכע. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען איר זאָלט די שיינע שאַרלאָטע מיטנעמען גלייך מיט זיך! זאָגט איר, אז איך פארבעט זי אויף דריי חדשים. זי האָט אויך שאנסן צו ווערן די הויז־דאַמע אין מיין שלאָס ביים מארמאָרנעם ים. די טערקן האָבן ליב שיינע פרויען. דערציילט איר דאָס.

דער רייטמייסטער מעין האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס דער גאַוליייטער איז אין אן אויסגעצייכנטער שטימונג. דאָס איז געווען פאר אים נאָך מער מערק־

ווירדיק, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער גאָליטשער האָט זעקס און דרייסיק שעה נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג.

— שאַרלאָטע איז דאָך סוף־כל־סוף אַ גאַנץ לוסטיקע, הגם זי האָט דעמלט אַ ביסל געווירקט אויף מיינע נערוון, — האָט רומף לאַכנדיק פאָרגעזעצט, — אין תוך גענומען איז זי נישט גאַרישער פון אַנדערע פרויען. איר דערמאָנט זיך, ווי מיר האָבן דעמלט געלאַכט פון דעם „בליענדיקן לעבן“? כאַ־כאַ־כאַ!

מען האָט זיך אויך צעלאַכט.

— געוויס, זי איז נישט גאָר שיין, נאָר אויך אַמוזירנד, — האָט ער געזאָגט.

דעם זעלבן אָוונט איז רייטמייסטער מעין אָפּגעפלויגן קיין ווין. ער האָט געהאַט אַ קוריער־קאַבינע פאַר זיך אַליין און האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט כאָטש איינמאָל זיך גוט אויסצושלאָפן.

אין ווין האָט יעדער, פאַרשטייט זיך, געקענט די שיינע שאַרלאָטע. איצט איז זי געווען באַרימט אַלס די אייגנטימערין פונעם קאַבאַרעט „מיס עסטרייך“. רייטמייסטער מעין האָט אָן שום שוועריקייטן זיך דערוווּסט ביים פּאָרטיער פון האָטעל פיל אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן איר. ווען זי איז מיטן אַעראָפּלאַן צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, איז זי אָנגעקומען פאַר אַ רייכע. זי האָט געהאַט געלט אָן אַ צאָל און אַ סך ווע מפּילע ביזשוטעריע. אירע אַספּיראַציעס זענען, פאַרשטייט זיך, געוואַלדיק געשטיגן, זי איז געוואָרן זייער גאַווהדיק ביי זיך און נעשטרעבט צו ווערן אַ סאָלאָ־טענצערין אין דער אָפּערע. זי האָט אָבער דערצו נישט פאַרמאָגט געננג טאַלאַנט. מיט געטראָפן דערפון, האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון דער אָפּערע און אַריינגעטאַלן אין די הענט פון עטלעכע פּיפיקע אימפּרעסאַריאָס און שוישפּילער מיט אַ צווייפלהאַפטער רעפּוטאַציע, וועלכע האָבן איר איינגערעדט, אַז זי אַליין איז אַ גענוג שטאַרקער כוח אויסצופילן אַ פאָרשטעלונג, און אַז זי קאָן, גאָט ווייסט וואָס, אפילו מוותר זיין אויף אַלע רעזשיסאָרן און דירעקטאָרן. פאַר איר געלט און אויף איר קרעדיט האָבן זיי געגרינדעט דעם קאַבאַרעט „מיס עסטרייך“, וווּ די הויפּט־אַטראַקציע האָט געזאָלט זיין זי אַליין. מיט איין קלאַפּ האָט די שיינע שאַרלאָטע אַוואַנסירט אַלס ערשטע אַקטריסע, ערשטע טענצערין און ערשטע זינגערין. אַ ביסל צופיל מיטאַמאָל. אין ערשטן חודש האָט דער קאַבאַרעט גלענצנד פּראָספּערירט, שפּעטער זענען אָבער די באַזוכער געוואָרן זעלטענער. ס'האָט זיי אָנגעהויבן לאַנגווייליקן שטענדיק צו זען טאַנצן די זעלבע שיינע ליאַלקע, וועלכע איז געווען אָנגעטאָן אַמאָל געל, אַמאָל גרין, אַמאָל רויט. אַלס אַקטריסע און זינגערין האָט זי נישט געקאָנט געפעלן, ס'האָט דאָ נישט געהאָלפן איר גאַנצע שיינקייט. פון דעמלט אָן האָט דער קאַבאַרעט „מיס עסטרייך“ נישט געקאָנט אַרויסקריכן פון די חובות, און דעמלט, ווען רייטמייסטער מעין האָט זיך אַראָפּגעוויזן, האָט דער קאַבאַרעט שוין גע־

האַלטן אין גוססן. מיט איין וואָרט, ס'האָט שוין געהאַלטן, ווי דער פּאָרטיער האָט זיך אויסגעדריקט, ביי מאַכן „פּליטה“.

דער רייטמייסטער מעין האָט אין אָוונט געגעסן מיט דער שיינער שאַרלאָטע אין זיין האָטעל, און איז אויפסניי געווען באַגייסטערט פון איר שיינקייט. זי איז געווען אויסער זיך פון שמחה, וואָס זי האָט זיך ווידער מיט אים געטראָפן.

— וואָס מאַכט אייער אַנטציקנדיקע כלה? — האָט זי געפרעגט. — איך דערמאָן זיך, ווי זי האָט יענעם אָוונט אויסגעזען חגיעוודיק, זייענדיק בגילופין? זי הייסט, דאַכט מיר, קלאַרא?

— יאָ, זי האָט געהייסן קלאַרא, — האָט מעין לאַכנדיק געענטפערט, — די קליינע האָט מיר באַלד דערנאָך אָנגעפייפט און אוועק מיט אַ פילם-אַרטיסט.

— אָ! — שאַרלאָטע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער. — ווי קאָן מען עס פאַרראַטן אַזאַ מאַנצפאַרשוין ווי איר? איך האַלט, אַז דאָס איז פּשוט אַ געשמאַקלאָזיקייט! — האָט זי לאַכנדיק אויסגערופן.

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פּאַביאַנען, וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַר אַ ביסל אַ לאַנגווייליקן און איינגעבילדעטן מענטשן, זי האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַלע באַקאַנטע. פאַרשטייט זיך, אַז קודם-כל האָט זי געוואָלט וויסן, וואָס עס מאַכט דער גאָליימער.

— ער איז דער סאַמע גרויסמוטיקער און געניאַלער מאַנצפאַרשוין, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געקענט, — האָט זי מיט התפעלות אויסגערופן.

זי האָט, ווייזט אויס, שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז רומף האָט זי אין אַ געווייסן טאָג אויף זייער אַ גראָבן און באַליידיקנדיקן אופן אַרויסגעפראַוועט קיין ווין.

— כ'וועל דאָס אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — האָט זי געזאָגט, — שטענדיק דערמאָן איך זיך דאָס, ווי ליבנסווירדיק ער איז צו מיר געווען, צושטעלנדיק פאַר מיינעטוועגן אַן אַעראָפּלאַן אָפּצופירן קיין ווין. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זי אויף רומפן שוין גאָר נישט ברוגז געווען.

זי האָט דערציילט דערנאָך פון אירע נצחונות און דערפאָלגן, וועלכע זענען געווען ממש לעגענדאַרע. ס'האָבן זיך געדרייט אַרום איר באַראָנען און גראַפן, איין פירשט אפילו, מאַיאָרן, פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלער. זי האָט אויסגערעכנט אַלע ביי די נעמען, אַז מעינען האָט אַזש אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ. דאָס זענען געווען געטלעכע ציטן! די בינע פון איר טעאַטער איז פול אָנגעשטעלט געווען מיט בלומען. זי האָט געמוזט אַ סך מאָל נעמען אַ ספּעציעלע דראָזשקע, כדי דאָס אַלץ אַהיימצופירן. יאָ, זי האָט געלעבט ווי אין אַ גן-עדן!

האַלב צען אַזייגער האָט שאַרלאָטע געדאַרפט אויפטרעטן אין איר קאַבאַרעט, און ס'איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זי האָט פאַר דעם רייטמייסטער מעין איבערגעגעבן איר לאָזשע.

דאָס טעאטער איז געווען קליין און קוים ארייגגענומען ביי א צוויי הונדערט מענטשן. אויףביידע זייטן לעבן דער בינע זענען געווען איינגעבויט קליינע נישעס, וועלכע שארלאָטע האָט גערופן לאָזשעס.

רייטמייסטער מעין האָט געהערט א וויבער קאָמיקער, און ער האָט קוים פארשטאנען זיינע וויצן, נאָך אים איז ארויסגעטראָטן א זינגערין. זי איז געווען צום פארלייזן. דערנאָך איז אויפגעטראָטן די „מיס עסמרייד" אין איר נייסטן גלאנץ-נומער: „דער זווגם כלה".

אָנגעטאָן אין דינע טריקאָטן, כמעט א נאקעטע, האָט די שיינע שארלאָטע ארויסגעפלאטערט מיט לאנגע דינע שלייערן. אָט האָבן זיי זי ארומגענומען, ווי דופטיקע וואָלקנס, און אָט ווידער איננאנצן איינגעהילט. די פלאטערנדיקע שלייערן זענען געווען באשטראַלט פון בלענדנדיקע רעפלעקטאָרן, דאָ ווייס, דאָ ראָז, דאָ רויט, דאָ אין פארבן פון גליענדיקע פלאמען, ווי עס פאסט פאר דער כלה פון דער זון. צום סוף פון נומער איז שאַרלאָטע געבליבן שטיין אליין אינעם בלענדנדיקן ליכט און גראציעז זשאָנגלירט מיט גאָלדיקע באלאָנדלעך, וועלכע זי האָט לאבנדיק געוואָרפן אין פובליקום. דער רייטמייסטער מעין אליין האָט באקומען צוגעוואָרפן דריי גאָלדענע באלאָנדלעך, און אירע קניקסן זענען, זעט אויס, אויסשליסלעך געווענדט געווען צו אים.

אז שארלאָטע האָט זיך איבערגעטאָן, האָט זי מעיגען אוועקגעפירט אין א קאָמפאָרטנעם באר, ווו דער גאנצער עולם האָט זי געקענט, און די עלעגאנטע קעלנער האָבן זיך פאר איר טיף פארבויגן, ווי פאר א קעניגין.

ערשט איצט, ווען ער האָט די שיינע שארלאָטע אויפסניי אָבסערווירט, האָט רייטמייסטער מעין געהאלטן פאר א שעת הכושר איבערצוגעבן איר די איינלאַדונג פונעם גאולייטער.

שארלאָטע האָט אַזש א געשריי געטאָן פון אַנטציקונג. זי איז געווען גרייט, פארשטייט זיך, אז זי איז געווען גרייט, צו יעדער צייט, מיט א קוש אין האנט, אפילו מאָרגן, ווען ער וועט וועלן.

— אָ, דער באצויבערנדיקער גאולייטער! — האָט זי א באגייסטערטע אויסגערופן. — איך בין נאָך אלץ אין אים משוגע פארליבט!

— דער גאולייטער וועט זיין גליקלעך, ווען איר וועט פאר אים טאנצן „דער זווגם כלה", — האָט געזאָגט דער רייטמייסטער מעין.

— „דער זווגם כלה"? אָבער מיטן גרעסטן פארגעניגן! — זי האָט געדריקט מעינס האַנט און זי נישט געוואָלט מער אָפּלאָזן. — אויף דריי חדשים, זאָגט איר? ס'וועט זיין א הערלעכע צייט! — האָט זי אויסגערופן און אָנגעקוקט אים מיט אירע שיינע אויגן, — און ווען ווען וועלן מיר אָפּפאָרן, מיין פריינד?

— מאָרגן האָב איך נאָך אין ווין עפּעס צו דערליידיקן, אָבער איבערמאָרגן, אויב ס'איז פאַר אייך באַקוועם? — האָט מעין געענטפערט.

— אויסגעצייכנט, איבערמאָרגן! — האָט שאַרלאָטע געזאָגט. — כ'בין גליקלעך, וואָס כ'וועל פון זיי אַלע פּטור ווערן, איר ווייסט... דאָס זענען סאַמע שווינדלער. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און ביי מיר געגנבעט מיין געלט פון טאַש אַרויס. די דאָזיקע האָכשטאַפּלער האָבן געפּראַוועט אַ שיין לעבן, ווי די פירשטן. זאָלן זיי איצט אַליין זיך אַן עצה געבן, ווי אַרויסצוקריכן פון די חובות.

די שיינע שאַרלאָטע האָט אַ צופרידענע געלאַכט. זי האָט זיך אַ בייג געטאָן צו אַ קאַוואַלער, וועלכער האָט איר צוגעשיקט מיט אַ קעלנער אַ בוקעט רויזן.

— מיר האָבן דאָך אָבער נישט אין „פּאַלאַץ" קיין בינע? — האָט זי פּליצים אַ פרעג געטאָן אַ דערשראָקענע.

— דאָס איז אַ קלייניקייט. מיר וועלן הייסן מאַכן אַ קליינע בינע.

— און ס'וועט דאָך נישט זיין די באַלויכטונג, וואָס איז נייטיק פאַר „דער זונס כלה"? — האָט שאַרלאָטע נישט אויפגעהערט פרעגן.

— אפשר זאָלן מיר מיטנעמען די רעפלעקטאָרן פונעם קאַבאַרעט? — האָט מעין פאָרגעלייגט.

— יאָ, דאָס קאָנען מיר! — האָט שאַרלאָטע אַ טריומפירנדיקע אויסגערופן.

— מיר וועלן מיטנעמען אַלע קאַבלען און די לאָמפּן. זאָלן זיי זען די שווינדלער, ווי זיי וועלן קאָנען אויסקומען אָן דער „מיס עסטרייך"!

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט זענען שאַרלאָטע און דער רייטמייסטער מעין אָפּגעפאָרן. אויף איין טאָג זענען זיי געבליבן אין מינכען, וווּ מעין האָט געהאַט צו דערליידיקן אייניקע ענינים, און אויפן צווייטן טאָג פאַרמיטאָג זענען זיי געקומען קיין איינשטעטען.

— די שיינע שאַרלאָטע איז אין איינשטעטען! — האָט דער רייטמייסטער מעין געמאָלדן דעם גאָליאַטער.

— הערלעך! איר האָט דאָס ווידער גלענצנד געמאַכט, מעין!

דער רייטמייסטער מעין האָט געהייסן צונויפקלאַפּן אַ קליינע בינע, איינמאָנטירן די באַלויכטונג, און צען אַזייגער אינאָוונט האָט שאַרלאָטע געטאַנצט „דער זונס כלה".

ווען דער רייטמייסטער מעין האָט אַריינגעפירט דעם גאָליאַטער אין זאַל, איז שאַרלאָטע געווען אַרומגענומען מיט אַ בלענדנדיק ליכט. זי האָט געשטראַלט אין אַלע פאַרבן און לסוף שטיין געבליבן אין איר גאַנצער פאַרשיכורנדיקער שיינקייט, זשאָנגלירנדיק מיט די גאָלדיקע באַלאָנדלעך.

דער גאָליימער איז געוועזן באַגייסטערט, און די געסט האָבן אַפּלאָדירט.

— איר זענט, הייסט עס, ווידער דאָ, שענסטע שאַרלאָטע! — האָט דער גאָליימער אויסגערופן. ער האָט איר געהאָלפן אַראָפּגיין פון דער בינע און צוגעצויגן צו זיין ברוסט. — מיר וועלן זיך במשך פון די דריי חדשים נישט לאַנגווייליקן, און איך פאַרהאָף, אַז איר זענט נאָך אַלץ דאָס זעלבע „בליענדיקע לעבן“!

— איר האָט דען אין דעם געצווייפלט? — האָט שאַרלאָטע לאַכנדיק געפרעגט, און אירע הערלעכע אויגן האָבן געשטראַלט.

V

צענדליקער גרויסע שטעט זענען שוין אין דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רואינען, אָבער די שטאָט האָט ביז איצט אָפּגעשניטן פון די לופט־אַטאַקעס מיט חסד. ס'זענען פון די באָמבעס צעשטערט געוואָרן אַ ריי הייזער, ס'זענען חרוב געוואָרן עטלעכע עפנטלעכע בנינים, שפּיטעלער, קירכעס, פאַבריקן, ס'זענען אַוועק אין פלאַמען עטלעכע געסלעך און גאַסן, אָבער טראָץ אַלע שאָדנס איז די שטאָט אין איר עיקר געבליבן אומבאַרירט.

דער פּולקאָווניק פאָן טינען, וועלכער האָט געפירט אַ גענויע עווידענץ פון יעדער אַראָפּגעפאַלענער באָמבע, האָט געהאַלטן, אַז די שאָדנס זענען אומבאַדייטנדיקע. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך באַוויזן ביי פאָביאַנען און געבעטן, מ'זאָל אים גענוי אָנגעבן, וויפל צייט ס'וועט לויט דער מיינונג פון פאָבלייט גויטיק זיין, כדי די אַלע שאָדנס צו פאַרריכטן. די פראַגע האָט אים אַמייסטן אינטערעסירט.

די פאָבלייט האָבן געשאַפן אַ קאָמיסיע, וועלכע איז דעם גאַנצן זומער אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט, געמאָסטן, געחשבונט, געאַמפּערט זיך צווישן זיך, און סוף־כל־סוף געקומען צום אויספיר, אַז אַלע שאָדנס אין שטאָט וועט מען קאָנען פאַרריכטן במשך פון צוויי יאָר. מיט די קירכעס וועט עס דויערן אַ ביסל לענגער. אַ גרופּע בוימייסטער, נאַציס, האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרריכטן די שאָדנס אין דער שטאָט במשך פון איין יאָר, ביז דער לעצטער האד־ריגע אפילו.

פּולקאָווניק טינען איז אַ צופרידענער אַרומגעפאָרן מיט זיין עלעגאַנטן אויטאָ דורך די גאַסן און טריומפירט, ווי ער וואָלט די באָמבעס פאַרהאַלטן מיט דער אייגענער האַנט.

— אין צוועלף חדשים אַרום וועט די שטאָט ווידער אַזוי אויסזען, ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען, — האָט ער געשריבן אין זיין גענעראַל־באַריכט, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין בערלין.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער וואָלט שוין זיין באַריכט אויסגעפֿאַלן ווייניקער אָפּטימיסטיש, אָבער דאָס האָט ער דאָך נישט געקאָנט וויסן.

במשך פֿון זומער האָבן דעם שונאס אעראָפּלאַנען זעלטן באַוויזן זיך איבער דער שטאָט, אָבער אין האַרבסט זענען שוין געוואָרן אָפֿטער די אָנפֿאַלן פֿון קלענערע עסקאַדרעס. לכתחילה האָט דער עולם געזאָגט, אַז זיי קלייבן אויס די לבנה־ליכטיקע נעכט, ווען זיי קאָנען בעסער זען, שפּעטער האָט מען געזאָגט, אַז זיי האָבן ליב פֿינצטערע נעכט, מען זאָל זיי נישט דערזען, לסוף איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז די פֿליער קומען, ווען עס פֿאַלט זיי איין, אי אין לבנה־ליכטיקע נעכט, אי אין פֿינצטערע.

אין דער ערשטער וואָך פֿון חודש אָקטאָבער האָבן זיי זיך באַוויזן צוויי נעכט נאָכאַנאַנד, נישט מאַכנדיק אין ערגעץ קיין שאָדן. און דער דריטער נאַכט זענען זיי אָבער אָנגעפֿלויגן מיט אַזעלכע שטאַרקע עסקאַדרעס, אַז פֿון זייער דונערדיקן רעש איז ביי פֿרוי בעאַטע אַנטפֿאַלן דאָס האַרץ. אין דער נאַכט איז דער הימל געווען פֿאַרכמאַרעט פֿון רעגן־וואָלקנס, וואָס האָבן געהאָנגען נידעריק איבער דער ערד. די פֿרוי בעאַטע און קריסטע זענען ביידע געזעסן און געלייענט, ביז דער געוואַלד פֿון די סירענעס האָט זיי אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. דאָס איז געווען נאָך עלף אַזייגער.

— שוין ווידער! דאָס איז שוין די דריטע נאַכט, מאַמאַ! — האָט קריסטע געזאָגט און אויפֿגעלייגט איר בוך. — כ'האָב היינט נישט קיין שום חשק אַראָפּ־צוגיין אין קעלער. מסתמא וועלן זיי אונדז היינט ווידער מאַכן צו נאַר, ווי נעכטן.

ביידע דאַמען זענען איצט אַלץ אָפֿטער געבליבן אין דער היים. די פֿאַראָר־דענונגען זענען שוין נישט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. לכתחילה האָט דער פּאָלקאָווניק פֿאָן טיגען שטרענג געפֿאָדערט, אַז אַלע איינוווינער זאָלן בעת אַן אַליאַרם אַוועק אין די לופֿטשוץ־קעלערן, ווען ס'האָט שוין אָבער דריי מאָל גע־טראָפֿן, אַז אין די לופֿטשוץ־קעלערן האָבן געפּלאַצט די רערן און פֿאַרטרונקען די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן, און אַז אַ סך וווינונגען זענען פֿאַרברענט געוואָרן, ווען זייערע באַלעבאַטים זענען געזעסן אין די קעלערן, האָט דער פּאָלקאָווניק טיגען דערלויבט יעדן צו האַנדלען לויט זיין אייגענעם איינזען: ווו איינער וויל, זאָל ער ריזיקירן — אין דער היים אָדער אין די לופֿטשוץ־קעלערן.

די זעניט־אַרטילעריע האָט געעפֿנט אַ שטאַרק פֿייער. פֿרוי בעאַטע און קריסטע האָבן קוים באַוויזן אָנצוטאָן זייערע מאַנטלען, און די עסקאַדרעס באָמ־באַרדירער האָבן שוין געדונערט איבער זיי. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן אַרומגעכאַפּט די שטאָט פֿון איין ראַנד פֿון האָריזאָנט ביז צווייטן. נערע, דער בערנאַרדינער, האָט זיך באַוויזן אויף דער טעראַסע און געקאַווקעט.

די רעפלעקטאָרן האָבן נישט ווי געוויינלעך אייליק ארומגענישטערט מיט זייער געשפּענסטיק בלייכן ליכט אהין און אהער. זייער ליכט האָט, ווי צעפּאטלטע פענדזלען, אָנגעשטויסן זיך אין די נידעריק הענגענדיקע רעגן־וואָלקנס און האָט געפּרוווט דורכרייסן זיך דורך די צעפּלאָשעטע שטיקער וואָלקן. די שטאָט איז געלעגן א טונקעלע און שטומע. מ'האָט קוים געקאָנט דערקענען אירע קאָנטורן.

פלוצים האָבן איבער דער טויטער שטאָט א שוועב געטאָן פיר העלע לאָמפּן. צען מינוט זענען זיי כמעט אומבאַוועגלעך געבליבן הענגען אין דער לופטן, און דערנאָך אָנגעהויבן אראָפּזינקען קוים צו באַמערקן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. און שוין האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס. זיי האָבן גערוישט, געזידט און זייערע אויפרייסן האָבן געדונערט, אַז די טעראַסע האָט זיך געטרייסלט, און די שויבן האָבן געקלונגען.

—אָבער היינט אַטאַקירן זיי! — האָט פרוי בעאַטע אויסגערופן.

איר מאַסיווער שאָטן האָט זיך אָנגעזען אויפן ראַנד פון דער טעראַסע. לעבן איר האָבן זיך באַוועגט אומרואיקע, העלע פלעקן. דאָס איז געווען נעראָ, וועלכן פרוי בעאַטע האָט פעסט געהאַלטן ביים האַלדזבאַנד. דער הונט האָט געבילט און געקאַווטשעט פון שרעק.

— ס'ווייזט אויס צו זיין אַ שווערער אָנגריף, מאַמאַ! — האָט קריסטע געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום. זי האָט נישט געוואַגט אַרויסצוגיין אויף דער טעראַסע און אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. אַן אומהיימלעך שווייגן האָט געהערשט אַרום.

אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט זיך באַוויזן אַ רויטלעכער שימער. איז עס נישט אַמאָל קיין אילוזיע? אָבער דער רויטלעכער פלעק איז נישט פאַרשווונדן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט פורפור־רויט. ניין, ניין, ס'איז שוין גאָרנישט געווען קיין אילוזיע. דער פורפור־רויטער פלעק איז ווייטער געבליבן אין דער טונקלקייט, ער האָט זיך לאַנגזאַם פאַרגרעסערט און געוואָרן וואָסאַמאָל רויטער, ווי אַ רויט בייז אויג האָט ער אַרויסגעשטאַרט פון דער נאַכט, און פלוצים ארויסגעגליט פון אינעווייניק מיט א העלער פייער־שיין.

— ס'ברענט דאָרט אונטן, — האָט געזאָגט אַ שטוב־מיידל, וואָס איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פונעם הויז.

אָט האָט דאָס רויטע אויג זיך צעפּלאַמט אַלץ דראָענדיקער, אָבער פלוצים האָט זיך עס צעפּלאָסן און פאַרוואַנדלט אין אַ רויט גליענדיק דיק שלייערל, וואָס איז פּאַמעלעך געקראָכן אין דער פינצטערניש. דאָס רויט גליענדיק שלייערל איז אָנגעשוואָלן, געוואָרן אַלץ דיקער און דיקער, האָט זיך געשלענגלט אין אַ זיגזאַג און גערוקט זיך אָן אויפהער פאָרויס, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אויף קיין איין סעקונדע. ווו ס'האָט פריער געפינקלט דאָס טונקל־רויטע בייזע אויג, האָט איצט

זיך אויפגעהויבן א פורפורנער זייל רויך, גרייכנדיק צו די רעגן־וואָלקנס, באַפאַרבנדיק זייערע ראַנדן מיט אַ טונקעלן פלאַם.

און ווידער האָבן נייע עסקאַדרעס אָנגעהויבן דונערן איבער דער פינצטערער שטאָט, און די באָמבעס זענען מיט גערויש, פייפעריי און סווישטשעריי אַראָפּגעפאַלן אין דער נידער.

פון שטאָט האָט זיך געטראָגן אַ כאַאָטישער ליאַרעם פון אָנצאָליקע שטימען. רופן, געשרייען, סיגנאַלן, רייסנדיקע קלאַנגען פון די פייערלעשער־גלאָקן האָבן אָפּגעהילכט אין דער ווייטקייט. אויך אין אנדערע פונקטן האָבן גלייכצייטיק ארויסגעזעצט, ווי פון א ווולקאַן, טונקל־רויטע קנוילן רויך, און דריי, פיר, זעקס ערטער.

— זע נאָר, מאַמאַ! — האָט קריסטע געשעפּטשעט אַ צעטראָגענע.

— איך זע, מיין קינד! — האָט פרוי בעאַטע אויסגערופן, איינהאַלטנדיק מיט שוועריקייט דעם דערשראָקענעם הונט.

אויף מערב־זייט פון דער שטאָט האָבן פלוצים פון דער פינצטערניש אַרויסגעשאָסן העלע פלאַמען.

— דאָס איז אין וועבער־קוואַרטאַל! — האָבן אין איין קול אויסגערופן די מיידלעך אויף די הויז־טרעפּ.

דאָס דיקע שלייערל פון געדיכטן רויטן רויך האָט זיך כסדר גערוקט פאָראויס, אומגעזעטיקט און גרויליק. עס האָט זיך געדרייט, געשלענגלט, אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן וועבער־קוואַרטאַל און פלוצלינג געמאַכט א קער, ווי עס וואָלט וועלן צוריקקריכן, און דאָ און דאָרט האָט מען געזען א סטענגע פון א טייך, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ רויטן בליאַסק.

— ווי שוידערלעך! אָרעמע מענטשן!

די שרפות אין פאַרשידענע ערטער האָבן זיך אויסגעברייטערט, און געוויסע פונקטן האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן און אין איינצלנע ערטער האָט מען שוין געקאָנט דערקענען טורעמס פון קירכעס, קוימענס, משופעדיקע דעכער. פלוצים האָט זיך דערהערט אַזאַ שטאַרקער טעמפער אויפרייס, אַז דאָס הויז האָט אַ ציטער געטאָן.

— וואָס איז דאָס געווען! — האָבן די שטובמיידלעך אויסגעשריגן דערשראָקענע.

נאָענט צום מיטנשטאָט האָט זיך צעשטויבט אין דער פינצטערער נאַכט עפּעס ווי אַ שימערינדיקער, גליענדיקער זאַמד. העלע פלעמלעך האָבן געטאַנצט איבער די דעכער, ווי בלאָנדזשענדיקע פייערלעך.

— דאָס זענען די שעלהאַמער־פאַבריקן! — האָט פרוי בעאַטע אויסגערופן. — איך זע דייטלעך ביידע קירכן־טורעמס, צווישן וועלכע זיי געפינען זיך.

— איך וועל גלייך ברענגען די לאָרנעטע, מאַמאַ!
— צו דעם איז מיר נישט נייטיק קיין לאָרנעטע!

פרוי בעאַטע האָט זיך מיט נעראָן דערנעענטערט צום הויז און אַריינגעשריגן אין דער טונקלקייט:

— אָט האָט איר אַן ענטפער אויף אייערע מאַנקן. איר זעט? איר האָט אַזוי לאַנג געריטשעט מיט אייערע פּיסקעס, איר חוצפּהניקעס! ס'איז אייך אַלץ געווען צו ווייניק, משוגעים! ווען דער פאָטער וואָלט דאָס דערלעבט! אַ באָמבע זאָל אייך טרעפן, אייך מיט אייערע ווייבער!

זי האָט זיך הויך צעכליפּעט און שעלטנדיק געשאַרט זיך אין דער טונקלקייט פון הויז.

— באַהערש דיך, מאַמאַ, איך בעט דיך! — האָט קריסטע געבעטן. — זי איז געווען שטאַרק דערשראָקן, ווייל זי האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט איבערגעלעבט, אַז די מוטער זאָל שלוכצן. אָבער פרוי בעאַטע איז נישט מעגלעך געווען צו באַרויקן.

— כ'איז מיר צלהכעיס! — האָט זי געשריגן. — אָבער איידער זיי וועלן מיך קעפּן, זאָלן זיי נאָך הערן דעם אמת, די משוגעים!

פון שוידערונדיקן גליענדיקן זאַמד אינמיטן דער פונקעלער שטאָט האָבן אַרויסגעשלאָגן העלע פלאַמען און גלייך האָבן זיך דערהערט טעמפּע אויפרייסן איינס נאָך אַנדערן. אָבער איצט איז מיטאַמאָל העל געוואָרן הינטער די הויכע לינדן-ביימער פון הויף-גאָרטן, אַזוי העל, אַז מ'האָט בולט געקאָנט דערקענען די שטאַמען און צאַקעטע ביימער-קרוינען. הינטער זיי איז געשטאַנען די קאַטעדרע, וועלכע מ'האָט פונעם הויז נישט געקאָנט זען. אַ פייער-וואַנט האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטער די לינדן-ביימער, זי האָט ממש געבלענדט און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך גערוקט אַלץ נענטער.

— דער דאַך פון דער קאַטעדרע! די קאַטעדרע ברענט! — האָבן די מיידלעך אין דרויסן געשריגן און אַריינגעלאָפן אין הויז.

און ווידער האָבן נייע עסקאַדרעס געדונערט איבער דער שטאָט, און די באָמבעס האָבן געטרייסט און געסווישטשעט, פאַלנדיק אין דער נידער.

VI

אויפצומאָרגנס האָט די שטאָט אויסגעזען, ווי אַ רויכיקער הויפן גרוז. ביז צו די וואָלקנס איז דערגאַנגען די שיכט פון שטויב און אַש, דורך וועלכער די זון-שטראַלן האָבן מיט מי זיך געקאָנט דורכרייסן. במשך פון אַ קנאַפּער שעה איז

דער גרעסטער טייל פון דער שטאָט חרוב געוואָרן. גאַנצע קוואַרטאַלן זענען געוואָרן צעשטערט און פאַרברענט, פיל גאַסן זענען געלעגן אין חורבות. בלויז אינעם וועבער־קוואַרטאַל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, זאָלן האָבן אומגעקומען צען טויזנט מענטשן.

דער שטאָלץ פון דער שטאָט, די קאַטעדרע, וועלכע איז געבויט געוואָרן במשך פון דריי יאָרהונדערטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רויכערנדיקער רואינע. דער וואָקזאַל איז געווען פאַרניכטעט, דאָס ראָטהויז, דער יוסטיץ־פּאַלאַץ, צענדליקער קירכעס און שולן; דער הערלעכער בישאָפן־פּאַלאַץ מיט זיינע באַרימטע פרעסקן איז אַוועק אין פלאַמען. לערך ביי הונדערט וויכטיקע קריגס־פאַבריקן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרוז און אַש, צווישן זיי אויך די שעלהאַמער־פאַבריקן, וועלכע האָבן פאַבריצירט די באַקאַנטע „לעאָפּאַרד“־טאַנקן. זיי האָבן לעצטנס באַשעפטיקט צוואַנציק טויזנט אַרבעטער.

פונעם וועבער־קוואַרטאַל האָט מען דערציילט מוראדיקסטע געשיכטעס. ארומגעכאַפּטע פון אַלע זייטן פון פייער, זענען די מענטשן געלאָפן, ווי ווילדע חיות אַנטלויפן פון אַ שרפה אין סטעפּ; טויזנטער זענען געלאָפן מיט קינדער און זויגלינגען דורך גאַסן און געסלעך. ווען ס'האָט זיי אָבער פאַרכאַפּט דער אָטעם פון דער צעגליטער לופט, אָן זויערשטאָף, זענען זיי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און מער זיך שוין נישט אויפגעהויבן. טויזנטער האָבן זיך ווידער געוואָרפן מיט די ברענענדיקע קליידער אין טייך און אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט. בלויז געציילטע זענען דורך עפּעס אַ גליקלעכן צופאַל געראַטעוועט געוואָרן.

אין משך פון אַ שעה זענען פופציק טויזנט מענטשן געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויפצומאָרגנס איז נאָך אינגאַנצן אוממעגלעך געווען אַרויסצוגיין אין גאַס, אַזאַ שרעקלעכע היץ האָט געשלאָגן פון ברוק און פון די הייזער. ס'איז געווען אוממעגלעך צו אָטעמען, ווייל די הייסע לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון שרפה און האָט געשוועבט צווישן די הייזער ווי אַ ברוינער נעפּל פון שטויב און אַש. אַ סך טעג נאָך האָבן די פייערלעשער־קאָמאַנדעס געפירט אַ קאַמף מיט די אַלטע און אויפסניי אויפפלאַקערנדיקע שרפות.

פּאַביאַן האָט טאָג און נאַכט געאַרבעט אין איינעם פון די ניצול־געוואָרענע צימערן אין זיין האַלב־חרובער „אויפבוי־צענטראַלע“. ער האָט געהאַט אַ סך אַרבעט מיטן אהינטאָן די היימלאָזע און טויזנט אַנדערע, דרינגענדיקע ענינים. דער פאָלקאָווניק פאָן טיגען איז געלעגן אין איינעם פון די איבערפולטע שפּיטעלער מיט שווערע בראַנד־וואונדן. די באַראָנעסע פאָן טיגען האָט אָבער אַן אומדערמידלעכע, כמעט אָן עסן און אָן שלאָפן, דערפילט אירע שווערע פליכטן. אוממעטום האָט זי אויפגעטויכט מיט איר עלעגאַנטער אוניפאָרם פון רויטן קרייץ, אירע קראַנקן־שוועסטער האָבן מורא געהאַט פאַר איר שטרענגקייט און אָנפשרהדיקייט אי־

איריע פּאָרערונגען. די באַראָנעסע האָט זיך נישט אויסגעטאָן גאַנצע דריי טעג. זי האָט אויך געהערט צו די ערשטע, וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט אַרייַנצודרינגען אינעם חורבן און אַשיקן וועבער־קוואַרטאַל, וועלכער איז אויסגעמיטן געוואָרן אַפילו פון סאַמע געוואַגטע מענער. אַזאַ שווידער האָט דער קוואַרטאַל אָנגעוואָרפן אויף מענטשן. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זי וועגן דעם דערציילט קלאָטילדען, וועלכע איז פון דער קאַטאַסטראָפע אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז זי האָט זיך אויף דריי טעג אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין.

— מ׳מוז האָבן שטאַרקע נערוון, מיין טייערע! — האָט די באַראָנעסע געזאָגט. — שטאָלענע נערוון! ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן די טויטע קינדער!

ביי דער קרייצונג פון די גאַסן האָט מען בלויז געזען אייניצלנע מתים, וואָס מער מ׳איז אָבער אין זיי טיפער אַריינגעדרונגען, אַלץ געדיכטער זענען זיי געלעגן. זיי זענען נאָך געלעגן אַזוי, ווי זיי זענען אומגעפאַלן: אויפן פּנים, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, איינער אויפן אַנדערן, אַ סך זענען געווען אַזוי צעקריפּלט, נישט צו דערקענען. אין די געסלעך האָט מען אָפט אָנגעטראָפן הונדערטער הערשטיקטע, האַלב־פאַרקוילטע, פאַרברענטע. אַ סך זענען פון דער היץ געוואָרן אַזוי איינגעשרומפּן, אַז אַ דערוואַקסענער האָט אויסגעזען ווי אַ ייִנגל. פרויען האָבן אָפט לויפנדיק פאַרשאַרצט די קליידלעך, כדי בעסער צו קאָנען לויפן. אַזוי זענען זיי טאַקע איצט געלעגן. די קינדער זענען געלעגן מיט די מאַמעס, מיט פאַרצערטע אויפגעריסענע מיילעכלעך, צוגעטוליעטע צו זייער ברוסט, די פאַרקוילטע זויגלינגען — איינגעוויקלט אין אָפּגעסמאַליעטע קאָצן. די פרויען זענען דאָ געלעגן מיט אויסגעשטרעקטע פיס, מיט לעכער אין די זאָקן און פאַרבחנעטע שיך אויף די פיס. אָפט זענען זיי געזעסן אויף שטיגן און טרעפּ, פאַרקוילטע, מיט פאַרברענטע זויגלינגען ביי דער ברוסט. גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

די פרויען־תפיסה, אין וועלכע ס׳איז אַמאָל געזעסן פרוי בעאַטע, איז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע און ס׳איז פון איר מער נישט געבליבן ווי אַ גרויסער באַרג גרוז. איבער פיר הונדערט אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען אין דעם טאָג, האָט געטראָפן אַ גיכער טויט. ס׳איז אויך אומגעקומען דער אַסעסאָר מילער II, דער פראַנטעוואַטער און אויסגעקעכלטער אויספאָרשונגסריכטער. פרוי בעאַטע האָט וועגן דעם געלייענט אין צייטונג און אויף אַן אמת זיך געפרייט דערפון. זי האָט אים געווונטשן אַזאַ סוף.

— ענדלעך האָט עס אויך געטראָפן אַן אמתן מנובל! — האָט זי אויסגערופן. — אַלע שפּיצלעס און הענקערס און אַלע אומפאַרשעמטע לומפּן דאַרפן האָבן אַזאַ סוף!

אין שטאָט האָט מען פאַרגעוואָרפן דעם גאולייטער, אַז ביים ערשטן אַליאַרם־סיגנאַל האָט ער פון פחד פאַרלאָזט דעם בישאָפן־פּאַלאַץ, כדי צו באַשיצן זיך אין די אונטערערדישע אַפּאַרטאַמענטן פון „שלאָס“ אין אייזנשטעט.

איבעריקנס, האָט ער דאָס געטאָן בעת אַלע לופט־אַטאַקעס. ס'איז אָבער געווען אַן אומזין אים פאָרצוואַרפן פחדנות. דער גאולייטער האָט נישט געוווסט פון קיין שרעק, להיפוך, ער איז געווען דרייסט ביז משוגעת. ס'איז געווען באַקאַנט, אַז בעת מאַרש צו דער פעלדהערן־האַלע, ווען מ'האָט אויף זיי געשאָסן פון מאַשינגעווער, האָט ער ערשט דעמולט געוואָרפן זיך אויף דער ערד, ווען זיינע ביידע קאָלעגן נעבן אים זענען געפאַלן טויט. ניין, נישט אויס מורא האָט ער זיך בעת די לופט־אָנגריפן שטענדיק זיך איבערגעטראָגן קיין אייזנשטעט. ער האָט פּשוט נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זייַן פּריוואַט לעבן זאָל אים קאָנען צעשטערן די ענגלענדער, וועלכע ער האָט פאַראַכט אַלס „דעגענערירט פאָלק“, אין קעגנזאַץ צו די אַמעריקאַנער, וועלכע ער האָט שטאַרק געשעצט.

אין יענעם קאַטאַסטראָפאַלן אָוונט האָט ער געפייערט מיט זיינע פּאַרטיי־חברים אַ קליינעם יום־טוב, און בכלל זיך געפונען אין בישאָפן־פּאַלאַץ נאָר ביז ניין אַזייגער. צווישן זיינע געסט זענען געווען שטורמפירער, אָבערשטורמפירער, שטאַנדאַרטנפירער, קרייז־לייטער, לאַנגער־קאָמענדאַנטן. ס'זענען צווישן זיי געווען אויסגעפּרוווטע שיכורים, אמתע הוליאַקעס, משעמפּיאָנען און וועלט־מייסטער פון שיכרות, פאַר וועלכע רומף אליין האָט מורא געהאַט. זיי פלעגן אויסטרינקען צו אַ האַלבע פלאַש קאָניאַק מיט איין זשליאָק, נישט אַ פינטל מיעדיק מיטן אויג. די שיינע שאַרלאָטע, וועלכע האָט קוים באַנעצט די ליפּן און איר גלעזל, איז בלאַס געוואָרן. זי האָט באַוווּנדערט רומפן, וואָס איז געבליבן ביי די ניכטערע געדאַנקען, כאָטש די באַרימטע שיכורים האָבן שוין קוים געקאָנט איבערדרייען מיט די צינגער און געבעטשעט.

דעם גאַנצן אָוונט האָבן זיי געפּראַוועט ווילדע שטיק. זיי האָבן זיך אַריינגעשטאָפּט קישעלעך אונטער די אוניפאָרמען, געמאַכט זיך פאַר הויקערס און דיקבייכיקע און געלאַכט ביז האַלבטויט.

ווען עס האָבן זיך דערהערט די אַליאַרם־סיגנאַלן אין שטאָט, האָבן די שיכורים אויסגעבראָכן אין אַ טריומף־געשריי. זיי האָבן גרינגגעשעצט דעם אָנגריף, און ערשט דאַן, ווען מ'האָט דעם גאולייטער געמאָלדן, אַז די שטאָט ברענט פון אַלע זייטן, איז ער מיט זיינע שיכורע געסט אַרויף אויפן טורעם פון „פּאַלאַץ“, פון וועלכן מ'האָט דייטלעך געקאָנט זען דאָס פייער פון דער שווערלעכער שׂרפה אונטער די פּורפּורנע וואָלקנס. ער האָט טעלעפאָניש געמוסרט דעם מאַיאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער זעניט־אַרטילעריע, הלמאי ס'איז אים נישט געלונגען אַראָפּצושלאָגן די לופט־פּיראַטן, די מערדער פון פרויען און קינדער, און

אים געעצהט, ער זאָל זיך בעסער געפינען א פּאָסטן אין א שיס=בודע, איידער אָנטוירן מיט דער לופטשויץ.

עטלעכע מינוט שפּעטער, נאָך בעתן לופט=אַנגריף, האָט ער מיט זעקס אוי=טאָס געטראָגן זיך איבער דער שטאָט. אויף דער בריענענדיקער ווילהעלם=גאַס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ צעשמעטערט הויז. די פייערלעשער, שווארצע פון סאַזשע, האָבן אים באַגעגנט מיט הייל=געשרייען, ווען זיי האָבן אים דערזען אין דעם גיהנום. זיי זענען געוואָרן דערשטוינט, דערזעענדיק אין זיין אויטאָ א „לעגענדאַר=שייבע פּרוי".

אין דער פרי האָט רומף דערזען, אז די „ענגלישע מערדער און אונטערצינ=דער" האָבן זיך אפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון פאַרניכטן זיין קאַבינעט. ס'האָט אים אָבער לחלוטין נישט געאַרט די צעשטערונג פון די אומשטערבלעכע פרעסקן מיט די מלאכים און הייליקע. ער האָט באַקלאָגט בלויז די פאַרניכטונג פון צוויי טויזנט האַוואַנאַ=ציגאַרן, וועלכע ער האָט געהאַט פאַרשלאָסן אין אַ באַראָק=שאַנק.

ער האָט באַפוילן צו פאַרלייגן אן ערן=בית=עולם פאר די „רומפול געפאלע=נע" מיט א גרויסן האַקנקרייץ, זעקס מעטער די הייך.

די צעקריפּלטע קרבנות פונעם שווערן אַנגריף, פון וועלכע ס'זענען נאָר גע=בליבן אַש און ביינער, איינצלנע גלידער און צונויפגעשרומפּענע האַלב=פאַר=קוילטע קערפּער, זענען אויסגעלייגט געוואָרן אין איין מאַסן=קבר און פייערלעך באַגראָבן געוואָרן. דער גאַולייטער איז דער ערשטער ארויף אויף דער רעדנער=טריבונע.

— האַרטער און האַרטער מוזן מיר ווערן! — האָט ער געשריגן. — קעמפן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט, — דאָס איז אונדזער שבועה! די וועלט זאָל זען מיט וואָסער העלדישקייט אַן אַבציקמיליאָניק פאָלק קעמפט פאַר זיינע רעכט, אין וועלכע מ'האָט אים ביז איצט אָפּגעזאָגט. דער נצחון איז נאָענט פאר אונ=דזערע אויגן! נאָך אַ פּאָר חדשים — און ער וועט זיין אונדזערער!

פאַביאַנס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן נאָך רומפן, אלס שטעלפארטרע=טער פון בירגערמייסטער, איז געווען אין א טאָן פון צוריקגעהאַלטענעם אָפּטי=מיזם. מען האָט געהאַלטן, אז ער האָט גערעדט מיט ווירדע און נישט איבערגע=טריבן.

הגם ס'איז שוין פאַריבער אַזאַ לאַנגע צייט, האָט פאַביאַן פונדעסטוועגן נאָך נישט געקאָנט גובר זיין דעם צער צוליב ראָבּיס טויט. די צעשטערונג פון דער שטאָט, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, דער אומקום פון טויזנטער פון אירע בירגער, די נויט פון די היימלאָזע, די פאַרמאַטערטע ארבעט אין די לעצטע טעג — דאָס אַלץ האָט זיך אים שווער אָפּגעקלונגען אויף דער נשמה. ער איז אריינגעפאַלן אין א טיפער מעלאַנכאָליע, און זיין געמיט=צושטאַנד האָט זיך

ערשט דעמלט פֿאַרבעסערט, ווען האַרי איז אומדערוואַרט אַראָפּגעקומען פֿון רוסלאַנד.

האַרי האָט זיך אויסגעצייכנט אויפֿן פֿראָנט און איז פֿאַר זיין מסירת־נפֿש באַלוינט געוואָרן מיט אַן אייזערנעם קרייץ און מיט אַן אַכטטאָגיקן אורלויב.

אָט איז ער דאָ, קלאָטילדעס „גענעראַל“, ער איז צוריקגעקומען אין זיין היימלאַנד אַלס העלד!

קלאָטילדעס האַרץ איז איבערפֿולט געווען פֿון מוטערלעכן שטאָלץ. זי האָט אים אַרומגעפֿירט צו אירע באַקאַנטע און פֿריינד, כדי אַלע זאָלן קאָנען באַוווּנדערן זיין אייזערנעם קרייץ. פֿאַרשטייט זיך, אַז האַרים אַראָפּקומען איז אויסגעפֿאַלן צום גוטן פֿאַרן „פֿאַרבאַנד פֿון פֿריינד“. האַרי, איר זון, איר העלד, דאַרף אויך פֿייערן זיין טריומף אַלס רעדנער! ער האָט טאַקע געהאַלטן אַן איינשעהדיקן רעפֿעראַט וועגן „טאַנקען־שלאַכטן“. גאָט מיינער! מ'האָט דאָך באמת קיין אַנונג נישט, ווי עס זעט אויס די סיטואַציע אין רוסלאַנד. „אָט פֿאָרן אויף אונדז אָן זעקס רוסישע טאַנקען, אָבער אָן מורא, מיר וועלן זיי ווייזן!“

האַרי איז לעצטנס געווען אין ראָסטאָוו ביים דאָן און זיין אַרמיי־גרופּע האָט איצט גערוקט זיך צו דער וואָלגע; אַ צווייטע גרופּע האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרנעמען קאַווקאַז. דער נײַנצניעריקער האַרי האָט גערעדט ווי אַ דערפֿאַרענער שטאַב־גענעראַל. זיין דרייסטקייט און זיכערקייט האָט פֿאַביאַנען אָנגעפֿילט מיט נייעם מוט.

— ס'וועט נישט זיין קיין לייכטער ענין, פּאַפּאַ! — האָט ער געזאָגט צום פֿאָטער.—אָבער מיר וועלן זיך אַן עצה געבן, דו קאָנסט אויף דעם אויסשטעלן! מיר וועלן פֿאָרסירן די וואָלגע און דערגרייכן ביזן אוראַל מיט זיינע נאַטירלעכע רייכטימער. באַקו מיט זיין נאַפֿט וועט אין עטלעכע חדשים אַרום זיין אין אונדזערע הענט, איך שווער עס דיר, פּאַפּאַ! מיין גענעראַל, אַ געניאַלער סטראַטעג, איז אין דער מיינונג, אַז פֿון באַקו וועלן מיר אַ קלאַפּ טאָן אויף פּערסיע, כדי אין אינדיע אַרייַנזעצן ענגלאַנד אַ שטילעט אין האַרצן.

גיך האָט זיך אָבער דער אורלויב געענדיקט, און האַרי האָט געמוזט אומקערן זיך אויפֿן פֿראָנט.

ערשט נאָך עטלעכע וואָכן האָבן זיי פֿון אים ווידער באַקומען אַ קורצע ידיעה: האַרים רעגימענט איז פּלוצים איבערגעטראָגן געוואָרן אין ראַיאָן פֿון סטאַלינגראַד. „אין דרויסן רוישט שוין דער מאָטאָר, אין צען מינוט אַרום פֿלי איך אָפּ אַהין!“ — האָט ער געשריבן.

VII

— די נצחון=טראָמפּייטן מיט עקסטרא=קאָמוניקאַטן פון פראָנט לאָזן זיך הערן אין ראַדיאָ וואָסאַמאָל זעלטענער, — האָט פּאַביאַן געזאָגט, — איז עס נישט פאַרדעכטיק?

האַרים מוטמעריקייט און זיכערקייט האָבן אים אויף אַ קורצער צייט אָנגע=פילט מיט אַ נייעם כוח און אומגעקערט זיין גלויבן אין זיג. ווי דאָס איז געווען וווּנדערבאַר! נאָר אָט זעגען אַוועק עטלעכע וואָכן, און ווי דאָס אַלץ איז פאַר=שוווּנדן. די צוריקגעוווּנענע זיכערקייט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אונטערגעבראָכן געוואָרן פון זיין אַריינטראַכטן זיך, ס'האָבן אים באַהערשט די פריערדיקע ספקות, און זיין גלויבן אין נצחון איז דערשיטערט געוואָרן ביזן גרונט. מ'קאָן פאַרשטיין, ווי מ'וויל, אָבער אַ פאַקט איז געווען, אַז ס'זענען אַנטשטאַנען נישט פאָרויסגע=זעענע שוועריקייטן, וועלכע האָבן פאַרהאַמעוועט דעם זיגרייכן פאָרויסמאַרש פון דער אַרמיי! די אָפיציעלע באַריכטן האָבן געמוזט קלינגען ווי אָפּטימיסטיש, ער האָט דאָך אָבער גוט געוווּסט ווי צו אָריענטירן זיך אויף די קריגס=מאַפּעס.

לעצטנס האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ באַדערפעניש, נאָך זיין דערשעפּנדי=קער אַרבעט אַ שפּאַציר צו מאַכן עטלעכע שעה איבער דער הרוב=געוואָרענער שטאָט. דערביי האָט ער אויסגעמיטן אַלע וועגן, וועלכע האָבן געפירט דורך חור=בות און אָנגעוואַלגערטע בערג גרוז. די אָפּגערייניקטע גאַסן זענען געווען קאַרג באַלויכטן פון די פאַרטונקלטע לאָמפּן און כמעט ליידיק פון מענטשן. זעלטן פלעגט מען באַגעגענען אַ פור, וועלכע האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צווישן די בערג גרוז. אַרום און אַרום חורבות, אויסגעברענטע פענצטער=לעכער, געביידעס פאַרקאָפּטשעטע פון רויך, פאַרסאַזשעטע פראָנטאָנען, ווי געשפּענסטער. דאָ, אין דער אַבסאָלוטער שטילקייט, האָט ער ליב געהאַט איבערצוגעבן זיך זיינע געדאַנ=קען.

ווי איינזאַם ער איז, ווי מוראדיק איינזאַם! דאָס האָט ער געפילט יעדע שעה. יערטפּולע מענטשן, וועלכע זענען אים געווען נאָענט, מיידן אים היינט אויס. ס'האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין קריסטען, און ער האָט אָפּט פון איר געטראַכט. בעת ער האָט זי לעצטנס געזען, האָט זי אָן שום ספק צו אים זיך געהנדלט און געווען ליבנסווירדיק. ער האָט אָבער געפילט, אַז זי האָט זיך ספּעציעל אָנגעשטרענגט צו הנדלען זיך און זיין צו אים ליבלעך. ווי זי זאָל זיך נישט האָבן פאַרהאַלטן בנוגע אים, האָט ער אָבער געפילט, אַז צווישן זיי איז אויסגעוואַקסן אַ מחיצה. ער האָט דאָס געשפּירט זייער בולט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז זי איז ווידער נאָענט געוואָרן מיט וואָלפגאַנגען, וועלכער איז איר אַמאָל נישט געווען צום האַרצן צוליב זיין שאַרפן כאַראַקטער. זיין ברודער

וואָלפֿגאַנג, וועלכן ער האָט נאָך אַלץ אמתדיק ליב געהאַט, האָט אויף שטענדיק פֿאַרשלאָסן פֿאַר אים זיין טיר. ראָבי איז עלנט אומגעקומען, און האַרי קעמפֿט מיט זיין טאַנק ערגעץ וווּ ביי סטאַליגראַד, מוטיק ביז משוגעת, יונגטלעך פֿאַרשיכורט פֿון גלויבן אין נצחון. גאָט ווייסט, צי ער וועט אים נאָך אַמאָל זען. האַרי האָט אים דערקלערט בעתן געזעגענען זיך, אַז ער וועט אַנדערש נישט צוריקקומען, ווי נאָר מיט אַ „ריטער־קרייץ“.

מיט קלאָטילדען איז ער זיך ענדגילטיק פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אויף שטענדיק. ווי אַ היימלאָזער, האָט ער איצט געוווינט אין אַ קליינעם צימער פֿון זיין „אויפֿבוי־צענטראַלע“.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעקויפֿט אַמזעל, האָט קלאָטילדע זיך איבערגעצויגן אין דער ווילע פֿונעם מעדיציניש ראַטגעבער, איבערגעבנדיק מיט פּאָמפּע איר הויז אין רשות פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון פֿריינד“. אַמזעל מיט די אַלע הערלעכע מעבל און טעפּיכער האָט זי איינגעאָרדנט מיט גרויס געשמאַק, דאָס האָט מען געמוזט אָנערקענען. דעם גרעסטן טייל פֿון דער ריזיקער ביבליאָטעק פֿון מעדיציניש ראַטגעבער האָט זי געהייסן אַראָפּטראָגן אין קעלער. בלויז עטלעכע טויזנט בענדער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּראַכטיקן אויסזען און זענען געווען נישט שלעכט איינגעבונדן, האָט זי געלאָזן, ווייל דאָס האָט צוגעגעבן איר הויז אַ חשיבות פֿון געלערנטקייט, און זי האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. דער אינהאַלט פֿון די ביכער איז איר נישט אָנגעגאַנגען, ווייל זי האָט שוין זינט יאָרן קיין שום בוך נישט געלייענט.

פֿאַביאַן האָט איר נישט געשטערט. ער האָט נאָר געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די זעלטענע ביכער זאָלן אינעם קעלער איינגעשטעלט ווערן אין אָרדענונג. ער האָט דערביי קלאָטילדען אויפֿסניי געמאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז פֿאַלע האָט לויטן פֿאַרקויף־אַקט דאָס רעכט שטענדיק אָפּצוקויפֿן צוריק אַמזעל, ווי נאָר ס'וועלן אָנקומען אַנדערע צייטן.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זיך ווידעראַמאָל אַרויסגעוויזן דער טיפֿער תהום, וואָס האָט זיי ביידע פֿאַנאַנדערגעטיילט, נישט אַריבערצושפּרייזן.

קלאָטילדע האָט אים אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן ביז אַראָפּ, און אירע העלע אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן מיט בייזקייט.

— דו ביסט אַ פֿולשטענדיקער שוטה! — האָט זי אַ געשריי געטאָן אויסער זיך פֿון פֿאַראַכטונג. — איך וועל זיך פֿריער לאָזן אויף שטיקער צעשניידן, איידער כ'וועל אַמזעל אַרויסלאָזן פֿון מיין האַנט! ווי מיינסטו, אַז אַ ייִד וואָלט דיר עפּעס צוריקגעגעבן, וואָס ער האָט ביי דיר אָפּגעקויפֿט? ווי? אַזאַ נאַר קאָנסטו

נאָר זיין! איך טראַכט וועגן מיין זון, וועלכער קעמפט פאַר זיין לאַנד, דו אָבער טראַכסט וועגן אַ בישטיקן יידן!

אין דעם אָוונט האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז אויף שטענדיק.

פּאַביאַן איז געבליבן שטיין. ער האָט אָפּגעטראָטן דעם וועג דריי איינפּיסיקע מלחמה־אינוואַלידן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען לענגאויס די גאַס, לאַכנדיק און פּלוידערנדיק צווישן זיך. אויף שריט און טריט האָט מען איצט באַגעגנט די דאָזיקע איינפּיסיקע קרבנות פונעם אומבאַרהמנותדיקן קאַלטן ווינטער אינעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה מיט רוסלאַנד.

אויף היינט איז פאַר אים געווען גענוג. ער איז געווען מיד פונעם ארומוואָגלען און גריבלען זיך אין זיינע געדאנקען. ווי יעדן אָוונט, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום ווינקעלער פון „שטערן", כדי דאָרט אָפּצוועסן. דער ווינקעלער איז נאָך געווען אָפן. אַלע אַנדערע צימערן פונעם האָטעל האָט דער גאַולייטער פאַרנומען פאַר זיין ביוראָ. דאָ איז פּאַביאַן געבליבן זיצן נאָכן עסן ביי א פלאַש לייכטן מאָזעל־וויין און געהויכערט זיין ציגאַר, פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט, ווי אַ מחנה הערקוטשענדיקע אינזעקטן. לעצטנס איז ער דאָ אָפט געווען דער איינציקער גאַסט. אין שטאָט איז געוואָרן זייער נישט געמיטלעך. ווער האָט עס געקאָנט האָבן חשק ערגעץ אַרויסגיין און בעתן אַליאַרם בלייבן שטעקן אויף לאַנגע שעהן אין וואָסער נישט איז לופטשוץ־קעלער.

היינט האָט ער אָבער געהאַט מזל. ס'האָט זיך געעפנט די טיר, און ווער איז אַריינגעקומען? — דער ביראַטגעבער קריג! יאָ, — דאָס איז טאַקע ער, קריג!

פּאַביאַן איז אויפגעשפּרונגען פון פרייד. וווּנדערבאַר! ענדלעך קאָן ער וויּדער אויסרעדן אַ וואָרט מיט אַ פאַרנונפטיקן מענטש! ער האָט גלייך באַמערקט אויף זיין מונדיר צוויי נייע אָרדנס אויף דער ברוסט.

קריג האָט געהאַט גרוסן פון טאַובענהאַין, ווּעמען ס'לעבט זיך פּרעכטיק אין סמאָלענסק. טאַובענהאַוז איז דאָרט געוואָרן אַן אמתער פּאַשאַ, אַ מאַהאַראַדזשאַ, אַ גרויסמאָגאָל, א גאָט ווייסט וואָס! א קאַסינאָ האָט ער אים אויסגעבויט, ממש אַ טרוים, זי וואָלט געקאָנט אייַנשטיין אין פּאַריז. געלט? געלט שפּילט ביי טאַובענהאַוזן קיין שום ראָל!

קריג איז נאָר וואָס געקומען פון וואָקזאַל. ער האָט זיך געטראַכט, פּאַביאַן זיצט אַוודאי אין „שטערן". און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע דאָ. קריג איז אַזש אונטערגעשפּרונגען און געפּאַטשט מיט די הענט. געוויס, ס'גייט אים גוט, זייער גוט, אַ דאַנק. ער האָט באַקומען פיר וואָכן אורלויב.

— צווישן אונדז געשמועסט, איז עפּעס דאָרט, אויף קאַווקאַז, נישט שטאַרק אין אָרדענונג. די הויכגעשטעלטע האַרן האָבן, ווייזט אויס, געמאַכט אַ טעות אין חשבון, — האָט ער געשעפּטשעט פּאַביאַנען אין אויער.

ער האָט געהאַט אַן אויפטראַג צוזאַמען מיט אַ מינכענער אַרכיטעקט אויסצושטאַטן אַ פּראַכט־האָטעל אין טיפליס.

— אין טיפליס? — האָט פאַביאַן געפרעגט אַ פאַרחידושטער.

— יאָ, אין טיפליס! — האָט קריג געענטפערט לאַכנדיק. — מיט דריי וואָכן צוריק האָבן מיר געדאַרפט פאַרנעמען טיפליס, אויף היינט איז געווען באַשטימט צו פאַרנעמען באַקו. דאָס מעבל און די טעפיכער פאַרן טיפליסער פּראַכט־האָטעל ליגן שוין גרייט אין קיעוו. נו, יאָ, דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, וואָס איך האָב באַקומען פיר וואָכן אורלויב. דאָסמייער מוז אונדז היינט אַוועקשטעלן ספּעציעל גוטע משקאות. כ׳האָב זיך שוין צו זיי צוגעוווינט אין דער סמאָלענסקער קאַסינאָ. היינט אָבער זענט איר מיין גאַסט, פאַביאַן! אָן דיסקוסיעס! איך שווים אין געלט!

— האָט ער צוגעגעבן, טיף פאַרגניגנדיק זיך.

— טיפליס? זענען זיי פון זינען אַראָפּ? אָדער זיי זענען שטענדיק געווען משוגעים? דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", וועלכן פאַביאַן האָט פריער פאַרהאַסט, האָט אין די לעצטע טעג געשריבן: „ביז צו דער וואָלגע, ביז צופוסנס פון קאַווקאַז וועלן די משוגעים דערגיין, אָבער קיין איין טראָט ניט ווייטער!" פאַביאַן איז ביסלעכוויז גענייגט געוואָרן מער צו גלויבן דעם „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט", ווי די אָפיציעלע באַריכטן.

בעת דער קעלנער האָט געבראַכט די טייערע פלאַש אַלטן ריין־וויין, האָט קריג אָנגעהויבן שפּילן די ראָל פון אַ גאַסטגעבער, פאַרשיטנדיק פאַביאַנען מיט אַ שלל פון ליבנסווירדיקע ווערטער.

— דערלויבט מיר, מיין חשובער וווילטעטער! — האָט ער פּאַטעטיש אויסגערופן, אויפהייבנדיק פייערלעך זיין גלאָז צו פאַביאַנען. ווען פאַביאַן האָט זיך אָבער דערביי צעלאַכט, האָט ער מיט אַ שטראַלנדיקער מינע פאָרגעזעצט: וווילטעטער! יאָ, אַזוי רוף איך אייך אָן, מיין זייער חשובער פריינד, און לגמרי באַרעכטיקט. איר האָט אין יענער צייט מיך פּראָטעזשירט פאַר טאַובענהאַוזן, ווען איך האָב געוואָלט בויען דעם נייעם מאַרקפּלאַץ. איך בין דאָך דעמאָלט פאַרשווומען געוואָרן ביזן האַלדז אין דאגות. איר האָט מיך צוגעצויגן צו אַ סך פּראָיעקטן און אַלץ פון ריינער, אידעאַלער פריינדשאַפט! איר זענט אייך געווען דער, וועלכער האָט מיך באַווירקט אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי. איך בין נאָר נאָכגעגאַנגען לויט אייער ביישפּיל, שאַצנדיק הויך אייער שכל־הישר, אייער פעיקייט פאָרויסצוזען, אייער חכמה. איך האָב מיר געזאָגט: אויב אַזאַ מענטש ווי פאַביאַן איז אַריינגעטראָטן אין דער נאַצי־פּאַרטיי, קאָנסטו עס אַוודאי אויך טאָן! מיך אַליין וואָלטן אָפּגעהאַלטן כלערליי באַוואָרעניש, נאַרישע, קינדישע באַוואָרעניש. ווען איך שטיי היינט פאַר אייך אַ גליקלעכער — וועמען האָב איך עס צו פאַרדאַנקען? נאָר אייך אַליין.

VIII

דעם אַנדערן אָוונט איז פּאַביאַן ווידער געווען אַליין. קריג איז מיט זיין טאָכטער און אייניקל אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן דאָרף זיך אָפּרוען. ווידער איז פּאַביאַן געווען צווישן חורבות, פֿאַרברענטע הייזער און פֿאַרשוואַרצטע פֿראָנטאָנען, ווי געשפּענסטער. ווי אָפֿט פֿלעגט ער אויף זיינע איינזאַמע שפּאַצירגענג דערגיין ביז צום וואָקזאַל. דער וואָקזאַל האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט איין גרויסן חורבן. דורך די פֿענצטער-לעכער און איינגעפֿאַלענע געוועלבן האָט מען געזען רויכערן לאָקאָמאָטיוון. אַרום וואָקזאַל איז אַלץ געווען צעשטערט און פֿאַרברענט. בלויז דער נייער האָטעל „איראָפּאַ“ איז ווי דורך אַ נס געבליבן גאַנץ, עס האָבן נאָר געפּלאַצט עטלעכע שויבן.

ראָסמייער, דער אייגנטימער פֿון „שטערן“ און איצטיקער אַרענדאַטאָר פֿון האָטעל „איראָפּאַ“, האָט איינגעאָרדנט אויפֿן דאַך פֿון נייעם בנין אַ גאָרטן, פֿון וועלכן עס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ הערלעכער אויסבליק אויף דער שטאָט.

פּאַביאַן האָט זיך וועגן דעם דערמאָנט, ווען ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אינדערהייך פֿון זעקסשטאָקיקן בנין.

„דו וועסט נישט האָבן קיין סך געסט אויף דיין דאַך-גאָרטן, ראָסמייער — האָט ער געטראַכט מיט אַ ביטערן שמייכל, — דער וווּנדערבאַרער אויסבליק איז געבליבן, אָבער די שטאָט איז פֿאַרשוווּנדן“.

וואָכן און חדשים האָט פּאַביאַן געלעבט אַזאַ לעבן. די חרובע שטאָט האָט אים געהאַלטן אין אירע צוואַנגען. איבעריקנס, האָט קריג איינגעפֿונען, אַז די פֿאַרוויסטונגען זענען גאָרנישט אַזוי שרעקלעך.

— די שטאָט איז שווער באַשעדיקט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר אויב איר ווילט וויסן, וואָס עס הייסט חרובע שטעט, מוזט איר פֿאָרן קיין רוסלאַנד! דאָרט וועט איר זען אַ דייטש'ש גוט שטיקל אַרבעט!

פֿון האַרוין איז נישט געווען קיין שום ידיעה במשך פֿון די לעצטע חדשים. מען האָט כמעט גאָרנישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך ביי סטאַלינגראַד, און דאָס, וואָס מ'האָט שוין יאָ געוווּסט, איז געווען גאָרנישט קיין פֿריילעכע ידיעות. ס'האָט זיך עקשנותדיק פֿאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז אַ שטאַרקע אַרמיי-גרופּע איז ביי סטאַלינגראַד אַרומגעריגלט געוואָרן. די דאָזיקע ידיעה איז געווען פֿאַר פּאַביאַנען אַ נייער, מוראדיקער קלאַפּ.

אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער אין „שטערן“ באַגעגנט אַ דאָקטער, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז היינט איז פֿון סטאַלינגראַד געברענגט געוואָרן אין שפּיטאָל אַ פֿאַרווונדעטער קאַפּיטאַן.

— מ'זאָגט דאָך אָבער, אַז סטאַלינגראַד איז אָפּגעשניטן?

— אַזוי זאָגט מען, אָבער אַ סך אָפיצירן ווערן אַרויסגעפירט מיט אַעראָפּלאַנען.

דעם אַנדערן טאָג האָט פאַביאַן באַזוכט דעם קאַפּיטאַן.

דאָס איז געווען אַ גרוי־געוואָרענער מאַן מיט אַ פאַרוואָרלאָזטער באָרד. ער האָט געבער געהאַט אַן אויסזען פון אַ האָלצהעקער, איידער פון אַן אָפיציר. זיין פּנים, אויף וויפל מ'האָט עס געקאָנט אַרויסזען, איז געווען שאַרלעך־רויט פון פיבער.

— סטאַלינגראַד? — האָט דער קאַפּיטאַן געכריפּעט פון זיין קוייקע. ער איז געווען איינגעאַנצן הייזעריק און גערעדט מיט גרויס שוועריקייט. — איר רעדט פון סטאַלינגראַד? זיי האָבן שוין אויפגעפרעסן אַלע פערד און זענען גליקלעך, אַז זיי געפינען אין מיסטקאַסטן אַן אָפּגענאָגטן ביין.

אָבער פאַביאַנען איז נישט לייכט געווען אָפּצושטערן. ער האָט געהאַט, ווי געזאָגט, אַ זון אין סטאַלינגראַד, אַ לייטענאַנט־טאַנקיסט.

אָבער דעם קאַפּיטאַן זענען בכלל נישט אָנגעגאַנגען זיינע פראַגן.

— מ'האָט אונדז צוגעזאָגט צו באַפרייען פון דער בלאָקאַדע, — האָט ער געמרוטשעט מיט אַ טיפן באַס, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון זיין האָלצהעקער'שער באָרד. — מ'האָט אונדז פייערלעך און הייליק צוגעזאָגט צו באַפרייען פון דער בלאָקאַדע, הונדערט מאָל! לאָמיר מער נישט רעדן דערפון. שקר אין פאַלשקייט, שווינדל און אָפּנאַרעריי, געמיינער ליגן און פאַלשע צוזאָגן! איך וויל מער נישט הערן פון סטאַלינגראַד!

פאַביאַן האָט געפרווט דערשלאָגן זיך צו אַן ענגמער דורך אַנדערע פראַגן, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיך קרעכצנדיק איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט.

— כ'וויל מער נישט הערן פון סטאַלינגראַד! — האָט ער אַרויסגעכריפּעט מיט גרימצאָרן. — אַלץ איז משוגעת און פאַרברעכן! חסר־דעהניקעס, פאַררוקטע, משוגעים!

— נאָך איין מאָמענט, הער קאַפּיטאַן!

דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעדרייט צו פאַביאַנען זיין שאַרלעך־רויט פּנים און האָט זיך אויף האַלב אונטערגעהויבן אויף זיינע האָריקע אָרעמס.

— אַזוי האָבן אונדז די מנוולים איינגעבראָקט! — האָט ער הייזעריק געבריליט. — און איר געהערט צו זיי, הער! אַנדערש וואָלט איר קיין בירגערמייסטער נישט געוואָרן!

פאַביאַן האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

ס'זענען אַלץ אָפטער געוואָרן פאַרשידענע טרויעריקע געשעענישן. דעם יום־טיצראַטגעבער שוואַבאַך האָט מען געפונען א טויטן אין בעט. ער האָט זיך פאַר־

סמט. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז פּונקט ווי פיל אַנדערע, האָט אים דערפירט צום טויט דער פאַרלוסט פון זיין הויז און פאַרמעגן. פאַביאַן האָט אָבער געוווּסט, אַז שוין פון אַ לענגערער צייט פירט די געסטאַפּאָ לגבי אים אַ נישט אָנגענעמע אויספאָרשונג.

אין זיין געבוירנאָרט, אין אַ קליינעם ישוב לעבן באַדען, האָבן געלעבט צוויי משפּחות מיט זיין פאַמיליענאָמען. איינע האָט געהייסן שוואַבאַכער און איז געווען פון יידישן אָפּשטאַם; די אַנדערע, פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענער יחוס־ליניע, האָט געהייסן עדלער פאָן שוואַבאַך. טאַקע פון דער ליניע האָט דער יוסטיצראַט־געבער אָנגענומען זיין אָפּשטאַם, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געהאַלטן פאַר אומגעזעצלעך. יעדנפאַלס איז ער באַערדיקט געוואָרן אַלס עדלער פאָן שוואַבאַך, און פאַביאַן האָט געהערט צו די ווייניקע, וועלכע האָבן אים געטראָגן צום קבר.

בעת ער האָט פאַרלאָזט דעם בית־עולם, האָט אָנגעהויבן שנייען און שוין נישט אויפגעהערט במשך פון לאַנגע טעג. דער שניי איז געפאַלן און געפאַלן פון גרויען הימל, און די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשנייט פעלד מיט חורבות, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן אַ שווידערלעכער אומעט פון ווייסטעניש.

פאַביאַן איז געווען צופרידן, וואָס דער גאַליצער האָט אים היינטיקן ווינטער אָפּטער איינגעלאַדן צו שפּילן אין ביליאַרד, אַנדערש וואָלט ער אוודאי אומגעקומען פון לאַנגווייליקייט און טרויעריקע מחשבות. רומף איז אָבער, ווי שטענדיק, געווען זאָרגלאָז און גוט געשטימט. מ'האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט קיין טערקיי זיבן אָנגעפּאַקטע פּראַכט־וואַגאָנען מיט מעבל, בילדער, סקולפּטורן און פאַרשידנערליי קונסטווערק, אויף איינצואָרדענען זיין ווילע ביים מאַרמאָרנעם ים, פון וועלכער ער האָט אַזוי אָפט גערעדט. שאַרלאָטען האָט פאַביאַן קיינמאָל נישט באַגעגנט, הגם זי האָט נאָך אַלץ געוווינט אין „שלאָס“. משמעות, אַז רומף האָט זי פאַר אים אויסבאַהאַלטן. אפשר האָט זי אויך בדעה געהאַט צו פאָרן קיין טערקיי? על־כל־פּנים האָט די באַראָנעסע פאָן טינען דערציילט, אַז שאַרלאָטע איז אויסגעווען אין אַלע געשעפטן, וואָס זענען נאָך ערגעץ געבליבן גאַנץ, און געהאַלטן אין איין באַקוקן „דינע שטאָפן, צוגעפּאַסט פאַר אַ הייס לאַנד“. פאַר פאַביאַנען איז דאָס אָבער אַלץ געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק, אים זענען געלעגן אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ.

אין אַ געוויסן אָוונט איז רומף געקומען פון זיין ביוראָ מיט אַ צווייטעס־דיקער פאַרשפּעטיקונג און פאַביאַנען איבערגעגעבן מיט אַן ערנסטער מינע, אַז די דייטשישע אַרמיי ביי סטאַלינגראַד האָט קאַפּיטולירט, פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַ העלדישן פאַרטיידיקן זיך. זיי האָבן געקעמפט ביז דער לעצטער קויל. אין דעם

אָונגט האָט פּאַביאַן זײַער שלעכט געשפּילט און איז אַװעקגעגאַנגען פֿריִער, װי שטענדיק.

— איצט איז שױן צײַט! עס איז שױן די העכסטע צײַט! — האָט ער הױך צו זיך אַלײן געזאָגט, װען ער האָט פֿאַרלאָזט דעם „שלאָס“.

IX

רעטאַ איז שטיל אַרײַנגעקומען אין אַטעליע און איבערגעגעבן װאָלפֿגאַנגען א בריװ, א ביסל א צעקנײטשטן און פֿאַרפֿאַטשקעטן.

— כ'האָב געמוזט געבן מײַן װאָרט איבערצוגעבן דעם בריװ נאָר אײַך פּערזענלעך, הער פּראָפֿעסאָר! — האָט זי געהײמניספֿול געזאָגט.

װאָלפֿגאַנג איז געװען פֿאַרטאָן מיט זײַן אַרבעט, און די הענט זענען בײַ אים געװען פֿאַרלײמיקט. ער האָט צו איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— לײגט אַװעק דעם בריװ אױפֿן טיש, רעטאַ. װער האָט עס אים געבראַכט?

— האָט ער געפֿרעגט מיט א חשדיקן בליק צוליב רעטאַס מאָדנער האַלטונג.

רעטאַ האָט אָפּגעצױגן מיטן ענטפֿער.

— דאָס איז געװען אַן אַלטער דאַרער מאַנצפּאַרשױן מיט גרױע האָר, — האָט זי געזאָגט מיט איר הײזעריקער שטימע, — ער האָט געהאַט מיט זיך צװײ קלײנע געלע זאַקן. — און רעטאַ איז אַרױסגעגאַנגען.

װאָלפֿגאַנג האָט גוט געקענט דעם אַלטן דאַרן מאַנצפּאַרשױן מיט די זאַקן. אַ שליחות פֿון גליקבעגן! — איז אים דורכגעלאָפֿן אין קאָפּ, און זײַן האַרץ איז פֿאַרשטאַרבן געװאָרן פֿון פֿרײד. כאָטש די הענט זענען געװען פֿאַרלײמיקט, האָט ער גלײַך געעפֿנט דעם בריװ. דאָס איז אײַנגעטײלט געװען נאָר אַ צעטעלע פֿון געצײלטע שורות, אָן אַן אונטערשריפֿט.

„מײַן חשובֿער פֿרײַנד! — איז דאָרט געװען געשריבן. — צוליב א לעכערלעכן צופֿאַל זענען מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ. מיר זענען געװען אַכט און פֿערציק מענטשן. אײנער איז פֿון די פּײַניקונגען געשטאָרבן, אָבער קײנער האָט נישט פֿאַרראַטן מיט קײן װאָרט. מאָרגן אין דער פֿרי װעט מען אונדז אַלע אױפֿהענגען.

ס'איז נישט לײַכט צו לעבן אין דײַטשלאַנד, און ס'איז אױך נישט לײַכט צו שטאַרבן. ס'גיט אונדז צו כּוח דער גלױבן, אַז מיר גיבן אָפּ אונדזער לעבן פֿאַר דער פֿרײַהײט און װידערגעבורט פֿון דײַטשלאַנד. זײַט געזונט, מײַן פֿרײַנד!“

X

— עס איז שוין צייט! די העכסטע צייט! — האָט פּאַביאַן ווי אַ באַטויבטער אומאויפהערלעך איבערגעחזרט. אָט דער געדאַנק האָט אַרויסגעשטויסן אַלע אַנדערע מחשבֿות.

פון דער צייט אָן האָט ער זיך שוין געהאַלטן פעסט ביי זיין באַשלוס.

אויפצומאָרגנס גאַנץ פרי האָט ער זיין קאַפּיטאַן-מונדיר, דעם מאַנטל און אַלץ, וואָס איז נייטיק צום פאָרן אויפן פראָנט, איינגעפּאַקט אין זיין אָפּגעניצטן קופערטל, וואָס האָט אים אומעטום באַגלייט בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, און געפאָרן קיין אַמזעל. קלאָטילדע איז נאָך געשלאָפן, און ער האָט זיך מיט איר נישט געזעגנט.

דערנאָך האָט ער זיך טעלעפאָניש פאַרשטענדיקט מיט זיין פולק. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער קאָן פאַרשטעלן זיין ענין פאַר דעם אַלטן פולקאָווניק, וועלכן ער האָט געקענט פערזענלעך.

פּאַביאַן האָט אים איבערגעגעבן אָן שום הקדמות, אַז ער קאָן גאַנץ פּשוט מער נישט אויסהאַלטן אין דער היים. ער מוז אומבאַדינגט גלייך אַוועק אויפן פראָנט, ווי שנעל ס'איז נאָר מעגלעך. — ס'איז נאָך איצטער די צייט, איך זאָל נאָך קאָנען נעמען אָן אָנטייל אין קאַמף! — האָט ער אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן. — אמת, הער פולקאָווניק?

דער פולקאָווניק האָט אים געלויבט פאַר זיין פּאַטריאָטישן ברען און צוגעזאָגט היינט נאָך צו דערלעדיקן מיט די דאָקומענטן און ווי נאָר מעגלעך שנעל זיי אים צושיקן. זייער פולק געפינט זיך אויף דרום פון וואָראָניעזש. זיי וועלן דאָרט זיכער זיך דערפרייען צו באַקומען אַ דערפאַרענעם באַטעריע-אָפיציר. אין אַזאַ קריטישן מאָמענט, ערב די שווערסטע שלאַכטן...

פּאַביאַן האָט געציטערט פון פרייד־קער אויפרעגונג. „ערב די שווערסטע שלאַכטן!“ — דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט.

ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די רוסישע אַרמיי, וועלכע האָט געצוווּנגען די דייטשישע אַרמיי צו קאַפּיטולירן הינטער סטאַלינגראַד, האָט געמוזט זיין געוואַלד שטאַרק. פאַרשיכורט פון נצחון ביי דער וואָלגע, מאַרשירט זי שוין היינט אויף געוויס צום דאָן, און די דייטשישע אַרמיי אויף קאַווקאַז מוז זיך שוין אין דער גרעסטער איילעניש צוריקציען, זי זאָל נישט ווערן אָפּגעשניטן. דאַן וועט די רוסישע אַרמיי אָנגרייפן אויף ראָסטאָוו און כאַרקאָוו, צום דניעפּר, אָן אָן אָפּשטעל, קיינער וועט זי נישט קאָנען פאַרהאַלטן.

ער וועט גראָד קומען אין ריכטיקן מאָמענט און בעטן דעם קאָמאַנדיר, ער זאָל אים מיט זיין באַטעריע שיקן אויף דער פראָנט-ליניע, אין סאַמע גיהנום

פון די שרעקלעכסטע שלאַכטן. זיין ערשטע ווערק, ווען ער האָט פאַרלאָזט די שולבאַנק און זיך אונטערגענומען צו דינען דאָס לאַנד, איז געווען די מיליטערישע שבועה פאַרפליכטן אים צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ער וואָלט נאָך געקאָנט באַווייזן אָפּצוראַטעווען הונדערטער טויזנטער אומגליקלעכע פון דער חרפה אריינצופאַלן אין דער שענדלעכער קריגס־געפאַנגענשאַפט.

„קאַפּיטאַן קיסעוועטער! דערמאָן זיך אין דעם קאַפּיטאַן קיסעוועטער!" — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. דעם גאַנצן טאָג איז אים דער קאַפּיטאַן קיסעוועטער פון דער דריטער באַטעריע נישט ארויס פון זינען. ביים קאַפּיטאַן קיסעוועטער האָבן די פראנצויזן אין יענער מלחמה צעשמעטערט דריי באַטעריעס אויף פּיצפּיצלעך, און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שטורעמען די לעצטע רעשטלעך, איז ער מיט דער שווערד אין האַנט אַרויס זיי אנטקעגן. אַזוי איז ער טאקע געפאלן! איז עס נישט געווען א טויט, וואָס מ'דארף מקנא זיין?

אין אָוונט האָט ער נאָך אין „שטערן" געטרונקען א פלאַש ווין, זייענדיק אין דער בעסטער שטימונג, און געטרייסט ראָסמייערן, וועלכער האָט נאָך אַלץ פון רומפן קיין געלט נישט באַקומען.

— זאָגט דעם גאַלייטער, ער זאָל פאָרן מיט מיר קיין וואָראָגיעזש, ער וועט האָבן דאָרט וואָס צו טאָן!

ער איז געווען אין א געהויבענער, כמעט יום־טובדיקער שטימונג. ענדלעך האָט ער זיך דעצידירט, ווי עס פאַסט פאַר א מאַן.

אויפן אַנדערן טאָג אין דער פרי האָט ער זיך שוין באוויזן אינעם קאַפּיטאַן־אוניפאָרם מיט אַלע אָרדנס אויף דער ברוסט. ער האָט פארבעטן צו זיך דעם וויצע־בירגערמייסטער — א ניכטערער, ערלעכער מאַן — און אים איבערגעגעבן די ענינים פון שטאָט. וואָס טאַובענהאַוז וועט וועגן דעם טראַכטן, איז אים געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. פון איצטער אָן געהאָרכט ער בלויז זיין אינערלעכער שטימע.

— אום גאָטעס ווילן! פאַרוואָס ווילט איר גיין אויפן פראָנט? — האָט אים א שטאַרק פארחידושטער געפרעגט דער וויצע־בירגערמייסטער, שוין אַן עלטערער מאַן, — אלס בירגערמייסטער זענט איר דאָך דאָ אומבאַדינגט נייטיק.

— אומבאַדינגט נייטיק? — האָט פאַביאַן א זאָג געטאָן, לאַכנדיק מיט פאַראַכטונג, — איר דאַרפט וויסן, אז ס'איז נישט פאַראַן קיין אומבאַדינגט נייטיקע מענטשן, בעת דאָס פאָטערלאַנד איז אין סכנה. דער פראָנט רופט מיך! איר פארשטייט, מיין פריינד, וואָס דאָס הייסט? דער פראָנט רופט מיך! — האָט ער איבערגעחזרט, אָננעמענדיק א מיליטערישע פאָזע.

פון דעם מאָמענט אָן האָט ער זיך געפילט ווי א פרייער מענטש. ס'איז אים געבליבן בלויז די איינציקע אויפגאַבע: — מיטצוטיילן דעם גאַלייטער וועגן זיין

אָפּטרעטן פון אַמט. דאָס האָט זיך געפּאָדערט פון אים, אויב זיין קאָרעקט. אלס אָפיציר האָט ער געוואָלט זיין קאָרעקט ביז דער לעצטער מינוט.

ווען ער איז אריינגעקומען אינעם גאָלייטערס ביוראָ, וואָס האָט זיך צייטווייליק געפונען אינעם קליינעם עסזאַל פון „שטערן", האָט ער צו זיין גרויסן חידוש דאָרט געטראָפן בלויז דעם רייטמייסטער מעין, וועמען ער האָט מיטגעטיילט די סיבה פון זיין דינסטלעכן וויזיט.

רייטמייסטער מעין מיטן כוואַטסקן פּנים האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— איך בין דערשטוינט, וואָס איר ווילט אַזוי ראַפּטעם גיין אויפן פראָנט!

— האָט ער געזאָגט. — זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז דינען דעם פאָטערלאַנד איבער אַלע אַנדערע פליכטן. איך וועל אייך ניט מאַכן קיינע שוועריקייטן און גיב אייך מיין הסכמה. איר ווייסט מסתמא, אז דער הער גאָלייטער איז אוועקגעפאָרן?

— אוועקגעפאָרן? — האָט פּאַביאַן איבערגעפרעגט. — איך האָב דאָך נאָך אייערנעכטן געשפּילט מיט אים אין ביליאַרד, און ער האָט מיר קיין וואָרט ניט דערמאָנט, אז ער האַלט ביים אָפּפאָרן.

דער רייטמייסטער האָט געשמייכלט.

— ער האָט ניט געוואָלט, מן־הסתם, מ'זאָל מאַכן וועגן דעם א רייד, — האָט ער געזאָגט. — זיין רייזע איז שוין באַשטימט געוואָרן מיט א צייט צוריק. ער האָט באַקומען א ספּעציעלן הריוואַכיקן אורלויב, און היינט צען אזייגער אין דער פרי איז ער אָפּגעפאָרן קיין טערקיי. איר ווייסט דאָך, ער האָט איצט צו טאָן מיט א נייער מאַגיפאָרגיע — מיט א ווילע ביים ברעג פון מאַרמאָרנעם ים.

פּאַביאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער הער גאָלייטער האָט מיר אַנומלט דערציילט מיט אַנטציקונג וועגן דער דאָזיקער נחלה, — האָט ער געזאָגט. — און איר מיינט, אז נאָך די דריי וואָכן וועט ער צוריקקומען?

דער רייטמייסטער מעין האָט זיך צעלאַכט.

— ס'איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז ער וועט צוריקקומען! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט. — ווי קאָן עס דען זיין אַנדערש?

פּאַביאַן איז געווען א צו טאַקטפולער מענטש און א צו פאָרזיכטיקער, ער זאָל פאַר יענעם אויסדריקן זיינע ספקות. ער האָט זיך געזעגנט מיט מעינען און אוועקגעגאַנגען.

„איר וועט זיך שוין דערוואַרטן אויפן גאָלייטער, נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט ער געטראַכט, אראָפּגייענדיק פּאַמעלעך פון די טרעפּ און צושמייכלענדיק איראָניש. — רומף פילט, אז ס'דערנענטערט זיך דער גיהנום! ער פילט עס, פּונקט ווי איך פיל עס און ווייס עס. נאָר א שוטה קאָן נאָך היינט בלינד זיין. נישט צום פאַרהאַלטן, ווי א ים, וועלן די רוסישע ארמייען א פלייץ טאָן דורך אוק=

ראַינע און פּוילן; און די אַליִאַנטישע אַרמייען װעלן װי אַ שרעקלעכע כװאַליע אַ גאַס טאָן זיך צו די גרענעצן פֿון דײַטשלאַנד — פֿון פֿראַנקרײַך, איטאַליע, פֿון באַלקאַן. ס'איז שוין דער סוף, דער סוף! דער גיהנום האָט זיך צעפּלאַקערט! גיין, רומף װעט שוין צוריק נישט קומען!"

ער האָט אָנגעהויבן האַסטיקער גיין, כּדי צו מאַכן נאָך עטלעכע אײַנקױפּונגען, װאָס ס'איז נייטיק מיטצונעמען אויפֿן פֿראָנט. שנייעלער זענען שיטער געפֿאַלן פֿון הימל, די מאַטע זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער די װאָלקנס.

XI

אינאָװנט איז פֿאַביאַן געפֿאָרן קיין יאַקאָבסביל, געזעגענען זיך מיט װאָלפֿגאַנגען.

אויף די פֿעלדער איז געלעגן אַ טונקעלער שניי, די פֿרישע לופֿט איז שוין אָבער פֿול געװען מיטן אָטעם פֿון אָנקומענדיקן פֿרילינג.

פֿאַר װאָלפֿגאַנגס הויז האָט אויף דער גאַס געװאַרט אַן אויטאָ. אפֿשר האָט ער געסט? פֿון דרויסן זענען עפּעס קענטיק געװען געװיסע ענדערונגען. דער אַלטער הילצערנער פּלויט איז אָפּגעפּרישט געװאָרן, ביי דער גאָרטן=פֿורטקע האָט זיך געפֿונען אַן עלעקטריש גלעקל; אַ צװייט גלעקל, װאָס האָט זייער שאַרף געקלונגען, איז געװען אינסטאַלירט ביי דער הױזטיר, װעלכע איז העל באַלויכטן געװען פֿון אַן עלעקטריש לעמפּל.

אָבער די זעלבע צעקראָכמטע רעטאַ, מיטן פּנים פֿון אַ מכשפֿה, האָט די טיר געעפֿנט, און איר שטימע האָט געקלונגען הויך און גרייליציק, װי שטענדיק.

— אַך, דער הער פֿראַנק, און דערצו אין מיליטערישן אוניפֿאָרם! — האָט זי אַ דערפֿרייטע אויסגעשריגן. — איר זענט שוין לאַנג ביי אונדז נישט געװען.

זי האָט אים געװאָלט העלפֿן אויסטאָן דעם מאַנטל, ער האָט זי אָבער אָפּגעהאַלטן.

— כ'װאָלט געװאָלט רעדן מיט מיין ברודער אַ פּאָר װערטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטער שטימע, — זאָגט אים, כ'בעט אייך, רעטאַ, אַז כ'װעל אים שטערן נאָר עטלעכע מינוט.

פֿאַרװוּנדערט פֿון דער פֿרעמדקייט, װאָס האָט געקלונגען אין זיין קול, האָט רעטאַ אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף זיין אויסגעמאָגערט, גרוי פּנים, און פֿאַרבעטן אים אין אַטעליע.

פֿאַביאַן איז געבליבן שטיין אונטער דער לאָמפּ אינמיטן אַרבעטס=צימער, נאָכדענקענדיק. דער צימער איז װי שטענדיק אָנגעזאַפּט געװען מיטן ריח פֿון לײַם

און ציגאַרן־רויך. דאָס איז געווען דער ריח פֿון אַרבעט, וואָס פֿאַביאַן האָט אַזוי געקענט, און היינט, ווען ער האָט אים אין זיך איינגעאָטעמט דאָס לעצטע מאָל, האָט עס אים טיף גערירט.

גלייך האָט זיך אים געוואָרפֿן אין די אויגן די פֿיגור „דער, וואָס צערייסט די קייטן“, וועלכע האָט זיך דייטלעך אויסגעטיילט ביי דער וואַנט מיט איר נאַטירלעכער גרייס. אויפֿן וואַרשטאַט איז געשטאַנען אַ בוקעט מאַיגלעקלעך נעבן אַ גרופּע פֿון דריי גאָגאָטשענדיקע געניז, אויסגעמאָדעלירטע פֿון רויטן וואַקס; די מאָדעליר־העלצלעך זענען נאָך געלעגן דערנעבן. אויף אַ דריי־טאַבורעטקע איז געשטאַנען אַ ביוסט פֿון אַ פֿולברוסטיקער פֿרוי, איינגעהילט אין פֿייכטע שמאַטעס. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס פֿאַביאַן האָט באַוויזן אויפֿצוכאַפּן מיטן ערשטן בליק. ער האָט נאָך באַמערקט, אַז די פּאָדלאָגע איז באַדעקט מיט אַ נייעם טעפּיך, אָנשטאָט דעם אַלטן, אויסגעראָטענעם, אין וועלכן מ'האָט זיך לייכט געקאָנט פֿאַרטשעפּען מיט די פֿיס. פֿונעם שכנותדיקן צימער האָט זיך דערטראָגן אַ פֿריילעך געריעדעריי.

אין דעם מאָמענט איז שוין וואָלפֿגאַנג אַרויסגעקומען פֿון עסצימער. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ברודער, אָבער מיטאַמאָל זיך צוריקגעהאַלטן, פֿאַרחידושט פֿון זיין אויסזען. דער מיליטערישער מונדיר האָט אים אינגאַנצן אומגעביטן. ער האָט אויסגעזען העכער און אַ סך עלטער. זיין מאָגער, גרוי פּנים האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון פֿעסטער אַנטשלאָסנקייט, וואָס וואָלפֿגאַנג האָט אין אים קיינמאָל נישט באַמערקט. ס'איז געווען אַ פּנים פֿון אַ מענטש, וואָס איז איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן פֿון אינערלעכע גייסטיקע געראַנגלען און שווערע איבערלעבונגען. פֿאַביאַן איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן מיט אים זיך צו באַגריסן.

— דו האָסט געוואָלט מיט מיר רעדן, פֿראַנק? — האָט וואָלפֿגאַנג אָנגעהויבן מיט אַ נאָכגיביקן טאָן.

פֿאַביאַן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ער האָט נאָר פּאַמעלעך אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס און געבליבן ווייטער אין זעלבן צושטאַנד.

— איך בין דיר זייער דאַנקבאַר, וואָלפֿגאַנג, וואָס איך קאָן מיט דיר רעדן עטלעכע ווערטער, — האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט אַ שטיל קול, וואָס האָט אים אַליין אויסגעזען צו זיין פֿרעמד. — איך וויל דיך נישט לאַנג אויפֿהאַלטן, בלויז איין מינוט. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן ברודער מיט געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמקייט, ווי ער וואָלט אַריינגעטראַכט זיך אין די שטריכן פֿון זיין פּנים.

וואָלפגאַנגס האָר זענען גרויער געוואָרן, ביי די שלייפן זענען זיי געווען אײַנגאַנצן ווייס. ער האָט אויך אויסגעזען מאָגערער, ווי אַלע מענטשן אין די לאַנגע מלחמה־יאָרן. ער האָט געטראָגן אַ טונקעלן אָנצוג, און פאַביאַנען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זײַן אָפּגעהיטקייט אין דער הלבשה.

— קאָנסט האָך אויף אַ ווײַלע זיך אוועקזעצן? — האָט וואָלפגאַנג געפרעגט און אויפסניי אַ בליק געטאָן אויף פאַביאַנס גרוי, אײַנגעשלאָסן פּנים, וואָס האָט נישט קיין צוק געטאָן.

פאַביאַן האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ניין, כ'דאַנק דיר, — האָט ער געזאָגט מיט צוריקגעהאַלטנקייט, — כ'וואָלט אויך נישט געוואָלט דיר לאַנג שטערן. בעת דײַן לעצטן באַזוך האָסטו מיר געמאַכט שטאַרקע פאָרווורפן. איך בין הײַנט געקומען דיר זאָגן, אַז דײַנע פאָרווורפן זענען געווען פולשטענדיק באַרעכטיקטע!

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

— פאַרגעס נישט, אַז איך בין דעמאָלט געווען זייער אויפגערעגט, — האָט אים וואָלפגאַנג איבערגעריסן, דערמאָנענדיק זיך מיט אַ געפיל פון בושה זײַן שאַרפן געשפּרעך מיטן ברודער ביי אים אין ביוראָ.

— כ'בעט דיך, זאָלסט מיר נישט איבעררייסן, — האָט פאַביאַן פונסניי אָנגעהויבן, — דו האָסט דעמאָלט געזאָגט, אַז מיר, די נאַצי־פּאַרטייער, זענען עגאָיסטן און טראַכטן נאָר וועגן אייגענעם גוטן, באַקוועמען לעבן. ווי אמת איז דאָס געווען! כ'וויל דיר הײַנט אָפן מודה זײַן, אַז אויך איך האָב אין דער אמתן מער פון אַלץ ליב געהאַט מײַן גוט, באַקוועם לעבן, אַ פרײַ פון זאָרגן. דאָס איז מיר טײַערער געווען פון עם קאַמף פאַרן אמת און גערעכטיקייט! איך אָנערקען, אַז דערמיט האָב איך אויף זיך גענומען אַ שווערע שולד, וואָלפגאַנג!

— אפשר זאָלן מיר דאָס אַלץ לאָזן צורו? — האָט וואָלפגאַנג אָנגעהויבן, וועלנדיק ענדערן דעם געשפּרעך.

— ניין! — האָט אים פאַביאַן שטרענג איבערגעריסן. — דערלויב מיר נאָך איין מינוט. דו האָסט דעמאָלט געזאָגט, אַז מיר ווילן נישט הערן דעם אמת, אַז מיר פאַרלייקענען דעם אמת מיט אַלערליי דרייערלעך. ווי דאָס איז ריכטיק געווען! מיר האָבן ווירקלעך נישט געוואָלט הערן דעם אמת און אָפּגעשלאָסן זיך פון אים, הגם מיר האָבן פון לאַנג געוווסט, אַז דאָס איז דער אמת! דו האָסט געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט גענוג ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דעם ווילקיר פון אונדזערע פירער, און דערפאַר זענען זיי געוואָרן וואָסאַמאָל ווילקירלעכער און געווייסנלאָזער. אָ, ווי אמת דאָס איז געווען! אונדזער שווערסטע שולד איז דאָס געווען, האָסטו געזאָגט! — וואָלפגאַנג האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס ענטפערן,

אָבער פֿאַביאַן האָט געמאַכט אַ טראָט פֿאָרויס און אַ זאָג געטאָן מיט אַ הויכער שטים, אויפֿהייבנדיק פֿון אויפֿרעגונג די הענט:

— ס'איז באמת געווען אונדזער שוועסטע, אונדזער סאַמע שוועסטע שולד, וואָלפֿגאַנג!

ער איז געוואָרן זייער בלאַס און שווער געאָטעמט. לסוף האָט ער פֿאַרענדיקט מיט אַ רואיקער, אַ ביסל הייזעריקלעכער שטימע, ווי פֿריער:

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, וואָלפֿגאַנג! כ'בין צו דיר געקומען, איידער איך פֿאַרלאָז די שטאָט.

וואָלפֿגאַנג איז געווען גערירט. די פֿאַרענטפֿערונג מיטן ברודער, וואָס ער האָט לאַנג דערוואַרט, איז געקומען. זי האָט אויפֿגעטרייסלט זיין גאַנץ וועזן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און דערלאַנגט אים די האַנט.

— לאָמיר איצטער מער נישט רעדן פֿון די אַלטע זאַכן, פֿראַנק! — האָט ער פֿריילעך אַ זאָג געטאָן, באַמיענדיק זיך צו פֿאַרהאַלטן ווי אַמאָל. — ווילסט פֿאַרלאָזן די שטאָט, זאָגסטו? צו וואָס זשע איז דער מוגדיר?

— איך פֿאָר אויפֿן פֿראָנט! — האָט פֿאַביאַן אָפּגעענטפֿערט און פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

דאָס ערשטע מאָל האָט אַ קוים קענטיקער שמייכל פֿון דערלייכטערונג באַוויזן זיך אויף זיין אָנגעצויגענעם, שטייפֿן פּנים.

וואָלפֿגאַנג האָט געוואָלט תּופֿס זיין דעם זין פֿון דעם שמייכל און אַ רגע געשוויגן.

— דו קלייבסט זיך אויפֿן פֿראָנט? — האָט ער געפֿרעגט מיט פֿאַרחידושונג. — צו וואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, ווילסטו נאָך איצט פֿאָרן אויפֿן פֿראָנט? איצט ווילסטו אונדז פֿאַרלאָזן? איצט, ווען נאָך די לאַנגע יאָרן פֿינצטערניש גייט דייטשלאַנד ענדלעך צו פֿרייהייט און צו אַ בעסערער צוקונפֿט?...

פֿאַביאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גאָרנישט געענטפֿערט.

וואָלפֿגאַנג איז צו אים צוגעגאַנגען און אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסלען, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— באַטראַכט זיך נאָכאַמאָל, דו הערסט? צי מיינסטו טאַקע אויף אַן אמת, אַז פֿון דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס איר האָט געבראַכט אויף דער וועלט, קאָן מען זיך אויסקויפֿן מיט אַ ראָמאַנטישן זשעסט?

פֿאַביאַן האָט אַ ציטער געטאָן און שאַרף אַ קוק געטאָן אויף וואָלפֿגאַנגען.

— דאָס הייסט ביי דיר אַ ראָמאַנטישער זשעסט? — האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם און שטיל, און ער האָט פֿאַרקנעפּלט זיין מאַנטל. — אין אַ שעה אַרום גייט אָפּ מיין צוג. כ'בין נאָר געקומען נאָך איין מאָל מיט דיר זיך צו זען, וואָלפֿגאַנג.

ער האָט אויסגעשטרעקט צום ברודער די האַנט און מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך זייער צו איילן.

— זיי געזונט! — האָט ער געזאָגט, האַלטנדיק פעסט וואָלפגאַנגס האַנט און אַריינקוקנדיק אים טיף אין די אויגן, — מיר וועלן זיך מסתמא שוין מער נישט זען אויף דער וועלט.

וואָלפגאַנג איז צעטומלט געוואָרן פון ברודערס משונהדיק פאַרהאַלטן זיך, און ער האָט זיך צעלאַכט פון פאַרלעגנהייט.

— לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט אַזוי נישט זיין! — האָט ער אויסגערופן, באַגלייטנדיק דעם ברודער צו דער טיר, כ'ווייס, אַז איך וועל היינט נישט זיין בכוח דיך צוריקצוהאַלטן, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ נישט זיכערער שטימע, — אָבער, הער! צי וואָלסטו נישט געוואָלט זיך אויך געזעגענען מיט קריסטען?

פאַביאַן איז געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט פאַרכישופט געוואָרן.

— קריסטע? — האָט ער געפרעגט, ווי אין חלום. — איז דען קריסטע ביי דיר?

אַ ווײַלע שפעטער איז שוין קריסטע געשטאַנען אין אַטעליע. וואָלפגאַנג האָט זיי געלאָזן אַליין.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז פאַביאַן צוגעגאַנגען צו קריסטען, און זיינע האַרטע שטריכן זענען מילדער געוואָרן. יאָ, דאָס איז קריסטע! דאָס זעלבע פשוטע, קלאָרע פנים, די זעלבע זאַנפטע, ברוינע אויגן. ער האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט און עס האָבן אַ צוק געטאָן זיינע אויסגעדאַרטע באַקן.

— איך בין זייער דאַנקבאַר דעם צופאַל, וואָס כ'קאָן אייך נאָך איין מאָל זען, קריסטע! — האָט ער געזאָגט זייער שטיל. — איך דאַנק אייך פאַר אַלץ!

קריסטע האָט אין פאַרלעגנהייט אים אָנגעקוקט, נישט געפונענדיק קיין ווערטער, וואָס אים צו זאָגן, אַזוי פאַרענדערט האָט איר אויסגעזען זיין גרוי פנים.

— קערט זיך אום צוריק צו אונדז געזונטערהייט! — האָט זי ענדלעך געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן.

פאַביאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפ. ער איז צו איר צוגעגאַנגען נענטער.

— איך ווינטש אייך, איר זאָלט זיין באמת גליקלעך! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער שטימע און נאָכאַמאָל געדריקט איר האַנט. — און איצט, זייט געזונט, קריסטע! מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען. — און ער איז שנעל אוועק צו דער טיר.

XII

פאַביאַן איז זייער איילִיק צוגעגאַנגען צו זיין אויטאָ. ס'האָט אין אים געצימערט עפּעס ווי א פרייד, ער וואָלט דאָס אפשר אויך געקאָנט אָנרופן גליק. מיט וואָלפגאַנגען האָט ער זיך איבערגעבעטן, און איבערגעלעבט אזא וווּנדער — נאָכאמאָל געזען זיך מיט קריסטע.

אָבער וואָס נענטער ער איז צוגעפאָרן צו דער שטאָט, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. אַן אומבאַקאַנטער טרויער איז אָנגעוואַקסן אין זיין האַרץ. ער האָט זיך אויף אייביק אָפּגעזעגנט מיט די איינציקע מענטשן, וועלכע ער האָט באמת ליב געהאַט, און ער וועט זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען.

ס'האָט אים דורכגענומען א ווייטיק. די ביידע לעבן אין א וועלט פאַר זיך, וואָס איז פאַר אים אויף שטענדיק געווען אָפּגעשלאָסן, און וועלכער ער האָט געקאָנט אַריינבאַקומען זיך נאָר בגנבה. זיין טרויער האָט אים דערדריקט.

ער האָט געהייסן דעם שאָפער אָפּשטעלן זיך און איז אַרויס פון אויטאָ איינגאַנצן א צעקלעמטער. אין דעם צושטאַנד האָט ער נישט געקאָנט לענגער בלייבן אין אויטאָ אויף קיין איין מינוט.

אַרום און אַרום זענען געשטאַנען קאַלך=ווייסע חורבות און אָנגעהויפטע, פאַרשנייטע בערג פון גרוז. צווישן די געשפּענסטיקע פראַגמענטן האָט העל געלויכטן א שפּליטער פון דער לבנה. ווייט און ברייט אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש, מ'האָט נישט געהערט קיין מענטשלעכע שטימע.

דער צופאַל האָט אים אויפגעפירט אינעם פאַרשנייטן ענגן דורכגאַנג פון דער חרובער קאַפּוצינער גאַס. „זע נאָר, די קאַפּוצינער גאַס! — האָט ער מיט שרעק א טראַכט געטאָן. — דו אַליין האָסט דאָך געהייסן זיי אַראָפּטראָגן און הונדערטער מענטשן געלאָזט אָן א דאַך איבערן קאָפּ. פאַרוואָס? צוליב וואָס פאַרא צוועק? וואָס פאַרא שגעון האָט דיך באַהערשט? וואָס פאַר א זינלאָזער, אומבאַגרייפלעכער שגעון? און די גאַרטן=שטאָט עשלאַהע, ווו די קאַפּוצינער האָבן זיך געזאָלט באַזעצן, דערמאָנסט זיך? שגעון, שגעון, שגעון! צי האָט דען וואָלפגאַנג נישט איינמאָל גערעדט וועגן פאַטיאָמקינישע דערפער? חורבות און חורבות, בלויז חורבות האָבן זיי איבערגעלאָזן אויף זייער וועג“. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט א פאַרלאַנג צעלאַכן זיך פון פאַרביטערונג, ער האָט אָבער מורא באַקומען פאַר דער אייזיקער שטילקייט אַרום און אַרום, און ער איז איילִיק אַוועק צו זיין „אויפבוי=צענטראַלע“, ווו ער האָט לעצטנס געוווינט. דאָרט ערגעץ אויף לינקס, ווו ס'האָט געשיינט א ראַנד פון דער לבנה, האָט זיך געפונען א פאַר=

שנייטער באַרג גרוז פון הונדערטער טויזנטער ציגל, וועלכע האָבן דערהרגעט זיין קליינעם ראָבי. האַרי איז אַריינגעפאַלן אין געפּאַנגענשאַפט ביי סטאַ־ לינגראַד. אויב ער לעבט נאָך, געפינט ער זיך ערגעץ דאָרטן אין דער וועלט. און אפשר וואַלגערט ער זיך אַרום ערגעץ, בלוי פון קעלט, און בעטלט אַ שטיקל ברויט פאַר אַ קרעכצעניש, און די היגע רייסן ביי אים אַראָפּ די שמאַטעס פון זיין לייב? ווי שטרענג באַשטראָפסטו אונדז, הער גאָט!

פלוצים האָט זיך פאַביאַן איבערגעשראָקן און איז פון אימה געבליבן שטיין. מענטשן? צוויי איינפּיסיקע שיכורים, אויף קוליעס, געוועזענע סאָלדאַטן פון דער רומרייכער אַרמיי, האָבן זיך געשלעפּט איבער דער גאַס. מיט גרויס טומל האָבן זיי זיך געפּרוווט אַרויפצוקריכן אויפן באַרג גרוז און האָבן זיך ביידע אַראָפּגע־ קאַטשעט צוריק אין דער נידער, שעלטנדיק מיט טויטע קללות.

— צו אַלדי טייוול, צו אַלדי טייוול! — האָט איינער געברילט, אויפהייבנ־ דיק זיך מיט גרויס מי. — צו אַלדי טייוול, זאָג איך! — און ער האָט לאַכנדיק זיך ווידער אַ וואַליע געטאָן אויף דער ערד.

„האַרי? אפשר שלעפּט ער זיך אויך איצטער אַרום אויף קופּעס גרוז, אַזאַ נעבעכדיקער, און ס'איז אַ רחמנות אויף אים אַ קוק צו טאָן?“ — אַ באַגאַסטע־ נער מיט שווייס, איז פאַביאַן, ווי אַ פאַרשטיינערטער, געבליבן שטיין צווישן די אייזיקע חורבות.

נאָכן אַרומקריכן אָן אַ סוף, איז ער ענדלעך, אַ טויט־מידער און דערשלאָגע־ נער, געקומען אַהיים. אין זיין צימער איז געווען קאַלט, און ער האָט זיך אײַנגע־ געוועצט אין מאַנטל מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער אויף זיין קליינער סאָפע אין ב'הראָ. זיין פּנים איז נאָך אַלץ באַדעקט געווען מיט שווייס, און ס'האָט אויסגע־ זען, ווי דער שווייס וואָלט צוגעפרוירן געוואָרן צום שטערן. ער האָט מיטאַמאָל זיך דערזען אין אַ שפּיגל און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים. עס איז געווען בלאַס ווי קרייד, איינגאַנצן גרוי, נישט אָנגענעם פאַר זיך אַליין.

אַזוי איז ער געבליבן זיצן אין זיין מאַנטל, פאַררויכערט אַ רעשטל פון אַ ציגאַר, וואָס ער האָט געפונען אין אַן אַש־שאָל, און שטאַר געקוקט פאַר זיך מיט אַן אומזיניקן בליק, ווי עפּעס אַ געשפּענסט. וואָס איז אים מער געבליבן אחוץ טרויער, פּיין, חרפּה און בושה, און אַן עקל? דער גורל האָט אים אומגעבראַכט און צעמאָלן. פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערן אַ לייכטער קרעכץ. זיין צונג איז שוין לאַנג אויסגעפּאָרן, און טראָגט זיך אויף מזרח, אַלץ ווייטער און ווייטער אויף מזרח.

און ער איז נישט געפאָרן. ס'האָט דאָך טאַקע שוין קיין שום זין נישט מער! צוואָס? צוואָס?

ווי געליקלעך עס איז געשען, וואָס וואָלפגאַנג האָט אַ זאָג געטאָן דאָס אומשיידנדיקע וואָרט — „ראָמאַנטישער זשעסט". ער האָט אפשר דערביי גאָרנישט אַזוי ערנסט געמיינט. אָן דעם דאָזיקן וואָרט — ער קאָן זיך גוט — וואָלט ער ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין שקר. ווער ווייסט?

„צי מיינסטו טאַקע אויף אַן אמת, אַז פון דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס איר האָט געבראַכט אויף דער וועלט, קאָן מען זיך אויסקויפן מיט אַ ראָמאַנטישן זשעסט?".

„האָט ער עס דען אַזוי נישט געזאָגט?"

„ווי אַ פייער ברענען אין מיין נשמה דיינע ווערטער, וואָלפגאַנג, ווייל איך האָב דיך ליב. דו האָסט אַריינגעקוקט אין דער טיף פון מיין האַרצן.

לאָמיר אָפּן אַ שמועס טאָן, הערסט? ווי שרעקלעך עס איז צו פאַרזונקען הערן אין ליגן, איך קאָן עס מער נישט איבערטראָגן, איך וויל נישט מער אָפּנאַרן זיך אַליין.

דו קענסט מיין האַרץ, וואָלפגאַנג. יאָ, איך האָב ליב צו פּאַראַדירן אין מונדיר פון אַ קאַפּיטאַן מיט אַ סך אָרדנס אויף דער ברוסט. דו ביסט גערעכט, איך האָב דאָס ליב, אָנפירן מיט אַ באַטעריע און אויסשרייען די באַפעלן. איך האָב ליב די לופט, וואָס איז אָנגעפילט מיטן גרויל פון טויזנטפאַכיקן טויט, ווי אומזיניק עס זאָל נישט קלינגען. קאָנסטו דאָס באַגרייפן? מיינסטו, אַז ס'איז נישט קיין הערלעכער מאָמענט, ווען דער קאָמאַנדיר שפיליעט צו צו דיין ברוסט אַן אָרדן פאַר די אויגן פונעם גאַנצן פולק? איך האָב צו דעם אַלעם געהאַט אַ שוואַכקייט. דו קאָנסט מיך פאַרמשפטן, אָבער מיר איז געווען טייער דער געדאַנק פון אַ גרויס דייטשלאַנד, כ'האָב ליב געהאַט די דאָזיקע פאַטאַ מאָרגאַנאַ*, זיי אויף מיר נישט בייז.

דו רופסט דאָס אָן „ראָמאַנטישער זשעסט"? יאָ, דו ביסט גערעכט, ווי דו ביסט אַלעמאָל געווען גערעכט. איצטער, ווען איך האָב אַלץ פאַרלוירן, וואָס איך האָב אין לעבן פאַרמאָגט, ווען דער גורל האָט מיך אומגעבראַכט ביזן גרונט, איצט פאַרשטיי איך דיך.

איך בין נישט אָוועקגעפאָרן מיטן צוג. דו זעסט, איך בין נאָך דאָ. איך וועל שוין נישט פאָרן. ניין, ס'האָט שוין נישט מער קיין זין. און ווייסטו פאַרוואָס? איך וויל נישט מער קיין ליגן! נישט קיין ליגן, נישט קיין בלוט!

* מיראַזש.

„דו האָסט אַליין געזאָגט פון אויסקויפן זיך, וואָלפגאַנג, פון אויסקויפן די זינד? יאָ, לאָמיר אָנהייבן רעדן פון אויסקויפן די זינד, וואָלפגאַנג“...

אכט אזייגער אין דער פרי, ווען די פרוי, וועלכע פלעגט פאביאנען צוגרייטן פרישטיק, האָט אויפגעשלאָסן דאָס הויז, האָט זי זיך דערשראָקן פון א טויבן שאָס, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון ביורא.

פאַביאַן איז געזעסן אויפן עק סאָפע, דעם מאַנטל אויפגעקנעפלט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אהינטער. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פלוצלונג אנטשלאָפן געוואָרן פון שטארקער איבערמידונג. דער רעוואָלווער, וואָס איז ארויסגעפאלן פון זיין וואקסענער האנט, איז געלעגן לעבן אים אויף דער סאָפע.

אינהאַלט:

	זייט
דריטער טייל	5
פערטער טייל	105
פינפטער טייל	183
זעקסטער טייל	255